STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00656

# DER OYFSHTAND IN VARSHEVER GETO

Bernard Mark

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Irving S. Inkeles*
*in memory of*
*Elix Inkeles*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ב. מאַרק

# דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

ב. מארק

# דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ

נייע דערגענצטע אויפלאגע
און דאָקומענטן-זאמלונג

פארלאג: יידיש בוך ווארשע

1963

B. MARK

# POWSTANIE W GETCIE WARSZAWSKIM

Nowe uzupełnione wydanie i zbiór dokumentów

הילע פראָיעקטירט — ר. כוואָלעס
Okładkę projektował: RAFAŁ CHWOLES

טעכנישער רעדאַקטאָר — ש. ליכטענשטיין
Redaktor techniczny: SZ. LICHTENSZTEJN

©
Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH" Warszawa, Nowogrodzka 5

Ark. druk. 25, ark. wyd. 18. Papier druk. sat. III kl., 61×86, 80 g
Nr zam. 4175. Nakład 4000 egz. Druk ukończono w marcu 1963 r.
Druk RSW „PRASA", Warszawa, ul. Tarczyńska 8. L-46

# הקדמה

דער גרעסטער און העלדישסטער אַקט פונעם יידישן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן דעם היטלעריסטישן אָקופאַנט און פעלקער-מערדער — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — הערט נישט אויף צוצוציען די אויפמערקזאמקייט נישט בלויז פון די יידן, נאָר אויך פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. זעלטן ווען עס איז געווען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אזא אויסערגעוויינטלעכער קאמף — אויסערגעוויינטלעך אין זיינע אומשטענדן און באדינגונגען, אין זיין איבערמענטשלעכער גבורה און טראגישן סוף. דער ביישפּיללאָזער קאמף פון די וואַרשעווער געטאָ-העלדן איז געבליבן א פייער-זייל פאר אלע פרייהייט-ליבנדיקע מענטשן, און מערקווירדיק: וואָס מער מיר דערווייטערן זיך פון דעם 19-טן אַפּריל 1943, אלץ סוגעסטיווער ווערן די געשטאַלטן פון די יידישע אויפשטענדלער און אַלץ טיפער קריצט זיך איין אין די הערצער פון די לעבן-געבליבענע דער יראת הכבוד און דער ביישפּיל פון די העלדן, וואָס האָבן געקעמפט צווישן פאלנדיקע ווענט; אלץ שטארקער וואקסט די גאַרונג צו וויסן, ווער עס זענען געווען די דאָזיקע העלדן, ווי האָט אויסגעזען און וואָס פאר א כאראקטער עס האָט געטראָגן זייער קאמף.

דערפון נעמט זיך די נויטווענדיקייט צו פאָרשן אָן איבעררייס און אַלץ ברייטער די געשיכטע פון דעם דאָזיקן אויפשטאנד. און היות מיט דער צייט עפענען זיך פארן פאָרשער אלץ מער קוועלן פון דאָקומענטן און מאַטעריאלן, און עס ווערט אלץ מער באררייכערט דער אוצר פון ידיעות וועגן דעם יידישן אויפשטאַנד,

ווערן די פאָרשער געשטעלט פאר פרישע אויפגאַבעס צו באנייען, דערגענצן און אויסברייטערן זייערע פריערדיקע ווערק, אָדער אויסצובעסערן געוויסע פרטים, וואָס באקומען א דאנק די נייע קוועלן א ניי געשטאַלט.

דאָס לעצטע ווערק אויף דער דאָזיקער טעמע איז ארויס אין יאָר 1959, אין פויליש *). אין משך פון די לעצטע דריי־פיר יאָר האָט זיך די פאָרשונג פון דעם געטאָ אויפשטאנד גערוקט פאָרויס. עס זענען געפונען געוואָרן נייע דאָקומענטן — יידישע, פוילישע און דייטשישע. א גאנצע ריי עדי־ראיה וועלכע האָבן פריער געשוויגן, האָבן איבערגעגעבן אָדער פארעפנטלעכט זייערע זכרונות פון יענע גרויליקע און העראָישע טעג. עס האָט זיך פארגרעסערט די היסטאָרישע פערספעקטיוו און אדאנק דעם איז מען ביכולת, צוואנציק יאָר נאָך דעם גרויסן געשעעניש, ברייטער ווי פריער אויפצופאַסן די דאָזיקע וויכטיקע טעמע.

אדאנק די אַלע נייקייטן איז אנטשטאנען די דאָזיקע אַרבעט. דער מחבר באמיט זיך אין איר נישט איבערצוחזרן א ריי פּראָבלעמען, וועלכע זענען שוין געקומען צום אויסדרוק אין זיין דערמאָנטן ווערק פון 1959. אין דער איצטיקער אַרבעט ווערט געלייגט דער עיקר־אַקצענט אויפן אויפשטאַנד גופא. די קייט פון די געשעענישן, וואָס האָבן דערפירט צום אויפשטאַנד, ווערט גענומען אין אכט נאָר אויף אזוי פיל, אויף וויפל דאָס איז נייטיק פארן פארשטיין די רעאליזירונג פון דעם ווידערשטאַנד־טרוים. בפרט גייט דעם מחבר אין דערווייזן און אקצענטירן די לאַנגדויערדיקייט פון די קאמפן אויפן שטח פונעם אויסגעברענטן געטאָ. וואָרעם דער געטאָ־אויפשטאנד האָט זיך נישט פארענדיקט מיט א קאפיטולאציע־אַקט אָדער מיט אן איינ-

*) B. Mark: Walka i zagłada warszawskiego getta, Warszawa MON 1959.

מאָליקער באַשטימטער מפּלה־שלאַכט, נאָר האָט זיך איינגעלאָשן בהדרגה ,און די ספּאָראַדישע צוזאַמענ־שטויסן מיט דער דייטשישער פּאָליציי און ס.ס. האָבן געדויערט א סך לענגער, ווי דאָס שטעלן פעסט יידישע דאָקומענטן פון איין זייט און דער ראַפּאָרט פונעם פּאָליציי־ און ס.ס.־פירער פון ווארשעווער דיסטריקט יורגען סטראָאָפּ — פון דער צווייטער (מאי 1943). אַנ־דערע דייטשישע דאָקומענטן שטעלן פעסט, אז די קאמפן צווישן די געטאָ־חורבות זענען פאָרגעקומען נאָך אין יולי 1943, און א פּוילישער מקור אינפאָר־מירט וועגן דעם, אז די לעצטע רעשטלעך פון די יידי־שע באוואָפנטע גרופּן האָבן זיך געפונען אין די געטאָ־ראַיאָנען אינעם יאָר 1944!

באוואָפנט מיט נייע דאָקומענטן און מאטעריאַלן, וואָס זייער רשימה גיבן מיר אָן ביים סוף פון דער דאָ־זיקער ארבעט, טרעטן מיר צו צו פאנאנדערוויקלען די נייע מגילה פון דעם העלדישן און טראגישן קאמף, וואָס איז אריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען: דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ.

לייענענדיק די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועט דער לעזער זיך איבערצייגן, אז דער אויפשטאנד איז נישט אויסגעבראָכן פּלוצלינג, נאָר ער איז געווען א רעזול־טאַט פון א לאנגער פּסיכישער און ממשותדיקער צו־גרייטונג. און נישט בלויז דער אויפשטאַנד גופא, אָט דער דאָזיקער העכסטער און שטארקסטער אַקט פון דעם פאַרווירקלעכטן ווידערשטאַנד־טרוים, נאָר אויך דער טרוים אליין האָט אויפגעשפּראָצט נישט אויף א קרקע בתולה, נאָר אויף א באָדן, וואָס איז במשך לאנ־גע דורות געווען באפרוכפּערט דורך עקשנותדיקן ווילן פון די יידישע מאסן זיך קעגנצושטעלן די אָנ־גריפן אויף זייער ביאָלאָגישער, נאציאָנאַלער און עקאָ־נאָמישער עקזיסטענץ. דער דאָזיקער באָדן דאָס איז — די יידישע געזעלשאפט, די יידישע באפעלקערונג אין פּוילן און אין מזרח־אייראָפּע בכלל, אין וועלכער עס

האָבן זיך תמיד דורכגעשניטן צוויי ליניעס: איינע — פון זעלבשוץ, ווידערשטאַנד און קאמף, און א צווייטע — פון צופּאסונג און דעזערציע; איינע — פון איינשליסן זיך אין די באפרייערישע באוועגונגען פון דער מענטשהייט, א צווייטע — פון מורא פארן פּריץ און איזאָלירן זיך אין א גייסטיקן געטאָ; איינע — פון ווירדיקן קאמף פאר נאציאָנאַלן רענעסאנס, פאר נאציאָנאַלע רעכט, פון א פרייַ יידיש פאָלק צווישן פרייע פעלקער, א צווייטע — פון אוגאָדע מיט דער הערשנדיקער רעאקציע, הכנעה פארן אונטערדריקער און אַנטלויפן פון אייגענעם פאָלק. אין די באדינגונגען פון געטאָ האָט דאָס באטייט: די ליניע פון ווידערשטאַנד קעגן דער ליניע פון יודענראַט.

די געזעלשאפטלעכע כחות, וואָס האָבן שפּעטער געשאפן די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע, האָבן דערצויגן זייערע אָנהענגער אין גייסט פון די פראָלעטארישע זעלבשוצן קעגן די פּאָגראָמען אין די צייטן פון צאַריזם, אין גייסט פון די גרויסע פּאָליטישע שלאַכטן קעגן פאשיזם און אנטיסעמיטיזם פון דעם צווישנמלחמות־פעריאָד, אין גייסט פון הירש לעקערט, פנחס דאשעווסקי, ברוך שולמאַן, שלום שווארצבאַרד, נפתלי באָטווין, אין גייסט פון די מכבייער און פון אלע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען, פון די גרויסע קעמפער און טרוימער סיי אין דער יידישער געשיכטע, סיי פון דער מענטשהייט. עס איז געווען זייער צו באקענען מיט דער אונטערערדישער געטאָ־פּרעסע, כדי זיך אין דעם איבערצוציינגן.

די פּיאָניערן פון דעם אַקטיוון יידישן ווידערשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ — און אויך אין אנדערע — האָבן געהאלטן זייער אָנשטרענג און קאמף פאר א טייל פון אלגעמיינעם געראנגל קעגן היטלעריזם און פאשיזם פאר א בעסערער צוקונפט פון דער וועלט. די אונטערערדישע געטאָ־פּרעסע איז פול מיט אינפאָרמאציעס און ארטיקלען וועגן דער באפרייונגס־מלחמה

קעגן היטלער־דייטשלאנד, וואָס עס פירט די אנטיהיט־לעריסטישע קאָאַליציע. די דאָזיקע פרעסע ברענגט אויך כסדר ברייטע ידיעות וועגן דער ווידערשטאנד־באוועגונג קעגן די דייטשישע אָקופּאנטן סיי אין פּוילן, סיי אין אלע אנדערע לענדער פון דער ליידנדיקער, צעבלוטיקטער אייראָפּע.

אָבער קודם כל האָבן די פּיאָניערן און פירער פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באוועגונג דערציילט אָפן און דרייסט די געטאָ־אסירים וועגן די יסורים פון יידישן פאָלק אונטערן נאצישן חלף, באטאָנענדיק דערביי, אז נישט יאוש דארף זיין דער אויספיר, נאָר אליארם־גרייטקייט און קרבנות־פולער קאמף קעגן שונא. די אלע טראדיציעס און פאקטאָרן האָבן געארבעט אין דער ריכטונג, אז אין סאמע שאָטן פון טויט איז דער ווידערשטאַנד־טרויס געוואָרן א יש און האָט זיך פארוואנדלט אין מעשים — אין דעם העלדישן אויפשטאַנד, וואָס האָט אויפגעטרייסלט אלע יידן און אלע מענטשן פון גוטן ווילן.

ב. מ.

## ערשטער טייל

# דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

קאַפּיטל איינס

# ערב דעם אויפשטאַנד

## די לאַגע אין געטאָ תחילת 1943

איינער פון די סאמע טראַגישע מאָמענטן אין דעם אויפ־שטאַנד פונעם וואַרשעווער געטאָ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ווען עס איז אין אַפּריל 1943 געקומען צום אומגלייכן קאַמף, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין אָקופּירטן פּוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט שוין נישט עקזיסטירט ווי אַ מאַסן־דערשיינונג. אין משך פון 21 חדשים, פון אָקטאָבער 1940 ביז יולי 1942, זענען פון הונגער, מגיפות, איבער־מענטשלעכער צוואַנגס־אַרבעט אין לאַגערן און פון מאַסן־עקזעקוציעס אומגעקומען קרוב 100 טויזנט יידן פון וואַר־שעווער געטאָ. און אין משך פון קנאַפּע צוויי חדשים, פונעם 22־טן יולי ביזן מיטן סעפּטעמבער 1942, זענען דורך די דייטשן און זייערע באַהעלפער אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע אָדער אומגעבראַכט אויפן אָרט איבער 300 טויזנט וואַרשעווער יידן. בעת דער דאָזיקער גירוש־אַקציע איז קיין מאַסן־ווידערשטאַנד נישט געווען, אַ חוץ איינצלנע פּרוון פון אַנטידייטשישן סאַבאָטאַזש און אינדיווידועלן ווי־דערשטאַנד און אַ חוץ דעם שאָס אויפן קאָמענדאַט פון דער פאַרעטערישער געטאָ־פּאָליציי יוזעף שערינסקי (שענק־מאַן), וועלכן עס האָט אָפּגעגעבן דער קעמפער ישראל קאַ־נאַל, מיטן ווימן און לויט דער איניציאַטיוו פון דער יידי־שער אונטערערד.

דעם צוויי־יעריקן טרוים וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד איז די געטאָ־קעמפער באַשערט געווען צו פאַרווירקלעכן ערשט דעמלט, ווען עס איז פון דער אַמאָליקער יידישער וואַרשע געבליבן לערך אַ צענט־חלק, ווען מען איז געבליבן

שטיין פּנים אל פּנים מיטן אַנאָנימען מאַסן־קבר פון איי־גענעם פאָלק.

תחילת 1943 האָט שוין דאָס ווארשעווער געטאָ ווי א גאַנצקייט נישט עקזיסטירט. דער שטח פון געטאָ איז דורכן אָקופּאַנט צעשניטן געוואָרן אין דריי טיילן: צוויי טיילן זענען דורכן אָקופּאַנט קוואַליפיצירט געוואָרן ווי פּראָדוקטיווע. דאָס זענען געווען: דער געביט פון די „שאָפּן" אויף דער גראַד־זייט פון לעשנאָ און אין די גאַסן נאָוואָלי־פּיע, נאָוואָליפּקי, קאַרמעליצקע, סמאָטשע, ווו עס האָבן זיך געפונען די ווארשטאַטן פון דייטשישע אונטערנעמער מיט זייערע יידישע שקלאַפן־ארבעטער; און די בלאָקן פון דער גרויסער בערשטער־פאַבריק מיט אַלע אירע ביי־ווארשטאַטן, וואָס האָבן צוזאַמען פאַרנומען דעם שטח שווענטאָיערסקע, וואַלאָווע און טייל פראַנציסקאַנער. דעם דריטן טייל האָט מען גערופן: צענטראַלע געטאָ. אין אָט דעם שטח זענען אַריינגעגאַנגען די גאַסן נאַלעווקעס, גענשע, דזשיקע (זאַמענהאָף), מילע, וואָלינסקע, שטשענשליווע, אָסטראָווסקע, ניסקע, סטאַווקע, טייל מוראַנאָווסקע און אַנדערע, ווו עס זענען געווען עטלעכע פאַבריקן און די אַמטן פונעם יודענ־ראַט און אַנדערע. און צווישן די אַלע דריי אָפּגעטיילטע חלקים האָבן זיך געצויגן א.ג. ווילדע שטחים, ווו מען האָט נישט געטאָרט וווינען, אָבער דאָך האָבן זיך גרויסע צאָלן יידן אויפגעהאַלטן אומלעגאַל. די דאָזיקע שטחים, און אויך א טייל אַנדערע, „לעגאַלע" גאַסן, האָבן אויסגעזען שוידער־לעך, אַזוי ווי נאָך א פּערמאַנענטן פּאָגראָם: אויפן ברוק האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע מעבל, צעטראַסקעטע שויבן, צעפליקטע בעטגעוואַנט, צעריסענע מלבושים און שמאַטעס, די לופט איז געווען פול מיט פעדערן. שטיבער זענען געשטאַנען אויסגעליידיקט און פאַריתומט. וואָרעם די דייטשן האָבן אין יאַנואַר 1943 געפּרווט דורכפירן א נייעם גירוש. עטלעכע טויזנט יידן האָבן זיי טאַקע אַרויסגעפירט און זייערע דירות חרוב געמאַכט.

אין דעם צעשניטענעם געטאָ, און אויך אין דעם א.ג. קליינעם געטאָ אויף פּראָסטע־גאַס, האָבן זיך ערב דעם

אויפשטאַנד געפונען עפּעס מער ווי 35 טויזנט לעגאַלע ייִדן *). אָבער אין די „ווילדע" שטחים און אין די שאָפּן האָט זיך געפונען כמעט נאָכאַמאָל אַזוי פיל „אומלעגאַלע" ייִדן. דאָס זענען געווען ייִדן אָן ארבעטס־צייגעניש, „נישט־פּראָדוקטיווע", פּליטים, אָדער אנטלאָפענע פון די צוגן, וואָס זענען געגאַנגען קיין טרעבלינקע, און פון דעם טויט־לאַגער גופא. זיי זענען געווען פארמשפּט אויף גירוש, אָבער זיי האָבן זיך אויסבאהאלטן, פירנדיק א לעבן פון א געפּלאָגטער חיה.

די געטאָ־אסירים, סיי די „לעגאַלע", סיי די אומלעגאלע האָבן ערב דעם אויפשטאַנד פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אומגליקלעכע, פאריתומטע און עלנטע מענטשן־מאסע. דאָס זענען געווען נישט בלויז שרידים פון א פארשניטן פאָלק, נאָר אויך אָפּגעריסענע, פאריתומטע אברים פון טראַגיש צעשניטענע משפּחות, דאָס זענען געווען סרוב עלטערן אָן קינדער און קינדער אָן עלטערן, — מענער אָן פרויען, וועלכע מען האָט פארשיקט צום אומשלאַג־פּלאַץ, און עלנטע פרויען אָן מענער, וואָס זענען אומגעקומען. דאָס זענען געווען מענטשן, ארויסגעוואָרפענע אויפן הפקר פון דעם גרויזאמען גורל, אייביקע אבלים, וועלכע האָבן זיך בדרך כלל אָפּגעגעבן א דין וחשבון, אז עס וועט זיי סוף כל סוף נישט אויסמיידן דער גירוש און דער גאז־קאַמער־טויט.

די מערהייט פון דער דאָזיקער שארית הפליטה איז שוין אצינד געווען דעצידירט נישט צו גיין ווידערשטאַנדלאָז צום טראנספּאָרט. מען האָט פיבערדיק געגרייט בונקערס, מען האָט גענומען גרייטן געווער, מען האָט זיך גענומען צוהערן מיט אן אלץ גרעסערער אויפמערקזאמקייט און צוטרוי צו דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע, וועלכע האָט גערופן צו ווידערשטאנד און קאמף.

*) אין מערץ 1943 האָבן זיך אין גאַנץ ווארשע געפונען 974 טויזנט נפשות, בתוכם 915 טויזנט פּאָלאַקן, 17 טויזנט דייטשן און 35 טויזנט (לעגאלע) יידן.

# דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק

נישט געקוקט אויף די טראגישע אומשטענדן איז דער אויפשטאַנד פון װאַרשעװער געטאָ נישט געװען קיין אקט פון פארצװייפלונג. דער באװאָפנטער קאמף פון די לעצטע טיילן פון די געטאָ־אסירים איז געװען א פועל יוצא פון א לאנגן פּראָצעס, א רעאַליזירונג פון א טרוים נישט בלויז װעגן זעלבשוץ, נאָר װעגן איינשליסן זיך אין די קעמפנדיקע רייען פון דער גאַנצער װידערשטאַנד־באַװעגונג אין לאנד און אין דער װעלט. עס זאָגט װעגן דעם עדות דער אינהאלט פון דער אונטערערדישער פּרעסע פון װאַרשעװער געטאָ פון די יאָרן 1940—1942. עס זאָגט װעגן דעם עדות די טעטי־קייט פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און בפרט דער אויפקום פון אנטיפאַשיסטישן בלאָק אין מערץ 1942, װאָס איז געװען א ספּעציפישע פאָרם פון א פאָלקס־פראָנט אין דער אונטערערד פונעם געטאָ. דער גרעסטער טייל פון דער אומלעגאַלער פּרעסע און דער אָרגאַן פונעם אנטיפאַשיס־טישן בלאָק „דער רוף“ האָבן געװעקט די יידישע באַפעלקע־רונג צום װידערשטאַנד.

שוין דער נאָמען פון דער ערשטער געמיינזאַמער אָר־גאַניזאַציע: אַנטיפאַשיסטישער בלאָק — דער־װייזט, אז די פּיאָניערן פונעם אַקטיװן װידערשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ האָבן באַטראַכט זייער קעגנװאַרטיקן און קינפטיקן קאמף נישט בלויז װי א זעלבשוץ, נאָר אויך װי א װידערשטאַנד קעגן פאַשיזם. דער אנטיפאַשיסטישער בלאָק האָט פאַרמאָגט א בפירושן פּראָגראַם פון קאמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג. דער בלאָק האָט באַטראַכט דעם קאמף, צו װעלכן ער האָט גערופן, װי דעם בייטראָג פון יידישן פאָלק אין דעם אַלגעמיינעם אַנטיהיט־לעריסטישן געראַנגל פון דער פרייהייט־ליבנדיקער מענטש־הייט.

צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק האָבן געהערט די אָרגאַני־זאַציעס פון פּ.פּ.ר. (פּוילישע ארבעטער־פּאַרטיי), השומר הצעיר, לינקע און רעכטע פּועלי ציון און החלוץ.

מיטן אנטיפאשיסטישן בלאָק זענען פארבונדן די נעמען פון זײַנע הויפּט=טוער יוסף לעוואַרטאָווסקי, פּיניע קאַרטין („אנדזשעי שמידט“), שמואל מערעמיק, יוסף קאַפּלאַן, שכנא סאַגאַן, מרדכי טענענבוים („טאַמאַראָף“), וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים אין פארשידענע אומשטענדן אין די חדשים מאַי און אויגוסט — סעפּטעמבער 1942.

פון צווישן די מיליטערישע אינסטרוקטאָרן, וואָס האָבן אינעם פּעריאָד פון אַנטיפאשיסטישן בלאָק און שפּעטער געפירט די קאַמפּס=שולונג, איז כדאַי אויסצורעכענען קודם כל דעם געוו. קאַפּיטאַן פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין שפּאַניע פּיניע קאַרטין (אַנדזשיי שמידט), וועלכער איז אָנגעקומען ווי א פּאַראַשוטיסט פון מאָסקווע אין יאַנואַר 1942, מרדכי אַניעלעוויטש, וואָס איז נאָך אין דער גימנאַזיע „לאַור“, ווי ער האָט זיך געלערנט פאַר דער מלחמה, געווען א אינסטרוקטאָר פון מיליטערישער צוגרייטונג און איז געשטאַנען בראש פון א זעלבשוץ קעגן פּוילישע פאשיסטיש=אנטיסעמיטישע פּאָגראָמשטשיקעס, גרשון אלעף („באָלעק“), הערש לענט, וויקטאָר מאַרגאָליס, יצחק צוקערמאַן און אַנדערע.

עס איז אויך נייטיק צו דערמאָנען די גרופּע העלדישע מיידלעך פון פארשיידענע אָרגאַניזאַציעס — היהקע גראָסמאַן, זאָשע זאַטאָרסקאַ, ניוטע טייטעלבוים, די שוועסטער כאַנע און פרומע פּלאָטניצקאַ, פייגל פּעלטעל=מענדזיזשעצקאַ, די פּוילישע סקויטינג=טוערין אירענאַ אדאַמאָוויטש און אַנדערע, וואָס האָבן ווי פארבינדלערינס אויסגעפירט פאַרשיידענע געפערלעכע שליחותן אויף דער „אַרישער“ זייט און אין פאַרשיידענע געטאָס אויף דער פּראָווינץ. אירענאַ אַדאַמאָוויטש האָט לויטן אויפטראָג פון דער יידישער אונטערערד באַזוכט די געטאָס אין ביאַליסטאָק, ווילנע, קאָוונע און שאַוול, געבראַכט אַהין דאָס וואָרט פון דערמוטיקונג און ווידערשטאַנד און נאָכן צוריקקומען אָפּגעגעבן א באַריכט פאַר דער יידישער אונטערערד אין וואַרשעווער געטאָ.

## די יידישע קאַמפּ־אָרגאַניזאַציע

צווישן דער צייט פון דער בלי־טעטיקייט פונעם אנטי־פאשיסטישן בלאָק און דעם אויפקום פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע ליגט דער ים פונעם בלוט פון די וואר־שעווער געטאָ־אסירים, די גרויליקע ליקווידאציע פון יולי — סעפטעמבער 1942.

דער געדאנק פון שאפן א קאמפס־אָרגאניזאציע איז אויפגעקומען שוין אין יולי 1942, אין סאמע פלאַקער פון דער ליקווידיר־אקציע. ערשט אין חודש אָקטאָבער איז די זאך געוואָרן א יש, און אין דער נאכט פונעם ערשטן אויפן צווייטן דעצעמבער 1942 איז דורך די פאָרשטייער פון די פארשיידענע אָרגאניזאציעס און גרופּן אָנגענומען געוואָרן דער סטאַטוט פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע, וועל־כע האָט זיך געשטעלט פאר א ציל: א. „אָרגאניזירן די פאר־טיידיקונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע קעגן דער פארטיליקונג־אקציע מצד דעם אָקופּאנט — ב. שוץ פון די יידישע געטאָ־מאסן קעגן די משרתים פונעם אָקופּאנט (ארייננפיר צום סטאטוט).

בראש פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע איז גע־שטאַנען דער 24־יעריקער טוער פון „השומר הצעיר" מרדכי אניעלעוויטש אלס הויפּט־קאָמאנדיר און די שטאב־מיטגלי־דער: הערש בערלינסקי (לינקע פועלי ציון), מארעק עדעל־מאן (בונד) יצחק צוקערמאן (החלוץ) און מיכאל (מעכל) רויזנפעלד (פּוילישע ארבעטער־פּארטיי).

די טעטיקייט פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע — פון דעם מאָמענט פון איר אנטשטיין ביזן אויסברוך פונעם אויפשטאנד — איז געווען זייער א פארצווייגטע און אָנגעשפּיצט אין דער ריכטונג פון אומפארמיידלעכן באַ־וואָפנטן צוזאמענשטוים מיטן אָקופּאנט.

די דאָזיקע טעטיקייט קאָן מען אויפפאסן אין זעקס פונקטן:

1. די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע האָט צווישן די געטאָ־אסירים געשפרייט דעם געדאַנק פון אַקטיוון ווידער־

שטאנד. דער הויפּט־לאָזונג, וואָס האָט ארומגעכאפּט דאָס געטאָ האָט געקלונגען: „מיר וועלן נישט ארויסגעבן קיין איין ייד".

2. די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע האָט מאָביליזירט אַנטשיידענע קעמפער אין אירע רייען און זיי געשולט מי־ליטעריש. דער אָפּקלייב האָט געמוזט זיין א פאָרזיכטיקער און שטרענגער, ווייל איבערן געטאָ האָבן זיך געדרייט פאר־שיידענע שפּיצלעס, געסטאַפּאָ־אַגענטן און פּשוטע מוסרים. עס איז אפילו דערגאנגען דערצו, אז א יידישער אגענט האָט ארויסגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ די צוויי יידישע קעמפער יצחק קאָנסקי און שמעון לעווענטאַל, וועלכע זענען ארוים מיטן ציל איינצוקויפן געווער. טראָץ די שרעקלעכע ענויים האָבן די ארעסטירטע קיינעם נישט אויסגעגעבן און געשטרעקט זייער יונג לעבן. צוליב די אלע סיבות האָט די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק. די אָרגאניזאציע איז געווען א שול פאר כאראקטערן. פּאַ־ראַלעל מיט אָרגאניזירטע קעמפער, מיטגלידער פון שטרענג־פּארקאָנספּירירטע גרופּן, האָט מען געשאַפן אויך אויספּראָ־ביר־גרופּן, וועלכע האָבן דערווייל געקאָנט בלויז קאַנדידירן צו דער קאמפּס־אָרגאניזאציע.

3) די אָנפירונג פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזא־ציע האָט א סך ענערגיע מקריב געווען אויף איינצושאפן געווער. די ערשטע באשיידענע געווער־מתנות האָבן אריינ־געשיקט אין געטאָ אריין די פּוילישע ארבעטער־פּארטיי און איר פאָלקס־גוואַרדיע. דערנאָך האָבן געהאָלפן די טוער פון דער פּוילישער סאָציאליסטישער באוועגונג. אקעגן־זשע דער באַלעבאָס פון די רייכסטע אונטערערדישע אַרסענאַלן, די לאנדס־ארמיי (א.ק.), וואָס איר דיספּאָזיציע־צענטער האָט זיך געפונען אין לאָנדאָן (אין דער דאָרטיקער פּוי־ליש־עמיגראנטישער רעגירונג) האָט לכתחילה געמאכט גרויסע שוועריקייטן. נאָך אין יאנואר 1943 האָט דער הויפּט־קאָמענדאנט פון א.ק. „גראָט" (גענעראל סטעפאן ראָוועצקי) געשריבן אין א געהיימער דעפּעשע קיין לאָנדאָן,

אז די „יידיש־קאָמוניסטישע“ קרייזן פון געטאָ (געמיינט די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע) פאַרלאנגט געווער, אָבער ער, „גראָט“, איז נישט זיכער, צי זיי וועלן קענען פון דעם מאַכן א נוצן, און דעריבער צווייפלט ער, צי מען זאָל געבן. שפּעטער האָט די א.ק. יאָ געגעבן א געוויסע צאָל געווער און אויפרייס־מאטעריאלן. די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע האָט דעריבער געמוזט אליין פּראָדוצירן כלי־זין אין געטאָ און געקויפט ביי דייטשישע און איטאַליענישע מאראָדערן פאר הויכע פּרייזן.

4. דאָס געלט האָט מען געזאמלט צווישן יידן, וועלכע האָבן גערן געגעבן זייער ביישטייער. אָבער דער רוב אויפגעקומענע געטאָ־שפּעקולאנטן און א סך עושרים האָבן זיך געוואָלט ארויסדרייען. די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע איז דעריבער געווען געצוווּנגען צו נעמען מיט כוח, מאַכן „עקסן“, ארעסטירן די מנובלים און צווינגען צו סילוקן. א מוסטער פון די רייכע, וועלכע האָבן גערן געגעבן גרויסע סומעס און מיט אלע כוחות געשטיצט די קעמפער, איז געווען דער באַקאַנטער סוחר און כלל־טוער אברהם געפּנער.

5. אַ ביטערע אויסראָט־מלחמה האָט די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע געפירט קעגן די פאַרעטער, געסטאַפּאָ־אגענטן און מוסרים, אויספירנדיק איבער זיי טויט־אורטיילן. דעם שטארקסטן רושם צווישן די געטאָ־אסירים האָבן געמאכט די אויסגעפירטע טויט־אורטיילן איבערן אַלטן דייטשישן שפּיאָן ד״ר אלפרעד נאָסיג, דעם לייטער פון דער פאַרעטערישער אָרדענונגס־דינסט (געטאָ־פּאָליציי) יאקוב לייקין, דעם פארטרויונגס־מאן פון געסטאַפּאָ ישראל פירסט און א גרופּע אגענטן. שאָסן פון יידישע הענט זענען אויך געפאלן אין דייטשן: ס.ס.־לייט, ווערקשוצן, זשאַנדארן. עס איז דערגאנגען דערצו, אז די דייטשן האָבן מורא געהאט ביחידות אריינצוגיין אין געטאָ.

6. און דער לעצטער טעטיקייט־אָפּצווייג: די קאָנטאקטן מיט דער פּוילישער אונטערערד און מיט די לעצטע

אינדזלעך פון דער יידישער שארית הפליטה אין לאַנד. די יידישע קאמפּס־אָרגאניזאציע איז דורך אירע פֿאָרשטייער אויף דער „אַרישער“ זייט (אריה ווילנער, אין זינט מערץ 1943, יצחק צוקערמאַן) געווען אין שטענדיקן און ברידער־לעכן קאָנטאקט מיט דער פאָלקס־גוואַרדיע (ג.ל.). די קאָנ־טאקטן מיט דער א.ק. זענען אָנגעגאנגען א סך האַמעטנער, און נאָר אדאנק אַזעלכע פּוילישע דעמאָקראַטן, ווי הענריק וואָלינסקי, הענריק קאמינסקי און די גרופּע פון דעם ראַט צו העלפן יידן (אין וועלכן עס זענען אויך טעטיק געווען די צוויי יידישע טוער ד״ר לעאָן פיינער אין נאָמען פון „בונד“ און ד״ר אברהם בערמאַן פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט) איז געלונגען איינצוהאַלטן א געוויסע פאַרבינדונג און קודם כל אויסנוצן דעם וועג צו שיקן געהיימע ראַדיאָ־דעפּעשן און ס.אָ.ס.־אַלאַרמען צו יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, וועלכע האָבן אַריבערגעוואָרפן גרויסע סומעס געלט אויף איינקויפן געווער און אויף ראַטעווען יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער „אַרישער זייט“.

א געוויסע קורצע צייט נאָך איר אַנטשטיין האָט די יידישע קאמפּס־אָרגאַניזאַציע אויסגעהאַלטן דעם ערשטן שלאַכט־עקזאַמען און דערוויזן, אַז זי קאָן העלדיש קעמפן מיט גאָר ווייניק וואָפן אין האַנט און זיך קעגנשטעלן די דייטשן אפילו מיט קאַלט געווער, מיט העק, שטאַנגען און שטיינער פון ברוק. דאָס איז געווען אין די טעג פון 18־טן ביזן 22־טן יאַנואַר 1943, ווען די דייטשן האָבן געוואָלט דורך א נייער פּלוצימדיקער אַקציע אַרויספירן די לעצטע יידן. די יידישע קאמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געשטעלט א ווידער־שטאַנד כמעט מיט הוילע הענט. נאָכן אַרויסשלעפּן א געוויסע צאָל יידן האָט דער שונא געמוזט מיט חרפּה פאַרלאָזן דאָס געטאָ. זיי האָבן מיטגענומען צוריק מיט זיך 20 טויטע און 40 פאַרוואונדעטע. צום ערשטן מאָל האָבן זיי דערזען נישט דעם רוקן, נאָר דאָס פּנים פון קעמפנדיקע יידן. וועגן דעם דאָזיקן ערשטן נצחון פון די געטאָ־אסירים האָט דער יידיש־פּוילישער דיכטער פון געטאָ וולאַדיסלאַוו שלענגעל אָנגע־שריבן זיין באַקאַנט ליד „קאָנטראַטאַק“, און יצחק קאַצענעל־

סאָן ווידמעט דעם דאָזיקן ערשטן ווידערשטאַנד א פראג־מענט אין זיין „ליד וועגן אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק“.

אין קנאפע צוויי חדשים שפעטער, דעם 13־טן מערץ, האָבן די יידישע קעמפער דערשאָסן אין גאס א דייטשישן לופט־וואפע־אָפיציר א רויבער. דער געסטאַפּאָ־ממונה איבער די יידן קארל בראנדט האָט אריינגעפירט ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן דורכגעפירט א שחיטה אויף מילע־גאס. דאָס איז געווען א שבת, און די יידן האָבן דעם דאָזיקן טאָג אָנגערופן: „דער בלוטיקער שבת“. די יידישע קעמפער האָבן צום צווייטן מאָל געשטעלט אן אקטיוון ווידערשטאַנד.

דאָס האָט נאָך מער דערהייבן די חשיבות פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע ביי די געטאָ־אסירים און אויך אין די אויגן פון דער פוילישער אונטערערד. ביים אָקופאנט האָט דאָס ארויסגערופן אן אומרו.

## דער יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד און אַנדערע גרופן

אחוץ דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע זענען אין געטאָ געווען נאָך אנדערע קאמפס־גרופן. די גרעסטע פון זיי איז געווען דער יידישער מיליטערישער פארבאנד.

דער אונטערשייד צווישן דער קאמפס־אָרגאניזאציע און דעם יידישן מיליטערישן פארבאנד איז קודם כל באשטאנען אין דעם, וואָס די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע איז געווען א אנטיפאשיסטישע און איר קערן האָט געשאפן דער לינקער ארבעטער־עלעמענט, בעת דער מיליטערישער פארבאנד האָט זיך באגרענעצט בלויז צום גדאנק פון זעלבשוץ, און זיין הויפט־עלעמענט איז באשטאנען פון בירגערלעכער יוגנט, געוו. קאָמבאטאנטן און מיטגלידער פון ביתר. עס זענען שפעטער צוגעשטאנען צום פארבאנד עטלעכע גרופעס טרעגער און שמוגלער בראש מיט יאָסל (יאנעק) פיקא, „קריוואָנאָס“ און פאוועל רודי (פיניע בעשטימט).

און זאָל געזאָגט ווערן וועגן נאָך איין וויכטיקן אונטערשייד: די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע האָט רעפרעזענ־

פירט כמעט דעם ברייטסטן פעבער פון די געזעלשאפטלעכע כוחות אין דער יידישער סביבה און האָט אזוי ארום געהאט א גרונט צו זיין דער רעפּרעזענטאנט פון דער יידישער געזעלשאפט הן כלפּי פּנים הן כלפּי חוץ. און דאָס האָט פאַרשטאַנען אויך די פּוילישע אונטערערד, ביידע אירע סעקטאָרן. די געזעלשאפטלעכע קאָארדינירקאָמיסיע פון די גרופּירונגען, וואָס זענען אריין אין דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע, איז געווען אָפיציעל אָנערקענט דורך די מאָסגיביקע פאקטאָרן פון דער פּוילישער אונטערערד. און אין די ראַפּאָרטן און באריכטן פון דער לעצטער רעדט זיך בפירוש וועגן דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע ווי וועגן דעם כח, וואָס האָט אָרגאניזירט און אָנגעפירט מיטן אויפשטאנד און רעפּרעזענטירט די יידישע — טראגיש פארקלענערטע — געזעלשאפט אין פּוילן.

אקעגן־זשע דער יידישער מיליטערישער פארבאנד ווערט אין די אָפיציעלע דאָקומענטן פון דער פּוילישער אונטערערד נישט דערמאָנט. קיין פּאָליטישע ראָל האָט דער פארבאנד נישט געשפּילט.

דער יידישער מיליטערישער פארבאנד האָט אדורכגעמאַכט עטלעכע גילגולים. סוף 1939 האָט זיך א גרופּע יידישע געוו. מיליטער־לייט פון דער סעפּטעמבער־קאמפּאניע אָרגאניזירט אין אן אונטערערדישער גרופּע א.א. „שוויט" (קאיאָר) און אָנגעקניפּט א קאָנטאקט מיט א פּוילישער אונטערערדישער מיליטערישער אָרגאניזאציע, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאנען פּולקאָווניק אנדזשעי פּעטריקאָווסקי *) („טארנאווא"), וועלכער האָט באשטימט א ספּעציעלע פּוילישע גרופּע בראש מיטן קאפּיטאן הענריק איוואנסקי צו שטיין אין פארבינדונג און שטיצן די יידישע גרופּע. דערנאָך האָט זיך דער „שוויט" אויסגעברייטערט און א נאָמען געגעבן: יידישער קאמפּס־פארבאנד. אין אָקטאָבער 1942 האָט דער יידישער קאמפּס־פארבאנד פארמאָגט 150 אויסגעשולטע

*) געג. פּעטריקאָווסקי איז פון יידישן אָפּשטאַם, פון דער משפּחה פון נחום סאָקאָלאָוו.

טע מיטגלידער, איינגעטיילטע אין גרופן. די פוילישע גרופע פון קאפּיטאן איוואנסקי האָט צוגעשטעלט א סך געווער און אמוניציע, בעיקר גראנאטן און אויך מאשין־געווער. חוץ דעם האָט מען זיך פארבונדן מיט א אַנפירער פון א פוילישער דע־מאָקראטישער אונטערערדישער אָרגאניזאציע „ארפאנד“ (צעזארי קעטלינג) און באקומען געווער. תחילת 1943 האָט שוין דער קאמפס־פארבאנד געציילט לערך 400 מיטגלידער, האָט דורכגעפירט א ריי אטענטאטן אויף ס.ס.־לייט און יידי־שע געסטאפּאָ־שפּיאָנען און איז ארויסגעטראָטן אין דער עפנטלעכקייט אונטערן נאָמען „די אָפּטיילונג פון נקמה“ ערב דעם אויפשטאנד האָט די אָרגאניזאציע אָנגענומען א נייעם נאָמען: „יידישער מיליטערישער פארבאנד *).

אין שפּיץ זענען געשטאנען צוויי הויפּט־קאָמאנדירן: דוד אפּעלבוים (יאבלאָנסקי“, „קאָוואל“, „מיעטעק“), א געוו. פּאָרוטשניק פון דער פוילישער ארמיי, רעליגיעז גע־שטימט, פון א רייכער משפחה פוטער־סוחרים, און א סטו־דענט פּאוועל פרענקעל. מיטן געזעלשאפטלעכן אַקטיוו פון דעם יידישן מיליטערישן פארבאנד האָבן אָנגעפירט: ד״ר דוד וודאָווינסקי, ד״ר מיכאל סטריקאָווסקי און אדוו. דוד שולמאן.

אין דער צייט ערב דעם אויפשטאנד האָט דער יידי־שער מיליטערישער פארבאנד זיך קונה שם געווען מיט צוויי באדייטנדיקע אקציעס, וועלכע האָבן געווונען די סימפּאטיע פון דער באפעלקערונג.

דעם 16־טן אַפּריל איז פּאָרגעקומען אין א בלאָק, ווו עס האָבן געוווינט יידן ארבעטער פון א שאָפּ, א ליטעראריי־שער אָוונט פון דעם דיכטער ווּלאדיסלאוו שלענגעל, וועל־כער איז באקאנט געווען פון זיינע לידער אויף געטאָ־ און ווידערשטאנד־טעמאטיק. די הכנסה פונעם אָוונט איז געווען באשטימט לטובת די אָרעמסטע יידן אין שייכות מיטן נאָ־ענטן יום־טוב פסח.

---

*) Żydowski Związek Wojskowy.

אינמיטן דעם אָוונט איז אין שטוב אריין אַ גרופּע אויס־געצייכנט באוואָפנטע יידן אין מאַסקעס און איבערגעגעבן אין שלעגנגעלם הענט 10 טויזנט זל. לטובת די פאַרוואָרלאָזטע געטאָ־קינדער. נאָכן מעלדן, אז זיי רעפּרעזענטירן דעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד, איז די גרופּע שנעל אַוועק. דאָס האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם, נישט בלויז מחמת דער גרויסער געלט־סומע, נאָר אויך צוליב דעם עצם־פאַקט, אַז אין געטאָ איז פאַראַן אַ באַוואָפנטע יידישע אָר־גאַניזאַציע, וועלכע וועט שיצן די יידן קעגן די דייטשן.

די צווייטע באַדייטנדיקע אַקציע פונעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד איז געווען דאָס אויסראָטן די אָרגאַניזאַציע פון שפּיאָנאַזש און דיווערסיע א.נ. „זשאַגעוו" (ראשי תיבות פון: „זשידאָווסקאַ גוואַרדיאַ וואָלנאָשטשי" — „יידישע פרייהייט־גוואַרדיע"), וועלכע די געסטאַפּאָ האָט אינסטאַלירט אין געטאָ אַ געוויסע צייט ערב דעם אויפשטאַנד מיטן ציל נאָכצושפּיאָנירן די יידישע אונטערערדישע קעמפער, צוזאַמענשטעלן רשימות פון יידישע קאָמוניסטן, אַריינפירן אַ צעמישונג ביי די יידן און אַרויסרופן אַ פּריציייטיקן אַרויסטריט, כדי די דייטשן זאָלן קענען בלוטיק דערשטיקן די באַוועגונג און אויסהרגענען די געטאָ־אסירים. מיט אָט דער דיווערסאַנטישער גרופּע איז געווען פאַרבונדן דער אַלטער יידישער געסטאַפּאָ־אַגענט אַברהם גאַנצוויך, וועלכער האָט זיך אַצינד ווידער באַוויזן אין געטאָ און בשותּפות מיט אַ געוויסן טונקעלן פאַרשוין „קאַפּיטאַן לעוויצקי" אָדער „קאַפּיטאַן לענצקי" אָרגאַניזירט אַ כלומרשטע „פּוילישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע" מיט ענלעכע דיווערסאַנטישע צילן.

דער יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד האָט ליקווידירט אין משך פון עטלעכע וואָכן אַלע דריי גרופּן פונעם „זשאַגעוו", וואָס האָט געציילט לערך 60 יידישע פאַרעטער: געסטאַפּאָ־אַגענטן און סתם יידן, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן אויף דער „אַרישער" זייט און געצוווּנגען דורך דער געהײמאפּאָ צו אָט דער שענדלעכער טעטיקייט פאַרן פּרייז פון ראַטעווען די אייגענע הויט. 59 פאַרשוינען פונעם „זשאַ־

געוו" זענען אויפֿן סמך פֿון א משפּט פֿאר א געהיימען יידישן געריכט ליקווידירט געוואָרן.

זוכנדיק געוועך צום קויפֿן האָבן די שליחים פֿון דעם מיליטערישן פֿארבאנד דערגרייכט ביזן מזרח-וואָקזאל און פֿון דאנען ביז דעם ווייטן ווארשעווער פֿאָרשטעטל טארגו-וועק, ווו זיי האָבן געשאפֿן א קאָנספּיראטיוון לאָקאל מיט א געווער-ארסענאל.

א צווייטער וועג פֿון ארייגפֿירן געווער האָט געפֿירט דורך א קאנאל צווישן דער „ארישער" גראָד-זייט פֿון קאר-מעליצקע צום בונקער פֿון פֿארבאנד אויף קארמעליצקע 5. פֿון דאנען האָט מען דאָס געווער אריבערגעוואָרפֿן צום שטאַב אויף מוראנאָווסקע 7. דאָ איז אויך געווען א טונעל, וואָס האָט פֿארבונדן דעם שטאב מיט דער „ארישער" זייט. דורך דאנען פֿלעגן ארויסגיין די שליחים איינצוקויפֿן געווער און ארייננגיין די פּוילישע אונטערערדישע קעמפֿער, וואָס פֿלעגן ברענגען גראנאטן, פּיסטאָלעטן, קוילן, דער דאָזיקער טונעל איז געווען 50 מעטער לאנג.

געלט-מיטלען האָט דערגאָבערט דער יידישער מיליטע-רישער פֿארבאנד אויפֿן זעלביקן וועג, וואָס די יידישע קאמפֿס-אָרגאניזאציע — אדאנק פֿרייוויליקע סומעס (צוו.א. אויך פֿון אברהם געפּנער) אָדער דורך „עקסן". שפּייז, דער עיקר סוכארעס, האָבן צוגעשטעלט די בעקער-פֿירמעס פֿון די ברידער בליימאן און פֿון דער משפּחה לאָפּאטאָ.

א באזונדערער אָפּשניט פֿון דער טעטיקייט פֿון מילי-טערישן פֿארבאנד איז געווען דאָס באקעמפֿן די רויבער-באנדעס פֿון פּוילישע אונטערוועלטניקעס, וועלכע פֿלעגן קו-מען „אויף גאסטראָלן" אין געטאָ, רויבן, שלאָגן און פֿאר-גוואלטיקן.

צווישן דער יידישער קאמפֿס-אָרגאניזאציע און דעם יידישן מיליטערישן פֿארבאנד זענען אָנגעגאנגען אונטער-האנדלונגען וועגן פֿאראייניקונג אָדער לכל הפּחות — קאָאָרדי-נירן די קאמפֿס-טעטיקייט. ערב דעם אויפֿשטאנד איז דער-פֿירט געוואָרן צו אזא קאָאָרדינירונג, דהיינו: אין דעם אַל-געמיינעם פּלאַן פֿון דער יידישער קאמפֿס-אָרגאניזאציע בנוי-

גע דער געטאָ=פארטיידיקונג איז אריינגענומען געוואָרן אויך די פּאָזיציע פון יידישן מיליטערישן פארבאנד אין די הייזער=בלאָקן אויפן עק מוראַנאָווסקע און נאַלעווקע. א חוץ דעם האָט דער פארבאנד פארמאָגט באוואָפנטע גרופן אויך אויף אנדערע אָפּשניטן. אין נאָמען פון דעם דאָזיקן הסכם האָט די גרופּע פון דעם מיליטערישן פארבאנד אויפן שאָפּן=געביט געגעבן דער יידישער קאמפּס=אָרגאַניזאציע פון דעם דאָזיקן געביט א קאַסטן מיט גראַנאַטן.

אין לעצטן מאָמענט פארן אויפשטאנד=אויסברוך האָט די פונקציע פון א פארבינדלער צווישן דעם שטאב פון דער יידישער קאמפּס=אָרגאַניזאציע אויף מילע=גאַס און דער אָנפירונג פונעם יידישן מיליטערישן פארבאנד אויסגעפירט דער פּעדאַגאָג אליהו רוטקאָווסקי (פון דער יידישער קאמפּס=אָרגאַניזאציע). מצד דעם מיליטערישן פארבאנד האָט די קאָאָרדינירונג רעאַליזירט פּאַוועל פרענקעל.

אין געטאָ זענען געווען טעטיק אויך אנדערע אָרגאַנירטע גרופּן, למשל, די טרעגער=גרופּע אויף מילע און די שכנותדיקע גאַסן אונטער דער אָנפירונג פון דעם יידישן אָפיציר פון פ.א.ל. (פּוילישע פאָלקס=ארמיי, א געהיימע מיליטערישע פאָרמאציע, נאָענט צו די פּ.פּ.ס.) גאָטליב, וועלכער האָט איינצייטיק איינגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיטן בונד און געשמוגלט געווער אין געטאָ אריין.

## די באַוואָפנטע כוחות פונעם דייטשישן גלית

די דייטשישע זיכערקייט=מאכט האָט געוווּסט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין געטאָ. אין יאַנואַר, פעברואַר און מערץ 1943 האָט זי דערפילט אויף דער אייגענער הויט דעם כוח פון די יידישע קעמפער.

הימלער האָט דעריבער באַשלאָסן וואָס שנעלער א סוף צו מאכן צום וואַרשעווער געטאָ. דעם 16=טן פעברואַר 1943 האָט ער ארויסגעשיקט צום העכערן ס.ס.= און פּאָליציי=פירער פון דער גענעראַל=גובערניע קריגער (אין קראָקע) א באַפעל צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. די דייטשישע אונ=

טערנעמער טעבענס, שולין און אנדערע האָבן גענומען אגי־טירן די יידישע ארבעטער, זיי זאָלן פרייוויליק ארויספאָרן צוזאמען מיט די מאשינען אין די ס.ס.־לאגערן אין טראווניק און פאָניאטאָווא (לובלינער געגנט), ווו „זיי וועלן בש־לום איבערלעבן די מלחמה". דאָס האָט אָנגעטראָפן אויף א קעגנאקציע מצד דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע און אויף א סאבאָטאַזש מצד דעם מערהייט שאָפּן־ארבעטער. צוליב דעם האָט די דייטשישע מאכט באשלאָסן צו דעפּאָר־טירן די יידן מיט כוח. דער טערמין פון דער אקציע איז באשטימט געוואָרן אויפן 19־טן אַפּריל. די היטלער־לייט האָבן זיך געריכט, אז אין משך פון דריי טעג וועלן זיי זיך אַן עצה געבן מיטן גאנצן ענין און קענען אונטערטראָגן דעם „פירער" צו זיין געבוירן־טאָג דעם 20־טן אפריל א מתנה — א „יודענריינע" ווארשע.

וויסנדיק אָבער, אז די יידן קענען שטעלן א ווידער־שטאַנד, האָט הימלער באפוילן, אז דעם ווארשעווער פּאָ־ליציי־ און ס.ס.־פירער פאָן זאמערן זאָל קומען צו הילף א מער אויסגעשולטער פּאָליציי־פירער, און נעמלעך: גענעראל פון וואפן־ס.ס. יורגען סטראָאָפּ, וועלכער האָט פארמאָגט אויך די נייסטע דערפארונגען פון באקעמפן די סאָוויעטישע פארטיזאנישע באוועגונג אין מזרח־אוקראינע.

אגב, האָט הימלער פּערזענלעך באזוכט ווארשע דעם 16־טן אַפּריל און אָפּגעהאלטן א ריי פּארטרוילעכע קאָנפע־רענצן: צוזאמען מיט הימלערן איז דאָ געווען גענעראל שנע־בעל, איינער פון די שפּיצן פון דער געסטאַפּאָ.

די דייטשישע מאַכט האָט ארויסגעשטעלט קעגן דעם געטאָ די פאָלגנדיקע באוואָפנטע כוחות:

איבער 2000 סאָלדאטן און אָפיצירן פון וואפן־ס.ס.

3 אָפּטיילונגען פון ווערמאכט (ארטילעריע און סאַ־פערן). די ארטילעריע האָט באָמבארדירט די הייזער, און די ווערמאכט־סאפּערן האָבן אויפגעריסן דאָס גאנצע געטאָ.

2 באטאליאָנען פון דייטשישער פּאָליציי אין דער צאָל פון 234 סאָלדאטן און אָפיצירן.

פוילישע פּאָליציי (א.ג. גראַנאַטאָווע) אין דער צאָל פון 367 סאָלדאטן און אָפיצירן.

א גרופּע פון 35 מיטגלידער פון זיכערקייט=פּאָליציי.

א באטאליאָן פון די א.ג. אָסקארן (אוקראאינישע און לעטישע פאשיסטן, סאָלדאטן פון די געהילף=פאָרמאציעס פון ס.ס.) אין דער צאָל פון 337 סאָלדאַטן און אָפיצירן.

צוזאמען האָבן די כוחות פונעם שונא געציילט 2842 מאן. חוץ לזה זענען אויף דער צייט מאָביליזירט געוואָרן קיין ווארשע בכלל לכל הפחות נאָך א 7 טויזנט ס.ס., פּאָליציי און זשאַנדאַרן, און אין ווארשעווער געגנט — צוויי מאָל אזוי פיל, צוליב דער מורא, טאָמער ווארפט זיך אריבער דאָס פייער פונעם אויפשטאנד אויף דער „ארישער" זייט.

די כוחות פונעם שונא זענען געווען אויסגעצייכנט באַוואָפנט מיט די סאמע מאָדערנע כלי=זין. זיי האָבן פארמאָגט אויטאָמאטיש געווער און אמוניציע אָן באגרענעצונג, זיי זענען געווען באשיצט דורך טאנקן און פּאנצער=אויטאָס, און אונטערשטיצט דורכן פייער פון הארמאטן און עראָפּלאַנען. זיי האָבן זיך געקאָנט פריי באוועגן און גענאָסן פון סאַניטארער הילף און זענען געווען אויסגעצייכנט באשפּייזט.

אין שפּיץ פון די היטלעריסטישע חיילות זענען געשטאנען אויסגעשולטע און קריגס=דערפארענע אָפיצירן.

מיט די פּאנצער=אָפּטיילונגען פון די ס.ס.=גראנאדירן האָט אָנגעפירט דער אָבערשטורמבאנפירער בעללוויד, מיט די קאוואלעריע=אָפּטיילונגען *) פון וואָפן=ס.ס. — דער הויפּטשטורמפירער פּלענק, מיט די דייטשישע פּאָליציישע כוחות — מאיאָר שטערנהאגעל, מאיאָר אָטטאָ בונדקע, וועלכער איז אין יאָר 1936 געווען פּאָליציי=קאַפּיטאַן אין בערלין, מאיאָר שעפּע, קאפּיטאן אָסקאר ציזענים, קאַפּיטאן עדערער, לייטענאנט דילע, לייטענאנט שטראָבל, ס.ס.=אונטערשטורמפירער קארל שנערצער און אנדערע.

*) דאָס האָט נאָר אזוי געהייסן. קיין פערד=רייטער האָבן די דייטשן אין געטאָ נישט געהאט, אָבער זיי זענען געווען מאָטאָריזירט.

מיטן שטאב האָט אָנגעפירט דער ס.ס.־שטורמבאנפירער יעזואיטער. זיי אלע האָבן הינטער זיך געהאט א „רייכע“ דערפארונג פון פראָנטן און פארטיזאנער־באקעמפונג אין פראנקרייך און ראטנפארבאנד. למשל דער מיטגליד פון דער זיכערקייט־פאָליצייאישער גרופע, ס.ס.־ראָטענפירער יאָזעף בעלעשע איז פריער געווען אויף א ענלעכער פונקציע אין די אָקופירטע סאָוויעטישע געביטן.

מיט די אוקראיניש־לעטישע פאשיסטישע פאָרמאציעס האָבן אָנגעפירט סיי דייטשישע אָפיצירן — ראָלקמאן, אורליך, הוזעלמאן, קלאַסען — סיי לעטישע ס.ס. אָפיצירן: באַיערלסאָן, לאַוטהעללער, גייבלער, פירלעציקים.

מיט דער גאנצער אקציע קעגן דעם געטאָ האָט אָנגעפירט לכתחילה דער ס.ס.־ און פאָליציי־פירער פונעם ווארשעווער דיסטריקט, ס.ס.־בריגאדע־פירער און אָבערשט (פולקאָווניק) פערדינאנד פאָן זאמערן־פראנקענעג, און נאָך אים — דער ספעציעלער שליח פון הימלערן, דער ס.ס. בריגאדע־פירער און גענעראל־מאיאָר פון פאָליציי יורגען סטראָאָפ. עס האָט אים געהאָלפן דער ס.ס. אָבערשטורמבאנפירער ד״ר לודוויג האַן, דער שעף פון דער זיכערקייט־פאָליציי און זיכערקייט־דינסט אין ווארשע, וועלכן עס איז אונטערגעלעגן די געסטאַפּאָ. אין דער גרופע פון לודוויג האַן האָט א באזונדערע ראָל געשפילט דער לייטער פונעם יידן־רעפעראט אין ווארשעווער געסטאַפּאָ, דער ס.ס.־אונטערשטורמפירער קארל־געאָרג בראנדט. א ספעציפישע ראָל אין דער אקציע האָט אויך געשפילט דער לייטער פון דער רויבערישער ס.ס.־ישער אינסטיטוציע „ווערטערפאסונג“, דער ס.ס.־אָבערשטורמפירער פראַנץ קאָנראד, וועלכער איז אונטערגעלעגן דעם ס.ס.־גענעראל־לייטענאנט אָדילאָ גלאָבאָצניק, דעם שעף פון דעם „איינזאַץ ריינהארדט“, ד.ה. פון דער אינסטיטוציע, וואָס האָט אָנגעפירט לכתחילה מיט דער דעפּאָרטאציע פון די יידן און מיט די ס.ס.־לאגערן אין לובלינער געגנט און ביזן סוף מיט דער ליקווידאציע פון יידיש האָב און גוטס. גלאָבאָצניק, וואָס זיין רעזידענץ איז געווען אין לובלין, איז אליין אויך געווען א קורצע צייט

אויפן געטאָ־שלאַכט־פעלד, דערנאָך האָט אים „רעפּרעזענ־טירט“ זיין מיטארבעטער געאָרג מיכאלסען, איינער פון די גרעסטע נאַציִשע בעסטיעס.

דער שטאב פון דער אקציע האָט געגאַסן פון דער הילף און עצות מצד דעם גובערנאטאָר פונעם ווארשעווער דיסט־ריקט ד״ר לודוויג פישער, דעם קאָמענדאנט פונעם ווער־מאַכט־גארניזאָן אין ווארשע גענעראל ראָסום, דעם העכערן ס.ס.־און פּאָליציי־פירער גענעראל פרידריך־ווילהעלם קריי־גער (אין קראָקע) און דער נ.ס.ד.א.פּ. עס האָבן אויך גע־האָלפן אַלע דייטשן, מיליטערישע און ציווילע, אין ווארשע.

הקיצור: קעגן די לעצטע ווארשעווער יידן איז ארויס־געטראָטן די גאנצע פּאראייניקטע מיליטערישע, פּאָליציי־אישע, פּאָליטישע און ווירטשאפטלעכע קראפט פון די דייט־שישע אָקופּאנטן מיט זייערע יוצר משרתים: די אוקרא־אינישע און לעטישע פאשיסטן, די פּוילישע פּאָליציי, די שמאלצאָווניקעס און אנדערע פּוילישע זאָאָלאָגיש־אנטיסע־מיטישע כוחות און בתוכם די אונטערערדישע פאשיסטישע נ.ס.ז. („נאציאָנאלע באוואָפנטע כוחות“), „מיעטש אי פּלוג“ (שווערד און סאָכע), „קאָנפעדעראציע נאַראָדו“ און ענלעכע.

## די כוחות פונעם יידישן אויפשטאַנד

קעגן אָט דער פון קאָפּ ביז פיס באוואָפנטער ארמיי איז ארויסגעטראָטן די קליינצאָליקע, מיליטעריש נישטדערפא־רענע, שלעכט באוואָפנטע, פאַריתומטע און אויסגעהונגערטע מחנה פון די געטאָ־קעמפער.

ביים אויסברוך פונעם אויפשטאנד האָט די יידישע קאמפס־אָרגאניזאציע געציילט לערך 600 אָרגאניזירטע קעמפער. דער יידישער מיליטערישער פארבאנד אין די טרעגער־גרופּן לערך 400.

די צאָל אָנטיילנעמער אינעם אויפשטאנד איז אָבער געווען א סך גרעסער. טויזנטער יידן האָבן זיך סטיכיש פאראייניקט אין בונקער־גרופּן, פּראָפעסיאָנעלע גרופּן, צו־

פעליקע גרופּן, איינגעקויפט געווער און געשטעלט אַן אק־טיוון ווידערשטאַנד. אנדערע טויזנטער האָבן ארויסגעוויזן א פּאַסיוון ווידערשטאַנד, סאַבאָטירנדיק די באַפעלן פון די דייטשן און פון זייערע באַדינער ארויסצוגיין פון די בונ־קערס און זיך שטעלן צום טראַנספּאָרט. געווען אזעלכע ער־טער, וו די דאָזיקע א.ג. ווילדע גרופּן האָבן פאַרמאָגט מער געווער ווי די אָרגאַניזירטע קאַמפּס־גרופּן.

די איניציאַטיוו און די אָנפירונג פונעם אויפשטאַנד איז אָבער געלעגן אין די הענט פון די לעצטע.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט קאָנצענטרירט אירע אָפּטיילונגען אין דריי געביטן: אינעם צענטראַלן גע־טאָ, דער עיקר אין די גאַסן נאַלעווקעס, גענשע, זאַמענהאָף, מילע און די שכנותדיקע. דאָ האָבן זיך געפונען די קאַמפּס־גרופּן פון די פאָלגנדיקע קאָמאַנדירן: ארטשטיין זכריה, ברוידע בערל, בריסקין אהרן („פּאַוועל"), גראָוואַס מרדכי („מערדעק"), גרוזאַלץ לוי, האָכבערג דוד, זילבערבערג הענריק, פאַרבער יוסף, ראָטבלאַט לייב (לוטעק).

די צווייטע קאָנצענטראַציע איז געווען אויפן געביט פון דער בערשטער־פאַבריק (שווינטאָיערסקע — וואָלאָווע און א טייל פון דער אום־זייט פון פראַנציסקאַנער גאַס). דאָ האָבן זיך געפונען די קאַמפּס־גרופּן פון בערלינסקי הערש, בלאָנעס יורעק, גוטמאַן הענאָך, גרינשפּאַן יורעק, פּראַשקער יעקב — אונטער דער אלגעמיינער אָנפירונג פון מאַרעק עדעלמאַן.

און די דריטע קאָנצענטרירונג — אויפן שטח פון די שאָפּן (לעשנאָ, נאָוואָליפּיע, נאָוואָליפּקי, סמאָטשע). דאָ האָבן זיך געפונען די קאַמפּס־גרופּן פון: בלוישטיין יצחק, וואַלד בנימין, ווינאָגראָן יהושע, מאַיעראָוויטש מאיר, נאָ־וואָדוואָרסקי דוד, פייגענבלאַט יעקב („יאַצעק"), קאַווע הערש, ראָזאָווסקי וואָלף, שוואַרצפוס אדם („ביאַלי יאַ־נעק"). די טעטיקייט פון דעם שטח האָט קאָאָרדינירט מיטן שטאַב פון צענטראַלן געטאָ דער קעמפער אליעזר געללער.

ווי עס איז צו זען, האָבן זיך צוויי מיטגלידער פונעם הויפּט־שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (בער־

לינסקי און ערעלמאַן) געפונען אויפן ערשטער־געביט. א דריטער, יצחק צוקערמאַן, איז דעלעגירט געוואָרן אויף דער „ארישער" זייט ווי א פאָרשטייער פון דער אָנפירונג פון דער קאמפּס־אָרגאַניזאַציע צו פארבינדן זיך מיט ביידע סעקטאָרן פון דער פוילישער אונטערערד, כדי ארויסצובאַ־קומען פון זיי די מאקסימאלע הילף. צוקערמאַנס פארבינד־לערין מיט אניעלעוויטשעם שטאב איז געווען די יונגינקע קעמפערין פראַניע בעאַטוס, וועלכע איז אין מאי 1943 באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, נישט קענענדיק צוזען די טראַגישע לאגע פון די געטאָ־קעמפער און די געוואלדיקע שוועריקייטן ביים אָרגאניזירן א ממשותדיקע הילף.

אַזוי ארום איז אינעם שטאב פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאַניזאַציע געבליבן דער הויפּט־קאָמאנדיר מרדכי אניע־לעוויטש מיטן שטאב־מיטגליד מיכאל רויזענפעלד און זיי־ערע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, בתוכם דער געוו. פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער" זייט אריה וויל־נער און דער ערשטער אַטענטאַט־אויספירער ישראל קאַנאַל.

די באוואָפענונג פון די גרופּן פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאַניזאַציע איז באשטאַנען קודם כל פון פּלעשער מיט אויפרייס־פליסיקייט (א.נ. „מאָלאָטאָוו־קאָקטייל"), גראנאטן, באָמבעס, און אויך ביקסן און פיסטאָלעטן. אין לויף פון די קאמפן האָט מען דעראָבערט געווער ביי די דייטשן. אמוני־ציע איז געווען ווייניק. אין עטלעכע ערטער האָט מען זיך באַנוצט מיט מינעס.

דער יידישער מיליטערישער פארבאנד האָט פארמאָגט מער געווער, א סך מער גראנאטן און אויך מאשין־געווער. בלויז איין אָפּטיילונג פונעם מיליטערישן פארבאנד — די גרעסטע (אויף מוראנאָווסקע) — האָט פארמאָגט לערך 300 גראנאטן, 8 אויטאָמאטן, 1 לייכטע און 2 שווערע מאשין־געווער און עטלעכע טויזנט קוילן. א גרויסער טייל פון די קעמפער איז געווען אָנגעטאָן אין דייטשישע מיליטערישע מונדירן, וועלכע מען האָט צוגעגרייט פריער.

די הויפּט־פּאָזיציע פון דעם יידישן מיליטערישן פאַר־באַנד איז געווען אויף מוראנאָווסקע, ווו עס האָבן זיך גע־

גינגען די קאמפּס=גרופּן פון ראָמאן ווײנשטאָק, זלאָטאָגורא, שיע טענענבוים, ליפשיץ און לײב ראָדאל. די אלגעמײנע אָנפירונג פון דעם דאָזיקן אָפּשניט איז געלעגן אין די הענט פון דוד אפּעלבוים, צוזאמען מיט פּאוועל פרענקעל.

אינעם צענטראלן געטאָ האָבן אָפּעריִרט נאָך עטלעכע גרופּן פון דעם ייִדישן מיליטערישן פּארבאנד, וועלכע האָבן געציילט פון 15 ביז 40 מאן און זענען געווען אָנגעפירט דורך די קאָמאנדירן: חיים פעדערבוש( אויף גענשע, פּאוויע און זאמענהאָף), יאָסל פּיקא (אויף מילע), לײזער סטאניעוויטש, שיע וואלף, בינשטאָק (אויף נאלעווקעס און פראנצישקאנער). אויפן בערשטער געביט האָבן זיך געפונען די גרופּן פון חיים לאָפּאַטאָ, אברהם ראָהאַל (לײבס ברודער) און פּיניע בעשטימט (פּאוועל רודי).

אויפן געביט פון די „שאָפּן" האָט זיך די הויפּט=פּאָזיציע פון דעם מיליטערישן פּארבאנד געפונען אינעם בונקער אויף קארמעליצקע 5. בראש פון דער דאָרטיקער גרופּע זענען געשטאנען: נתן שולץ, פּנחס טאוב („ווילק" — אן אייניקל פון מאָדזשיצער רבי) און אדוו. דוד שולמאן.

וואָס שייך די „ווילדע" קעמפער, וועלכע זענען אויפגעשטאנען סטיכיש, אָדער אונטערן איינפלוס פון די אָרגאניזירטע קאמפּס=פאָרמאציעס, זענען פאראן ידיעות וועגן די גרופּן פון משה „באָלשעוויק", שמעון מעלאָן, שמעון קויפמאן און א סך אנדערע, וואָס טרעטן אויף בפרט אין דער לעצטער פאזע פון די שלאכטן.

## סטראַטעגיע פונעם אויפשטאַנד

די אָנפירונג פון דעם אויפשטאנד האָט זיך אָפּגעגעב: א גענויעם דין וחשבון, אז אין א שלאכט, פּנים אל פּנים מיטן שונא איז דער קאמף פארשפילט באלד ביים אָנהייב. דעריבער האָט מען באשלאָסן צו אטאקירן די דײטשן פון די הײזער, וואָס געפינען זיך אויפן שיידוועג פון די געטאָגאסן. אזא לאגע, ווו די אָנגרײפנדיקע ייִדן געפינען זיך אין פארשטעלטע ערטער הינטער פענצטער, אויף בוידעמס, הינ=

טער הויז־וועגט, און די ארייגמארשירנדיקע כוחות פונעם שונא זענען אויף דער גאס, אָפּן פאר די יידישע קוילן, איז געווען באַקוועם פאר די אויפשטענדלער.

איינצייטיק האָט די אָנפירונג צוגעגרייט אונטערערדי־שע בונקערס, ווו מען זאָל זיך באהאלטן און באפעסטיקן אין פאל פון א באָמבארדירונג. עס זענען — ווי שוין געזאָגט — אויך צוגעגרייט געוואָרן טונעלן, כדי צו קאָנען זיך באוועגן פון איין אָרט צום צווייטן און אפשר אויך ארויסבאקומען זיך אויף דער צווייטער זייט געטאָ־מויער.

חוץ דעם האָבן כמעט אלע געטאָ אסירים, די ציווילע באפעלקערונג, געבויט בונקערס, פארגרייט שפּייז, אנט־שלאָסן צו דערגרענצן דעם באוואָפנטן ווידערשטאנד מיט א פאסיוון. טאָג און נאכט האָט זיך דאָס געטאָ געגרייט אויפ־צונעמען דעם שונא מיט אקטיוון און פאסיוון ווידערשטאנד.

„מען האָט זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג — שרייבט דער בעל פּנקס פון געטאָ עמנואל רינגעלבלום — אז דאָס איז א קאמף פון א פליג מיט א העלפאנט, אָבער די נאציאָנאלע ווירדע האָט דיקטירט די יידן צו שטעלן א ווידערשטאנד און זיך נישט לאָזן הפקרדיק פירן צו דער שחיטה".

דעם טראגישן סוף פון דעם אומגלייכן קאמף האָט אויך פאָרויסגעפילט אניעלעוויטש. ער, און באנאנד מיט אים נאָך אנדערע, האָבן געהאָפט, אז אויף די שאָסן אין געטאָ וועט זיך אָפּרופן גאנץ ווארשע, אז דער קאמף וועט זיך אריבער־גיסן אויף דער צווייטער זייט פון די מויערן.

פאר דעם האָט טאקע מורא געהאט דער שונא, און דע־ריבער האָט ער ארייגעשפּאנט אין געטאָ מיט דער גאנצער קראפט.

אניעלעוויטשעס האָפענונג איז, לײדער, נישט מקוים גע־וואָרן.

אלץ איז אין געטאָ געווען פארטאיעט. איבער די גאסן, געסלעך און פלעצער האָט זיך געטראָגן א טויטע שטילקייט, אן אומהיימלעכע שטילקייט פאר א שטורעם.

## קאַפּיטל צוויי

# דער אויסברוך פונעם אויפשטאַנד דעם 19 אַפּריל 1943

### ליל שימורים פון 18־טן אויפן 19־טן

זונטיק, דעם 18 אַפּריל, איז פאָרגעקומען אין דעם שטאַב פון דער פּאָליציי־און ס.ס.־אָנפירונג א קאָנפערענץ, אויף וועלכער מען האָט ארומגערעדט די פּרטים פון דעם אָנגריף אויפן געטאָ, וואָס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אויפצומאָרגנס פארטאָג. דעם זעלביקן זונטיק 2 א.ז. בייטאָג האָבן די ס.ס. און די דייטשישע פּאָליציי באַקומען דעם באַפעל פון אַליאַרם־גרייטקייט. אן ענלעכן באַפעל האָט געקראָגן די פּוילישע (גראַנאַטאָווע) פּאָליציי, וועלכע האָט טאַקע 6 א.ז. נאָכמיטאָג ארומגערינגלט דעם גאַנצן געטאָ־שטח מיט געדיכטע פּאַטראָלן. אין א שעה ארום האָט מען שוין אין געטאָ, און אויך אין דעם שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פון יידישן מיליטערישן פארבאַנד געוווּסט וועגן די צוגרייטונגען פונעם שונא.

אין אָוונט איז אינעם שטאַב־בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 29 פאָרגעקומען אן אינסטרוקטיווע פארזאַמלונג פון די גרופּן־פירער פון צענטראַלן געטאָ, אונטערן פאָרזיץ פון מרדכי אַניעלעוויטש. עס איז פארענדיקט געוואָרן דאָס פאַנאַנדערטיילן געווער. די פלעשער מיט דער אויפרייס־פליסיקייט זענען אייגגעלייגט געוואָרן אין קוישן. יעדע גרופּע האָט חוץ דעם באַקומען גראַנאַטן און אַמוניציע. מען האָט אויך פאַנאַנדערגעטיילט שפּייז און ציאַנקאַלי. פון מויל צו מויל איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אָפּגעשטימטער לאָזונג: „יאַן — וואַרשאַווא“ — דאָס איז

געוועזן הן דער פּאַראָל, הן דער סיגנאַל פון קאַמפּס־גרייט־קייט. די גרופּן־קאָמאַנדירן האָבן פאַרבאָטן די קעמפער צו פאַרלאָזן די פּאָזיציעס. מען האָט מיט מעבל פאַרשטעלט די טויערן פון די הייזער און פאַרבאַריקאַדירט דעם וועג אין גאַס. ביי די פענצטער האָט מען אָנגעלייגט זעק מיט זאַמד און קישנס, וועלכע האָבן געדאַרפט דינען ווי אַן אָנשפּאַר און א שוץ בעת די שיסערייען.

אין די קאַמפּס־גרופּן האָט געהערשט א מוסטערדיקע אָרדענונג, רו און זעלבסטבאַהערשונג

די נאַכט פון 18־טן אויפן 19־טן אַפּריל איז אין געטאָ געוועזן א וואַך־נאַכט.

לויט דער אַלטער, יידישער טראַדיציע איז דאָס געוועזן א ליל שימורים אויך אין אַן אַנדער זין. דאָס איז געוועזן די נאַכט פון ערשטן סדר, פּסח תש"ג און אין געטאָ איז געוועזן מער מענטשן ווי תמיד, ווייל א סך יידן פון דער „אַרישער" זייט האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין געטאָ אַריין, כדי אָפּצו־ריכטן דעם סדר אין א יידישער סביבה.

2 א.ז. ביינאַכט איז די וואַך־קייט אַרום געטאָ פאַר־שטאַרקט געוואָרן דורך דייטשישע פּאָליציי און לעטיש־או־קראַינישע ס.ס.־אישע הילפס־פאָרמאַציעס. יעדע 25 מעטער איז געשטאַנען א וואַך, באַוואָפנט מיט שווערע מאַשין־גע־ווער. גרופּעס לעטישע פאַשיסטן און פּוילישע פּאָליציאַנטן זענען שורותווייז אַריין אין געטאָ, דורכגעגאַנגען די גאַסן און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון אומשלאַג־פּלאַץ. ביי־נאַכט האָט א קאָנטראָל פון די געטאָ־גאַסן דורכגעפירט דער געסטאַפּאָ־גדול בראַנדט אין זיין שוואַרצן אויטאָ, וועלכן די יידן האָבן גוט געקאָנט.

אחוץ די אויסשפּיר־גרופּן פון די יידישע קעמפער איז אויף די גאַסן פון צווישן די יידן נישט געוועזן קיין לעבעדיק נפש.

און די אויפשטענדלער האָבן אַלץ געגרייט, כדי ווי גע־העריק אויפצונעמען דעם שונא. אויף אָנזעעוודיקע ערטער האָבן זיי אויסגעהאָנגען פענער: רויטע, וויס־בלויע און

ווייס־רויטע. אין איין אָרט האָט א געוויסע גרופּע אויסגע־האַנגען א ווייס־בלויע פאָן מיט א רויט פּינפעקיקן שטערן אין דער מיט. אויף די מויערן, וואָס האָבן געגרענעצט מיט דער „ארישער" זייט, למשל אויף שווייגמענטאָיערסקע, איז ארויסגעהויבן געוואָרן א טראנספּארענט מיט א רוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג — צו א סאָלידאריטעט־ארויס־טרעטונג לטובת די יידישע קעמפער.

לויטן פּלאן פון דעם ס.ס.־ און פּאָליציי־שעף פאָן זאַ־מערן האָט אויפן ערשטן פייער געדארפט גיין דאָס צענטראַ־לע געטאָ, וועלכע איז אין דעם לעקסיקאָן פון די נאצישע רוצחים אָנגערופן געוואָרן: רעשט־געטאָ. די געביטן פון די שאָפּן און פון די בערשטער האָבן די דייטשן לעת עתה גע־לאָזט אין זייט; זיי האָבן זיך גערעכנט אז זענענדיק, ווי מען דערשטיקט אין פייער און בלוט דעם ווידערשטאנד פונעם רעשט־געטאָ, וועלן די יידן פון די שאָפּן און פון דער בער־שטער־פאבריק גיין פרייוויליק צום טראנספּאָרט, אָן שווע־ריקייטן.

די שטאבן פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע און פונעם יידישן מיליטערישן־פארבאנד האָבן קאָנצענטרירט זייערע אָנגריף־כוחות אין דריי פּונקטן: 1) אויפן עק פון נאַ־לעווקעס און גענשע, ביים אריינגאנג צו דער הויפּט־ארטע־ריע פון געטאָ, 2) אויף דער קרייצונג פון די גאסן זאמענ־האָף און מילע, און — 3) אויפן ראָג פון מוראנאָווסקע און נאַלעווקעס, אקעגן דעם מוראנאָווער פּלאץ. אזוי ארום איז די ערשטע קאמפּס־ליניע פּלאנירט געוואָרן ווי א דריי־עק, וואָס האָט געדארפט באשיצן די גאסן פון צענטראלן געטאָ. די פארטיידיקונג פון די ערשטע צוויי פּונקטן איז געלעגן אין די הענט פון די גרופּן פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאני־זאציע, פונעם דריטן פּונקט — אין די הענט פון יידישן מי־ליטערישן פארבאנד.

מאָנטיק, דעם 19טן אפּריל, האָט פאָן זאמערן אריינגע־פירט זיינע באוואָפנטע כוחות אין צענטראלן געטאָ ארײַן דורך דעם טויער ביי די נאַלעווקעס. דער דייטשישער קאָ־

מענדאנט האָט פּלאַנירט די פאָלגנדיקע פאנאנדערטיילונג פון זיינע קרעפטן: איין טייל האָט זיך געדאַרפט פאַרהאַלטן אין מיטן די נאַלעווקעס, כדי דאָ אָנהייבן די כאפּעריי= און גירוש=אקציע, א צווייטער טייל האָט געדארפט דורך גענשע אריינשפּאנען אויף זאמענהאָף=גאס, ד.ה. אויף דער צווייטער פאראלעלער ארטעריע פונעם געטאָ, און דערנאָך זיך לאָזן ווייטער. די דייטשן האָבן מורא געהאט פאר זייער לעבן, מורא געהאט פאר די קוילן פון די יידישע קעמפער, און דעריבער האָבן זיי אין די ערשטע קאָלאָניעס געשיקט די אָפּטיילונגען פון די לעטישע פאשיסטן און די רעשטלעך פון דער אָרדענונגס=דינסט (געטאָ=פּאָליציי). די יעניקע יידישע פּאָליציי לייט, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דער אקציע אָדער געפּרוווט אנטלויפן, זענען דערשאָסן געוואָרן אין דעם זאמל=פּונקט פון געסטאַפּאָ אויף זשעלאזנע 103.

ערשט נאָך דעם אוואנגארד פון די לעטן און יידישער פּאָליציי האָבן זיך גערוקט פאָרויס די קאָלאָנעס פון די דייטשן און אוקראאינער. זייער מארש האָט דערמאָנט א מיליטערישן מלחמה=צוג מיט אלע פּיטשעווקעס. פאָרויס זענען געפאָרן מאָטאָציקליסטן, דערנאָך — לאסט=אויטאָס מיט פוסגייער און שווערע מאשין=געווער, און לסוף — אמבולאנסן, א פעלד=קיך, מאשינען מיט פעלד־טעלעפאָנען. די דייטשישע אָנפירונג האָט חוץ דעם אריינגעפירט אין געטאָ 12 פאנצער=אויטאָס.

אויף די הויפּט=גאסן האָבן די דייטשן אוועקגעשטעלט טישלעך און בענק, אויף די טישן — טעלעפאָנען. אלץ האָט אויסגעזען ווי אן ערנסטע מיליטערישע אקציע.

זאמערנס אָפּטיילונגען האָבן אָבער נישט באוויזן זיך שטארק א רוק טאָן פאָרויס, וואָרעם זיי זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין צוויי ערטער: אויף נאלעווקעס עק גענשע און אויף זאמענהאָף עק מילע. זאמערן האָט דאָ געליטן א פולשטענדיקע מפּלה. ווי עס זענען דערנאָך מודה געווען די נאצישע גדולים איז „דער יידישער ווידערשטאנד געווען אומ=

געריכט אַז אויסערגעוויינלעך שטאַרקער און אַ גרויסע אי־בעראַשונג". די דייטשישע כוחות זענען פּשוט אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן פון געטאָ — אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט דער ס.ס.־גענעראַל סטראָאָפּ, וועלכער האָט אין זיין ראַ־פּאָרט פאַר קריגערן און הימלערן אָנגעשריבן די פאָלגנדיקע ווערטער: „ביי אונדזער ערשטן אריינדרינגען אין געטאָ איז די יידן און די פּוילישע באַנדיטן *) געלונגען דורך אַ צוגע־גרייטן אָנפאַל מיט געווער אין האַנט אָפּצושטויסן אונדזערע אָנגרייפנדיקע כוחות צוזאַמען מיט די טאַנקן און פּאַנצער־וואַגנס".

וועגן דעם ערשטן נצחון פון די יידן לייענען מיר אין דעם געהיימען באַריכט, וואָס די פּוילישע אונטערערד האָט אַרויסגעשיקט קיין לאָנדאָן, אָט וואָס:

„די דייטשישע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אריינגעדרונ־גען דעם 19־טן אַפּריל פאַרטאָג אויפן שטח פון געטאָ, זענען „באַגריסט" געוואָרן מיט אַ געוואַלטיקן און ווירקזאַמען פייער מצד די געטאָ־קעמפער. דער ווידערשטאַנד איז גע־ווען אַזאַ שטאַרקער, אַז די דייטשן האָבן געמוזט אריינפירן אין שלאַכט אַלץ נייע אָפּטיילונגען, בתוכם פעלד־אַרטילע־ריע, פייערוואַרפערס און טאַנקן".

און אַצינד אַ יידישער מקור, וואָס שילדערט אַזוי אַרום די מפּלה פון די דייטשן:

„די יידישע קעמפער „באַגריסן" די דייטשן מיט אַ האָגל פון גראַנאַטן, פלעשער, באָמבעס און ביקסן־שאָסן. דאָס איינציקע מאַשין־געווער האָט נישט פאַרפירט. די היט־לעריסטישע באַנדיטן האָבן געמאַכט ויברח" (די זכרונות פונעם גרופּע־קאָמאַנדיר הערש בערלינסקי, געשריבן אין קאָנספּיראַציע אויף דער „אַרישער" זייט).

ווי אַזוי האָבן אויסגעזען די ערשטע שלאַכטן דעם 19־טן אַפּריל 1943?

---

*) דער ענין מיט די „פּוילישע באַנדיטן" וועט ווערן אויפ־געקלערט שפּעטער.

## דער פארלויף פון דער ערשטער שלאַכט אויף עק נאַלעווקעס און גענשע

צוויי קאמפּס־גרופּן אונטער דער אָנפירונג פון זכריה ארטשטיין און לייב ראָטבלאַט האָבן באזעצט די פּאָזיציעס אין די עק־הייזער אויף נאלעווקעס 31 און גענשע 2, אויף נאַ־לעווקעס 25, 27, 33 און 35. אין דעם הויז אקעגנאיבער, אויף ראָג נאַלעווקעס און פראַנציסקאנער. אויף דעם בוי־דעם, וואָס איבער דער פאבריק פונעם דייטש ברויער, האָט זיך באפעסטיקט די קאמפּס־גרופּע פון הענריק זילבערבערג. אזוי ארום האָבן די קעמפער געוואָלט ארייננעמען די אריינ־מארשירנדיקע דייטשן אין א קלעם. די באוואָפענונג פון די יידן איז באשטאנען דער עיקר אין פלעשער מיט אויפרייס־פליסיקייט און גראנאטן, זיי האָבן אויך פארמאָגט עטלעכע פּיסטאָלעטן און ביקסן און איין לייכט מאשין־געווער. די קעמפער זענען געווען פארטאַיערט ביי די פענצטער, באלקאָ־נען און אויף די בוידעמער.

ווען דער דייטשישער צוג איז, מיט א לוסטיק געזאנג אריין אין דעם אָפּשניט, וווּ עס קרייצן זיך די גאסן נאלעווקעס, גענשע און פראנציסקאנער, איז ער פּלוצים באוואָרפן גע־וואָרן מיט אויפרייס־פלעשער, גראנאטן, באָמבעס און קוילן. דאָס ערשטע פייער איז געקומען פונעם הויז נאלעווקעס 33, גלייך האָבן זיך אָפּגערופן אלע אנדערע פּאָזיציעס. דאָס איז געווען פאר די דייטשן אזוי אומגעריכט און האסטיק, אז זיי זענען זיך צעלאָפן אין בהלה, לאָזנדיק ליגן אויפן ברוק זייערע טויטע און פארווונדעטע. ווען זיי האָבן אין א קורצער צייט שפּעטער געוואָלט זיך דערנעענטערן צו די הרוגים און צעמזיקטע, האָבן זיי עס נישט געקאָנט דורכפירן — אזוי שטארק איז געווען דער ווייטערדיקער פייער פון די יידישע פּאָזיציעס. אין גיכן זענען די אויפשטענדלער ארויסגע־שפּרונגען פון זייערע באהעלטענישן און גענומען באשיסן די היטלעריסטן מיט פּיסטאָלעטן־פייער.

דעם פאקט, וואָס דער שונא איז אנטלאָפן ביים ערשטן צוזאמענשטויס, האָט פארשטייט זיך ארויסגערופן א גע־

וואלטיקן ענטוזיאזם ביי די יידן. דאָס לוסטיקע געזאַנג פון די ס.ס.־לייט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א וויי־געשריי פון זייערע פארוואונדעטע. די קעמפערין תמר האָט אויסגערופן: „דאָס מאָל האָבן זיי באצאָלט!"

אינגיכן האָבן די דייטשישע אָפיצירן באהערשט די לאַגע אין זייערע רייען. עס איז אליארמירט געוואָרן זאמערנס שטאב און שנעל איז אָנגעקומען הילף. די ניי־אָנגעקומענע סאָלדאטן האָבן זיך נישט דערוועגט צו גיין אָפן פאָרויס, נאָר געעפנט א כאַאָטיש פייער אין דער ריכטונג פון די הייזער, פון וואנען עס זענען פריער געפאלן די שאָסן. די שלאכט האָט זיך פארקניפט פונדאָסניי. די יידן האָבן נישט בלויז אויך דאָס מאָל אויסגעהאלטן, נאָר פאַרקערט — געצוווּנגען דעם שונא אָפצוטרעטן, שוין צום צווייטן מאָל.

די ערשטע שלאַכט אויף נאַלעווקעס עק גענשע האָט געדויערט צוויי שעה, פון 6 ביז 8 אינדערפרי. געליטן האָט בלויז דער דייטשישער צד. א דאַנק זייערע באַקוועמע פּאָזיציעס האָבן די אויפשטענדלער דאָ נישט פאַרלאָרן קיין איין מענטש.

ווען דער היטלעריסטישער צוג האָט זיך לגמרי צוריקגעצויגן, זענען די אויפשטענדלער ווידער אַראָפּ אין גאַס, זיך געוואָרפן אין די אָרעמס, זיך געווונטשן מזל טוב. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן פון די היטלעריסטישע פּגרים די מונדירן, די העלמען און האָס געווער.

## דאָס „קעסל" אויף זאַמענהאָף עק מילע

נישט קיין ספק שפּעטער איז אויסגעבראָכן די צווייטע שלאַכט, אויף דער פּאַראַלעלער אַרטעריע פון געטאָ, אַ ביסל טיפער אויף צפון — ביי דער קרייצונג פון די גאַסן זאַמענהאָף און מילע.

פון אַלע פיר זייטן האָבן דאָ געלויערט אויפן שונא פיר קאַמפס־גרופּן: פון בעריל ברוידע, אהרן בריסקין, מרדכי

גראָוואס און לוי גרוזאַלץ. לויטן פּלאַן האָט מען אויף דעם אָרט געדאַרפט אַריינכאַפּן דעם שונא אין אַ „קעסל“.

די אויפשטענדלער האָבן דורכגעלאָזט דעם „אַוואַנגאַרד“ פונעם שונא — די יידישע פּאָליציי, און ערשט ווען עס האָבן זיך באַוויזן די שורות פון די דייטשן און אוקראַאינישע פאַשיסטן, זענען זיי צוגעטראָטן צום שטורעם. לויט אַן אָפּגערעדטן סיגנאַל האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפן מבולבלדיקן שונא אַ האָגל פון גראַנאַטן און ביקסן־קוילן. די שאָסן און פלעשער און גראַנאַטן־שליידעריי זענען געווען אויסערגעוויינלעך טרעפלעך. די דייטשן און אוקראַאינער האָבן נישט געשטעלט קיין שום ווידערשטאַנד און גענומען לויפן אין אַלע זייטן, זוכנדיק אַ מקום מקלט אין די טויערן אָדער אָפענע און אויפגעריסענע קראָמען. דעמאָלט האָבן די יידן גענומען באַשיסן אָט די באַהאַלט־ערטער. די געטאָ־גאַס האָט מיטאַמאָל באַקומען אַן אויסטערלישן אויסזען: די היטלעריסטן אַנטלויפן מיט פחדפולע געשרייען פאַר די קעמפנדיקע יידן און זוכן אַ באַהעלטעניש. דאָס אַנטלויפן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ בהלה, דייטשן, אוקראַאינער און לעטן זענען געלאָפן אין גרויס בהלה און זיך איבערגעיאָגט, ווער עס וועט פריער אַריינשפּרינגען אין אַ טויער. די דייטשן האָבן גענומען אַרויסשטופּן די אוקראַאינער פון די טויערן, זוכנדיק אַן אָרט פאַר זיך. אַ פערטל שעה איז אַריבער איידער די אָפיצירן האָבן באַהערשט די סיטואַציע. די ס.ס.־לייט זענען די ערשטע אַרויסגעלאָפן פון די באַהעלטענישן צוריק אין גאַס און גענומען מיט בייטשן טרייבן די אוקראַאינער, זיי זאָלן אַרויס פון די לעכער און זיך נעמען צום געווער. צעקאָכטע און שטאַרק דענערווירטע האָבן די אָפיצירן גענומען ווידער פאָרמירן די צעפלויגענע אָפּטיילונגען.

דאָס גלייכגעוויכט איז שוין אָבער געווען צעבראָכן. דער שונא קאָן זיך נישט געבן קיין עצה, ווייל די יידן עפענען אַ נייַ קאָנצענטרירט פייער.

דעמאָלט האָט דער דייטשישער שטאַב אַריינגעפירט אין געטאָ אַריין טאַנקן. די דערשראָקענע היטלעריסטן רוקן זיך אַצינד פאָרויס הינטער די דאָזיקע בעלי משחית. אָבער ווי

נאָך דער ערשטער טאַנק געפינט זיך אויפן קרייץ=וועג מילע=
זאַמענהאָף, ווערט ער באַשאָטן מיט אויפרייס=פלעשער, וועל=
כע טרעפן אין אים און צינדן אים אָן. אָט וואָס עס שרייבט
וועגן דער אומגעווייגלעכער סצענע דער ראַפּאָרט פון דער
יידישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע: „די רויק און טרעפלעך גע=
שלייִדערטע פלעשער טרעפן אינעם טאַנק. דער פלאַם שפּרייט
זיך אויסערגעוויינלעך שנעל. עס דערהערט זיך דער קנאַל
פונעם אויפרייס. די מאַשין בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך.
די מאַנשאַפט איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. די
ווייטערדיקע צוויי טאַנקן קערן זיך אום צוריק און נאָך זיי
ציִען זיך צוריק אין בהלה אַלע דייטשן, וואָס האָבן זיך היינ=
טער זיי געדעקט. מיר געזעגענען זיי מיט טרעפלעכע שאָסן
און גראַנאַטן".

נאָך אַ קורצן איבעררייס באַווייזט זיך אַ פרישער טאַנק.
די אויפשטענדלער שלייִדערן אין אים אַ באָמבע. און ווידער
ברענט אַ דייטשישער טאַנק אינמיטן דער יידישער גאַס.
איצט דערגייט די התלהבות פון די יידישע קעמפער און
אויך פון די ציווילע יידן, וועלכע קריכן אַרויס פון די באַ=
העלטענישן, צו אַ הויכער מדרגה. עס איז ממש שווער געווען
צו דערקענען די זעלביקע מענטשן. אַז עד ראיה שרייבט:
„פון די נאָך נעכטן נידערגעשלאָגענע און טעראָריזירטע
פנימער האָט איצט געשלאָגן עפּעס אַ מאָדנע פרייד, וועלכע
עס איז שווער אויסצודריקן אין ווערטער. דאָס איז געווען
אַ פרייד אַ באַפרייטע פון כל=ערליי פערזענלעכע שטריכן,
אַן אויסגעפילטע מיט אַ געפיל פון שטאָלץ, אז דאָס געטאָ
קעמפט". אַ צווייטער עד ראיה שילדערט, פאַרקערט, די
מהומה ביי די דייטשן: אָט לויפט אַ דייטשישער סאָלדאַט
ווי אַ משוגענער מיט אַ ברענענדיקן קאַסק אויפן קאָפּ און
מאַכט געוואַלטיקע קולות; און אַ צווייטער שרייט ווי אַ נישט=
באַנומענער: „יודען... וואַפען... יודען.... וואַפען!"

צווישן די פאַרוואונדעטע האָבן זיך אויך געפונען צוויי
אָפיצירן פון דער געטאָ=פּאָליציי: קאַפּיטאַן פליישמאַן און
דער ראַטגעבער פעלס. דער ערשטער איז געווען זייער פאַר=
האַסט אפילו ביי די געטאָ=פּאָליציאַנטן (ער האָט בשעתו

פאַרשיקט 4 יידישע פּאָליציי־לייט קיין אוישוויץ). דער צוויי־טער איז געשטאָרבן פון די וווּנדן.

די ווייסטע מפּלה פון זאַמערנס חיילות אויף זאַמענהאָף־עק מילע שטרייכט אונטער סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט צו זיין שעף: „דער טאַנק און די צוויי פּאַנצער־אויטאָס, וואָס זענען באַנוצט געוואָרן אין דער אַקציע, זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט „מאָלאָטאָוו־קאָקטיילס". דער טאַנק איז אָנגעצונדן געוואָרן צוויי מאָל. דער האָזיקער אָנפאַל האָט גורם געווען דאָס צוריקציען זיך פון די שלאַכט־איינהייטן. די פאַרלוסטן בעת דער ערשטער אַטאַקע: 12 מאַן (6 ס.ס.־מענער און 6 טראַווניק־מענער)" *.

די פאַרלוסטן פון די יידישע קעמפער אין אָט דער שלאַכט זענען געווען אַן אַן ערך קלענער. עס איז געפאַלן איין קעמפער, יחיאל, וועגן וועמען עס האָט געמאָלדן אַניעלע־וויטש אין זיין בריוו פון 23־טן אַפּריל.

די שלאַכט ביי זאַמענהאָף־עק גענשע האָט געדויערט בסך הכל אַ האַלבע שעה.

## „אין געטאָ איז אַלעס פאַרלאָרן"

דער פירער פון דער נאַציישער אַקציע אַבערסט פאָן זאַמערן, איז געווען אינגאַנצן צעמישט. אויף אַזאַ שטאַר־קער רעאַקציע מצד די יידישע „אונטער־מענטשן" האָט זיך אים אפילו נישט געחלומט. נישט וויסנדיק, וואָס ער האָט ווייטער צו טאָן, איז ער אַרום האַלב אַכט אינדערפרי אַ פאַרצווייפלטער אַוועק אין האָטעל „בריסטאָל", וווּ עס איז איינגעשטאַנען הימלערס שליח גענעראַל סטראָאָפּ, וועל־כער איז אַ טאָג פריער געקומען צופאָרן, כדי צו קאָנטראָלירן דעם פאַרלויף פון דער געטאָ־ליקווידאַציע. סטראָאָפּ האָט נאָך געמאַכט זיין טואַלעט, ווי זאַמערן איז אַריינגעלאָפן מיט

* טראַווניק־מענער — די אוקראַינישע און לעטישע פאַשיסטן, פאָלקס־דייטשן און אַנדערע קאָלאַבאָראַנטן, וואָס האָבן „שטודירט" אין דער ס.ס.־שול אין דעם לאַגער טראַווניק.

די ווערטער: „אין געטאָ איז אַלץ פאַרלאָרן! מיר זענען נישטאָ אין געטאָ! מיר קענען זיך נישט אַרויסבאַקומען אין געטאָ! מיר האָבן פאַרוואונדעטע און טויטע!"

זאַמערן האָט געהאַלטן, אַז דאָס איינציקע מיטל איז ברענגען באָמבאַרדיר-עראָפּלאַנען פון קראָקע. סטראָאָפּ האָט נישט געהאַלטן פון אַזאַ קאָמפּראָמיטירנדיקן מיטל, וואָס וועט דער גאַנצער וועלט אַנטפּלעקן דייטשלאַנדס חרפּה און בושה. ער האָט תיכף באַזייטיקט דעם שלימזלדיקן ס.ס.-און פּאָליציי-שעף פון דעם אָנפירנדיקן אַמט פון דער געטאָ-אַקציע און איבערגענומען אַליין די לייטונג. ער האָט באַשלאָסן אַרײַנצודרינגען אין געטאָ פאַרן פּרייז פון די גרעסטע קרבנות, וואָרעם די אויפגאַבע איז געווען זייער אַ שווערע, ווייל — ווי ער האָט עס אַליין דערקלערט שפּעטער: „אין די גאַסן מילע, זאַמענהאָף, מוראַנאָווסקע, נאַלעווקעס איז נישט געווען מעגלעך זיך אַרײַנצובאַקומען, ווייל די האַזיקע גאַסן האָבן זיך געפונען אונטער אַ כסדרדיקער שיסערייַ" (מצור די ייִדן — ב. מ.).

## די צווייטע שלאַכט אויף עק נאַלעווקעס און גענשע

נאָכן איבערנעמען די אָנפירונג האָט סטראָאָפּ אַרײַנגעפירט מיט אַ אײַזערנער האַנט אָרדענונג אין זײַנע מחנות און באַשלאָסן צו ענדערן זאַמערנס פּלאַן. זאַמערן האָט טראַקטירט דעם אָנגריף אויפן געטאָ ווי אַ געוויינלעכע אַקציע און געוואָלט מיט איין מאָל אַרומכאַפּן דעם גאַנצן שטח. אַקעגן-זשע סטראָאָפּ זעענדיק דעם שטאַרקן יידישן ווידערשטאַנד אין פאַרשידענע פּונקטן, האָט באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן די אַטאַקע אויף איין באַשטימטן פּונקט, אים גובר זיין און דערנאָך אָנגרייפן איין יידישע פּאָזיציע נאָך דער צווייטער און אַרײַנטרייבן די יידישע קעמפער אין אַן ענגן שטח, אין אַ קלעם.

ער האָט אָבער אויסגעזען געמוזט ענדערן אויך זיין איי-גענעם פּלאַן, ווייל ער האָט נישט גענומען אין אַכט די פּלע-נער און די פאַרבּיסנקייט פון דעם קעגנער.

12 אַזייגער בייטאָג האָט סטראָאָפּ צונויפגענומען זיינע כוחות אין אַ פויסט און צוגעלאָזט אַ צווייטן שטורעם אויף די פּאָזיציעס פון די אויפשטענדלער אויף דער קרייצונג פון נאַלעווקעס און געשע. אָנגעלערנט דורך דער ביטערער דערפאַרונג פון דער פרימאָרגן-שלאַכט האָבן איצט די דייטשישע אָפּטיילונגען נישט געשפּאַנט מיט אַ פּאַראַד-מאַרש, נאָר זיך צעשפּרייט אין אַ טיראַליערע און זיך געשאַרט פּאָרויס האַלטנדיק זיך ביי די מויערן. דער איצטיקער אָנגריף איז פאָרגעקומען — אַזוי ווי אַ רעגולערע פעלד-שלאַכט — אונטער דעקונג פון אַן אַרטילעריש פייער, וואָרעם גענעראַל סטראָאָפּ, וועלכער האָט געהאַט הינטער זיך די דערפאַרונג פון צוויי מלחמות — פון דער ערשטער וועלט-מלחמה אויפן פראַנצויזישן פראָנט און פון דער צווייטער אויפן סאָוויעטישן — האָט אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ אַוועקגעשטעלט לייכטע פעלד-האַרמאַטן, וואָס האָבן אָן אויפהער באָמבאַרדירט די יידישע פּאָזיציעס אויף די נאַלעווקעס.

די יידישע קעמפער פאַרטיידיקן זיך העלדיש מיט זייערע גראַנאַטן און אויפרייס-פלעשער. אָבער אויך אָט דאָס לייכטע כלי-זין, וואָס קאָן נישט ביישטיין קעגן דער אַרטילערישער באָמבאַרדירונג, הייבט אָן אויסצוגיין. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז זייער שווער איינצוהאַלטן די פּאָזיציעס. די אויפשטענדלער האַלטן זיך אָבער מיט ציין און נעגל, זיי ענדערן די ערטער, גייען אַריבער דורך די בוידעמער פון איין הויז אין אַ צווייטן, באַוואַרפנדיק מיט גראַנאַטן די נאָכיאָגנדיקע שונאים.

צום סוף פירט סטראָאָפּ אַריין אין דער אַקציע אַעראָפּלאַנען. דאָס האָט ענדגילטיק געצוווּנגען די יידן צו פאַרלאָזן די צעבאָמבירטע הייזער. אויסנוצנדיק אָן אַ רעשט די אויפרייס-פלעשער און גראַנאַטן ציען זיי זיך צוריק אין דער ריכטונג פון קליינעם געסל פון הרב מייזילש, מיטנעמענדיק מיט זיך די טויטע גופים פון די געפאַלענע אין שלאַכט חברים ובתוכם דעם גרופּע-קאָמאַנדיר זילבערבערג און די קעמפערין תמר — די זעלביקע, וועלכע האָט נאָך דער

ערשטער שלאַכט אַזוי פרייִדיק אויסגעדריקט איר התלהבות צוליב דער מפּלה פון די דייטשן.

דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אויף די פּאָזיציעס נאַלעווקעס-געגנשע האָט צוזאַמען, פון 6 אינדערפרי און נעמענדיק אין אַכט דעם איבעררייס, געדויערט 6 שעה.

פאַרן צוריקציען זיך האָבן די קעמפער אונטערגעצונדן דעם גרויסן דייטשישן מאַגאַזין אויף נאַלעווקעס 31. די אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע האָט געגעבן אַ באַפעל צו פאַרברענען אַלע ווערטפולע זאַכן און מאַגאַזינען, כדי ניט איבערצולאָזן קיין שום נוצלעכע זאַך דעם שונא. דער דאָזיקער ערשטער גרעסערער סאַבאָטאַזש-אַקט האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל צו ווייטערדיקע אונטערצונדונגען. אַן אָבסערוואַטאָר פון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע האָט באַמערקט די דאָזיקע דערשיינונג: „די לעצטע יידן קומען אום מיט געווער אין האַנט, פאַרניכטנדיק פריער די ווערטפולע סחורות-לאַגערן, פאַרברענענדיק די פאַבריקן“.

## די בלוטיקע נקמה פון די היטלערישע רוצחים

צעקאָכט און צעיושעט צוליב דעם יידישן ווידערשטאַנד האָבן סטראָפּס חיילות גענומען גלייך דעם ערשטן טאָג אַ בלוטיקע נקמה אין די סאַמע אומשולדיקסטע יידן, אין די קראַנקע פון דעם געטאָ-שפּיטאָל אויף גענשע 6 — ד. ה. אין דעם טייל גאַס, וואָס איז געלעגן מחוץ דעם שלאַכט-שטח. אַ טייל פון די קראַנקן-שוועסטער האָט געטראָגן הילף די אויפשטענדלער, געבראַכט זיי וואַסער, באַנדאַזשירט די פאַרוווּנדעטע. מיט גרויס מסירת נפש האָבן זיך אויסגעצייכנט די פלעגערינס פרוי בלימבערג און פרוי ראָכמאַן. די דייטשן האָבן אָבער אויסגעלאָזט זייער רוצחישן כעס צו די קראַנקע, באָמבאַרדירט און אונטערגעצונדן דעם שפּיטאָל מיט זיינע לעבעדיקע חולים. די סאָלדאַטן האָבן זיך איינצייטיק אַריינגעריסן אין די נאָך ניט ברענענדיקע זאַלן און דורכגעפירט אַ שרעקלעכע שחיטה. זיי האָבן געכאַפּט קראַנקע און געשליידערט אין די פלאַמען. זיי האָבן געכאַפּט עופהלעך און

צעקלאַפּט די קעפּלעך אין די ווענט. אין דעם געבורט-אָפּטייל האָבן זיי אויפגעשניטן מיט באַגנעטן די בייכער ביי די געלעגענע פרויען. דער רוב פון דעם שפּיטאָל-פּערסאָנאַל איז אומגעקומען אין די פלאַמען.

אין די רציחות האָבן זיך מיט זייער סאַדיזם אויסגעצייכנט די אוקראַאינישע פאַשיסטן, צו דער גרויסער הנאה פון זייערע דייטשישע באַלעבאַטים.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון די שרעקלעכע רציחות, וואָס האָבן באַגלייט ביזן סוף די ליקווידיר-אַקציע פונעם געטאָ-אויפשטאַנד.

אָבער די רוצחים האָט נאָך דעם זעלביקן טאָג געוואַרט אַ שווערע אַרבעט און אַ פרישער קלאַפּ.

## די שלאַכט אויף מוראַנאָווער גאַס

אַרום 4 אַ. ז. נאָכמיטאָג איז אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ אַריינגעדרונגען אַ גרעסערע אָפּטיילונג פון די היטלעריסטן, אין באַשטאַנד פון גרופּן פון ס.ס. און דייטשישער פּאָליציי און אָנגעהויבן באַשיסן די יידישע הייזער.

אין דעם הייזער-בלאָק, וואָס האָט זיך געצויגן פון נומער 7 ביז נומער 21, האָבן זיך באַפעסטיקט די שטאַרק באַוואָפנטע גרופּן פון דעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד. פון אַט די הייזער איז געעפנט געוואָרן אַ געדיכטער פייער אויפן שונא. מיט דער פאַרטיידיקונג פון דעם אָפּשניט האָבן אָנגעפירט דוד אַפּעלבוים, פּאַוועל פרענקעל און לייב ראָדאַל. די יידישע קעמפער האָבן אָנגעווענדט די טאַקטיק פון אַטאַקירן דעם שונא פון פאַרשידענע פונקטן, זיי האָבן זיך בליץ שנעל אַריבערגעטראָגן פון איין אָרט אויפן צווייטן און אַריינגעפירט די דייטשן אין אַ דעזאָריענטאַציע.

וואָס ווייטער איז דאָ דער ווידערשטאנד פון די יידן געוואָרן אַלץ העפטיקער.

וועגן דער דאָזיקער שלאַכט שרייבט סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט אָט וואָס: „אַרום האַלב זעקס האָט מען אָנגעטראָפן אויף א שטארקן ווידערשטאנד אין א געוויסן הייזער-קאָמפּ-

לעקס, ווו (די יידן) האָבן זיך פאַרטיידיקט אויך מיטן פייער פון מאַשין־געווער. א ספּעציעלע שלאַכט־גרופּע (פון די דייטשן) האָט ארויסגעשטויסן דעם קעגנער און איז אריינגעדרונגען אין די הייזער, זי האָט אָבער אים נישט געקאָנט אָנכאַפּן. די יידן און די פאַרברעכער (די אויפשטענדלער — ב.מ.) האָבן זיך פאַרטיידיקט, איבערטראָגנדיק זיך פון איין פונקט אויף א צווייטן און צום סוף זענען זיי נעלם געוואָרן דורך די בוידעמער אָדער אונטערערדישע דורכגענג“.

צום שטאַרקסטן האָט זיך פאַרטיידיקט די יידישע פּאָזיציע אויף מוראַנאָווסקע 7. אויפן דאַך פון דעם דאָזיקן הויז האָט זיך געפונען א שווערע מאַשין־געווער, וואָס האָט באַוואָרפן מיט פייער די דייטשן און געהאַלטן אין שפּאַנונג די געגנט ביז 8 א. ז. אין אָוונט. די דאָזיקע פּאָזיציע — אין שפּעטער מודה געווען סטראָאָפּ — האָט דאָמינירט איבערן גאַנצן מוראַנאָווער פּלאַץ. די יידישע קעמפער — מענער און פרויען — האָבן זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פליניקייט באַוועגט איבער די דעכער און געשליידערט גראַנאַטן אין די דייטשן.

איבערן דאַך פון דעם הויז מוראַנאָווסקע 7 האָבן געפלאַטערט צוויי פענער פונעם אויפשטאנד.

סטראָאָפּ האָט איבערגעריסן די שלאַכט אין אָוונט. ער איז די יידישע פעסטונג אויף מוראַנאָווסקע נישט בייגעקומען.

## דער אַליאַרם־בריוו
## פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק קיין בערלין

דעם 19־טן אַפּריל זענען פאָרגעקומען נאָך עטלעכע, קלענערע צוזאַמענשטויסן אויף באַניפראַטן, סאַפּיעזשינסקע, לובעצקי־גאַס, סטאַווקי.

דער ערשטער טאָג פונעם יידישן אויפשטאַנד האָט זיך אין דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אריינגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות. די יידישע „אונטערמענטשן“ האָבן אויפגענומען אַן אומגלייכן קאַמף פאַר זייער כבוד אין

פרייהייט, צווינגענדיק די פאַרריסענע „אויבערמענטשן" צו פאַרלאָזן מיט חרפה דאָס שלאַכט־פעלד.

אויפצומאָרגנס, דעם 20־טן אַפּריל, האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק אַרויסגעשיקט קיין בערלין, צום רייכס־מיניסטער ד״ר לאַמערס, דעם שעף פון היטלערס קאַנצעלאַריע, אַן אַליאַרם־בריוו מיטן פאָלגנדיקן אינהאַלט: „פון נעכטן האָבן מיר אין וואַרשע אַ גוט אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד אין געטאָ, וועלכן מען דאַרף שוין באַקעמפן דורך באַנוצן האַרמאַטן". *

## מאַרישעס טאָגבוך

אין דער זעלביקער צייט איז אין אַ בונקער אין געטאָ געזעסן אַ יונג מיידל, וועלכע איז אונדז באַקאַנט נאָר דורך איר נאָמען (מאַרישאַ) און האָט נאָטירט אין איר טאָגבוך דעם רושם פון די איבערגעוויינלעכע געשעענישן:

„נעכטן (דעם 19 אַפּריל) האָט אויפגעפלאַקערט אין געטאָ אַן אמתע בלוטיקע שלאַכט. אין געטאָ זענען אַריינגעפאָרן טאַנקען, האַרמאַטן, שווערע מאַשין־געווער און דערקלערט אַן אומברחמנותדיקע מלחמה די ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט די העזה אויפצוהייבן סוף כל סוף אַ ביסל די קעפּ פאַר טרעבלינקע, פאַר בעלזשעץ, פאַר טראַווניק און פאַר אונדזער גאַנצן דורכגעלעבטן און נאָך כסדרדיקן גיהנום" *.

די געטאָ־אסירים האָבן אויפגעפאַסט דעם געטאָ־קאַמף אַזוי, ווי דאָס האָט אויסגעדריקט דאָס מיידל מאַרישאַ, די אויטאָרין פון דעם טאָגבוך. זיי האָבן געזען אין דעם קאַמף ניט בלויז אַ באַשיצונג פון זייער כבוד און לעבן, נאָר אויך אַן ענטפער אויף די אַלע צרות, וואָס עס האָט געבראַכט דער היטלעריזם, אויף דער פאַרטיליקונג פון אַ גאַנץ פאָלק.

---

Seit gestern haben wir in Warschau einen bereits mit Einsatz von Geschützen bekämpfen wohl organisierten Aufstand in Getto.

* דער דאָזיקער טאָגבוך איז געפונען געוואָרן אין מאַידאַנעק, ווו די אויטאָרין איז דעפּאָרטירט געוואָרן און ווארשיינלעך אומגעקומען.

# דער סדר אין בונקער

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, סטראָף האָט צוריקגעצויגן זיינע אָפּטיילונגען פונעם געטאָ, אינעם שטאַב פון אויפשטאַנד האָט מען באַטראַכט די לאַגע און פּלאַנירט די ווייטערדיקע קאַמפס־אַרויסטריטן, אויסשפּיר־גרופּן זענען אַרויס צו אָבסערווירן די געגנט און די פּאַטראָלן, ווו נישט ווו האָבן די קעמפער פאַרצויגן א ליד וועגן געטאָגראַד, אומעטום האָט מען געפילט אַ שטאָלץ געמישט מיט אומרו. אין דער האָזיקער אויסטערלישער פּסח־נאַכט האָבן זיך טראַדיציאָנעלע יידן, נאָכדעם ווי עס האָט זיך איינגעשטילט די שיסעריי, געזעצט אין זייערע בונקערס צום סדר. אַן עד ראיה, אַ געטאָקעמפער שמחה קאָרנגאָלד, שילדערט דעם פאַרלויף פון דעם סדר פון 19־טן אַפּריל 1943 אין דעם בונקער אויף קאַרמעליצקע 5:

„פינף מאַן שטייען אויף דער וואַך אינדרויסן מיט געווער אין האַנט. מיין פאָטער זיצט אין בונקער און ריכט אָפּ דעם סדר. צוויי ליכטלעך באַלייכטן די כוסות מיטן וויין. עס דוכט זיך אונדז, אַז די כוסות זענען פול מיט בלוט. מיר אַלע, וואָס זיצן דאָ אַרום, זענען דער קרבן. ווען מען זאָגט דעם שפוך חמתך, ווערן אלע אויפגעציטערט. מיר האָבן געוואַרט אויף אַ נס, עד איז אָבער נישט געקומען“.

און אינדרויסן האָט זיך געטוישט די וואַך.

אַ ליל שימורים אין געטאָ, אַ נאַכט פון וואַרטן אויף די ווייטערדיקע קאַמפן.

קאַפּיטל דריי

# דער צווייטער טאָג פֿונעם אויפֿשטאַנד

# דער 2־טער אַפּריל 1943

## די ייִדן וואַרפֿן אָפּ דעם דייטשישן אולטימאַטום

די געשעענישן, וואָס האָבן זיך דעם 19־טן אַפּריל אָפּגעשפּילט אינעם געטאָ, זענען פֿאַרן רוב דייטשן אין וואַרשע — און נישט בלויז דאָ — געווען אַן אַנטפּלעקונג. ביי די אָקופּאַנטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיי אַרויסגערופֿן אַן אומרו. ביי געוויסע דייטשן, בפֿרט ביי טייל אָפֿיצירן און סאָלדאַטן, וואָס זענען אָקאָרשט געקומען פֿונעם מזרח־פֿראָנט און אויפֿן וועג קיין דייטשלאַנד זיך פֿאַרהאַלטן אין וואַרשע, האָט זיך אַפֿילו געלאָזט שפּירן אַ געפֿיל פֿון בושה — הן צוליב דער בפֿרהסיאדיקער מפּלה פֿון די „פֿאָלקסגענאָסן“ אויפֿן ייִדישן פֿראָנט, הן מחמת דער זינלאָזיקייט פֿון עפֿענען אַ פֿראָנט אין סאַמע הינטערלאַנד, אין מיטן פֿון אַ גרויסער שטאָט, דורך וואַנען עס האָבן זיך געצויגן די שליאַכן פֿון די אַרמייען און געווער־טראַנספּאָרטן צו די מזרחדיקע טראַנשייען.

אַלע האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דער „בליצקריג“ איז דורכגעפֿאַלן אויך אויפֿן געטאָ־פֿראָנט.

די היטלערישע אָנפֿירונג פֿון דער אַקציע האָט זיך אָבער געטרייסט מיט דער אילוזיע, אַז מחמת זייער טראַגישער סיטואַציע וועלן די ייִדן זיך איינברעכן נאָכן איבערמענטשלעכן קאַמפּס־אָנשטרענג פֿונעם ערשטן טאָג. דעריבער האָט זי די אַקציע אינעם צווייטן טאָג אָנגעהויבן מיט אַן אולטימאַטום צו די אויפֿשטענדלער, אַפּנים דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿונעם ערעסטירטן יודענראַט־פּרעזידיום. דאָס איז געווען אַ קאַטע־

גאָרישע פּאָדערונג תיכף ומיד צו לייגן דאָס געווער און זיך איבערצוגעבן אויפן חסד פון די „אויבערמענטשן"; אין קעגנפאַל וועט דאָס געטאָ ווערן אויסגעגליכן מיט דער ערד.

די אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט דעם אולטימאַטום אָפּגעוואָרפן.

עס אינפאָרמירט וועגן דעם מרדכי אַניעלעוויטש אין זיין בריוו פון 26־טן אַפּריל, וועלכן ער האָט דורך אַ קאָנספּיראַציוון וועג איבערגעשיקט צו יצחק צוקערמאַן אויף דער „אַרישער" זייט: „דעם דייטשישן אולטימאַטום, וואָס האָט אויפגעפאָדערט צו קאַפּיטולירן, האָבן מיר אָפּגעוואָרפן".

דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ווייטער.

דינסטיק, דעם 20־טן אַפּריל, האָט זיך אויסגעברייטערט דער טעריטאָריעלער פאַרנעם פונעם אויפשטאַנד. אַ חוץ אינעם צענטראַלן געטאָ — זענען די דייטשן צום ערשטן מאָל געוואָרן אָנגעגריפן אויך אויפן שטח פון דער בערשטער־פאַבריק (שווינטאָיערסקע, וואָלאָווע) און אויפן געביט פון די שאָפּן (אויף די גאַסן לעשנאָ, סמאָטשע און נאָוואָליפּיע).

דעם צווייטן טאָג פונעם אויפשטאַנד האָט דער שונא אַרויסגעשטעלט נייע אַרטילעריע־באַטעריעס אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ ביי נאָווינאַרסקע און אויף באָניפראַטן, פון דער אויסערלעכער זייט פון די געטאָ־מויערן.

## די צווייטע שלאַכט אויף מוראַנאָווער גאַס

קודם־כל האָט סטראָאָפּ געוואָלט אַ סוף מאַכן מיטן האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד אויף מוראַנאָווער גאַס, וווּ די געסטריקע שלאַכט איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. צוויי פּאָזיציעס פון אָט דעם אָפּשניט, אין די הייזער 7 און 9, זענען ווייטער געבליבן נישט געבויגן, און אויפן דאַך פונעם הויז נומער 7 האָבן דעם 20־טן אינדערפרי נאָך אַלץ געפלאַטערט די צוויי פענער — די ווייס־רויטע און ווייס־בלויע — טאַקע דורכגעלעכערט מיט קוילן, אָבער נאָך אַלץ נישט דעראָבערטע דורכן שונא.

די צווייטע שלאַכט אויף דעם אָפּשניט האָט געהאַט אַ זייער שאַרפֿן און פֿאַרביסענעם פֿאַרלויף.

באַלד אינדערפֿרי זענען אויפֿן מוראַנאָווער פּלאַץ אַריינגעפֿאָרן עטלעכע צענדליק אויטאָס מיט דײַטשישער פּאָליצײַ, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם בלאָק, און וועלכן עס זענען אַריינגעגאַנגען די צוויי דערמאָנטע הײַזער, און געעפֿנט אַ געדיכטע שיסערײַ, וואַרפֿנדיק אײַנציײַטיק אין די פֿענצטער גראַנאַטן. דאָס האָט, ווײַזט אויס, געדאַרפֿט אָפּשרעקן און פֿאַרניכטן די ווידערשטענדלער, אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך פֿונעם הויז נ׳ 7 אָפּגערופֿן צוויי מאַשין־געווערן, וואָס האָבן גענומען זייען צווישן די דײַטשן טויט. עטלעכע דײַטשישע פּאָליציאַנטן זענען תּיכּף געפֿאַלן טויט אָדער פֿאַרוווּנדעט, אַלע אַנדערע זענען זיך צעלאָפֿן אין גרויס פּאַניק. אַ דאַנק דעם איז די שלאַכט געוואָרן איבערגעריסן, אָבער נאָך אַ הפסקה פֿון אַ האַלבער שעה האָט די דײַטשישע אָנפֿירונג אַריינגעפֿירט אויפֿן פּלאַץ אַ זייער דראָענדיק געווער: פֿינף קליינע טאַנקן באַוואָפֿנטע מיט קעגנלופֿט־האַרמאַטן.

די ייִדישע קעמפֿער, פּאַרטאַיעט אויך דאָ הינטער די פֿענצטער און אויף די בוידעמער, באַוואַרפֿן די טאַנקען מיט אַ האָגל פֿון מאַשין־געווער־קוילן, שלײַדערן אין אַ טאַנק אַ גראַנאַט — דער טאַנק בלײַבט שטיין אָן אָפּגעטויטער. די אַנדערע טאַנקען פֿאַרנעמען אָבער גענוג ווײַטע פּאָזיציעס, לכל הפּחות אויף 50 מעטער ווײַט, און די אויפֿשטענדלער זענען נישט ביכולת זיי צו דערגרייכן. די טאַנק־האַרמאַטן האָבן אָן אַ שרעקלעכע באָמבאַרדירונג אויף די ייִדישע הײַזער, פֿון וועלכע עס פֿליען אַרויס ווײַטערדיקע גראַנאַטן, אָבער טרעפֿן צו נאָענט און קאָנען די דײַטשישע טאַנקען נישט ברענגען קיין שאָדן.

אַ פֿערטל שעה דויערט דער אומגלײַכער קאַמף. די הײַזער זענען שוין אין אַ גרויסער מאָס חרוב. דער ווידערשטאַנד ווערט שוואַכער. ערשט איצט נעמען זיך די דײַטשן אָן מיט כּוח און שפּאַנען אַרײַן אין די שווער פֿאַרוווּנדעטע הײַזער מיט אויסגעשטרעקטע מאַשין־געווער און גראַנאַטן אין די הענט.

עס פאַרקניפּט זיך אַ קורצע שלאַכט פּנים אל פּנים. איין אויפשטענדלער־גרופּע פאלט אריין נאָכן אויסשעפּן די אמוניציע אין געפאַנגענשאַפט. און אָט וואָס עס האָט דערזען די יידישע ציווילע באַפעלקערונג, וועלכע האָט מיט האַרץ־קלאַפּונג אָבסערווירט פון כלערליי פאַרשטעקערטער די אויסערגעוויינלעכע שלאַכט:

די דייטשן נעמען צוגויף אויף דער גאַס אַ גרופּע געפאַנגענע יידישע קעמפער. די גרופּע ציילט לסוף לערך 80 מאַן, סרוב יונגט. עס רינגלט זיי אַרום אַ מחנה פון אַ 300 דייטשן, וועלכע האַלטן גראַנאַטן און ביקסן גרייט אויסצושיסן. אַ סך פון די געפאַנגענע גייען אָפּ מיט בלוט, אַ סך פון זיי האָבן וווּנדן אין קאָפּ, פאַרוווּנדעטע פיס, האַלב־אָפּגעשניטענע, הענגענדיקע הענט, זייערע מלבושים זענען צעפליקט און צעריסן, אָבער אין די געזיכטער פון די מענטשן איז נישטאָ קיין ברעקל מורא, קיין סימן פון נידערגעשלאָגנקייט. מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז זיי זענען ממש גליקלעך, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו באַצאָלן די דייטשן לכל הפּחות אַזוי פיל, וויפיל זיי האָבן געקאָנט. זיי זענען שטאָלץ, וואָס זיי האָבן אויסגעפילט זייער חוב, הגם זיי גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דעם, אַז איצט וואַרט אויף זיי נאָר דער טויט. — מיט אָט די ווערטער פאַרענדיקט זיין באַשרייבונג אַן עד ראיה פון יענער שלאַכט, מ. בערלאַנד.

און אָט איז אַ לויב־געזאַנג פון אַן אַנדערן עד ראיה, אַ רעליגיעזן ייד, וואָס איז אונדז באַקאַנט נאָר מיטן נאָמען שלמה, לכבוד די יונגע יידישע קעמפער פון מוראַנאָווער גאַס (מיר גיבן עס איבער מיט זיין לשון און סטיל):

„בשעת אין פּסח האָט מען אונדז געהייסן ענדגילטיק פאַרלאָזן די געטאָ, האָבן אונדזערע יינגלעך און מיידלעך, אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן און אונדזערע, געשטעלט אַ געהעריקן ווידערשטאַנד. די לאָזונג איז געווען: לעבן אָדער שטאַרבן! תמות נפשי עם פּלשתים. טויזנט יונגטלעכע און פריילינס באוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, האַנט־גראַנאַטן, מאַשין־געווער, באָמבעס א.א.וו., האָבן געשטעלט א ווידערשטאנד די

רוצחים, און ס׳זענען געפאַלן הונדערטער עסעסאָווצעס, און אונדזערע יונגעלייט זענען געווען גליקלעך אוועקגייענדיק פון דער וועלט, אַז זיי האָבן אומגעבראַכט די רוצחים. אַני הגבר ראיתי הכל!“

די דינסטיקדיקע שלאַכט אויף מוראַנאָווער גאַס איז גוט געבליבן שטעקן אין סטראָאָפּס זכרון און ער שטרייכט עס אונטער אין זיינע ראַפּאָרטן און רעלאַציעס. בפרט שטרייכט סטראָאָפּ אונטער דעם קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אַרום די פענער. אין אָט דעם קאַמף איז געפאַלן דער דייַטשישער אָפיציר, אונטערשטורמפירער אָטאָ דעמקע, פון דער קאַוואַלעריע־אָפּטיילונג פון ס.ס.

פאַרן פאַרלוסט פון דעם אָפיציר, דעם ערשטן דייטשישן אָפיציר, וואָס איז בעתן אויפשטאַנד געפאַלן פון יידישע הענט, האָט סטראָאָפּ גלייך גענומען אַ בלוטיקע נקמה: עטלעכע הונדערט יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די עקזעקוציע האָט אויסגעפירט ד״ר האַנס זיכערקייט־פּאָליציי, אונטער דער אָנפירונג פון דעם אין וואַרשע גוט באַקאַנטן רוצח וויטאָסעק.

די דראָבערטע פענער האָט סטראָאָפּ געהייסן אוועקנעמען אינעם פּאָליציי־שטאַב און זיך געגרויסט פאַר אַלעמען מיט די דאָזיקע טראָפעען.

## אין קאַטאַפּאַלקן קיין אָטוואָצק

נישט אַלע קעמפער פון דעם מוראַנאָווער אָפּשניט זענען אַריינגעפאַלן אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט. די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו דערשנאַפּן דעם גרעסטן טייל פון די יידישע קעמפער, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן צום שוין דערמאָנטן טונעל און זענען מיט דער הילף פון דער פּויליש־יידישער גרופּע פון קאַפּיטאַן איוואַנסקי אַריבער אויף דער אָטוואָצקער ליניע. דער מיטגליד פון דער גרופּע, מאַריאַן קאָוואַלסקי („סעמפּ“) האָט אַריבערגעפירט די יידן אין קאַטאַפּאַלקן (קריסטלעכע אָרונס), וועלכע מען האָט גענומען ביי

אַ קריסטלעכער לויה=פירמע פון דעם וואָליער אַרבעטער=ראַיאָן. דער ציל איז געווען אַריבערצופירן די יידישע קעמפער אין וואַלד, כדי זיי זאָלן זיך קענען אָרגאַניזירן אין אַ פּאַרטיזאַנישער מחנה. אין די קאַסטאַפּאַלקן זענען אויך געלעגן ביקסן, מאַשין=געווערן און גראַנאַטן. די גרופּע האָט געציילט 20 מאַן. עס האָט מיט איר אָנגעפירט לייב ראָדאַל. די גרופּע האָט זיך באַזעצט אין אַ פּוסטער ווילע אין וואַלד אויפן וועג צווישן מיכאַלין און יוזעפאָוו.

אין צווי טעג אַרום, דעם 22=טן אַפּריל, איז די ווילע אומגעריכט אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשישער זשאַנדאַרמעריע און פּוילישער פּאָליציי. דאָס האָט אַן אָרטיקער פּוילישער פּאָליציאַנט אויסגעגעבן דעם מקום מקלט פון די יידישע קעמפער. די יידישע קעמפער האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אין סאַמע מיטן סאָסנע=וואַלד האָט זיך פאַרקניפּט אַ טראַגישע שלאַכט. די יידישע קעמפער האָבן אין זייער רוב געהאַט פאַרשידענע וואונדן, נאָך פון געטאָ, זיי זענען געווען אָפּגעשוואַכט, און דאָך האָבן זיי געקעמפט מיט גרויס פאַרביסנקייט.

לסוף האָבן זיי געפּרוווט מזל דורך אַנטלויפן טיפער אין וואַלד, ווייל ווען זיי בלייבן אין דער באַלאַגערטער ווילע, וואָלטן זיי געוואָרן אונטערגעצונדן לעבעדיקערהייט. מען האָט זיי געכאַפּט. אַלע זענען זיי געפאַלן אין אַן אומגלייכער שלאַכט, און בתוכם זייער קאָמאַנדיר לייב ראָדאַל, וועלכער איז שוין געווען פאַרוווּנדעט בעת די קאַמפן אין געטאָ. דעם 23=טן אַפּריל האָט וועגן דעם געשעעניש געמאָלדן קיין וואַרשע דער אָטוואָצקער זשאַנדאַרמעריע=פּאָסטן.

אין דעם בלאָק אויף מוראַנאָווסקע איז נאָך געווען פאַרבליבן פאַרשטעקט אַ דריטע קעמפער=גרופּע אין באַשטאַנד פון 7 פּערזאָן. אויפצומאָרגנס, מיטוואָך דעם 21=טן אַפּריל, איז די גרופּע אַדורך דורכן טונעל אין דעם הויז אַריין אויף מוראַנאָווסקע 6, צוזאַמען מיטן געווער און דער אַמוניציע. דאָ האָט זיך די גרופּע באַהאַלטן אויפן בוידעם, וואַרטנדיק אויפן אָנקום פון אַ פאַרבינדלער פון איוואַנסקיס מענטשן, וועלכער האָט זיי אויך געדאַרפט אָפּפירן אין וואַלד.

דער קריסטלעכער וועכטער פון דעם דאָזיקן הויז איז געווען א פארטרויונגס־מאַן פון די יידן, אָבער זיין זון איז געווען אַ מנוול, אַ מיטגליד פון דער פויליש־פאַשיסטישער אָרגאַ־ניזאַציע „מיעטש אי פלוג" און אַ קאָנפידענט פון געסטאַפּאָ. זיין נאָמען: אַנדזשעי מיכנאָ, און גערופן האָט מען אים רישעק. דער דאָזיקער פארשוין האָט פאַראַטן זיין אייגענעם פאָטער און שנעל געבראַכט געסטאַפּאָ מיט פוילישע פּאָליציי. דאָס הויז איז געוואָרן אַרומגערינגלט, און אַלע יידישע קעמ־פער — אומגעבראַכט.

די פערטע גרופע פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד, וועלכע איז אונטער דוד אַפּעלבוימס אָנפירונג געבליבן שטעקן נאָך אויף מוראַנאָווסקע 7, האָט איצט באַשלאָסן נישט אַרויס־גיין. זי האָט זיך גוט אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן און געגומען זאַמלען כוחות צום ווייטערדיקן קאַמף.

עס איז נאָך כדאַי צוצוגעבן, אַז אַ קליינע גרופע פונעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד איז נאָך די קאַמפן אויף מוראַנאָווסקע גאַס אַרויס אויף דער „אַרישער" זייט. אין דער דאָזיקער גרופע האָט זיך געפונען דער קאָמענדאַנט פאַוועל פרענקעל. איין טייל פון דער גרופע איז געבליבן אין וואַרשע, אַ צווייטער איז אַוועק קיין אָטוואָצק און האָ דורכ־געפירט אַן אָנפאַל אויפן אַרעסט פון דער פוילישער פּאָליציי, באַפרייט אַ גרופע אַרעסטירטע יידלעך און אַוועק טיפער אין וואַלד. עס איז נאָך זיי פאַרווישט געוואָרן יעדער שפור.

## דער מינע־אויפרייס אויפן בערשטער־געביט

אויך אויפן שטח פון דער בערשטער־פאַבריק האָבן די יידישע קאַמפס־גרופן אָנגעווענדט אַן ענלעכע טאַקטיק ווי אין צענטראַלן געטאָ. דער פאַרטיידיקונגס־געביט האָט אַרומ־גענומען די צען הייזער פון נומער 28 ביז נומער 38 פון שווינטאָיערסקע גאַס, וועלכע איז געלעגן פונקט קעגנאיבער דער „אַרישער" זייט, און די שכנותדיקע עטלעכע הייזער פון וואָלאָווע־געסל. די ספּעציפיק פון דער פאַרטיידיקונג פונעם בערשטער־געביט איז באַשטאַנען דערין, וואָס די יידן האָבן

אויפֿן פּלעצל פֿאַרן טויער וואָלאָווע 6 אונטער־עליגט אַ מינע. אויפֿן דריטן שטאָק פֿון וואָלאָווע 3 האָט זיך געפֿונען אַן אָב־סערוואַציע־פּונקט, פֿון וואַנען עס איז געווען לייכט צו אָבסערווירן דאָס, וואָס קומט פֿאָר אויפֿן פּלעצל פֿאַר וואָלאָווע 6.

אין דעם בונקער פֿון שמעון קאַץ, וואָס האָט געהערט צום יידישן מיליטערישן פֿאַרבאַנד, האָט זיך געפֿונען אַ געווער־ און אַמוניציע־מאַגאַזין.

דינסטיק, דעם 20־טן אַפּריל, דריי אַ. ז. נאָכמיטאָג זענען סטראָאָפּס אָפּטיילונגען צוגעטראָטן צום שטורעם אויפֿן בערשטער־געביט. מיט דער אַטאַקע האָט אָנגעפֿירט סטראָאָפּ אַליין. דער נאַציישער גענעראַל איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פֿעסטער שוץ־גרופּע. צוויי ס.ס.־סאָלדאַטן האָבן איבער זיין קאָפּ געהאַלטן לאַנגע אויטאָמאַטן גרייט צום שיסן, עלעהיי אַ פּאַראַסאָל איבערן קאָפּ פֿון אַן אַמאָליקן מושל פֿון אַן אַפֿריקאַנישן שבט. די האָזיקע פֿאָרזיכט־מיטלען זענען געווען נייטיק, ווייל צום דייטשישן גענעראַל זענען אָנגעקומען פֿאַר־טרויקלעכע ידיעות, אַז די יידישע קעמפֿער גרייטן אויף אים אַן אַטענטאַט. אַלנפֿאַלס האָט סטראָאָפּ אַזוי אויפֿגעקלערט דעם ענין בעת דער אויספֿאָרשונג פֿאַר זיין פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען נאָך דער מלחמה אין וואַרשע. אונטער סטראָאָפּס אַלגעמיינער לייטונג האָט אין דער אַקציע קעגן דעם בערשטער־געביט זיך באַטייליקט ווי אַן אָנפֿירער אויך דער פּאָליציי־מאַיאָר אַסקאַר־ציזענים.

די ערשטע שלאַכט אויפֿן בערשטער־געביט האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט אין סטראָאָפּס זכרון. פֿינף יאָר נאָך די געשעענישן האָט ער זי דערמאָנט ווי אַ באַזונדערס שווערן קאַמף.

300 היטלעריסטישע סאָלדאַטן און אָפֿיצירן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער בערשטער־פּעסטונג. די יידישע קעמ־פֿער האָבן זיי צוגעלאָזט ביזן טויער און — איינגעשלאָסן דעם קאָנטאַקט: די מינע האָט אויפֿגעריסן כהרף עין. „שטיי־נער, שטיקער ערד און אברים פֿון די צעריסענע קעמפֿער פֿון די ס.ס.־מענער שאָפֿן איין מיש מאַש“, שרייבט וועגן דעם

דער באַריכט פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. 22 היטלעריסטן זענען געפֿאַלן טויט אויפֿן אָרט.

ביי די דייטשן ברעכט אויס אַ גרויסע בהלה. די פֿריער גלענצנדיק אויסגעשטעלטע דייטשישע 300־קעפּיקע מחנה צעלויפֿט זיך אין אַלע זייטן, שטופּנדיק איינער דעם צווייטן, כדי וואָס שנעלער אַרויס פֿון דעם פּלוצימדיק אויסגעפּראַלטן גיהנום, וואָרעם אויף די קעפּ פֿון די „איבערמענטשן" שיטן זיך איינצייטיק קוילן און גראַנאַטן. עס הערן זיך געשרייען אין דייטש: „יאַ, דאַס האַבען די יודען געמאַכט". די שפּיציקע געשרייען מישן זיך צונויף מיט די געוואַלדן פֿון די פֿאַרוואונדעטע, וועלכע זענען צוזאַמען מיט די טויטע געבליבן ליגן שוצלאָז אויפֿן ברוק. נאָך אַ קורצער באַראַטונג פֿונעם שטאַב קערט זיך אַ גוט באַשיצטע גרופּע דייטשן אום צוריק און נעמט צו אויף טראָג־ברעטער די אייגענע קרבנות. אין משך פֿון אָנדערטהאַלבן שעה איז רואיק, און דאָס גיט דער אָנפֿירונג פֿון די אויפֿשטענדלער מיטן קאָמאַנדיר מאַרעק עדעלמאַן בראש אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרפֿעסטיקן נאָכאַמאָל די לויער־פּונקטן. דערנאָך לאָזן די דייטשן צו אַ נייעם אָנגריף.

איצט שפּאַנען זיי שוין נישט פֿאָרויס אין אַ קאָנצענטרירטער גרופּע. זיי גייען צווייענווייז, שאַרן זיך ביי די ווענט אין שיטערע רייען. די יידישע קעמפֿער זענען זיי מכבד מיט גראַנאַטן און אויפֿרייס־פֿלעשער און שלײַדערן אַראָפּ אויף זייערע קעפּ צוויי שווערע באָמבעס. די דייטשן מוזן זיך ווידער צוריקציען, ווידער הערן זיך די ווי־געשרייען פֿון שווער פֿאַרוואונדעטע היטלעריסטן. סטראָפּ הייסט עפֿענען אַ געדיכטע שיסעריי אָן אויפֿהער. די יידן ענטפֿערן איצט אַלץ זעלטענער און שוואַכער, ווייל די אַמוניציע גייט שוין אויס. לויטן באַפֿעל פֿונעם קאָמאַנדיר שיסן די יידן נאָר אין געדיכטע גרופּן דייטשן. עס איז שוין אַ שאָד יעדע קויל.

מיטאַמאָל געשעט ממש אַן אומגלויבלעכע זאַך. די דייטשן רייסן איבער די שיסעריי, און פֿון זייער זייט רייסט זיך אָפּ אַ גרופּע מיט ווייסע קאָקאַרדעס און דערנענטערט זיך אין דער ריכטונג פֿון דער יידישער פּעסטונג. די אָבסער־

וואַטאָרן פון באַלאַגערטן בערשטער־געביט דערקענען אין דעם מאַן, וואָס גייט אין שפּיץ פון דער גרופּע, דעם דייטשישן פאַבריק־דירעקטאָר לאַוץ. די דייטשישע אָנפירונג האָט, הייסט עס, באַשלאָסן צו טראַקטירן די יידישע „באַנדיטן", „קרעאַטורן" און „אונטערמענטשן" (אַזוי באַטיטלט סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט די יידישע אויפשטענדלער) ווי אַ גלייכן מיליטערישן קעמפנדיקן צד און אַרויסגעשיקט פּאַרלאַמענטאַריער צו פירן אונטערהאַנדלונגען. לאַוץ לייגט פאָר וואָפן־שטילשטאַנד אויף אַ פערטל שעה, כדי די דייטשן זאָלן קענען אַוועקנעמען די טויטע און די יידן זאָלן... פאַרלאָזן זייערע באַהאַלט־ערטער.

די אָרטיקע אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וואַרפט אָבער אָפּ מיט עקל דעם שונאס פאָרשלאַג. מיט פעלקערמערדער פירט מען נישט קיין אונטערהאַנדלונגען! בפרט אַז אין דער זעלביקער צייט לייגן אונטער אַנדערע ס.ס.־אָפּטיילונגען אַ פייער אין טייל בנינים פון דעם הייזער־קאָמפּלעקס. אַ חוץ עטלעכע צענדליק פּסיכיש איינגעבראָכענע יידן גייט קיינער נישט אַרויס פון די באַהעלטענישן. סטראָאָפּ ענטפערט אויף דער „חוצפּה" פון די אויפשטענדלער מיט אַ העפטיקער אַרטילערישער באָמבאַרדירונג. קעגן אַזאַ קראַפט קענען שוין די יידישע קעמפער נישט אויסהאַלטן. „די געוואָרפענע אין קאַמף 10־צענטימעטערדיקע האַוביצע — שרייבט סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט פון 20־טן אַפּריל — האָט אַרויסגעשטויסן די באַנדעס פון די שטאַרקע באַפעסטיקונגען".

ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט סטראָאָפּ איבערגעריסן די אַקציע. די אויפשטענדלער האַלטן אָפּ אַ קורצע באַראַטונג און באַשליסן זיך איבערטראָגן אויף אַ נייער פּאָזיציע — אין דער שכנותדיקער פראַנציסקאַנער גאַס. דעם צוריקגאַנג דעקט די קאַמפּס־גרופּע פון יורעק בלאָנעם. די נאַכט־עקספּעדיציע איז נישט קיין לייכטע, ווייל די דייטשן באַלויכטן מיט ריזיקע רעפלעקטאָרן די געגנט. דער קעמפער ראָמאַנאָוויטש גיט אָפּ אַ שאָס אין אַ רעפלעקטאָר, וועלכער פּלאַצט און ווערט איינגעלאָשן.

בעת די שלאַכטן אויפן בערשטער־געביט האָבן זיך אַ סך יידישע קעמפער אויסגעצייכנט מיט גרויס מסירת נפש און פאַראַכטונג צום טויט. צווישן די העלדיש אומגעקומענע איז געווען דאָס מיידל רעגינע ניעמיעצקאַ פון יורעק גרינשפּאַנס גרופּע. אויפן פּאָסטן, ביים ביקס איז געפאַלן איינער פון די מוטיקסטע קעמפער, אינזשיניער מיכל קלעפּפיש. 4 א. ז. פּאַרטאָג האָבן אים די קאַמפס־חברים מקבר געווען אין גערטנדל אויפן דריטן הויף פון שוויענטאָיערסקע 34, אָפּ־געבנדיק אַן ערן־סאַלווע. בעת דער נאַכט־עקספּעדיציע אויף פראַנציסקאַנער איז אומגעקומען דער קעמפער און געזעל־שאַפטלעכער טוער (סעקרעטאַר פון דער בונדישער אָרגאַניזאַ־ציע) בערעק שניידמיל. שוין זייענדיק אויף פראַנציסקאַנער האָט זיך צוריקגעקערט אויף שוויענטאָיערסקע, כדי אַרויס־צוראַטעווען נאָך מענטשן, איינער פון די קאָמאַנדירן יעקב פּראשקער, צוזאַמען מיט זיין חברטע שושנה (רוזשע מאַסט־בוים). זיי זענען זיך מקריב געווען פאַר אַנדערע, אָבער שוין נישט געקומען צוריק, געפאַלן פון דייטשישע קוילן. דער 40־יעריקער אַרבעטער, אברהם דיאַמאַנט, אַ געוו. סערזשאַנט פון פּוילישן מיליטער, האָט אַוועקגעלייגט זעקס דייטשן טויט. דאָס איז געווען איינער פון די עלטסטע אויפשטענדלער. איינ־ציייטיק האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן די ייגנסטע אויפשטענדלער, וועלכע זענען געווען פון די בעסטע שיסער: שאַגן לענט, לושעק בלאָנעס, שליאַמעק שוסטער. די קעמפער פונעם בערשטער־געביט, די ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן גע־קעמפט נישט בלויז מיט מסירת נפש, נאָר איינציייטיק אַרויס־געוויזן אַ געוואַלדיקע פלינקקייט, באַשאָסן דעם שונא פון דע־כער, פון הינטער די קוימענס. אין אַ פּוילישער מעלדונג פון יענער שלאַכט לייענען מיט אָט וואָס: „ אַ ייד איז געלעגן הינטער אַ קוימען אויפן דאַך און האָט אין משך פון צוויי שעה געשאָסן אין די דייטשן. צום סוף האָט זיך זיין קערפּער אַראָפּגעקאָלערט פונעם דאַך“. אַזוי אַרום האָט געהאַט אַ פולשטענדיקן יסוד דער פּוילישער לינקער אונטערערדישער אָרגאַן „גוואַרדזשיסטאַ“ צו שרייבן: „אויפן בערשטער־געביט, אויף שוויענטאָיערסקע און פראַנציסקאַנער, זענען די קאַמפן

געווען באַזונדערס פאַרביסענע. איין קאַמפּס־גרופּע האָט איינ־געהאַלטן אַ געווויסע שליסל־פּאָזיציע אין משך פון גאַנצן טאָג, נישט לאָזנדיק דורכגיין דעם שונאס אָפּטיילונגען". „די בער־שטער־אַרבעטער האָבן דורכגעפירט אַ קאָנצענטרירטע קאָנטראַטאַקע", האָט געשריבן וועגן דער זעלביקער שלאַכט אַ צווייטע פוילישע אונטערערדישע צייטשריפט „ראַבאָטניק".

## די לויערונג פון די יידישע קעמפער
## אויף בעריש מייזעלש־גאַס

לפּי ערך אין דער זעלביקער צייט איז פאָרגעקומען אַ קורצע שלאַכט אינעם געסל פון בעריש מייזעלש, וואָס די דייטשן האָבן משנה שם געווען אויף קוזשע (הינער־געסל), פּונקט ווי זיי האָבן די זאַמענהאָף־גאַס צוריק אָנגערופן דזשיקע.

דער שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט נישט אַריינגענומען דאָס דאָזיקע געסל, וואָס איז געווען אַ מין הינטערהויפּטס־בריק צווישן די נאַלעווקעס און זאַ־מענהאָף־גאַס, און זיינע אָנגריף־פּלענער. דאָס דאָזיקע געסל איז דעם 20־טן אַפּריל געוואָרן אַ צופעליקע אַרענע פון אַ קורצדויערנדיקן אָבער זיגרישן קאַמף פון די אויפ־שטענדלער.

דער קאַמף אויפן צופעליקן אָפּשניט פון מייזעלש־געסל זאָגט עדות, אַז די יידישע קעמפער האָבן שוין ביים אָנהייב אַרויסגעוויזן אַן אויסגעצייכנטע אָריענטאַציע און אַ פעיקייט אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט פאַר אָנגרייפן דעם שונא און גרוים איינפאַלערישקייט.

די אָנטיילנעמער פון דעם קאַמף, דער פאַרשטאַרבענער טביה באָזשיקאָווסקי און דער לעבן־געבליבענער חיים פרימער, גיבן איבער די פאָלגנדיקע שילדערונג:

געפינענדיק זיך על פּי צופאַל אויף דער הינער־גאַס און פּילנדיק, ווי די דייטשן יאָגן זיך נאָך אונדז, האָבן מיר דאָ איינגעאָרדנט אַ לויערונג. מיר האָבן זיך פאַרטאַיעט און

אַריינגעכאַפּט די דייטשן אין אַ קרייץ־פייער. די דייטשן האָבן באַצאָלט מיט עטלעכע מתים. מיר זענען אַרויס גאַנץ און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון מילע־גאַס, ווו עס זענען שוין זינט עטלעכע טעג פאַרגעקומען קאַמפן.

## די רויטע פאָן איבער מילע.
## דער טויטן־שפרונג דורך פייער

מילע, די גאַס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און אָרעמקייט, איז געווען דער הויפּט־צענטער פון די יידישע קעמפער. די גאַס האָט זיך געפונען אין די הענט פון די אויפשטענדלער. דאָ איז געווען טעטיק דער שטאַב פונעם אויפשטאַנד. דאָ האָט זיך געפונען אַ גרויסע צאָל אונטערערדישע בונקערס און אויך די געווער־מאַגאַזינען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אויף איינעם פון די העכסטע הייזער פון דער גאַס האָבן די אויפשטענדלער אַרויסגעהאַנגען אַ רויטע פאָן. איינער פון די צילן פון סטראָאָפּס אָנגריף אויף מילע, דעם 20־טן אַפּריל, איז געווען צו דעראָבערן די פאָן. דאָס האָט געקאָסט די דייטשן אַ סך מי, און אויפצוואָרגנס האָט זיך דער ס.ס.־גענעראַל סטראָאָפּ גערימט אין דער אָנוועזנקייט פון אַ צווייטן ס.ס.־גדול, אָדילאָ גלאָבאָצניק פון לובלין, מיט אָט דער טראָפּיי.

די אַקציע קעגן די אויפשטענדלערישע פּאָזיציעס אויף מילע האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אין דער זעלביקער צייט, וואָס אויפן ברעשטער־געביט, ד. ה. — נאָכמיטאָג. די דייטשן האָבן דאָ נישט געהאַט פאַר זיך איין קאָנצענטרירטע יידישע פּאָזיציע, נאָר אַ גאַנצע ריי ווידערשטאַנד־פונקטן. די שלאַכט איז געווען אַ צעשטויבטע. לײַדער פאַרמאָגן מיר נישט קיין גענויע באַשרייבונג פון די קאַמפן אויף מילע. עס איז נאָר געבליבן פאַרצייכנט איין כאַראַקטעריסטיש בילד:

אויף אַ דאַך איז ביי אַ מאַשין־געווער געלעגן אַ יונגער בחור און אויסגעשאָסן אין די דייטשן אַלע קוילן. צום סוף איז ער געטראָפן געוואָרן פון דעם שונאס אַ קויל און איז געבליבן ליגן טויט ביים מאַשין־געווער.

אין דער זעלביקער צייט האָבן די דייטשן געטריבן אַ גרופּע שוואַכע ייִדן צום אומשלאַג־פּלאַץ. אויף מילע עק זאַמענהאָף האָט אַ ייִדישע קאַמפּף־גרופּע געעפֿנט אַ פֿייער. די דייטשן זענען זיך צעלאָפֿן, שיסנדיק אין די געפֿירטע ייִדן, וועלכע האָבן אָבער תּיכּף אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן.

איינע פֿון די סאַמע טראַגישע שלאַכטן האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף מילע 5.

די דייטשן האָבן באַלאַגערט דאָס הויז און אויפֿגעפֿאָדערט די ייִדן אַרויסצוגיין. די ייִדן האָבן סאַבאָטירט דעם באַפֿעל. די דייטשן האָבן גענומען באָמבאַרדירן דאָס הויז. דאָס הויז איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך פֿלאַמען. דער ייִדישער המון איז אַרויס פֿון די ברענענדיקע דירות אויפֿן הויף. די לאַגע איז געווען אַ פֿאַרצווייפֿלטע — פֿון איין זייט פֿלאַמען, פֿון דער צווייטער — די באַוואָפֿנטע דייטשן, וועלכע האָבן געלויערט פֿאַרן טויער. פֿון ביידע זייטן דראָט טויט.

די ייִדן אויפֿן הויף האָבן אַרומגערינגלט די גרופּע קעמפֿער, וואָס האָט זיך דאָ געפֿונען. די ייִדן האָבן געהאַט צוטרוי צו די קעמפֿער, געגלייבט, אַז זיי וועלן געפֿינען אַן אויסוועג.

דער איינציקער אויסוועג איז געווען — מאַכן אַ שפּרונג דורכן פֿייער, דורכן ברענענדיקן טויער און אין זעלביקן מאָמענט באַשיסן די דייטשן. דאָס איז געווען אַ טויטן־שפּרונג פֿון איין פֿייער אין צווייטן: די קעמפֿער זענען געשפּרונגען די ערשטע, די גאַנצע מענטשן־מאַסע נאָך זיי. די דייטשן זענען שוין גישט געווען, זיי האָבן אַפֿנים נישט געוואָלט ריזיקירן אַ פּנים־אל־פּנים־טרעפֿונג מיט מענטשן גרייטע אויף אַלץ. די ייִדן זענען אַרויס, אָבער טייער באַצאָלט פֿאַרן טויטן־שפּרונג. זיי זענען אַרויס מיט אָפּגעברענטע פּנימער און האָר, מיט וווּנדן אין די הענט און פֿיס, מיט פֿלאַקערנדיקע מלבושים.

## די ערשטע קאַמפן
## אויף לעשנאָ, נאָוואָליפּיע, סמאָטשע

די אַלע אויבן־באַשריבענע שלאַכטן זענען פאָרגעקומען אויף אַ פאַרהעלטענישמעסיק נאָענטער טעריטאָריע. אַ סך ווייטער פון די פריערדיקע אָפּשניטן איז געלעגן דער פינפטער סעקטאָר פון די שלאַכטן פון 20־טן אַפּריל, די גראָד־זייט פון לעשנאָ (זי איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם אום־זייט דורך אַ געטאָ־מויער) און אויך נאָוואָליפּיע, נאָוואָליפּקי און סמאָטשע.

דאָ האָבן נאָך אַלץ געפּרוּווט באַלעבאַטעווען די דייטשישע פאַבריקאַנטן און פאַרטרויונגס־מענער פון ס.ס. טעבענס און שולץ, וועלכע האָבן כסדר צוגערעדט די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון זייערע שאָפּן זיך צוצושטעלן פרייוויליק צום טראַנספּאָרט. דאָס, וואָס קומט פאָר אין די אַנדערע ראַיאָנען פון געטאָ, די שיסערייען און קאַמפן — האָבן זיי ציניש געטענהעט — איז די שולד פון די האַרטיקע ייִדישע באַנדיטן, וואָס ווייזן נישט אַרויס קיין דאַנקבאַרקייט די דייטשישע באַלעבאַטים, וועלכע זענען דאָך גאָר אויסן די טובה פון די ייִדן. טעבענס און שולץ האָבן געגעבן סטראָאָפּן, ער זאָל נישט שיקן קיין מיליטער אין זייערע שאָפּן, ווייל זיי וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן מיט די ייִדן. עס האָבן זיך אויך געפונען פאַרעטער, ייִדן דירעקטאָרן און שותּפים פון די דייטשישע אונטערנעמער, וועלכע האָבן צוגערעדט די ייִדן אַרויסצוגיין מיט גוטן.

אָבער די ייִדן האָבן בדרך כּלל נישט געפאָלגט, זיך פאַרשטעקט אין כּלערליי באַהעלטענישן און סאַבאָטירט די פאַראָרדענונג.

די קאַמפן, וואָס זענען אָנגעהויבן געוואָרן אויפן שאָפּן־געביט דעם 20־טן אַפּריל, זענען דעריבער נישט געווען קיין אַקט פון פאַרטיידיקונג, נאָר פון אָנגריף. די שאָפּן זענען נאָך געווען נישט אָנגערירט. די ייִדישע קעמפער האָבן געוואָלט העלפן זייערע ברידער פון צענטראַלן געטאָ און אַטאַקירט די דייטשישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן דורך לעשנאָ און סמאָ־

טשע מאַרשירט אין דער ריכטונג פון נאַלעווקעס און זאַמענהאָף.

די הויפּט=פּאָזיציעס פון דער יידישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע האָבן זיך דאָ געפונען אין די הייזער: לעשנאָ 36, 72, 74 און 76, נאָוואָליפּיע 31, 41, 66 און 67 און סמאָטשע 4 — 10. 6 א. ז. אינדערפרי האָט דורך דער „אַרישער" אומזייט פון לעשנאָ דורכמאַרשירט אַ דייטשישער צוג מיט טאַנקן בראש, די סאָלדאַטן האָבן אונטער די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער געזונגען אַ לוסטיק מיליטעריש לידל. פּלוצים זענען פון די אויפשטענדלער=פּאָזיציעס, פון די פענצטער פון לעשנאָ 74 און 76 אַ פלי געטאָן איבערן געטאָ=מויער ביקסן= און פּיסטאָלעטן=קוילן, אויפרייס=פלעשער, גראַנאַטן און צוויי פּעטאַרדעס. תיכף ומיד רופן זיך אָפּ די אַנדערע פּאָזיציעס פון לעשנאָ=גאַס. אַכט דייטשן פאַלן צעמזיקטע אויפן ברוק.

דער העלדישער אָנגריף פון די יידישע אויפשטענדלער אויף לעשנאָ האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער פּויליש=דעמאָקראַטישער און אונטערערדישער פּרעסע. דער „גוואַרדזשיסטאַ" פון 20=טן אַפּריל האָט געשריבן בפירוש: „אויפן געביט פון טעבענס און שולץ האָט מען אַטאַקירט די פאַרביימאַרשירנדיקע (היטלערישע) אָפּטיילונגען מיט גראַנאַטן און פייער פון הייס געווען". דער קאָמוניקאַט פון דעם ראַט צו העלפן יידן האָט דעם 20=טן אַפּריל געמאָלדן: „אין די פרימאָרגן=שעהן זענען אויף דער מאַרשירנדיקער דורך לעשנאָ ס. ס.=אָפּטיילונג אומגעריכט געפאַלן האַנט=גראַנאַטן. די האַלטונג פון די יידן איז אַן אָפענסיווע".

איינער פון די יידישע לעבן=געבליבענע עדי ראיה פון דער דאָזיקער אָנגריף=שלאַכט, פעליקס אָלאַר, באַשטעטיקט אין זיין רעלאַציע די גלענצנדיקע האַלטונג פון די יידישע קעמפער פון אָט דעם אָפּשניט:

„פון די פראָנט=פענצטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן האַנט=גראַנאַטן. פון דער צווייטער זייט גאַס לאָזן זיך הערן אָכצן און זיפצן פון פאַרוווּנדעטע דייטשישע זעלנער. עס הייבט זיך אָן אַ קעגנזייטיקע שיסעריי. אונדזערע שיסן פון די פענצטער, זייערע — פון גאַס. אונדזערע האָבן געקעמפט,

ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט. די מיידלעך האָבן צוגעטראָגן גראַנאַטן. איך האָב געקוקט אויף די רואיקע פּנימער פֿון די מיידלעך, די פּנימער אָן טרערן, אָן פּחד, זיי זענען געווען גרייט צו שטאַרבן אויפֿן אָרט, אָבער מיט אַ ווירדיקן טויט. קיינמאָל אין לעבן וועל איך אָט די פּנימער נישט פֿאַרגעסן".

די פֿאַרבינדלערין רבֿקה פּעקער האָט אין נאָמען פֿון דעם שטאַב=פֿאָרשטייער אויפֿן שאָפּ=געביט אליעזר געללער תיכּף איבערגעגעבן דעם ראַפּאָרט פֿון די געשעענישן צום הויפּט=שטאַב אויף מילע גאַס.

אַ קורצע צייט נאָך דעם זענען אויסגעבראָכן קאַמפֿן אויף סמאָטשע, נישט ווייט פֿון נאָוואָליפּיע. ריכטנדיק זיך, אַז דורך דאָרטן וועט דורכגיין אַ צווייטער ס.ס.=צוג צום צענטראַלן געטאָ, האָבן די קעמפֿער פֿון סמאָטשע אונטערגעלייגט אונטערן ברוק אַ מינע. דער מזל האָט זיי אָבער נישט צוגעשפּילט. די דייטשן זענען אַדורך בשלום, וואָרעם די מינע האָט נישט אויפֿגעריסן. די אויפֿשטענדלער האָבן זיך נישט איינגעבראָכן און תיכּף באַוואָרפֿן אַ טאַנק מיט אויפֿרייס=פֿלעשער. דער טאַנק איז געבליבן שטיין אין פֿלאַמען. אויף דער סמאָטשע=פּאָזיציע האָט זיך געפֿונען די יונגע קעמפֿערין האַרקע גאָלדקאָרן. אָט ווי זי באַשרייבט די גרויסע שמחה פֿון די ייִדן, ווען זיי האָבן דערזען דעם ברענענדיקן טאַנק: „ווען מיר האָבן דערזען, אַז דער טאַנק ברענט, האָבן מיר אָנגעהויבן שפּרינגען פֿון פֿרייד. דאָס איז געווען דער שענסטער מאָמענט אין אונדזער לעבן. דערנאָך זענען שוין אַזעלכע פֿריידיקע מינוטן מער נישט געווען".

סטראָפּ האָט באַפֿוילן צו אַטאַקירן די אויפֿשטאַנדפּאָזיציעס אויף לעשנאָ און סמאָטשע מיט דער גאַנצער פֿײַער=קראַפֿט. די אויפֿשטענדלער ווערן געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן לעשנאָ און זיך צוריקציען אויף נאָוואָליפּיע.

די נקמה פֿון די דייטשן דריקט זיך אויס אין חרובֿ מאַכן דירות, אויפֿרייסן בונקערס, אַרויסטרייבן די ייִדן, שיסנדיק אַ סך אויפֿן אָרט.

אין די אָנגריף=קאַמפֿן אויף לעשנאָ האָבן זיך אויסגעצייכנט די קעמפֿער אליעזר געללער און רבֿקה שמוטקע, וועל=

בע האָבן די ערשטע געשלייערטע אין די דייטשן גראַנאַטן און פּעטאַרדעס. די נעמען פון די אומגעקומענע יידישע קעמ־פער פון לעשנאָ און סמאָטשע זענען געבליבן אומבאַקאַנט. צווישן די דאָזיקע אַנאָנימע העלדן זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גרויס איינפאַלערישקייט געפּאָרט מיט געוואַלדיקער גבורה. און איין פון אַט די קאַמפן לייענען מיר, למשל, אַט וואָס: „פון איין טויער איז אַרויס אַ יונגער ייד מיט אויפגעהויבענע הענט און אויסגערופן צו די דייטשן: „סמאָטשע 5 גיט זיך אונטער!" — די דייטשן זענען אַוועק צום טויער. אין דעם מאָמענט, ווען זיי זענען שוין געווען גענוג נאָענט, האָט מען זיי פון אינעווייניק מכבד געווען מיט אַ שטאַרקן פייער. דער קרבנות־גרייטער יידישער קעמפער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן, אָבער די לעצטע האָבן באַצאָלט אַ פיל העכערן פּרייז".

די יידישע קעמפער פון לעשנאָ און סמאָטשע האָבן אָבער אויך געהאַט גרויסע פאַרלוסטן. בלויז אויף איין פּאָ־זיציע, ווו עס האָבן געקעמפט 56 אויפשטענדלער, זענען דעם 20־טן אַפּריל געפאַלן אין שלאַכט 20 בחורים און מיידלעך.

דעם זעלביקן טאָג זענען די דייטשן אין אַ געוויסן מאָ־מענט געוואָרן אָנגעגריפן אויך פון דער צווייטער זייט.

## דער סאָלידאַריטעט־אַרויסטריט פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע אויף נאָוואָליפּיע — נאַוויניאַרסקע

גלייך ווי עס זענען דעם 19־טן אַפּריל געפאַלן אין געטאָ די ערשטע שאָסן פון די יידישע קעמפער איז אין אַ קאָנספּיראַטיוון לאָקאַל אויף בריסקער גאַס אויף פּראַגע פאַרגעקומען אַ זיצונג פון דער וואַרשעווער אָנפירונג פון דער פּוילישער לינקער פּאָלקס־גוואַרדיע, ווו עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוגרייפן די דייטשישע אַרטילערישע באַטעריע, וואָס האָט זיך געפונען אויף נאַוויניאַרסקע גאַס אַנטקעגנ־איבער דעם בערישטער־געביט און באָמבאַרדירט די פּאָזיציעס פון קעמפנדיקן געטאָ. די פּאָלקס־גוואַרדיע, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען קליין אין צאָל און אָרעם אין געווער, האָט

געוווסט, אַז עס וועט איר סטאַיען כוחות נאָר אויף אַזאַ מין סאָלידאַריטעט־אַקציע. דאָס שטום מאַכן די דייטשישע באַטעריע איז אייגנצייטיק געווען אַ געוויסע הילף פאַר די יידן.

אין דער אַקציע האָט זיך באַטייליקט די ספּעץ־גרופּע פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע א. ג. פון לודוויק ווארינסקי: די קונסטמאָלער פראנציסעק באַרטאָשעק (דער קאָמאַנדיר) און זיגמונט באָבאָווסקי, יעזשי דוראטש — דער זון פון בארימטן פּאָליטישן פארטיידיקער טעאָדאָר, די העלדישע יידישע קעמפערין און פאַרבינדלערין מיטן געטאָ ניוטע טייטעלבוים און נאָך עטלעכע.

די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ פולשטענדיקן דערפאָלג דעם 20־טן אַפּריל אַ פערטל אויף 7 פאַרנאַכט. די גאַנצע מאַנשאַפט פון דער באַטעריע, צוויי דייטשישע אַרטילעריסטן און צוויי פוילישע פּאָליציאַנטן, איז אַוועקגעלייגט געוואָרן טויט. דער האַרמאַט איז געבליבן שטום. מצד די גוואַרדיסטן איז נישט געווען קיין שום פאַרלוסט.

די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר די אויגן פון אָנגעזאַמלטן המון דייטשן און סתם פעבל.

דער זעלביקן טאָג האָט אַ צווייטע גרופּע פון דער פאָלקס־גוואַרדיע אונטער דער אָנפירונג פון לערסקי (אַ ייד, לערנער) און אין באַשטאַנד פון פיר פוילישע קעמפער אָנגעגריפן אַ וואַך פון ס.ס.־לייט און פוילישע פּאָליציאַנטן אויף גענשע עק אָקאָפּאָווע. די אַקציע איז געלונגען בלויז טיילווייז.

## די סאָלידאַריטעט־אַקציע פון אַ. ק.־יוגנט אויף סאַפיעזשינסקע

דעם 19־טן אַפּריל איז אין וואַרשע אויך פאָרגעקומען אַ געהיימע זיצונג פון דער הויפּט־קאָמענדאַטור פון דער א. ג. לאַנדס־אַרמיי (אַ. ק.), וועלכע איז אונטערגעלעגן דער שיקאָרסקי־רעגירונג אין לאָנדאָן. די זיצונג איז נישט געווען ספּעציעל געווידמעט דעם געטאָ־אויפשטאַנד. דער הויפּט־קאָמאַנדיר גענעראַל „גראָט“ (סטעפאַן ראָוועצקי) איז נישט געווען אָנוועזנדיק, עס האָט אים פארטראָטן גענעראל „באָר“ (קאָמאָראָווסקי), אַ מענטש פון די ענדעקיש־אַנטיסעמיטישע

קרייזן. דער קאָמאַנדיר פון דעם וואַרשעווער קרייז אַ.ק., פּולקאָווניק „מאָנטער“ (אַנטאָני כרושטשעל) האָט דערקלערט הילף=גרייטקייט לטובת דעם קעמפנדיקן געטאָ, וואָס איז מיט פאַרוואונדערונג אויפגענומען געוואָרן דורך גענעראַל „באָר“. „מאָנטער“, וועלכער איז געשטאַנען נאָענטער צו די פּוילישע דעמאָקראַטישע קרייזן, האָט געגעבן אַ באַפעל צו אָרגאַניזירן אַ קאַמפּס=אַקציע הינטער די מויערן פון געטאָ. די אַקציע איז צושטאַנדגעקומען דעם זעלביקן טאָג אַרום 7 א. ג. פאַרנאַכט. עס האָט זיך אין איר באַטייליקט א גרעסערע א.ק.=גרופּע פון דער פאָרשטאָט טאַרגווועק. זי איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און שול=יוגנט אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן „כוואַצקי“ (יוזעף פּשענני). די גרופּע האָט געדאַרפט אויפרייסן דעם מויער=אָפּשניט אויף סאַפּיעזשינסקע גאַס, כדי דערמיט דערמעגלעכן אַ געוויסער צאָל ייִדן אַרויסצורייסן זיך און אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון דעם ראַיאָן זשאָליבאָזש.

ביים דורכפירן די אויפגאַבע איז די גרופּע אומגעריכטערהייט אַטאַקירט געוואָרן דורך די דייטשן מיט אַ געוואַלדיקן פייער. דאָס האָבן פּוילישע פּאָליציאַנטן, באַמערקנדיק די א.ק.=זעלנער, אַליאַרמירט די דייטשן. די אַקציע איז געשטערט געוואָרן, דערפאַר איז אויסגעבראָכן אויפן אָרט אַ שלאַכט, אין וועלכער עס זענען געפאַלן פון איין זייט צוויי דייטשישע און צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן, און פון דער צווייטער — די צוויי אַ.ק.=זעלנער אויגעניוש מאָראַווסקי און יוזעף ווילק; עס זענען אויך געווען צוויי שווער און עטלעכע לייכט פאַרוואונדעטע פּאָליאַקן.

די גרופּע האָט זיך צוריקגעצויגן אונטער דער דעקונג פון דער נאַכט מיטנעמענדיק מיט זיך די טויטע און פאַרוואונדעטע חברים.

## יאַנקל ראַקאָווער און זיינע חברים רייסן זיך אַרויס פון געטאָ

עס איז פאַראַן אַ שפּור, אַז וועגן דער אַקציע פון דער גרופּע פון קאַפּיטאַן „כוואַצקי“ האָט געוווסט איינע פון די באַוואָפנטע טרעגער=גרופּן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף מילע

און וואָלינסקע. איר קאָמאַנדיר איז געווען דער טרעגער יאַנקל ראַקאָווער, וועלכער האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די גע־לעגנהייט און זיך אַרויסרייסן פון געטאָ.

דורך סאָפּיעזשינסקע איז, ווי געזען, די זאַך, נישט גע־לונגען. אָבער ראַקאָווער איז שפּיץ פון אַ טויט באַוואָפנטע טרעגער האָט זיך דאַך אַדורכגעריסן דורך דעם יידישן בית עולם אויף גענשע־אָקאָפּאָווע אזש קיין זשאָליבאָזש, און פון דאַנען זענען זיי אוועק אין א פּארטיזאנער אָפּטיילונג פון דער פערטער בריגאַדע פון פּ.אַ.ל. (פּוילישע פאָלקס־ארמיי). אפּנים אין דער קאַמפּינאָסער פּושטשע.

מער האָט מען פון זיי נישט געהערט.

יאַנקל ראַקאָווער איז געווען אַן אויסגעדינטער מיליטער־מאַן, אַ געוו. אונטעראָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי.

וועגן זיין אַרויסרייסן זיך פון געטאָ גיבן איבער סיי אַ יידישע עד ראיה (קלמן מענדעלסאָן), סיי דער א.ק.־קאָ־מאַנדיר „מאַנטער" (כרושטשעל) אין אַ בריוו צום מחבר פון דעם דאָזיקן בוך *.

## אויף קידוש השם

אין יענע טעג האָט מען געקאָנט זען אויך אַן אַנדער מין העלדישקייט.

אין גאַס האָט געבושעוועט אַ שיסעריי. די היטלעריסטן און זייערע יוצר משרתים האָבן פּאָגראָמירט די אויסגע־ליידיקטע יידישער הייזער. ביכער, ספרים, ספר־תורה'ם האָבן זיך געוואַלגערט אויפן ברוק. פּלוצים איז פון אַ באַ־העלטעניש אַרויסגעלאָפן אַן עלטערער ייד, זיך איינגעבויגן איבער אַ פאַרשוועכטער ספר תורה און געוואָלט זי ראַטע־ווען. דאָס האָט באַמערקט אַן „אַסקאַר" און אָנגעצילעוועט זיין ביקס אויפן ייד, וועלכער איז אַוועקגעפאַלן אַ דורכגע־לעכערטער מיט דער קויל, צודעקנדיק מיט זיך זיין היי־ליקטום — די עלנטע, פאַרשוועכטע ספר תורה.

---

* אַנטאָני כרושטשעל איז געשטאָרבן מיט אַ צייט צוריק אין וואַשינגטאָן.

קאַפּיטל פיר

# די קאַמפֿן צווישן ברענענדיקע ווענט פֿון 21־טן ביז 26־טן אַפּריל

## פֿרישע קאַמפֿן אויף לעשנאָ

מיטוואָך, דעם 21־טן אַפּריל פֿאַרטאָג, האָט סטראָאָפּ קאָנצענטרירט זײַנע הויפּט־כּוחות אַרום שולצעס פֿאַבריק אויף לעשנאָ, זײַענדיק זיכער, אַז נאָך די נעכטיקע געשעענישן וועלן די ייִדן אַרויסגיין אָן ווידערשטאַנד צום טראַנספּאָרט. אויפֿן הויף פֿון דער אַרומגערינגלטער געבײַדע האָט דער דײַטשישער אונטערנעמער שולץ צונויפֿגערופֿן 7 אַזייגער אינדערפֿרי אַ מיטינג פֿון אַלע ייִדן. מיט ווייכע רייד אין איינצייטיק מיט דראָונגען האָט שולץ, וואָס איז געווען בגילופֿין, געשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער די ייִדן פֿאָרן גוטוויליק אַרויס קיין פּאָניאַטאָוו, אָדער ער לאָזט אַרײַן דאָס מיליטער, און דעמלט וועט זײַן אַ פּאָגראָם. פֿון המון זענען אָבער געפֿאַלן אויסגעשרייען: „ס'איז אַ שווינדל! איר ווילט אונדז אַרויספֿירן אויף טויט! גיט אונדז אָפּ אונדזערע פֿרויען און קינדער!“ דער המון האָט אָנגענומען אַ דראָענדיקע שטעלונג. שולץ איז גלייך נעלם געוואָרן. און אין פֿאַבריק־הויף איז אַרײַן מיליטער. די ייִדן זענען זיך צעלאָפֿן. פּלוצים זענען אויף די אַרײַנמאַרשירנדיקע דײַטשן געפֿאַלן גראַנאַטן. פֿיר דײַטשישע סאָלדאַטן זענען געבליבן ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט אויפֿן הויף פֿון שולצעס פֿאַבריק.

איצט זענען די דײַטשישע ס.ס.־מענער און זייערע אוקראַיִניש־לעטישע משרתים צוגעטראָטן צום פּאָגראָם, גענומען וואַרפֿן גראַנאַטן, אויפֿרייסן בונקערס, שיסן און שעכטן. די ייִדישע קאַמפֿס־גרופּן, וועלכע זענען צום טייל צוריקגע־

קומען פון סמאָטשע און צום טייל געבליבן אויפן אָרט נאָך פון נעכטן, זענען אַרויף אויף הויכע שטאָקן און באַשאָסן די היטלעריסטן. די לעצטע זענען געלאָפן נאָך זיי, די יידישע קעמפער האָבן זיך צוריקגעצויגן אַלץ העכער און לסוף — ווען אין דעם בנין איז אויסגעבראָכן אַ שריפה — זענען זיי אַוועק דורך די בוידעמער אין אַנדערע הייזער.

אין אָט דער אומגלייכער שלאַכט האָט זיך אויסגעצייכנט די קאַמפּס-גרופּע פון דוד נאָוואָדוואָרסקי.

איינצייטיק איז געקומען צו פייער-צוזאַמענשטויסן אויף סמאָטשע און נאָוואָליפּיע, ווו עס האָבן מיט דער פּאַרטיידיקונג אָנגעפירט די קאָמאַנדירן הערש קאַווע און אדם שוואַרצפוס. דער העלד פון די דאָזיקע קאַמפן איז געווען שמעון העללער, איינער פון די בעסטע שיסער פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. ער איז נישט דורכגעפאַלן מיט קיין איין שאָס. יעדער שאָס זיינער האָט געטראָפן אין אַ שונא.

## די פּאַרטיידיקונגס קאַמפן פון די בונקערס

דעם 21-טן אַפּריל האָט זיך דער אויפשטאַנד אויסגעשפּרייט אויף די גאַסן זאַמענהאָף, נאַלעווקעס, מילע, ניזקע, שטשעשנשליווע, וואָלינסקע, פּאָקאָרנע, פראַנציסקאַנער, שוויענטאָיערסקע, וואָלאָווע. דער טאָג האָט זיך אויסגעצייכנט דער עיקר מיט די פּאַרטיידיקונגען פון די בונקער-גרופּן. קיין שום בונקער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן פרייוויליק. „דער קעגנער — ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ דעם 21-טן אַפּריל — האָט היינט געקעמפּט מיט דער זעלביקער באַוואָפענונג וואָס נעכטן. ער האָט אָבער אויך אָנגעווענדט ספּעציעל צוגעגרייטע אויפרייס-מיטלען“. דאָס זענען געווען די פלעשער מיט ברען-שטאָף און וואַרשיינלעך אויך נייע מינעס.

אויף זאַמענהאָף 30 האָט אַ פאַרבאַריקאַדירטע יידישע קאַמפּס-גרופּע לאַנג געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. די דייטשן האָבן סוף כל סוף אונטערגעצונדן דאָס הויז.

אויף פראַנציִשקאַנער 36 האָט אַן אַנדער קאַמפּס־גרו־פּע באַשאָסן די אַריינדרינגענדיקע היטלעריסטן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן פון הויף.

אַזוי איז אויך געווען אויף וואַלאָווע 4.

מאַכנדיק דעם סך הכל פון דעם דאָזיקן בלוטיקן מיט־וואָך, ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ, אַז אַ 150 יידן זענען געפאַלן דעם טאָג אין קאַמף און אַן 80 פון די בונקער־אויפרייסן. ער מוז אָבער איינצייטיק מודה זיין, אַז די יידן קעמפן העל־דיש. באַזונדערס אַקצענטירט ער די קאַמפּסלוסטיקייט פון די יידישע קעמפערינס. ער האַלט זיי פאַר מיטגלידער פון דער „יידישער פרויען־קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע חלוצים־באַ־וועגונג".

דעם גאַנצן טאָג זענען אויף די יידישע הייזער געפאַלן באָמבעס — פון דער יבשה און פון דער לופט. וואָרעם אחוץ אַרטילעריע האָט סטראָאָפּ אַריינגעצויגן אין קאַמף אויך עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן באַשאָטן דאָס געטאָ מיט פלוג־בלעטער צו קאַפּיטולירן און איינצייטיק געוואָרפן אויפרייס־און אַנצינד־באָמבעס.

דאָס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן בראַנט און איינצייטיק אין אַ גיהנום.

## די נאַכט פון 21־טן אויפן 22־טן אַפּריל

די דייטשן האָבן געמיינט, אַז אויפן געביט פון שולצס פאַבריק אויף לעשנאָ איז שוין דער יידישער ווידערשטאַנד „אויסגערויכערט". עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן גלייך דעם 21־טן אַפּריל ביינאַכט, אַז די יידישע קעמפער זענען ווידער דאָ אויפן פּלאַץ. אַן עד ראיה יצחק גיטלער, וועלכער האָט נאָכן אויפשטאַנד פאַרצייכנט אין אַ מלינה אויף דער „אַרישער" זייט זיינע זכרונות, גיט אַ שילדערונג פון די גע־שעענישן אויף לעשנאָ אין דער נאַכט פון מיטוואָך דעם 22־טן אַפּריל:

ביינאַכט האָבן זיך אויף די דעכער און בוידעמער מיט־אַמאָל ווידער באַוויזן די יידישע קעמפער. זיי האָבן אָבסער־

ווירט די באַוועגונגען פון די דייטשישע וואַכן און באַזוכט די בונקערס, ווו עס האָט זיך באַהאַלטן די ציווילע באַפעל־קערונג. היות געוויסע בונקערס זענען שוין ביי טאָג געווען דעקאָנספּירירט, האָבן די קעמפער געהאָלפן די מענטשן זיך איבערטראָגן אין נייע בונקערס. דאָס איז געווען אַ מאָדנע עקספּעדיציע. אונטער דער שוץ פון די באַוואָפנטע קעמפער האָבן געפּויזעט ביי נאַכט צוויי לאַנגע שורות מענטשן אויף די דעכער. עס איז געווען ליכטיק, ווייל עס האָבן געפלאַ־קערט די אונטערגעצונדענע הייזער. די אַלטע פרויען האָבן די קעמפער געשלעפּט אויף זיך, שאַרנדיק זיך אויף אַלע פיר איבער די דעכער. עס איז אויסגעקומען איבערצוגיין איבער ברעטער און כמו־בריקן פון איין דאַך אויפן צווייטן.

מיט דער אויסטערלישער רעטונגס־אַקציע האָבן אָנגע־פירט צוויי דרייסטע און פלינקע בחורים, וועלכע דער עדות געדענקט בלויז לויט די נעמען: יאַקוב און לאָלעק. קאָן זיין, אַז דאָס זענען געווען די גרופּן־קאָמאַנדירן יעקב פייגענבלאַט (פון „גורדוניה") און לעוו רודניצקי (פון פּ.פּ.ר.).

## דאַנערשטיק, דעם 22־טן אַפּריל — פרישע קאַמפן אויף לעשנאָ

די ענערגיע און די רירעוודיקייט פון די יידישע קעמ־פער אויף לעשנאָ־גאַס איז געווען אָן אַ שיעור. נאָך דער געפערלעכער נאַכט־עקספּעדיציע האָבן זיי זיך באַניים גע־יאַוועט דאָנערשטיק דעם 22־טן אַפּריל אינדערפרי און גע־שטערט די היטלעריסטן אין זייער ווייטערדיקער אַקציע פון פּאָגראָמירן און דעפּאָרטירן די יידן.

די דייטשן און זייערע משרתים האָבן אָנגעהויבן די דאָנערשטיקדיקע אַקציע פון אויפרייסן די טויערן פון די לעשנאָ־הייזער מיט גראַנאַטן. דערנאָך זענען זיי אַריינגעדרונ־גען אינעווייניק און צוגעטראָטן צו צעשמעטערן די בונקערס.

די יידישע קעמפער, פּאַרטאַיעט אויף די שטאָקן, האָבן אַטאַקירט די דייטשן מיט שאָסן און גראַנאַטן. די דייטשן אַנטלויפן און שטעלן זיך אָפּ אויף אַזוי ווייט, אַז די טויט־

מתנות פון די יידן זאָלן זיי נישט דערגרייכן, און פון די פּאָזיציעס עפענען זיי אויף די געפּערלעכע שטאָקן אַ פייער פון גראַנאַטנוואַרפער, קענען וועלכע די אויפשטענדלער זענען געווען מאַכטלאָז.

ענלעכע ווידערשטאַנד־אַקטן האָבן די יידישע קעמפער דורכגעפירט דעם דאָזיקן טאָג אויך אויף אַנדערע אָפּשניטן פונעם געטאָ־פראָנט.

## דאָס געטאָ אין פלאַמען

סטראָאָפּ האָט זיך דעם טאָג אַרומגעזען, אַז ער שטעלט איין זיינע מחנות אויף גרויסע קרבנות. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אויסצומיידן ווי ווייט מעגלעך פּנים־אל־פּנים־צו־זאַמענשטויסן מיט די יידישע קעמפער און ברעכן דעם אַק־טיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון די יידן דורך שריפות. ער האָט געגעבן אַ באַפעל אונטערצוצינדן וואָס מער הייזער. דעם 22־טן אַפּריל האָט זיך אָנגעהויבן די ריזיקע שריפה פון געטאָ, אַ בראַנד־שריפה, וועלכע די געשיכטע האָט נישט געקענט פון די צייטן, ווען דער האַלב־מטורפער קייסער נעראָן האָט אונטערגעצונדן רוים.

אָט די גרויליקע ענדערונג אין דער לאַגע פונעם געטאָ האָט געבראַכט צום אויסדרוק דער דעמאָלטיקער קאָמוניקאַט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע:

„דער דאָנערשטיקדיקער טאָג איז אַדורך אונטערן צייכן פון ריזיקע שריפות, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט די גאַסן שווינטאָיערסקע, פראַנציישקאַנער, וואַלאָווע, און נאַלעווקעס און נאָכמיטאָג אויך די זאַמענהאָף־גאַס. די שריפות זענען געוואָרן אַרויסגערופן דורך די צעשטער־ און אָנצינד־סנאַ־ריאַדן פון דער דייטשישער אַרטילעריע. איבערן גאַנצן געטאָ הענגען וואָלקנס פון רויך, וועלכע ווערן גרעסער פון שעה צו שעה. די הייזער־שריפות בושעווען מיט אַן אומבאַשרייב־לעכער קראַפט. די געטאָ־גאַסן זענען דורכגעדרונגען מיט אַ פרעסנדיקן, גערדיכטן רויך. זעענדיק, אַז דורך באַוואָפנטן קאַמף וועלן זיי נישט ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די יידי־

שע קעמפּער, האָבן די דייטשן באַשלאָסן זיי צו פּאַרטיליקן דורך פייער. אין די הייזער ברענען לעבעדיקערהייט טויזנ־טער פרויען און קינדער. פון די פלאַקערנדיקע הייזער הערט מען שרעקלעכע געשרייען און הילפס־רופן. אין די פענצטער פון אַ סך הייזער האָבן זיך באַוויזן מענטשן אַרומגענומענע מיט פלאַמען, לעבעדיקע פאַקלען".

סטראָאָפּ האָט מיט אַ סאַדיסטישער הנאה אונטערגע־שטראָכן אין זיין ראַפּאָרט פון 22־טן אַפּריל דעם רעזול־טאַט פון די אונטערצינדונגען: „מאַסנווייז, גאַנצע משפחות יידן, אַרומגעכאַפּטע מיט פלאַמען, האָבן געשפּרונגען פון די פענצטער אָדער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף צונויפגעבונדענע לייַלעכער. מען האָט געמאַכט באַמיונגען, אַז סיי די, סיי יענע יידן זאָלן ווערן תיכף ומיד ליקווידירט".

דער אויבן ציטירטער קאָמוניקאַט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע רעדט נישט וועגן דער מוראַנאָווסקע גאַס. אָבער אויך דאָ האָבן שוין דאָנערשטיק געברענט עט־לעכע הייזער. לאָמיר האָרכן, וואָס עס דערציילט וועגן דעם אַן עד ראיה, בערלאַנד:

„פון אַ פענצטער שפּרינגען אַרויס צוויי מענער און אַ פרוי. די האָר צעפלאָשעט, די געזיכטער פאַרשוואַרצט, די מלבושים ברענען אויף זיי... די דייטשן פאָטאָגראַפירן די „סצענע", לאַכן אויפן קול... אַלץ מער מענטשן לויפן אַרויס פונעם פייער, וואַרפן זיך אויף דער ערד, קאָרטשען זיך אין ווייען און די פלאַמען שפּרינגען אויף זיי, לאָזן נישט אָפּ. און קיינער לעשט זיי נישט, קיינער קומט נישט מיט הילף. מען הערט בלויז דעם חוזק־געלעכטער פון דעם טייוול אין מענטשלעכן געשטאַלט. די דייטשן שטעלן זיך איין צום סוף אין שורות און מאַרשירן אָפּ מיט געזאַנג אויף די ליפּן, צופרידענע, זיגערישע".

אָבער די זעלביקע זעלבסטצופרידענע אונטערצינדער האָבן פּחדנותדיק געמאַכט ויברח, ווען זיי זענען אַטאַקירט געוואָרן דורך די יידישע קעמפער. די שריפות האָבן טאַקע באַשווערט דעם קאַמף, אָבער די באַוועגלעכקייט פון די אויפ־שטענדלער האָבן זיי בשום אופן נישט איינגעבראָכן. אין

די גאַסן, וואָס זענען געשטאַנען אין פלאַמען, אויף שוויענ־טאָיערסקע, פראַנציסקאַנער און אויך מוראַנאָווסקע, און ווי באַקאַנט — אויף לעשנאָ, האָבן יידישע גרופן אַטאַקירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן די דייטשן. די לאַגע איז פאַר די לעצטע געווען געגוג שווער, והראיה: דאָנערשטיק האָט סטראָפּ געהייסן צונויפשטעלן אַזש דריי ראַפּאָרטן וועגן די קאַמפּס־געשעענישן אין דעם טאָג.

דעם 22־טן אַפּריל האָט אַניעלעוויטש אַרויסגעשיקט פון ברענענדיקן געטאָ אַ געהיימען בריוו צו די חברים אויף דער „אַרישער" זייט, אַז איז זיין אינהאַלט: „מיר זענען געזונט. צי האָט איר געשיקט שפּייז־פּעקלעך? (לייען: גע־ווער). געדענקט וועגן אייער (גראַנאַטן) און צוקערלעך (קוילן) און וועגן דעם, וואָס דאָס איז וויכטיקסטע פאַר דער מומע (ביקסן). וורשט (רעוואָלווערן) קאָנט איר נישט שיקן. מיר פאַרטראַכטן זיך איבער דעם, ווי זיך מיט אייך צו זען. זאָל ט. (טוביה שיינגוט, דער פאַרבינדלער) גיין אויפן בית עלמין, תפילה טאָן פאַר די נשמות פון די געשטאָרבענע".

דער פּשט פונעם לעצטן זאַץ איז: איינהאַלטן די פאַר־בינדונג דורכן בית עולם.

## דער העלדישער אויפטו פונעם קעמפער מיכאַלעק

אין די דאָזיקע טעג האָבן אויפגעגלאַנצט פאַרשידענע גבורה־אַקטן פון די יידישע קעמפער. וועגן עטלעכע האָבן מיר שוין געשריבן. איצט לאָמיר דערציילן וועגן אַן אויסער־געוויינלעכן העלדישן אויפטו פון איינעם פון די יינגסטע אויפשטענדלער, וועלכן די חברים האָבן גערופן מיכאַלעק, און זיין אמתער נאָמען איז געווען: העניעק קליינוויים.

מיכאַלעק איז געווען אַ קינד פון געטאָ, אַ פאַרוואָר־לאָזט קינד פון דער גאַס, אַ מין יידישער גאַווראָש, וועלכן עס האָט אויסגעבאָוועט די גאַס, איינער פון אַ סך. פאַרן אויפשטאַנד האָט ער געלעבט פון פאַרקויפן אין גאַס „לי־מאָניאַד". ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער קעמפערי־

שער יוגנט און איז ערב דעם אויפשטאַנד אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. מיכאַלעק האָט תיכף געוואונען די סימפּאַטיע פון די קאַמפּס־חברים. ער איז געווען קלוג, מוטיק, רירעוודיק און גרייט יעדן צו העלפן. ער האָט זיך גוט אויסגעלערנט צו באַגיין מיט געווער.

מיכאַלעק האָט געקעמפּט אויפן לעשנאָ־אָפּשניט. ער פלעגט נעמען אויף זיך די סאמע געפערלעכע אויפגאבן און עקשנותדיק זיי אויסגעפירט. ער האָט נישט געוווסט, וואָס עס איז אַזוינס מורא.

איצט האָט ער באַקומען אַ באַזונדערס וויכטיקע אויפגאַבע: אַדורכפירן די חלוצישע יוגנט־טוערין חנה פּלאָטניצקאַ פון דער אויפשטענדלער־פּאָזיציע אויף לעשנאָ אויף דער צווייטער, „אַרישער“ זייט. פּלאָטניצקאַ האָט געדאַרפט אין נאָמען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאָרן קיין בענדין, כדי אין דאָרטיקן געטאָ צואיילן די צוגרייטונגען צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

די דאָזיקע עקספּעדיציע האָט געליטן אַ דורכפאַל, אָבער מיכאַלעק איז אַרויס ווי אַ העלד. פּלאָטניצקאַ, מיכאַלעק און אַ דריטער קעמפער זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּפירן די געפאַנגענע צו דערשיסן אָדער צום אומשלאַג־פּלאַץ.

וואָס האָט דעמלט געטאָן מיכאַלעק, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ זייער שנעלע אָריענטאַציע? אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם דער לעבן־געבליבענער געטאָ־קעמפער יעקב פוטערמילך, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען מיט מיכאַלעקן אויף איין קאַמפּס־ליניע:

מיכאַלעק האָט מיטאַמאָל דעם דייטשישן אָפיציר געזאָגט, אַז ער ווייס וועגן אַ בונקער, וווּ עס באַהאַלטן זיך אויס יידן. די דייטשן זענען געגאַנגען אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. ווען זיי האָבן זיך געפונען אין טויער פון לעשנאָ 74, האָט מיכאַלעק אין אָט דעם שמאָלן דורכגאַנג בליץ־שנעל אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און דערשאָסן

דעם אָפּיציר. איידער די אַנדערע דייטשן פֿונעם קאָנוואָי זע־גען געקומען צו זיך פֿון דער איבערראַשונג, איז שוין מיכאַ־לעק און זיין חבר נישט געווען. ווען די דייטשן האָבן גענו־מען שיסן, האָבן זיי געטראָפֿן אין חנה פּלאַטניצקאַ, וועלכע האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפֿן צו ווייט.

מיכאַלעק האָט זיך פּלוצים ווידער באַוויזן, דערשאָסן צוויי דייטשן און איז באַגיים געלם געוואָרן אַזוי שנעל, אַז די דייטשן איז געבליבן נישט מער ווי צו שיסן דעם חוצ־פּהדיקן ייד, וואָס האָט זיי געפֿירט אין באָד אַריין פֿאַר אַזאַ טייערן פּרייז.

אַ טייערן פּרייז האָבן אויך באַצאָלט די יידן — מיטן טויט פֿון חנה פּלאַטניצקאַ. דאָס איז געווען איינע פֿון די שענסטע געשטאַלטן פֿון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַווע־גונג אין פּוילן.

מיכאַלעק איז שפּעטער אומגעקומען אין קאַמף. ווען דער מחבר פֿון דעם דאָזיקן בוך האָט אָנגעפֿרעגט דעם דער־מאָנטן געטאָ־קעמפֿער יעקב פּוטערמילך, ער זאָל אָנרופֿן אַ באַזונדערס פֿאַרדינסטפֿולן אויפֿשטענדלער, האָט ער אָנ־געגעבן דעם נאָמען און די געשיכטע פֿון העניעק קליינוויים (מיכאַלעק).

מיכאַלעק איז געווען איינער פֿון אַ סך.

## די קאַמפֿן אין פֿלאַמען —
## פֿרייטיק דעם 23־טן אַפּריל

דעם 23־טן אַפּריל האָט הימלער אַרויסגעשיקט דורך דעם העכערן ס.ס.־ און פּאָליציי־פֿירער אין קראָקע קריגערן אַ באַפֿעל צו סטראָאָפּן צוצואיילן דאָס „אויסרייניקן" דעם געטאָ מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און פֿולשטענדיקער אומבאַרחמנותדיקייט. „איך האָב זיך דעריבער דעציידירט — שרייבט סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט — פֿולשטענדיק צו פֿאַרניכטן דעם יידישן וווין־ראַיאָן דורך פֿאַרברענגען אַלע הייזער־בלאָקן און אויך די, וואָס האָבן זיך געפֿונען ביי די באַוואָפֿענונגס־אונטערנעמונגען. איין אונטערנעמונג נאָך

דער צווייטער זענען געוואָרן סיסטעמאַטיש אויסגעליידיקט און דערנאָך פאַרניכטעט דורך פייער". סטראָאָפּ פאַרזיכערט אינעם ראַפּאָרט פון 23־טן אַפּריל זיינע שעפן, אַז: „די אַק־ציע דאַרף ווערן פאַרענדיקט אינעם היינטיקן טאָג".

ער האָט זיך אָבער טועה געווען. ער האָט נאָך דעם זעלביקן פרייטיק געמוזט מודה זיין: „די יידן און באַנדיטן האָבן זיך געהאַלטן ביזן לעצטן מאָמענט, כדי דערנאָך צו באַשיסן די אַטאַקירנדיקע איינהייטן". אין אָט די אָנגריפן אויף די אַטאַקירנדיקע דייטשישע אָפּטיילונגען האָבן זיך אויסגעצייכנט דעם טאָג די קאַמפּס־גרופּן פון אליעזר געלער, בנימין וואַלד, שמעון העלער, דוד נאָוואָדוואָרסקי, הערש קאַווע, וועלכע האָבן זיך ווידער באַוויזן אויף לעשנאָ און נאָוואָליפּיע און אָנגעטאָן צרות דעם שונא.

דעם זעלביקן טאָג זענען דערשינען אויף דער „אַרי־שער" זייט צוויי אויפרופן: איינער פון סטראָאָפּן, וועלכער איז שוין געוואָרן אָפיציעל באַשטימט פאַר פּאָליציי־ און ס.ס.־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט אויפן אָרט פון זאַ־מערן, און אַ צווייטער — פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע: איינער אַ לענגלער און אויסגעקלעפּטער אויף די מויערן און סלופּעס פון שטאָט, דער צווייטער אַן אומלעגאַ־לער, וועלכן מען האָט געמוזט פאַרשפּרייטן געהיים.

סטראָאָפּ האָט געמאָלדן, אַז דער אַריינטריט אין געטאָ איז פאַרבאָטן, פאַרן אַריינגיין אַהין אַן אַ דערלויבעניש קומט טויט־שטראָף.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געווענדט מיט אַן אַפּעל „צו די פּאָלאַקן, צו די זעלנער פון פרייהייט", געמאָלדן, אַז דער קאַמף גייט „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט" און ער וועט אָנהאַלטן ביזן לעצטן אָטעם.

זיין מחבר איז געווען דער יידישער סאָציאַליסטישער (בונדישער) טוער, יצחק סאַמסאָנאָוויטש. פאַרשפּרייט האָבן אים פּוילישע סאָציאַליסטן, טוער פון אונטערערד.

ווי אַ באַשטעטיקונג פון אַ פּראָטעסט קעגן סטראָאָפּס מעלדונג און פון אַ סאָלידאַריטעט מיטן אויפרוף פון דער

יידישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע זענען דעם 23=טן אַפּריל פאָרגעקומען נאָך עטלעכע סאָלידאַרישע קאַמפּס=ארויסטריטן פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד=באַוועגונג.

אַ קאַמפּס=גרופּע פון דער פאָלקס=גוואַרדיע אונטער דער אָנפירונג פון דעם געוו. שפּאַנישן קעמפער דר. הענריק שטענהעל („גוסטאַוו“) האָט אַטאַקירט אַ מאָטאָריזירטע אָפּטיילונג פון די דייטשן אויף דער פרעטאַ=גאַס אין אַלטשטאָט, פאַר אַ הויז, וווּ די דייטשן זענען אַריין זוכן באַהאַלטענע יידן. די אַקציע איז געלונגען פולשטענדיק. דער דייטשישער אויטאָ איז פאַרברענט געוואָרן, 4—5 דייטשן זענען געוואָרן דערהרגעט. די יידן זענען ניצול געוואָרן. די קאַמפּס=גרופּע האָט נישט געליטן קיין שום פאַרלוסט.

אַ צווייטע גרופּע פון דער פאָלקס=גוואַרדיע האָט אָנגעגריפן די דייטשן אויף גענשע. אין דער שלאַכט זענען גובר געווען די דייטשן. דער קאָמאַנדיר פון דער פּוילישער גרופּע לערסקי (לערנער) האָט זיך אַליין דערהרגעט מיטן אייגענעם גראַנאַט, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון שונא.

דעם זעלביקן טאָג האָבן צוויי קליינע גרופּן פון א.ק., וועלכע זענען באַשטאַנען בלויז פון אָפיצירן, אָנגעגריפן די דייטשן אין דער געגנט פון יידישן בית עולם. די אַקציעס זענען געווען מער פון דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער און קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן נישט געהאַט.

אויף דעם האָבן זיך פאַרענדיקט די סאָלידאַריטעט=ארויסטריטן פון א.ק. די דאָזיקע צאָלרייכע, גוט=אָרגאַניזירטע, גוט=באַוואָפנטע און איינפלוסרייכע פאָרמאַציע איז מער לטובת דעם קעמפנדיקן געטאָ נישט אויפגעטראָטן. אפילו וועגן די דורכגעפירטע אַקציעס, דעם 20=טן און 23=טן אַפּריל, האָט די אָנפירונג פון א.ק. נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו מעלדן דער עפנטלעכקייט.

אַקעגן=זשע די פאָלקס=גוואַרדיע האָט ברייט פאַרשפּרייט די קאָמוניקאַטן און גערופן אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס נאָכצוטאָן איר ביישפּיל.

וועגן ווייטערדיקער הילף פון דער פאָלקס־גוואַרדיע לטובת דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועלן מיר נאָך הערן.

## דער געוואַגטער פּלאַן אויפצורייסן דעם געסטאַפּאָ־אַמט

נישט געקוקט אויף די טראַגישע באַדינגונגען האָבן זיך די יידישע קעמפער נישט בלויז נישט איינגעבראָכן, נאָר גע־פּרוווט אונטערנעמען אַזעלכע אַקציעס, וואָס האָבן ווייט אי־בערגעשטיגן זייערע מעגלעכקייטן און כוחות. דעם זעלביקן טאָג פון 23־טן אַפּריל איז ביי דער קאַמפס־גרופּע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער געגנט פון נאָוואָליפּיע—קאַרמע־ליצקע, געבוירן געוואָרן אַ ממש פאַנטאַסטישער פּלאַן צו אַטאַקירן און אויפרייסן די בעפעלשטעלע פון געסטאַפּאָ אויף זשעלאַזנע 103, וווּ עס איז געווען די רעזידענץ פונעם תלין בראַנדט און אַן אָרט פון ענויים און רציחות אי־בער יידן.

די גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון נתן שולץ. איז טאַקע אַרויס אין דער ריכטונג פון זשעלאַזנע, מיטנעמענדיק מיט זיך אויפרייס־מאַטעריאַל. זי איז אָבער געוואָרן אָנגע־גריפן דורך שטאַרקע וואַכן. אין אַ קורצער, פאַרביסענער שלאַכט איז אומגעקומען דער רוב פון דער יידישער קאַמפּס־גרופּע. אויך די דייטשן האָבן באַצאָלט מיט עטלעכע טויטע און פאַרוווּנדעטע.

## שבת, דעם 24־טן אַפּריל — די יידישע קעמפער ענטפערן מיט פייער אויף פייער

און ווייטער פלאַקערט דאָס געטאָ. סאַפּערן פון דער ווערמאַכט גייען גרופּעסווייז איבער די גאַסן און רייסן אויף מיט דינאַמיט הויז נאָך הויז. עס קרייזן נאָך אַלץ אַעראָ־פּלאַנען און וואַרפן אָנצינד־באָמבעס. און דאָך גיבן זיך די קעמפער נישט אונטער. פאַרקערט, אין זייער קאָמוניקאַט

ווערט געזאָגט: „די קעמפער ראַנגלען זיך פאַרביסן. זיי דערלאַנגען דעם שונא קלעפּ. זיי צינדן אונטער די פאַבריקן און מאַגאַזינען פון דער דייטשישער קריגס־אינדוסטריע".

ס'איז דער 24־טער אַפּריל, דער ערשטער שבת פונעם אויפשטאַנד. די אויפשטענדלער ענטפערן מיט פייער אויף פייער, מיט שריפה אויף שריפה. זיי צינדן אונטער און פאַרניכטן די גרויסע גאַרבעריי פון פייפער און ווייגעל, די מיליטערישע מאַגאַזינען פון מאַנופאַקטור און וואָל־מאַטע־ריאַלן, די מיליטערישע קאָנסערוון־פאַבריק. סטראָאָפּ מוז אין זיין ראַפּאָרט מודה זיין, אַז נישט געקוקט אויף דער ריזיקער שריפה, ווילן די יידן ליבערשט צוריקגיין אין פייער איידער אַרויספאַלן אין די הענט פון די פעלקער־מערדער. „כסדר ביזן סאַמע פאַרענדיקן די אַקציע — ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ דעם 24־טן אַפּריל — האָבן די יידן געשאָסן, אַזוי אַז ביי דער ענדע פון טאָג האָט אַ גרופּע סאַפּערן אונטער דער שוץ פון אַ מאַשין־געווער געמוזט דערלאַנגען אַ שטאַרק בעטאָן־הויז". אַזעלכע קאַמפן קומען פאָר אויף מילע, באַ־ניפראַטן, מוראַנאָווסקע און אויף לעשנאָ, נאָוואָליפּיע און נאָוואָליפּקי.

אין אָט די לעצטע גאַסן לאָזט זיך שוין שבת בפירוש באַמערקן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער ציווילער באַפעל־קערונג האָט זיך פון די שרעקלעכע צרות איינגעבראָכן און גענומען בלית ברירה זיך מעלדן צום טראַנספּאָרט. עס יאָווען זיך יידישע מוסרים, טעראָריזירטע דורך דייטשן, וועלכע ווייזן אָן, וווּ עס געפינען זיך בונקערס, זיי מסרן און רעדן איינצייטיק צו די יידן אַרויסצוגיין, אַ נישט — וועלן זיי אומקומען אין די פלאַמען.

אין אַזעלכע אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען האָבן זיך נאָך אַלץ פאַרטיידיקט די קאַמפס־גרופּן פון לעש־נאָ 74, 76 און 78, פון נאָוואָליפּיע 67 און 68 און פון נאָ־וואָליפּקי 21 און 41. סטראָאָפּ האָט זיך אַליין מטריח געווען אויף דעם אָפּשניט, כדי צו באַוואונדערן, ווי אַזוי מענטשן קענען קעמפן אין ברענענדיקע הייזער. די קעמפער האָבן זיך אַרויפבאַקומען אויף די דעכער פון די הייזער, וואָס זענען

אונטן שוין געוואָרן אונטערגעצונדן, און פֿון דער הויך געשאָסן אין די דייטשן. סטראָפּ האָט באַפֿוילן צו אַטאַקירן מיט פֿייער פֿון מאַשין-געווער די דאַך-קעמפֿער. די לעצטע באַוועגן זיך פֿלינק פֿאַר די אויגן פֿון די האַקנקרייץ-העלדן, פֿון ווינקל צו ווינקל, פֿון דאַך צו דאַך, ביז זיי ווערן נעלם פֿון סטראָפּס אויגן.

## די עוואַקואַציע פֿון באַדראָטע בונקערס אויף מילע

דער זעלביקער שבת האָט געבראַכט אַ סך יסורים די איינוווינער פֿון מילע גאַס. דאָ האָבן זיך די שריפֿות און די עקספּלאָזיעס אַזוי צעהוליעט, אַז עס זענען באַדראָט געוואָרן נישט בלויז די הייזער, נאָר אויך אַ סך בונקערס. אין אָט דעם קריטישן מאָמענט איז געקומען צו הילף די יידישע קאַמפֿס-אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אונטערגענומען אַן אַקציע פֿון עוואַקואירן די ציווילע באַפֿעלקערונג פֿון די באַדראָטע בונקערס אין אַנדערע, מער זיכערע. די מענטשן פֿונעם בונקער אויף מילע 29 זענען איבערגעפֿירט געוואָרן אין אַן אַנדער אָרט אין אַ מוסטערדיקער אָרדענונג, נישט געקוקט אויף דער אַרום צעבושעוועטער פֿאַרטיליקונגס-אַקציע. די עוואַקואַציע איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך די קאַמפֿס-גרופּן פֿון אהרן בריסקין (פּאַוועל) און לוטעק ראָטבלאַט. אין אַוואַנגאַרד און אַריערגאַרד האָבן געשפּאַנט קעמפֿער באַוואָפֿנטע מיט ביקסן, רעוואָלווערן און גראַנאַטן. צווישן זיי איז געגאַנגען אַ מאַסע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לעת עתה אין אַ בונקער אויף מילע 9.

דעם זעלביקן טאָג האָט די קאַמפֿס-גרופּע פֿון זכריה אַרטשטיין דורכגעפֿירט אַ רעטונגס-עקספּעדיציע פֿון אַ גרויסער צאָל יידן אויף ניזקע. דאָס איז געווען 6 ג. מ., נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אַטאַקירט די דאָזיקע גאַס און באַגאָסן אַ ריי הייזער מיט נאַפֿט, כּדי זיי אונטערצוצינדן. אַרטשטיינס גרופּע האָט געעפֿנט אַ פֿייער אויף די דייטשן. נאָך אַ קורצער און פֿאַרביסענער שלאַכט האָבן די יידישע קעמפֿער געמוזט אָפּטרעטן, אָבער קודם כּל האָבן זיי אַרויסגע-

ראַטעוועט די ציווילע באַפעלקערונג פון באַדראָטן געביט, אַרויסגעפירט זי אין אַ קונציקן אופן דורך די לעכער אין די ווענט. בעת אַט דער רעטונגס־אַקציע איז געפאַלן דער קעמפער וואַלסדאָרף.

דריי טעג שפּעטער איז דורכגעפירט געוואָרן אַן ענלע־כע עוואַקואַציע פון מילע 37 אויף מילע 7. דאָס מאָל האָבן זיך מיט דער זאַך פאַרנומען די קאַמפּס־גרופן פון לוי גרו־זאַלץ און דוד האַמבורג. דער לעצטער איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. ווען די דייטשן האָבן פּלוצים אַטאַקירט דעם עולם, האָט ער מיט זיין אייגענעם קערפּער פאַרשטעלט דעם שמאָלן אַריינגאַנג אין בונקער און אַזוי אַרום געראַ־טעוועט די גאַנצע מחנה יידן.

## די נייע פאַרטיזאַנישע אַרויספאַל־טאַקטיק

די געענדערטע לאַגע, דאָס אויסברענען דעם געטאָ דורכן שונא, האָט געצוואונגען דעם אויפשטאַנד־שטאַב צו בייטן די טאַקטיק פון דעם קאַמף. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצוגיין אין תוך גענומען פון דער מעטאָדע פון אָפּע־נע קאַמפן אויף דער אויבערפלאַך צו דער טאַקטיק פון פאַר־שטעקן אַלע כוחות אין אונטערערד און אָנווענדן פאַרטיזאַ־נישע מעטאָדן פון פּלוצימדיקע אַרויספאַלן. וועגן אַט דער טאַקטישער ענדערונג טיילט מיט אַניעלעוויטש זיינע חברים אויף דער „אַרישער" זייט אין דעם בריוו פון 23־טן אַפּריל: „אָנגעהויבן פון היינט גייען מיר אַריבער צו אַ פאַרטיזאַני־שער טאַקטיק".

זי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס קאַמפּס־גרופּן אין דער צאָל ביז 10 פּערזאָן, אָנגעטאָן ס'רוב אין דעראָבערטע דייטשישע מונדירן און קאַסקן (כדי אַריינצופירן דעם שונא אין טעות), די פּיס אַרומגעבונדענע מיט שמאַטעס (מען זאָל נישט הערן זייערע טריט), פלעגן אַרויסגיין ביינאַכט פון די בונקערס אויף אויסשפּיר און לויער, צו זוכן געווער און שפּייז און צו אַטאַקירן הינטערוויילעכטס די פיינטלעכע פּאַטראָלן. די ערשטע דריי פאַרטיזאַנישע גרופּן האָט אַניע־

לעווימש אַרויסגעשיקט אין דער נאַכט פון 23־טן אויפן 24־טן אַפּריל. דערנאָך איז עס פאָרגעקומען אַלץ אָפטער. אין יענער נאַכט האָבן די געטאָ־קעמפער אַטאַקירט דייטשישע פּאַטראָלן אויף מילע, דזשיקע, שטשענשליווע, מייזילשגאַס, שווינטאָיערסקע, וואָלאָווע.

## די הריגה פון דעם יודענראַט

שבת, דעם 24־טן אַפּריל, האָבן זיך די געטאָ־אַסירים דערוווּסט, אַז די היטלעריסטן האָבן דערשאָסן די פיר מיטגלידער פונעם יודענראַט־פּרעזידיום: מאַרעק ליכטענבוים, גאַמזע וויעליקאָווסקי, אַלפרעד שטאָלצמאַן און סטאַניסלאַוו שערעשעווסקי.

בעתן צוטרעטן צו דער ליקווידיר־אַקציע האָבן די היטלעריסטן אַרעסטירט די דאָזיקע פירער פונעם יודענראַט ווי ערבות־לייט.

איצטיקן האָבן די היטלער־לייט געמאַכט אַ סוף צו דער געטאָ־פּאָליציי. אירע רעשטלעך זענען ליקווידירט געוואָרן אין דער באַפעל־שטעלע פון געסטאַפּאָ אויף זשעלאַזנע 103, ווו עס האָט אַמטירט דער גרויזאַמער בראַנדט.

## דער טראַגישער פאַרלוסט — דעם 25־טן אַפּריל

זונטיק, דעם 25־טן אַפּריל, האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געליטן אַ טראַגישן פאַרלוסט. די אויפשטאַנד־אָנפירונג האָט געהאַט באַשלאָסן אַרויסצושיקן צום ערשטן מאָל אויף דער „אַרישער" זייט אַ גרופּע אויסשפּירער, וואָס זאָל דורך די פאַראַנענע קאָנטאַקטן אויספאָרשן די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן הילף פאַרן אויפשטאַנד אָדער אַ רעטונגס־אַקציע.

די אויסשפּירער האָבן קודם כל געזוכט אַ וועג צו דער „אַרישער" זייט. זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט עטלעכע פייער־לעשער, וועלכע האָבן אַמטירט אויפן שטח פון ברענענדיקן געטאָ (לעשן דאָס פייער איז זיי געווען פאַרבאָטן, זיי האָבן נאָר געדאַרפט היטן, אַז די פלאַמען זאָלן זיך נישט

אַריבערטראָגן אויף דער „אַרישער" זייט). מען האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפן טאָקע דעם 25־טן אַפּריל. אָבער ווען אָט דער טאָג איז די אויסשפּיר־גרופּע אַרויס אין וועג צו די פייערלעשער, איז זי דערשנאַפּט געוואָרן דורך אַ דייטשישן פּאַטראָל. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ נישט גלייכער קאַמף, און אַלע יידישע אויסשפּירער זענען אומגעקומען, אחוץ איינעם, וועלכער האָט זיך אַ שווער פאַרוווּנדעטער קוים דערשלעפּט צום בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דאָס איז געווען אַ טאָפּלטער שווערער פאַרלוסט. הן די קאָנטאַקטן נישט דעראָבערט, הן פאַרלוירן אַ גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון די בעסטע און פלינקסטע קעמפער.

## פאַרשטאַרקטע קאַמפן דעם 26־טן אַפּריל

דער דאָזיקער קלאַפּ האָט אָבער נישט אָפּגעשוואַכט די הענט פון די געטאָ־קעמפער. אויפצומאָרגנס זענען אויסגעבראָכן נייע צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן. מאָנטיק דעם 26־טן אַפּריל, איז געוואָרן אַ וואָך, זינט עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. די לאַגע איז געווען אַ שרעקלעכע, אָבער די דייטשן האָבן נאָך דעם געטאָ נישט דעראָבערט און די שלאַכט נישט אויסגעשפּילט. דעם 26־טן אַפּריל האָט סטראָאָפּ ווידער געמוזט שיקן אַן אומעטיקן ראַפּאָרט:

„אַלע אָן אויסנאַם איינהייטן האָבן צוגעשטעלט מעלדונגען וועגן אָנגעטראָפענעם ווידערשטאַנד... עס ווייזט זיך אַלץ מער אַרויס, אַז איצט זענען געקומען צום וואָרט די סאַמע פאַרביסנסטע און ווידערשפּעניקע יידן און באַנדיטן". דער ווידערשטאַנד איז דעם טאָג געווען באַזונדערס שטאַרק, וואָרעם סטראָאָפּ מעלדעט וועגן 362 אין קאַמף געפאַלענע יידן.

און די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט ווידער געליטן אַ שווערן פאַרלוסט: דעם 26־טן אַפּריל איז געפאַלן בעת אַ שלאַכט אויפן שאָפּן־געביט דער בעסטער שיסער פון די אויפשטענדלער שמעון העללער.

און דער פייער־ים אין געטאָ איז אַלץ געשטיגן.

# דער לעצטער בריוו פון מרדכי אַניעלעוויטש

דעם זעלביקן 26־טן אַפּריל האָט דערגרייכט צו די פאָרשטייער פון קעמפנדיקן געטאָ אויף דער „אַרישער" זייט אַ בריוו פון אַניעלעוויטשן. דאָס איז דער לעצטער באַקאַנטער בריוו פונעם אויפשטאַנד־קאָמאַנדיר. אייגנטלעך איז דאָס אַ ראַפּאָרט, נאָך זיבן טעג קאַמפן. אָט איז זיין אינהאַלט:

„שוין דעם 8־טן טאָג געפינען מיר זיך אין אַ צושטאַנד פון קאַמף אויף לעבן און טויט. די דייטשן האָבן געליטן צאָלרייכע פאַרלוסטן, זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן אין משך פון די ערשטע צוויי טעג זיך צוריקצוציען. דערנאָך האָבן זיי אַריינגעפירט פאַרשטאַרקונגען אין פאָרם פון טאַנקן, פּאַנצער־אויטאָס, האַרמאַטן און אפילו אַעראָפּלאַנען, און זענען צוגעטראָטן צו אַ פּלאַנמעסיקער באַלאַגערונג...

„די צאָל פון אונדזערע פאַרלוסטן, ד. ה. פון די קרבנות פון די עקזעקוציעס און שרפות, אין וועלכע עס זענען פאַרברענט געוואָרן מענער, פרויען און קינדער, איז אַ ריזיקע. עס דערנעענטערן זיך אונדזערע לעצטע טעג. אָבער כל זמן דאָס געווער ליגט אין אונדזערע הענט, אַזוי לאַנג וועלן מיר ווייטער קעמפן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

„...פּילנדיק די לעצטע טעג, פאָדערן מיר פון אייך: געדענקט, ווי מען האָט אונדז פאַראַטן. עס וועט אָנקומען דער יום הדין פאַר אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט. שיקט הילף פאַר די, וואָס וועלן אין דער לעצטער שעה ניצול ווערן פון דעם שונאס הענט — כדי מען זאָל ממשיך זיין דעם קאַמף".

## קאַפּיטל פינף

# די גרויסע שלאַכטן פון 27־טן אַפּריל און דער ערשטער „עקזאָדוס" פון ברענענדיקן געטאָ (30־טער מאַי)

### די שלאַכטן אויף נאָוואָליפּקי, נאָוואָליפּיע און לעשנאָ דעם 27-טן אַפּריל, און זייער טראַגישער סוף

דינסטיק, דעם 27־טן אַפּריל, זענען פאָרגעקומען ביטערע שלאַכטן אויף נאָוואָליפּקי, נאָוואָליפּיע און לעשנאָ. אויף נאָוואָליפּקי, אין די הייזער נומער 39, 41 און 40, האָבן זיך געפונען באַפעסטיקטע בונקערס מיט אַ געוויסער צאָל געווער. די דריי בונקערס האָבן די גאַנצע צייט איינגעהאַלטן מיט זיך אַ קאָנטאַקט און זענען געווען גרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

די דאָזיקע בונקערס זענען אַנטפּלעקט געוואָרן דורך די דייטשן אַדאַנק אַ פאַראַט. אויפן ערשטן פייער איז געגאַנגען דער בונקער אויף נאָוואָליפּקי 41. היות די יידן האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן און אַרויסגיין, האָבן די דייטשן אויפגעריסן דעם בונקער מיט דינאַמיט, און די בונקער־אסירים זענען אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט.

די דייטשן האָבן זיך גערעכנט, אַז דאָס וועט אָפּשרעקן די יידן פון די שכנותדיקע בונקערס, זיי האָבן אויפגעפאָדערט דעם בונקער אויף נאָוואָליפּקי 40 זיך אונטערצוגעבן. ווען די דייטשן זענען לסוף אַריין אין דעם בונקער, האָבן די יידן געענטפערט מיט אַ סעריע שאָסן. די דייטשן זענען גובר געווען און דער בונקער איז אַריינגעפאַלן אין זייערע

הענט. אַ טייל פון די בונקער־אסירים האָט איינגענומען דעם ציאַנקאַלי־סם. אין לעצטן מאָמענט האָט די דאָרטיקע קעמפּערין די 36־יאָריקע העלענע שטערלינג, נישט האָבנדיק שוין קיין אַמוניציע, זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ נאַגייקע אויף די דייטשן און איינעם אַ שמיים געטאָן אין פּנים. זי איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די אַנדערע בונקער־קעמפּער האָט מען צום טייל דערהרגעט, צום טייל אַוועק־געפירט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ.

אין דער זעלביקער צייט זענען געפאַלן די בונקערס אויף נאָוואָליפּיע 67 און 69. די דאָזיקע קעמפּער בראש מיט די אַרבעטער שמעון שינטעל און העניאָך האַקמאַן, זענען אומגעקומען אין שלאַכט.

דעם 27־טן אַפּריל האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טראַגישער קאַמף אויך אינעם בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף לעשנאָ 74. די דייטשן האָבן געוואָלט דערטרינקען דעם און אויך אַנדערע בונקערס אין וואַסער. די קעמפּער האָבן געמוזט זיך איבערטראָגן פון אָרט צו אָרט, באַשיסנדיק כסדר די פּאַרפאָלגער. אין אָט דעם אומגלייכן קאַמף איז געפאַלן דער גרופּע־קאָמאַנדיר הערש קאַווע, די קעמפּערינס זאָכע בזשעזשינסקאַ, חנה בראַנדער, טאָסיע צעבולאַזש, שרה קליינמאַן, און די קעמפּער אהרן אַלטער, לייב טשערניאַקאָווער, ריבאַ, אַדעק ראָזענפעלד. מיט אַ באַזונדערער העלדישקייט האָט זיך אויסגעצייכנט איינער פון די קאָמאַנדירן לעוו רודניצקי, וועלעכער האָט, אָפּגייענדיק מיט בלוט, נישט אַרויסגעלאָזט דאָס געווער פון האַנט און געשאָסן ביז לעצטן אָטעם. דער קאָמאַנדיר הערש קאַווע, אַ שווער פאַרוווּנדעטער, האָט נאָך באַוויזן איבערצוגעבן זיין געווער און זיין זייגער די חברים, אָנזאָגנדיק זיי, זיי זאָלן אויסנוצן דאָס געווער צום ווייטערדיקן קאַמף און דעם זייגער צו ראַטעווען און העלפן די, וואָס וועלן בלייבן לעבן.

## דער מסירת־נפש־אַקט פון דער יונגינקע האַלינקע ראַכמאַן

בעת דער דאָזיקער טראַגישער שלאַכט האָט אויפגע־בליצט אַן אויסערגעוויינלעכער אַקט פון גבורה און מסירת נפש, וואָס קאָן נישט פאַרגעסן ווערן דורך די לעבן־געבלי־בענע אָנטיילנעמער פון דעם קאַמף (ב. באַרג און מ. גאָלד־שטיין) ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער קאַמפּס־גרופּע פון לעשנאַ 74 איז געווען אַ יונג מיידל האַלינקע ראַכמאַן — די ייִנגסטע פון דער גאַנ־צער גרופּע. זי איז געווען אַ בת יחידה ביי אַ פאַרמעגלעכן חסידישן ייִד, אָבער זי איז דערצויגן געוואָרן אין רעוואָלי־ציאָנערע שילער־קרייזן. איר פעסטער כאַראַקטער האָט זיך געהאַט אַנטפּלעקט ערב דעם אויפשטאַנד. ווען דער פאָטער האָט באַזאָרגט פאַר דער משפּחה אַ זיכער אָרט אויף דער „אַרישער" זייט און „גוטע" פּאַפּירן, האָט האַלינקע דער־קלערט: איך געהער נישט מער צו זיך, מיין אָרט איז צווישן מיינע חברים פון קאַמף אין געטאָ. — מיט גרויס ווייטיק האָט זי זיך צעשיידט מיטן פאָטער און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער קאַמפּס־באַוועגונג.

זי איז געווען זייער באַליבט ביי די חברים און חברטעס. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכן מוט און גוטסקייט.

בעת דער שלאַכט פון 27־טן אַפּריל איז האַלינקע ראַכ־מאַן צוגעטיילט געוואָרן צו דער קאַמפּס־גרופּע פון רוזשע ראָזענפעלד — איינע פון די וויכטיקסטע און העלדישסטע קעמפערינס. מיטאַמאָל האָט האַלינקע באַמערקט, ווי די לופע פון אַ פיינטלעכער ביקס איז געווענדט אין רוזשען. אָן אַ שום קווענקל האָט האַלינקע פאַרשטעלט מיט איר קערפּער די קאָמאַנדירין און געפאַלן פון דער קויל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער לעצטער. פאַרן טויט האָט האַלינקע געזאָגט: „מיין לעבן איז ווייניקער וויכטיק ווי רו־זשעס, זי איז דער קאָמאַנדיר, זי איז מער נייטיק".

## דער ערשטער „עקזאָדוס" פון קאַרמעליצקע

דעם 27-טן אַפּריל איז אַזוי אַרום די לאַגע פון די יידן אויפן שאָפּן-געביט, סיי פון די פאַרשטעקטע אין די בונקערס, סיי פון די קעמפער, געוואָרן ממש אַ טראַגישע. פון אַלע זייטן האָט געדראָט דער טויט. די אויגן פון אַ סך קעמפער און סתם יידן האָבן זיך געווענדט צו דער צווייטער זייט מויער.

דעם דאָזיקן טאָג האָט זיך אינעם בונקער פון קאַרמעליצקע 5 געוויזן אַ שליח פון דער פוילישער אונטערערד מיטן נאָמען „טאַדעק". ער איז אַהער געקומען דורך דעם טונעל וואָס האָט פאַרבונדן קאַרמעליצקע מיט דער קעגנאיבערדיקער זייט גאַס, וועלכע איז שוין געווען „אַריש". טאַדעק האָט געבראַכט אַ שלעכטע בשורה: מען האָט זיך דערוווסט אַדאַנק דעם אויסשפיר, אַז מאָרגן וועלן די דייטשן אויפרייסן דעם בונקער. ער האָט אייגנצייטיק געבראַכט אַ צווייטע בשורה: זיינע מענטשן ווילן גלייך אַרויספירן די בונקער-אסירים אויף דער „אַרישער" זייט.

אין דעם בונקער אויף קאַרמעליצקע 5 האָט זיך געפונען אי אַ גרופּע פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד, אי אַ באַוואָפנטע גרופּע סתם יידן בתוכם דער לעבן-געבליבענער עדות שמחה קאָרנגאָלד, אי ציווילע יידן, עלטערע, פרויען, קינדער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער אָרגאַניזירטער „עקזאָדוס" פון ברענענדיקן געטאָ. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין צווייטע יציאת מצרים, נאָר אַ גרוילי־קער אַרויסגיין פון עטלעכע צענדליק יידן דורך אַ טונעל און דערנאָך דורך אונטערערדישע וואַסערלייטונגס-קאַנאַלן, אַ מעת-לעת-דיקער קריכן און פויזען און בלאָנדזשען אונטער דער ערד, ביז מען איז אַרויס האַלב-טויט אויף דער „אַרישער" זייט אויפן שטח פון אַמאָליקן געטאָ ביים גזשיבאָוו-פּלאַץ און פון דאַנען — אין אַ מלינה אין דעם האַלב-חרובן הויז אויף גזשיבאָווסקע 17.

דאָס דאָזיקע הויז און די שכנותדיקע חורבות פון גזשיבאָווסקע 13 און 11 זענען געוואָרן דער ציל און צייט־ווייליקער מקום מקלט פון נאָך אַנדערע לעת עתה ניצול גע־וואָרענע שרידים פון דעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד.

## דער טראַגישער סוף פון דער שלאכט אויף ניזקע

דעם זעלביקן 27־טן אַפּריל האָט סטראָאָפּ צוגעלאָזט אין די פרימאָרגן־שעהן אַ שטורעם אויף ניזקע גאַס, ווו עס האָבן זיך פון צייט צו צייט געיאַוועט יידישע קאַמפּס־גרופּן. סטראָאָפּ האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אָט דעם אָפּשניט 320 זעלנער און אָפיצירן, מיטן באַפעל: „אויסרייניקן די געגנט פוןביידע זייטן גאַס". די יידן האָבן געשטעלט אַ פאַרבי־טערטן ווידערשטאַנד. סטראָאָפּ איז אַליין מודה אין זיין ראַפּאָרט, אַז די יידן האָבן דאָ „ג ע ש אָ ס ן ב י ז ן ל ע צ ט ן מ אָ מ ע נ ט". בעת דעם קאַמף האָבן זיי געוואָרפן קאַמפּס־לאָזונגען. זיי האָבן געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד צווישן די ברענענדיקע מויערן. אין דער לעצטער רגע, ווען די פלאַמען האָבן שוין געלעקט זייערע פיס, האָבן די יידן נאָך אַלץ נישט געוואָלט זיך איבערגעבן די דייטשן, נאָר געשפּרונגען פון די פייער־באַלקאָנען און פענצטער, מאַכנדיק איינצייטיק אויסרופן קעגן די היטלעריסטן. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט: „מיט אַ קללה אויף די ליפּן, מיט אויסרופן קעגן דייטש־לאַנד, דעם פירער און די (דייטשישע) סאָלדאַטן האָבן זיי זיך אַראָפּגעוואָרפן פון די פלאַקערנדיקע פענצטער און באַל־קאָנען".

אינמיטן דער שיסעריי און באָמבעס־פּלאַצעריי, די וויי־געשרייען און די אַנטי־היטלעריסטישע אויסרופן, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דער טראַגיש־פאַרגייענדיקער ניזקע־גאַס אַזאַ בילד:

אויף אַ באַלקאָן פון אַ ברענענדיקן הויז האָט זיך באַ־וויזן אַ יונגע פרוי מיט אַ פּיצל קינד אויף דער האַנט. זי

איז געבליבן שטיין צווישן די פליסנדיקע פלאַמען און דער־זעענדיק אַקעגן זיך אונטן דעם ס.ס.־ישן גענעראַל (סטראָפּן), האָט זי גענומען אַרויסשרייען די פאָלגנדיקע ווערטער: „איך בעט נישט ביי אייך קיין חסד, אָבער גע־דענקט, אַז אויך אייך וועט נישט אויסמיידן די שטראָף!“ די פלאַמען האָבן אינצווישן אַרומגעכאַפּט דעם באַלקאָן. די פרוי האָט איינגעטוליעט דאָס קינד און מיט אַ געוואַלטיקן געשריי זיך אַראָפּגעוואָרפן אויפן ברוק.

דאָס איז נישט געווען קיין פאַראיינצלטער פאַל. נישט איין יונגע מאַמע האָט פאַרבונדן איר עופהלע די אויגן מיט אַ טיכל און צוזאַמען געשפּרונגען פון פענצטער צי באַלקאָן צו אַ צווייטן אָפּגרונט, ווו עס האָבן געלויערט די נאַצי־רוצחים מיט שיסגרייטן געווער.

בעת דער שלאַכט אויף ניזקע איז געפאַלן דער אַקטי־וויסט פונעם יידישן ווידערשטאַנד מאַריוש לעווית.

## די גרויסע שלאַכט אויף מוראַנאָווער פּלאַץ דעם 27־טן אַפּריל

די גרעסטע שלאַכט איז דעם 27־טן אַפּריל פאָרגעקו־מען אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ. דער הויפּט־שטריך, די אַנ־דערשקייט פון דער שלאַכט באַשטייט אין דעם, וואָס זייט ביי זייט מיט יידישע קעמפער האָט זיך אין איר באַטיי־ליקט אַ גרופּע פוילישע.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן איז נאָך די ערשטע צוויי בלוטיקע שלאַכטן, נאָכן אַריינפאַלן פון אַ טייל קעמפער אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט און נאָכן אַרויסגיין פון אַנ־דערע טיילן דורכן טונעל אויף דער צווייטער זייט, געבליבן שטעקן אין די האַלב־צעשטערטע הייזער פון מוראַנאָווסקע אַ גרופּע פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד בראש מיטן קאָ־מאַנדיר דוד אַפּעלבוים.

אין משך פון עטלעכע טעג איז אַפּעלבוימען געלונגען צונויפצוזאַמלען דאָ פאַרשידענע שרידים פון די צעשלאָגע־נע גרופּן פון דעם מיליטערישן פאַרבאַנד — פון דעם בער־

שטער־געביט, פון מילע און אַנדערע גאַסן, בתוכם די גרופּן פון פּאַוועל רודי (פּיניע בעשטימט), קלמן מענדעלסאָן, יאַנעק פּיקא, פּעדערבוש, בינשטאָק, וויינשטאָק. ער האָט ווידעראַמאָל אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די פּוילישע פריינד פון דעם קאַפּיטאַן איוואַנסקים גרופּע. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן מיט געמיינזאַמע כוחות אַ קאַמפּס־אַקציע, וואָס איר ציל איז געווען: דורכרייסן זיך אויף דער צווייטער „אַרישער" זייט פון מוראַנאָווער גאַס אָדער לכל הפּחות צוריק דעראָבערן דעם טונעל און זיין אַרויסגאַנג אויף מוראַנאָווער 6, וועלכער איז שוין געווען אַנטפּלעקט דורך די דייטשן.

עס איז באַאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּלאַן פון דער אַקציע. די יידישע קעמפער האָבן פאַרנומען דריי פּאָזיציעס:

1. אינעם טיילווייז צעשטערטן הויז מוראַנאָווער 7,
2. אינעם שכנותדיקן הויז נאַלעווקעס 38,

און — 3. אַנטקעגנאיבער אינעם הויז אויף מילע עק נאַלעווקעס.

די פּערטע פּאָזיציע האָט געשאַפן די גרופּע פון קאַפּיטאַן איוואַנסקי, וועלכע האָט קודם כל באַהערשט דעם אַריינגאַנג אינעם טונעל אויף מוראַנאָווער 7, אים פאַרזיכערט און אַריין אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ.

אומאָפּהענגיק פון אָט די גרופּן פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד און פון קאַפּיטאַן איוואַנסקי האָט אַן אומבאַקאַנטע יידישע גרופּע, וואַרשיינלעך פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אויפגעשטעלט דעם 27־טן אַפּריל אינדערפרי אַ באַריקאַדע פון פּעסער אויפן צונויפקום פון די גאַסן זאַמענהאָף און מילע, און דאָס האָט געשאַפן אַ פינפטע פּאָזיציע, הגם אינעם פּאָרויסיקן פּלאַן איז זי נישט גענומען געוואָרן אין אַכט. אָבער אויך פון דער פּאָזיציע האָט מען באַשאָסן די דייטשן.

אין דער דאָזיקער שלאַכט האָט זיך באַטייליקט מצד די אויפשטענדלער די גרעסטע צאָל מענטשן פון אַלע ביזאיצטיקע קאַמפן. ווי עס גייט איבער סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט, האָט די צאָל יידישע און פּוילישע קעמפער אנגאַ־

זשירטע אין דער שלאַכט דערגרייכט 120. לויטן דייטשישן גענעראַל זענען זיי געווען באַוואָפנט אין ביקסן און פּיסטאָלעטן מיט 300 פּאַטראָנעס, 100 גראַנאַטן א. א. וו. לויט דער דערקלערונג פון די יידן קלמן מענדעלסאָן און וולאַדיסלאַוו זיידלער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט, האָט די גרופּע פון דער פּאָזיציע נאַלעווקעס עק מילע געהאַט אין איר רשות אויך אַ מאַשין־געווער, און קאַפּיטאַן איוואַנסקים גרופּע איז געווען באַוואָפנט אויסגעצייכנט און פאַרמאָגט אויך אויטאָמאַטן.

די שלאַכט האָט געדויערט פון צען אינדערפרי ביז פאַרנאַכט.

ווי עס גיט איבער סטראָאָפּ, האָט זיין שטאַב באַקומען אַן אַנאָנימען בריוו פון אַ פּראָוואָקאַטאָר *) וועגן דעם, אַז עס גרייט זיך אויף מוראַנאָווער פּלאַץ אַ געמיינזאַמער אַרויסטריט פון אַ יידישער און פּוילישער קאַמפּס־גרופּע, און דאָס האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט.

די דייטשן זענען אַזוי אַרום געווען גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף. און שוין דער פאַקט האָט פאַרקלענערט די שאַנסן פון די אויפשטענדלער, וועלכע האָבן זיך געריכט, אַז זייער אָנגריף וועט זיין פאַרן שונא אַ סורפּריז.

די דייטשן האָבן אַריינמאַרשירט אין מוראַנאָווער פּלאַץ דורך די נאַלעווקעס. מיט דער דייטשישער אָפּטיילונג האָט אָנגעפירט דער פּאָליציי־לייטענאַנט דיהל. פון אַלע פינף פּאָזיציעס האָבן די קעמפער געעפנט אַ פייער. דעצידירט האָט דאָס, וואָס דיהל האָט שנעל אַריינגעפירט אין דער אַקציע אַ טאַנק. אין דער שלאַכט זענען געפאַלן 24 יידישע קעמפער. בתוכם פעדערבוש, לייזער סטאַנקעוויטש און אַנדערע. מצד די פּאָלאַקן איז געפאַלן דעם קאַפּיטאַן איוואַנסקים ברודער וואַצלאַוו, און עס איז פאַרוואונדעט געוואָרן זיין זון. עס האָבן אויך באַקומען וואונדן די יידן מענדעלסאָן און פּאַוועל רודי. די קאַמפּס־חברים האָבן ווייטיקלעך איבערגעלעבט דעם

*) דאָס איז געווען אַ פאַרעטער, וואָס האָט זיך געפונען אין די רייען פון קאַפּיטאַן איוואַנסקים גרופּע.

פאַקט, וואָס עס איז לסוף געפאַלן אַ שווער פאַרוואונדעטער דער קאָמאַנדיר דוד אַפּעלבוים.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די שלאַכט איז געווען פאַרשפּילט און וואָס די דייטשן איז לסוף געלונגען צו כאַפּן אַ טייל פון די יידישע קעמפער, איז זי נישט פאַרענדיקט געוואָרן מיט קיין מפּלה פון די אויפשטענדלער. קאַפּיטאַן איוואַנסקים גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ 10 פּער־זאָן, האָט זיך צוריקגעצויגן בשלום, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם טויטן און די פאַרוואונדעטע, בתוכם אויך עטלעכע יידן. די גרופּן פון אַפּעלבוים, פּיקא, פּאַוועל רודי, הגם זייער באַשטאַנד איז געוואָרן שיטערער, זענען געבליבן אויפן אָרט, און די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו ליקווידירן אַלע ווי־דערשטאַנד־נעסטן אין דער געגנט.

עס טויכט נאָך אויף לסוף די פראַגע: וואָס איז געוואָרן מיטן קאָמאַנדיר דוד אַפּעלבוים?

קיין גענויע ידיעות וועגן זיין גורל זענען נישט בנמצא. עס איז זיכער, אַז ער איז אומגעקומען בעת איינער פון די ווייטערדיקע צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן אין געטאָ.

## די אַרויספאַלן פון די יידישע קעמפער אויף דער „אַרישער" זייט

אין דער זעלביקער צייט האָבן אויך אַנדערע קאַמפס־גרופּן אויפן שטח פון ברענענדיקן געטאָ געמאַכט פאַרשיי־דענע פּרוון אַרויסצורייסן זיך אויף דער „אַרישער" זייט.

סיי דער בעל־פּנקס פון געטאָ עמנואל רינגעלבלום, סיי די באַריכטן פון דער פּוילישער אונטערערד און אויך די באַקאַנטע כראָניק פון לודוויק לאַנדוי טיילן מיט וועגן אַ ריי אַזעלכע פּרוון. רינגעלבלום שרייבט: „אין די נעכט האָבן זיך די קעמפער דורכגעריסן מיט געווער אין האַנט דורך די מויערן, דערהרגענענדיק די אוקראַינישע וועכטער אָדער די ליטווישע שאוליסן און זיך פאַרשטעקט אויף דער „אַרי־שער" זייט. נישט איינמאָל איז געקומען אויף די פּלעצער,

וואָס ליגן אין שכנות פון געטאָ, צו קאַמפן מיט די דייטשן אָדער אפילו מיט דער פּוילישער פּאָליציי. אַזעלכע אַרויספאַלן פון קאַמפס־פּינקטלעך דורך די מויערן אָדער דורך די אונטערערדישע דורכגענג האָבן געהאַט אַן אָרט אויפן פּלאַץ ביים אייזערנעם טויער, אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ, טעאַטער־פּלאַץ, מוראַנאָווער פּלאַץ א. א. וו. אויפן טעאַטער־פּלאַץ האָט די פּוילישע פּאָליציי געכאַפּט עטלעכע (יידישע) קעמפער, וועלכע האָבן געוואָרפן אַ גראַנאַט און גענומען אַנטלויפן. מען האָט זיי געכאַפּט און דערשאָסן אין איינעם פון די חרובע הייזער אויף קרולעווסקע גאַס" (ע. רינגעלבלום: „די פּויליש־יידישע באַציונגען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה", כתב־יד ז' 166—167).

מיטוואָך, דעם 28־טן אַפּריל, האָט אויף אַ גאַס, וואָס איז געלעגן ווייט פונעם געטאָ, אויף דער גאַס פון 6־טן אויגוסט, אַ געסטאַפּאָ־אַגענט פאַרהאַלטן אַ יונגנמאַן, וועלכן ער איז חושד געווען, אַז ער איז אַ ייד. דער יונגערמאַן האָט זיך אַרויסגעריסן און גענומען אַנטלויפן. דער אַגענט האָט אויסגעשאָסן. דעמלט האָט דער יונגערמאַן אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער און גענומען שיסן אינעם אַגענט און איינצייטיק אַריינגעשפּרונגען אין אַ טראַמוויי. אין דעם מאָמענט האָט דעם אַגענטס קויל אים געטראָפן אין פוס. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ ייד, אַן אַנטלאָפענער פון געטאָ. אַזעלכע פאַלן האָבן זיך אין יענע טעג אָפּגעשפּילט אויף די „אַרישע" גאַסן גאַנץ אָפט.

## די צווייטע „יציאת געטאָ" דעם 29־טן אַפּריל

אַ ראַפּאָרט פון דער פּוילישער אונטערערד, פון 29־טן אַפּריל, גיט איבער אַן אויפטרייסלענדיקע שילדערונג פון דער לאַגע פון דער יידישער שארית הפליטה אינעם טיילווייז שוין חרובן און נאָך אַלץ ברענענדיקן געטאָ. די דייטשן זענען צוגעטראָטן צום מאַסנדיקן אויפרייסן די לעצטע באַהאַלט־ערטער פון די יידן — די קעלערס און בונקערס. דער קאַמף ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער באַשווערט, ממש אומ־

מעגלעך. די יידן פאַרטיידיקן זיך נאָך אַלץ, אָבער וואָס ווי=
טער איז אַלץ ערגערע באַדינגונגען.

דעם גרויל פון דער לאַגע און בעיקר די כסדרדיקע
פאַרשמעלערונג פון דער קאַמפס=באַזע האָבן גוט געפילט די
אויפשטענדלער גופא. אין דער נאַכט פון מיטוואָך דעם
27=טן אויף דאָנערשטיק דעם 28=טן אַפּריל איז אין אַ בונ=
קער אויף לעשנאָ פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דעם
אַקטיוו פון דער יידישער קאַמפס=אָרגאַניזאַציע. עס איז באַ=
שלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַלע באַמיונגען אַרויסצוגיין פון
געטאָ און זיך איינשליסן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. די
דרייסטע און רירעוודיקע פאַרבינדלערין רעגינע פודען (לי=
לית) האָט באַקומען די אויפגאַבע אויסצוזוכן אַלע צע=
שפּרייטע קאַמפס=גרופּן פונעם שאָפּן=געביט און זיי צוגרייטן
צום אַרויסגיין. מען האָט אָפּגעפונען אַלע, אחוץ צוויי
(בתוכם די גרופּע פון הערש קאַווע, וועלכע איז געווען נאָך
דער דערמאָנטער ביטערער שלאַכט). פאַרן אַרייַנגיין אין
קאַנאַל האָבן די קעמפער אונטערגעצונדן אַ דייטשישן מאַ=
גאַזין אויף לעשנאָ 72. דער פיינלעכסטער מאָמענט איז גע=
ווען די געזעגענונג מיט די שווער פאַרוווּנדעטע חברים, וועל=
כע האָבן זיך נישט געקאָנט רירן. עס איז מיט זיי געבליבן
ווי אַ באַשיצערין די קעמפערין לאה קאָרן. מען האָט געהאַט
אַ האָפענונג צו קומען שפּעטער נאָך די פאַרוווּנדעטע, אָבער
דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אילוזיע, ווייל אין עט=
לעכע טעג אַרום האָבן די דייטשן אַנטפּלעקט דעם בונקער
מיטן „לאַזאַרעט“ פון דער קאַמפס=אָרגאַניזאַציע און דער=
מאָרדעט אַלע חולים צוזאַמען מיט לאה קאָרן.

די רעטונגס=אַקציע פון דער „יציאת געטאָ“ דורך דעם
קאַנאַל איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די פאָרשטייער פון
דער יידישער קאַמפס=אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער“
זייט בשותפות מיט דער פאָלקס=גוואַרדיע, ביים אַקטיוון אָנ=
טייל פונעם וועטעראַן פון דער פוילישער אַרבעטער=באַוועַ=
גונג פראַנצישעק לענטשיצקי און דעם פאָרוטשניק פון דער
פאָלקס=גוואַרדיע וולאַדיסלאַוו גאַיק („קשאַטשעק“).

40 יידישע קעמפער זענען אַריין דעם 28־טן אַפריל 11 ביינאַכט אין קאַנאַל ביי לעשנאָ 56 מיט געווער אין האַנט. די עקספעדיציע האָט געפירט די שרעקלאָזע פאַרבינדלערין רעגינע פודעז. די גרופע איז אַרויס פונעם קאַנאַל אויף דער „אַרישער" זייט, אויף עק אָגראָדאָווע און זשעלאַזנע, אויפצומאָרגנס ביינאַכט, דעם 29־טן אַפריל. נאָך פאַרשידענע שוועריקייטן האָבן זיך די געטאָ־קעמפער — אונטער דער אָנפירונג פון שלום גראַיעק („סטעפאַן") — לעת עתה „איינגעאָרדנט" אין אַ בוידעם אויף אָגראָדאָווע 27, ווו עס האָט געוווינט דער אַפוטרופוס פון דער גרופע, דער פוילישער אַרבעטער רישאַרד טריפאָן, אַן אַלטער רעוואָלוציאָנערער טוער, אַן אַנאַרכיסט.

פרייטיק, דעם 30־טן אַפריל האָט דער פאָלקס־גוואַרדיסט גאַיק צוזאַמען מיטן יידישן פאַרבינדלער טוביה שיינגוט אָפגעפירט אין אַ לאַסט־מאַשין די גאַנצע גרופע אין דעם וועלדל אין לאָמיאַנקי, 7 קילאָמעטער פון וואַרשע. די דאָזיקע עקספעדיציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין סאַמע העלן טאָג, פאַר די אויגן פון דעם גאַסן־המון און די טעראָריזירטע וואַכן, האָט זיך פאַרענדיקט בשלום. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט גאַיק אַ פרעג געטאָן: „יאַטן, די גראַנאַטן זענען אין אָרדענונג?" אָבער צום גליק זענען די גראַנאַטן נישט געווען נייטיק. די גרופע איז געבליבן אין לאָמיאַנקי און — אונטער דער אָנפירונג פון דוד נאָוואָדוואָרסקי — געוואַרט אויפן אָנקומען פון די ווייטערדיקע פאַרטיעס קעמפער פון געטאָ.

## דער אַקט פון גרויסער מסירת נפש פון רעגינע פודעז

בעת דער עקספעדיציע דורכן קאַנאַל האָט פאַסירט אַ פאַל, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע אַקטן פון מסירת נפש און זיך פאַרענדיקט מיט גרויסן טראַגישן העראָיזם. נאָכן דורכמאַכן דעם גאַנצן שווידערלעכן קאַנאַל־וועג האָט די יונגע קעמפערין און פאַרבינדלערין רעגינע פודעז,

אַ קינד פון אַ וואַרשעווער ייִדישער האַרעפּאַשנער משפּחה און אַ מיטגלידערין פון „השומר הצעיר“, דערקלערט, אַז זי וועט אַליין דורכמאַכן דעם קאַנאַל־וועג צוריק אין געטאָ אַריין, כדי צו ראַטעווען און אַרויספירן די פאַרבליבענע דאָרטן קאַמפּס־גרופּן. די אָנפירונג האָט נישט געוואָלט צו־לאָזן דערצו, די קאַנאַלן זענען פאַרפלייצט געוואָרן מיט וואַסער, און דער צוריקוועג האָט געדראָט מיט טויט. לילית (רעגינע פודען) איז אָבער געווען גרייט צו ברענגען יעדן קרבן, דער געדאַנק וועגן די איבערגעלאָזענע חברים האָט זי נישט געלאָזט רוען. מען האָט איר געגעבן אַ באַגלייטער, דעם קעמפער שלמה באַרטשינסקי, און זיי האָבן זיך — מידע און הונגעריקע — געלאָזט אין געפערלעכן וועג.

מער זענען זיי שוין נישט געקומען צוריק. ווי עס טיילט מיט אַ באַטייליקטער אין די טראַגישע געשעענישן, דער געטאָ־קעמפער אהרן כרמי (כמעלניצקי) האָט מען לילית שפּעטער געזען אין געטאָ מיט אַ פאַרוואונדעטער פוס, נאָך אַ שלאַכט מיט די דייטשן, אין וועלכער עס האָט אָנטייל גענומען דאָס האַזיקע העלדישע מיידל, וואָס האָט אַרויס־געוויזן אַ מוסטער פון העכסטן מסירת נפש און לויטערסטן מענטשלעכן אידעאַליזם.

## די שלאַכט ביים קאַנאַל־אַרויסגאַנג דעם 29־טן אַפּריל

דער קאַנאַל און זיין אַרויסגאַנג זענען געווען שטומע עדות פון נאָך איין טראַגעדיע. איבצווישן, נאָכדעם ווי די ערשטע גרופּע איז אַרויס, איז אונטערגעקומען נאָך איין גרופּע געטאָ־קעמפער, אונטער דער אָנפירונג פון בנימין וואַלד.

די גרופּע האָט לאַנג געוואַרט אין קאַנאַל אויף אַ סיג־נאַל און ווערנדיק אומגעדולדיק איז זי סוף כל סוף אַרויס. בינו לבינו האָבן זיך די דייטשן דערוווּסט וועגן דעם פריער־דיקן „עקזאָדוס“ און באַזעצט דעם קאַנאַל־אַרויסגאַנג און די אַרומיקע געגנט. די טויט־מידע קעמפער זענען תיכף

געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיטן באַוואָפנטן שונא. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ קורצע, פאַרביסענע און טראַגישע שלאַכט. די גאַנצע גרופּע צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר איז אומגעקומען אין אומגלייכן קאַמף.

## דעם 30-טן אַפּריל — ווייטערדיקע שלאַכטן אין געטאָ

עס איז שוין געווען 12 טעג נאָכן אויסברוך פון די אויסערגעוויינלעכע קאַמפן אין געטאָ. דערשטאַנדיק די גרויסע העלדישקייט פון די געטאָ־קעמפער, האָבן אפילו די פריינדלעכע אָבסערוואַטאָרן פון דער „אַרישער" זייט גענומען צווייפלען, צי די יידן זענען נאָך בכוח ממשיך צו זיין דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אפילו אַזאַ דורכויס פריינדלעך געשטימטער כראָניקער, ווי דער סאָציאַליסט לודוויק לאַנדוי, האָט פאַרצייכנט דעם 30־טן אַפּריל אין זיין קאָנספּיראַטיוון טאָגבוך: „דער העלדישער קאַמף, דאַכט זיך, דערנענטערט זיך צו זיין סוף. די שריפות בושעווען ווייטער, און דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד ווערט שוואַכער, אונטע־ דער פרעסיע פון דעם שונאס קרעפטן־איבערגעוויכט און אויסשעפונג".

אַזוי האָט דיקטירט דער קאַלטער שכל.

אָבער דעם זעלביקן פרייטיק, דעם 30־טן אַפּריל, ברעכן אויס אין געטאָ נייע קאַמפן. יידישע קאַמפס־גרופּן דערשיינען פלוצים אין ערטער, וווּ עס איז פריער גאָרנישט פאָרגעקומען. אויף דער פזשעיאַזד־גאַס קומט אָן אַ גרופּע, וועלכע באַשטייט פון פאַרשיידענע שרידים פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד, בראש מיט די קעמפער ווייגשטאָק (וועלכער איז אונדז באַקאַנט פון דער שלאַכט פון 27־טן אפּריל אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ), גאָלדשטיין, לאַמבערט, און צינדט אונטער די דאָרטיקע ווערמאַכט־מאַגאַזינען. די געגנט הילכט אָפּ מיט געדיכטע שיסערייען.

## די פּאַניק ביי דער פּוילישער פּאָליציי

דער אויפשטאַנד האָט טראָץ אַלעמען געדויערט ווייטער און אַרויסגערופן אַן אַלץ גרעסערן אומרו אינעם לאַגער פון שונא. אין די רייען פון דער פּוילישער פּאָליציי איז סוף כל סוף אויסגעבראָכן אַ פּאַניק — עס איז געוואָקסן די צאָל קרבנות אירע, וואָס זיינען געפאַלן פון יידישע נקמה־הענט.

עס ליגן טאַקע פאַר אונדז די ראַפּאָרטן פון דער פּוילישער פּאָליציי, און וואָס זעען מיר? זינט דעם 29־טן אַפּריל מערן זיך מעלדונגען פון די פּאָליציי־קאָמיסאַרן וועגן דעם, אַז אַ סך פּאָליציאַנטן זאָגן אָפּ אָדער דרייען זיך אַרויס פון אויספילן די דינסט אויפן שטח פון געטאָ. די פּאָליציאַנטן ווילן נישט איינשטעלן זייער קאָפּ. בדרך כלל האָט די פּוילישע פּאָליציי אָפּגעשפּילט אַ שענדלעכע ראָל סיי פריער, סיי שפּעטער, אָבער באַזונדערס בעת דעם יידישן אויפשטאַנד. פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך געיאָגט נאָך אויסבאַהאַלטענע יידן אויף דער „אַרישער" זייט, זיי שאַנטאַזשירט, אויסגעפּרעסט גרויסע סומעס געלט און אויסגעגנאָגט דעם קרבן ווי אַ פּיאַווקע און דערנאָך איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. זיי האָבן געפּייניקט און באַרויבט די יידישע שמוגלערס ביי די געטאָ־טויערן: זיי האָבן געהערט צו די „בייזע גייסטער", וועגן וועלכע עס שרייבט רינגעלבלום אין זיין באַקאַנטער אַרבעט וועגן די פּויליש־יידישע באַציונגען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. צוזאַמען מיט זיי האָבן געלויערט אויפן יידישן אומגליק גאַנצע באַנדעס פון ציווילע שאַנטאַזשיסטן, די א. ג. שמאַלצאָווניקעס, וועלכע האָבן געשטאָטעוועט ביי די געטאָ־טויערן אויף די פאַרצווייפלטע פליטים פון דער בראַנד־שריפה, פון די היטלעריסטישע קוילן, און זיי גערודפט, באַרויבט, געטריבן צוריק אין ברענענדיקן געטאָ אַריין, פאַרגוואַלדיקט און געמסרט, אויסגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. אויספּרעסן ביי יידן געלט, אָנוואַרפן אויף זיי אַ פּחד, נישט לאָזן זיי רוען, פאַרטרייבן פון די באַהעלטענישן, צוזאַמענאַרבעטן

אָפֿן מיטן נאַציִשן אָקופּאַנט אין דער רציחה איבער די ייִדן — דאָס אַלץ איז געוואָרן אַ נייע פּרנסה און אַ מין ספּאָרט ביי אַט די עלעמענטן, וועלכע זיינען באַשטאַנען פֿון כלערליי אויסוואורפֿן, „גאָלדערנער“ יוגנט, צביעותדיקע פֿאַנאַטיקער און טייל קליינבירגער, וועלכע האָבן געוואָלט ירשענען דעם פּלאַץ פֿון די אומגעבראַכטע ייִדן אינעם מסחר און אַפֿילו פֿרייע פּראָפֿעסיעס. די ערשטע פֿידל אין אַט די באַנדעס האָט געשפּילט די פּוילישע פּאָליציי, מיט איר חוצפּה און געלט=גיריקייט.

אָבער ווען עס האָבן אויף זייערע קעפּ גענומען פֿליען ייִדישע קוילן און גראַנאַטן, האָט די דאָזיקע פּאָליציי אַרויסגעוויזן איר פּחדנותדיקן פּרצוף און גענומען אויסמיידן די געפֿערלעכע ערטער אין און אַרום געטאָ.

דער פּראָלעטאַרישער און דעמאָקראַטישער סעקטאָר פֿון דער פּוילישער אונטערערד האָט באַקעמפֿט סיי די פּוילישע פּאָליציי, סיי די גאַנצע שענדלעכע דערשיינונג פֿון שאַנטאַזש און זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם. עס זיינען אַפֿילו געוואָרן אויסגעפֿירט עטלעכע טויט=אורטיילן. אָבער די גרעסטע איינפֿלוסן אין דער פּוילישער אונטערערד האָבן געהאַט די רעכטע לאָנדאָן=אָריענטירטע עלעמענטן. און נישט געקוקט אויף די רופֿן פֿון דעם פּרעמיער שיקאָרסקי, האָבן זיי געטאָן גאָר ווייניק צו באַקעמפֿן דעם אַנטיייִדישן שאַנטאַזש און די קאָלאַבאָראַציע פֿון די עקסטרעם=אַנטיסעמיטישע עלעמענטן מיטן אָקופּאַנט אויפֿן פֿעלד פֿון רודפֿן די ייִדן.

קאַפּיטל זעקס

# די טעג פון איבערברוך פון 1 ביז 10 מאַי

## דער 1־טער מאַי אין ברענענדיקן געטאָ

אין די טראַגישע באַדינגונגען פון שחפות און דעמאָ־ראַליזאַציע האָבן די אויפשטענדלער באַשלאָסן אָפּצומערקן דעם 1־מאַיקן ארבעטער־יום־טוב אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרם.

אין דער נאַכט פון פרייטיק, דעם 30־טן אַפּריל, אויף שבת, דעם 1־טן מאַי, האָבן עטלעכע קאַמפּס־גרופּן אַטאַ־קירט די היטלעריסטישע פּאַטראָלן אויפן אָפּשניט לעשנאָ 76 — נאָוואָליפּיע 69. אין די צוזאַמענשטויסן זיינען גע־פאַלן קרבנות פון ביידע צדדים. אויפצומאַרקן 8 איינדער־פרי האָבן די קעמפער פון לעצטן בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דעם אָפּשניט — אינעם הויז לעשנאָ 74 — אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף מאָסקווע. דער־נאָך איז אינעם בונקער פאָרגעקומען אַן „אַקאַדעמיע". די אָנוועזנדיקע 17 שרידים פון די קאַמפּס־גרופּן האָבן אריינ־געשטעקט אין די לאַצן רויטע בלימעלעך אויסגעשניטן פון לייוונט. אַ רעפעראַט האָט געהאַלטן דער אַלטער קאָמוניס־טישער טוער שכנא פיינגאָלד. דער לעבן־געבליבענער אָנטייל־נעמער אין אָט דעם געשעעניש, בערנאַרד באָרג, גיט איבער, ווי די פאַרזאַמלטע האָבן געפילט דעם טראַגיזם פון דער לאַגע, אָבער קיינער האָט נישט געצווייפלט אין די ווערטער פונעם רעפערענט: „אונדזער קאַמף וועט בלי ספק האָבן אַ גרויסן היסטאָרישן באַטייט נישט בלויז פאַרן יידישן פאָלק, נאָר אויך פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון גאַנץ איי־ראָפּע, וואָס קעמפט קעגן היטלעריזם".

„מיט געוועהר אין האַנט האָבן מיר שטיל געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, פּילנדיק, אַז עס דערנענטערט זיך אונדזער לעצטער קאַמף, אונדזער סוף“ (ב. באָרג).

ענלעכע געפילן האָבן דורכגעלעבט די קעמפער אין דעם צענטראַלן בונקער פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18, הגם קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז שוין נישט געווען בנמצא. פאַרמיטאָג איז פון דאַנען אַרויס אַ קאַמפס־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון מרדכי גראָוואַס און זי איז פון הינטערוויילעכטס באַפאַלן דייטשישע זעלנער ביים הויז נאַלעווקעס 43. היות די יידישע קעמפער האָבן געטראָגן דייטשישע קאַסקן, האָבן זיך די דייטשן לכתילה נישט אָריענטירט און באַצאָלט דערפאַר מיט דריי טויטע. אינגיכן האָבן זיי גענומען יאָגן די יידן פין אַלע זייטן. די יידן האָבן אָבער בעסער געקאָנט דעם געביט מיט זיינע לעכער און גריבער, און דעריבער זיינען זיי אַרויס אָן פאַרלוסטן און זיך צוריקגעצויגן בשלום צו דער באַזע. אין אָט דער שלאַכט האָט זיך אויסגעצייכנט דער קעמפער יצחק סוקעניק („קאָזע“), אַלע זיינע שאָסן האָבן געטראָפן אָן אַ פגם די דייטשן.

אין דער זעלביקער צייט זיינען מיט אַן ענלעכער אויפגאַבע אַרויס עטלעכע קעמפער־גרופן פון דעם בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30, וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט דער עיקר די אויסגעבלוטיקטע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן די ערשטע טעג געקעמפט אויפן בערשטער־געביט און צום טייל אויף נאַלעווקעס. דעם 1־טן מאי אין אָוונט איז אין דעם בונקער פאָרגעקומען אַן 1־מאייקער אַפּעל און מען האָט געפליסטערט מיט שטילן געזאַנג דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. דער אָרטיקער קאָמאַנדיר, מאַרעק עדעלמאַן, שרייבט אין זיינע זכרונות: „קיינמאָל האָט מען נאָך נישט געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ אין אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע, טראַגישע באַדינגונגען, אין אַן אָרט, וווּ עס איז אומגעקומען און עס גייט אונטער אַ פאָלק; די ווערטער און די מעלאָדיע פונעם ליד און דאָס געזאַנג האָבן אָפּגעהילכט צווישן די פאַרברענטע חורבות, זאָגנדיק דאָס מאָל עדות, אַז אין געטאָ

קעמפט אַ יוגנט, וועלכע פאַרגעסט נישט וועגן דעם אַפילו פּנים אל פּנים מיטן טויט“.

די האָזיקע מיטאַמאָליקע אַקטיוויזירונג פון די יידישע קאַמפּס־גרופּן אין מיטן העלן טאָג האָבן אַליאַרמירט דעם דייטשישן שטאַב. סטראָאָפּ פאַראָרדנט אַ גענעראַל־אַטאַקע אויף די געטאָ־חורבות. עס צערעוועט זיך ווידער די דייטשישע אַרטילעריע, און סטראָאָפּ וואַרפט די פויסט פון זיינע אָפּטיילונגען ווידער אויף די יידישע פּאָזיציעס אויף לעשנאָ. די יידישע בונקערס שטעלן דאָס מאָל אַ מער פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד ווי תמיד. דעם 1־טן מאַי — שרייבט סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט — „האָט מען קיין שום פאַלן פון פריייוויליקן אַרויסגיין נישט נאָטירט“. פאַרקערט, אַ „ווילדע“ יידישע קאַמפּס־גרופּע האָט אינמיטן העלן טאָג געלאָזט מיטן רויך אַ גאַנצע ריי אָביעקטן, וואָס האָבן געהערט צו דער ווערמאַכט און זיך געפונען אויפן שטח פון גענשע און נאָוואָליפּקי — מאַגאַזינען פון היי, שטאַלן וכדומה. אַפילו אויפן אומשלאַג־פּלאַץ איז דאָס מאָל פאַר די היטלעריסטן געוואָרן נישט היימלעך. סטראָאָפּ ראַפּאָרטירט דעם 1־טן מאַי אַט וואָס: „אין איין פאַל האָט אַ ייד, אַן אָפּגעפירטער צום טראַנספּאָרט, אָפּגעגעבן צוויי שאָסן אין אַ פּאָליציי־ליטענאַנט“. אַ גרופּע פון 10 יידן האָט דעם זעלביקן טאָג געפּרוווט מזל און איז אַנטלאָפן פון אומשלאַג־פּלאַץ.

סטראָאָפּ ציטירט נאָך איין „חוצפּה“ פון די יידן. די דייטשן האָבן גענומען אויפרייסן די אַריינגענג אין די קאַנאַלן, כדי נישט דערלאָזן, די יידן זאָלן מאַסנוויז אַריבערלויפן אויף דער „אַרישער“ זייט. אין דעם ערשטן מאַי פאַרלאָפן אַזאַ זאַך: די דייטשן האָבן אַוועקגעלייגט ביי אַ געוויסן קאַנאַל־אַריינגאַנג אויפרייס־מאַטעריאַל. האָט זיך אונטערגעגנבעט אַ יידישער קעמפער, פּשוט צוגענומען דעם מאַטעריאַל אין אַלעמענס אויגן און איז כהרף עין נעלם געוואָרן.

צוליב די אַלע געשעענישן האָט סטראָאָפּ פאַראָרדנט צו פארשטארקן די נאכט־פאַטראָלן אין געטאָ.

## די דרייטאָגיקע שלאַכט אויף פראַנצישקאַנער 30

דעם 1־טן מאי האָט זיך אויך אָנגעהויבן די לענגסטע שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען במשך די באַשריבענע געשעענישן — די שלאַכט ביים בונקער אויף פראַנצישקאַנער 30, וועלכע האָט זיך געצויגן דריי טעג, פון שבת דעם 1־טן ביז מאָנטיק דעם 3־טן מאי איינגעשלאָסן.

אין דעם גרויסן בונקער אויף פראַנצישקאַנער 30, וואָס איז בשעתו אויסגעבויט געוואָרן דורך די באַאַמטע פון דעם פאַרזאָרגונגס־אַמט אין געטאָ, האָבן זיך — ווי עס איז שוין פריער באַמערקט געוואָרן — קאָנצענטרירט עטלעכע גרופן פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, אויסגעבלוטיקטע און גוט דערהפאַרענע אין שלאַכט. חוץ די קעמפער האָבן דאָ געפונען אַ מיקום מקלט נאָך אַ עטלעכע הונדערט געטאָ־אסירים, סרוב פון די אינטעליגענץ־ספערן. אַ סך פון זיי זיינען געווען קראַנק אָדער שוין אין אַ גסיסה־צושטאַנד, בתוכם דער געזעלשאַפטלעכער טוער, דער פריינד פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און בעל פנקס שמואל ווינטער. ווי עס גיט איבער דער געטאָ־קעמפער טוביה באָזשיקאָווסקי — איז ניישט געקוקט אויף דער שווערער לאַגע — די שטימונג אינעם בונקער געווען אַ גוטע. מען האָט אַ סך דיסקוטירט, בפרט איבער דעם מצב אויפן מזרח־פראָנט.

וואָס שייך די קעמפער האָבן זיך אין דעם בונקער באַזעצט די גרופן פון יורעק בלאָנעס, הערש בערלינסקי, הענאָך גוטמאַן, יורעק גרינשפאַן און מאַרעק עדעלמאַן.

בעתן „אויסרייניקן" די פראַנצישקאַנער גאַס דעם 1־טן מאי נאָכמיטאָג האָבן די דייטשן זיך אָנגעשטויסן אויף דעם בונקער און אויפגעפאָדערט די יידן אַרויסצוגיין. ווען מען האָט זיי ניישט געהערט, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן גראַנאַטן. אויף דעם האָבן די קעמפער אָנגעווענדט אַ מאַנעווער. זיי זיינען אַרויסגעפויזעט פונעם בונקער און פאַרנומען צוויי פּאָזיציעס פון צוויי זייטן הינטער די דייטשן. דער שונא איז גענומען געוואָרן אין צוויי פייערן. די קעמפערין פון גוט־

מאַנס גרופּע, דבורה באַראַן, האָט אַ שליידער געטאָן אין די דײַטשן דעם ערשטן גראַנאַט. צוויי דײַטשן פֿאַלן טויט, אַ דריטער אַנטלויפֿט. עס פֿאַרבינדט זיך אַ הייסע שלאַכט. קיין צוריקגאַנג אין בונקער איז שוין נישטאָ, די דײַטשן האָבן אויפֿגעריסן מיט גראַנאַטן דעם הויפּט-אַרײַנגאַנג. דער קאַמף קומט פֿאָר אין די חורבֿות פֿון דעם הויז. דער ציל פֿון די קעמפֿער איז נישט צולאָזן די דײַטשן צום צווייטן, גוט פֿאַרמאַסקירטן אַרײַנגאַנג אינעם בונקער. צום סוף ציען זיך די דײַטשן צוריק, מיטנעמענדיק מיט זיך די אייגענע טויטע און פֿאַרוווּנדעטע.

די ייִדישע קעמפֿער האָבן אויך טײַער באַצאָלט פֿאַר זייער דערווייליקן נצחון. עס איז געפֿאַלן איינער פֿון די בעסטע שיסער, אברהם דיאַמאַנט. אויף אַ הויכן שטאָק פֿונעם אויסגעברענטן הויז האָט זיך באַפֿעסטיקט דער יונגער קעמפֿער אברהם אייגער און באַשאָסן דעם שונא. אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן האָט ער אויפֿן רוף פֿון די דײַטשן זיך אונטערצוגעבן אויסגעשאָסן די לעצטע קויל. דערנאָך האָט ער זיך, אַ דורכגעלעכערטער ווי אַ זיפּ, אַראָפּגעקײַקלט אונטן. עס זענען אויך געפֿאַלן אַנדערע קעמפֿער. בײַנאַכט, ווען דער שונא איז אַוועק, האָבן די שלאַכט-חבֿרים באַגראָבן די געפֿאַלענע אין אַ ברודער-קבֿר אויפֿן הויף. בלויז דיאַמאַנטס קערפּער האָט מען נישט געקאָנט געפֿינען. ער האָט זיך בעת דער שלאַכט אַראָפּגעקאָלערט אין די פֿלאַמען פֿון דעם אָנגעצונדענעם הויז און איז נעלם געוואָרן אין העלישן פֿײַער.

אין דעם שלאַכט האָבן זיך אויסגעצייכנט די יונגע קעמפֿער סטאַשעק בריליאַנטענשטיין און לושעק בלאָנעס.

אויפֿצומאָרגנס, זונטיק דעם 2-טן מאַי, זענען די דײַטשן ווידער געקומען, און מיט פֿאַרשטאַרקטע כּוחות. אַ גאַנצן טאָג האָבן געדויערט די שיסערייען, דאָס איבערלויפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן, דאָס אַרײַנפֿירן דעם שונא אין אַ טעות. פֿאַרן פּרײַז פֿון זייער שווערע קרבנות איז געלונגען אָפּצושטויסן דעם שונא. אין אָט דער צווייטער שלאַכט זע-

נען פֿאַרוווּנדעט געוואָרן די גרופּן־קאָמאַנדירן העניאָך גוטמאַן און יורעק גרינשפּאַן. גרינשפּאַנען האָט מען אַרויסגעפֿירט אין אַ בונקער אויף זאַמענהאָף־גאַס, און דאָ איז ער אויסגעגאַנגען.

מאָנטיק, דעם 3־טן מאַי זענען די דייטשן ווידער געווען אויפֿן אָרט, זוכנדיק דעם פֿאַרמאַסקירטן אַרײַנגאַנג. ווען זיי האָבן אים געפֿונען, האָבן זיי אָנגעווענדט דאָס שרעקלעכסטע מיטל: אַרײַנגעלאָזט גאַז. קיין שום עצה איז שוין נישט געווען. מען האָט זיך געמוזט טרעפֿן מיטן שונא פּנים אל פּנים. די יידישע קעמפֿער האָבן זיך געראַנגלט העלדיש, אָבער מיט די לעצטע כּוחות. סטראָאָפּ, ראַפּאָרטירנדיק וועגן דער שלאַכט, שטרייכט אונטער די פֿאַרביסנקייט פֿון די יידישע קעמפֿער, וועלכע האָבן געשאָסן אין די דייטשן האַלטנדיק צו צוויי פּיסטוילן אין די הענט (די אייגענע און די געירשנטע נאָך די געפֿאַלענע חברים). סטראָאָפּ אַקצענטירט אויך די באַזונדערע קאַמפּסלוסטיקייט פֿון די קעמפֿנדיקע יידישע פֿרויען.

אין לעצטן אומגלייכן קאַמף פֿאַרן בונקער זענען געפֿאַלן: דער 14־יעריקער שאַנן לענט, די קעמפֿעריננס דבורה באַראַן, צפּורה לערער און אַנדערע, דער קעמפֿער זישע פֿאַפּיער פֿון בערלינסקיס גרופּע. אַ העלפֿט פֿון די קעמפֿער איז געפֿאַלן אין שלאַכט. און דאָך איז די דייטשן נישט געלונגען צו כאַפּן קיין איין ייד!

אַ טייל קעמפֿער און סתם יידן איז געלונגען נעלם צו ווערן צווישן די חורבות און זיך איבערצוטראָגן אין דעם בונקער פֿון די שמאַטע־קלייבער אויף פֿראַנציסקאַנער 22. אַ טייל האָט זיך צוריקגעצויגן אין דעם בונקער אויף מילע 18.

די שלאַכט פֿון 1 — 3־טן מאַי איז געווען די לעצטע אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס. אינמיטן מאַי האָט דער טייל גאַס, וואָס האָט געהערט צום געטאָ, אויפֿגעהערט בכלל צו עקזיסטירן. ער איז אויסגעגליכן געוואָרן מיט דער ערד.

## דער קאַמף אויף סטאַווקי, שטשענשליווע און אַנדערע דעם 2־טן און 3־טן מאַי

דעם 2־טן מאַי האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ קאַמף אויך אויף סטאַווקי־געסל, אין די פאַבריקן „טראַנסאַוויאַ" (סטאַווקי 36) און „ווישניעווסקי־סערעיסקי" (סטאַווקי 51). ווען די ס. ס. איז אהין געקומען צונעמען די יידישע אַרבע־טער, האָבן די לעצטע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אַ סך פון זיי זענען אומגעקומען אין אומגלייכן קאַמף.

אַן אויסערגעוויינלעכער קאַמף איז פאָרגעקומען דעם 2־טן מאַי אויף שטשענשליווע. די יידישע קעמפער האָבן באַשאָסן די דייטשן פון די העכער. דעם טאָג איז געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע דער העכערער ס. ס.־ און פאָליציי־פי־רער פון קראָקע, גענעראַל קריגער, און עס איז אים אויס־געקומען צו אָבסערווירן דעם ראַבן־קאַמף אויף שטשענ־שליווע.

אין דער נאַכט פון 2־טן אויפן 3־טן מאַי זענען די דיי־טשישע פּאַטראָלן אין געטאָ עטלעכע מאָל געוואָרן באַשאָסן. מאָנטיק, דעם 3־טן מאַי, האָבן די יידן — חוץ אויף פראַנציסקאַנער 30 — געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד לכל הפחות אין 19 ערטער.

אָבער בעת בייטאָג זענען די קעמפער בדרך כלל געווען פאַרשטעקט אין בונקער און צווישן די חורבות, האָט די נאַכט געהערט אינגאַנצן צו זיי. וועגן דעם זאָגט עדות סטראָאָפּ אַליין. ער שרייבט אין זיין ראַפּאָרט: אין דער נאַכט פון 3־טן אויפן 4־טן מאַי האָבן די אויסשפיר־אָפּטיי־לונגען געמאָלדן, אַז די באַוואָפנטע באַנדיטן האָבן אין גאַנ־צענטרירטע גרופן אָפן מאַרשירט איבערן געטאָ.

## די לעצטע צאַנקנדיקע קאַמפן אויף לעשנאָ — פון 4־טן ביזן 7־טן מאַי

במשך די ווייטערדיקע פיר טעג, פון דינסטיק דעם 4־טן ביז פרייטיק דעם 7־טן מאַי, האָט סטראָאָפּ אויסגעקליבן פאַרן הויפּט־ציל פון זיין אָנגריף דעם געביט פון די שאָפּן אויף לעשנאָ, סמאָטשע, קאַרמעליצקע, און שכנותדיקע גאַסן.

דעם אָנגריף האָבן די דייטשן אָנגעהויבן דעם 4־טן מאי 11 א. ז. אינדערפרי. אויפן באַנייטן אולטימאַטום האָט זיך נישט געשטעלט קיין איין ייד. „דאָס עפענען די בונקערס — איז מודה סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט פון 4־טן מאי — טרעפט אָן אויף אַלץ גרעסערע שוועריקייטן“. די היטלעריסטן צינדן אונטער דעם גאַנצן געביט. די יידן אַנטלויפן פאַרן פייער אויף די דעכער. עס שפּילן זיך אָפּ די דאַנטעישע סצענעס, וואָס זענען שוין באַקאַנט פון אַנדערע גאַסן. „אַן אומצייליקע צאָל יידן — שטעלט פעסט סטראָאָפּ — איז אומגעקומען אין די בונקערס און אין פייער“.

דעם 5־טן מאי חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. די דייטשן שיסן, ברענען, רייסן אויף — די יידן שטעלן אַן אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד. „אויך היינט — ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ — האָבן די יידן, איידער זיי זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אין פאַרשיידענע ערטער“.

דאָנערשטיק, דעם 6־טן מאי ווייזן די יידן אויף לעשנאָ אַרויס — צו סטראָאָפּס גרויסער שטוינונג — אַ פרישן צושטראָם פון ענערגיע און באַנוצן זיך ווידער מיט גראַנאַטן. עס זעט אויס, ווי עס וואָלטן צוגעקומען נייע קעמפער.

אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען דער לעצטער פאַרצווייפלטער אָנשטרענג. וואָרעם פרייטיק, דעם 7־טן מאי, האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף לעשנאָ דער לעצטער קאַמף. דעם טראַגישן סוף האָט צוגעאײַלט דער פאַקט, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהייבן אַלץ אָפטער זיך באַנוצן מיט גאַז.

די לעצטע פאַרטיידיקער פון לעשנאָ זענען געפאַלן אין שלאַכט, אָדער גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. בלויז איין העלדין, רוזשע ראָזענפעלד, האָט זיך דורכגעריסן דורך דער דייטשישער קייט, באַשיסנדיק די דייטשן. זי איז נעלם געוואָרן צווישן די חורבות.

מער האָט מען פון איר נישט געהערט. זי איז אַוודאי אומגעקומען שפּעטער אין אַ שלאַכט.

דעם 7־טן מאי האָט געברענט גאַנץ סמאָטשע. די לעצטע פאַרצווייפלטע קאַמפן זענען פאָרגעקומען צווישן די

פלאַמען. די לעצטע פּאַרטיידיקער פון סמאָטשע האָבן אָבער נישט אָװעקגעלייגט דאָס געװער ביזן סוף. נאָך די אויסגע־בלוטיקטע קאַמפס־גרופּן זענען געבליבן יחידים, װעלכע האָבן קאַנטינואירט דעם געראַנגל. אָט איז אַ שילדערונג פון אַזאַ פאַראיינזאַמטן קעמפער אויף סמאָטשע־גאַס:

אויף עק סמאָטשע האָט מען געזען אַ יונגן מאַן, אַ ייד, װעלכער איז אַרויסגעלאָפן פון זיין דעמאַסקירטן באַהעלטע־ניש און איז אַן איינגעבויגענער װי פייל פון בויגן געלאָפן אין דער ריכטונג פון אַנדערע חורבות. צװיי דייטשן באַ־װאָפנטע אין אויטאָמאַטיש געװער האָבן זיך געלאָזט נאָך אים און געיאָגט. דער יונגער ייד איז אַריין אין אַ חורבה און געגומען שפּרינגען איבער די האַלב־רואינירטע טרעפּ אַלץ העכער און העכער מיט אַ געװאַלטיקער פלינקשאַפט. ער איז אַרויף אויף אַ באַלקאָן און מיט אַ װילדן בליק אַרומגע־נומען די געגנט. די צװיי דייטשן זענען געבליבן שטיין אונטן און אויסגעשטרעקט אין אים זייערע אויטאָמאַטן. מיט אַ בליי־באַװעגונג האָט דער יונגער מענטש אַרויסגעכאַפּט אַ גראַנאַט און אַ זעץ געטאָן אונטן. די דייטשן זענען אָװעקגע־פאַלן, טויט אָדער פאַרװונדעט. דער ייד איז נעלם געװאָרן אין אַן אויגנבליק.

דאָס איז אַ שילדערונג פון אַ פּוילישן פּייערלעשער, װלאַדיסלאַװ שװיענטאָכאָװסקי, װעלכער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער יידישער און סאָציאַליסטישער אונ־טערערד.

מער קיין אינפאָרמאַציעס װעגן סמאָטשע־גאַס איז נישט צו געפינען אין קיין שום דאָקומענט. דעם 7־טן מאַי האָט די דאָזיקע גאַס פון יידישער אָרעמשאַפט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם.

## דער אומקום פון דער צװייטער אויסשפּיר־גרופּע

דער 7־טער מאַי האָט געבראַכט די אָרגאַניזירטע יידי־שע קעמפער אַ נייעם פאַרלוסט. נאָכן אומקום פון דער ערשטער אויסשפּיר־גרופּע האָט דער שטאַב פון מילע 18 אַרויסגעשיקט אַ צװייטע — צו זוכן נייע פאַרבינדונגען און

מעגלעכקייטן פון אַרויסגיין. דעם דאָזיקן טאָג איז די גרופּע אַרויס אין דער ריכטונג צו די געטאָ־מויערן. זי האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע ס. ס. אויף פייער האָבן די יידישע קעמפער געענטפערט מיט פייער. דער קאַמף איז אָבער געווען אַן אומגלייכער. עס זענען אומגעקומען אַלע יידישע אויסשפירער, און בתוכם דער אויסגעצייכנטער שיסער יצחק סוקעניק און די פאַרבינדלערין פונעם שטאַב לילקע זימאַק.

## דער טויט פון אַניעלעוויטש און זיינע מיטאַרבעטער אינעם בונקער אויף מילע 18 — דעם 8־טן מאַי

אויף מילע גאַס נומער 18 האָט זיך געהאַט אויסגעבויט אַ גרויסער בונקער א גרופּע משפּחות פון שמוגלער און גנבים. פּלייצע־טרעגער בראש מיט אַ געוויסן סרול־איסר. בעת די קאַמפן האָבן זיך אַהער אַריינגעצויגן עטלעכע גרופּן לינקע טרעגער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אינעם אויפשטאַנד אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ, און מילע, בראש מיט דוד מאַלאָוואַנטשיק און משה טשאָמפּעל. מאַלאָוואַנטשיק איז אַמאָל געווען אַ חסדל־פירער *), משה טשאָמפּעל האָט געהערט צו אַ באַקאַנטער טרעגער־משפּחה, צווישן וועלכע עס זענען געווען גבורים, וועלכע האָבן געבראָכן אייזן און באַוויזן אַנדערע קונץ־שטיק פון גרויסן פיזישן כוח. מאַלאָוואַנטשיק און די טשאָמפּעלס האָבן פאַר דער מלחמה געהערט צו דער קאָמוניסטישער זעלבשוץ. זיי זענען אַלץ געווען מענטשן פון טיפער אָרעמקייט **).

דורך דער פאַרמיטלונג פון דער קאַמפס־גרופּע פון דוד מאַלאָוואַנטשיק און משה טשאָמפּעל האָבן די באַלעבאַטים פונעם בונקער אַהער אַריינגעלאָזט דעם שטאַב פון דער יידי־

---

*) אַ חסדל — אין אַמאָליקן יידישן וואַרשע האָט מען אַזוי גערופן אַ האַנט־וועגעלע צו פירן סחורות אין פאַרשידענע משאות.

**) דער בעל הכרזנות חיים פרימער האָט אַ טעות, ווען ער שרייבט, אַז דאָס זענען געווען אונטערוועלט־מענטשן. מען פאַרדרייט אָפּט דעם נאָמען טשאָמפּעל אויף טשאָמפּס און מען אידענטיפיצירט זיי אָן אַ גרונד מיט אונטערוועלטניקעס.

שער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט אַ גרעסערער צאָל קעמפּער. אַזוי אַרום איז דאָס געוואָרן דער צענטראַלער בונקער פֿון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אין בונקער זענען געווען לערך 300 מענטשן, בתוכם איבער 80 קעמפּער. די לעצטע האָבן געוווינט אין גרויס ענגשאַפֿט, אָבער אין דיסציפּלין און אָרדענונג. זיי האָבן זייער שטח צעטיילט אין באַזונדערע חלקים, וואָס האָבן געטראָגן סימבאָלישע נעמען: „געטאָ“, „טרעבלינקע“, „טראַווניק“, „פּאָניאַטאָוו“, „פּיאַסקי“. דאָס האָט באַטייט, אַז דער קאַמף איז אַ נקמה־אַקט פֿאַרן געטאָ און די טויט־לאַגערן.

עס האָט זיך דאָ צונויפֿגענומען דער רובֿ בנין ומנין פֿונעם קעמפּערישן און געזעלשאַפֿטלעכן אַקטיוו, ובכן: אַניעלעוויטש מיט זיין חברטע מירע פֿירער און נאָענטסטע חברים אריה ווילנער, טאָסיע אַלטמאַן, מנחם בייגעלמאַן, יהודה װענגראָווער, רבֿקה פּאַסמאַניק און אַנדערע; אפֿרים פֿאָנדאַמינסקי („אַלעקסאַנדער“) — דער סעקרעטאַר פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין געטאָ און זיינע חברים מיכאַל ראָזענפֿעלד (דער שטאַב־מיטגליד פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע), חיים אַנקערמאַן, טאָסיע און פֿראַניע בערמאַן, שרה זשאַגעל, הערמאַן, שיע שפּאַנצער; די קאָמאַנדירן פֿון קאַמפּס־גרופּן בערל בראַודע, לוי גרוזאַלץ, לייב ראָטבלאַט (פֿון דער „עקיבא“־גרופּע) מיט זייערע קעמפּער, בתוכם די פֿאָרדינסטפֿולע קעמפּערינס נעכע צוקער, פּערלמאַן, האַלדזבאַנד און אַנדערע. מיט איין וואָרט: דאָ האָט זיך געפֿונען סיי די לייטונג פֿון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, סיי דער אָנפֿירנדיקער אַקטיוו פֿון השומר הצעיר, קאָמוניסטן, טוער און קאָמאַנדירן פֿון „דרור“, „בונד“, „עקיבא“. דאָ איז געווען דער מוח און דאָס האַרץ פֿון דעם אויפֿשטאַנד. אַהער פֿלעגן קומען די פֿאַרבינדלערינס. דאָ זענען פֿאָרגעקומען די אינסטרוקטיווע באַראַטונגען. פֿון דאַנען זענען געגאַנגען די ראַפּאָרטן און בריוו — אַזש ביז דער „אַרישער“ זייט.

אינעם בונקער האָט זיך אויך געפֿונען פֿאָנדאָמינסוס, פֿרוי ליבע (פֿון דער היים זילבערשטיין), אן אַקטיווע טוערין

פון דער פּוילישער ארבעטער=פּארטיי און מיטגליד פון דער יידישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע. איר פּסעוודאָנים איז געווען: אַלאַ.

די שטימונג אינעם בונקער שילדערט די קעמפּערין און טוערין פון „דרור“ צביה לובעטקין און דער קעמפער חיים פרימער, וועלכער האָט האָרטן געלעבט ביזן פאַטאַלן טאָג פון 8=טן מאי. די שטימונג איז געווען אַ הייטערע און אַ ברידערלעכע. מען האָט א סך דיסקוטירט און געזונגען. צום ערנסטן האָט מען געזונגען די לידער „עס ברענט“, „מיר קומען אָן“, דאָס העברעישע ליד „ספינגו הנודדת“, יידישע פאָלקס=לידער, סאָוויעטישע לידער. דער דייטשישער שטאַב האָט פון אָנהייב אָן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו כאַפּן דעם צענטראַלן בונקער און צוזאַמען מיט אים די אָנפירונג פונעם אויפשטאַנד. אין סטראָאָפּס ראַפּאָרטן חזרן זיך אָפּט איבער די ווערטער, אַז אָט אָט און ער וועט אַנטפּלעקן דעם בונקער, פון דער „ענגער אָנפירונג פונעם אויפשטאַנד“, „פון דער פּפּר=צענטראַלע“. ערשט דעם 7=טן מאי טיילט מיט סטראָאָפּס ראַפּאָרט, אַז עס איז שוין באַוווּסט דאָס אָרט, וווּ עס געפינט זיך דער בונקער „פון דער ענגער פאַרטיי=אָנפירונג“ און פון „זש. ז. וו.“ (יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד). אפנים, אַז סטראָאָפּ האָט פאַרמישט די יוצרות. ער פאַרזיכערט אויך: „מאָרגן וועט דער בונקער געעפנט ווערן מיט קראַפט“.

שבת, דעם 8=טן מאי, האָבן די דייטשן טאַקע ענדלעך דערשנאַפּט דעם בונקער. זיי האָבן אַרומגערינגלט די געגנט און באַשטעלט אַלע פינף אַריינגענג. עד היום איז נישט באַקאַנט ווי אַזוי זיי האָבן זיך וועגן דעם אַלעמען דערוווּסט. די ציווילע בונקער=אסירים זענען אַרויס און זיך אונטערגעגעבן. אַקעגן=זשע די קעמפער האָבן געשטעלט א ווידערשטאַנד. זיי האָבן נישט צוגעלאָזט די היטלעריסטן צום בונקער. נאָכן אויפרייסן די אריינגענג מיט גראַנאַטן, זעענדיק אַז די קעמפער וועלן בשום אופן נישט אַרויס, האָבן די דייטשן אַריינגעלאָזט גאַז. דער עולם אין בונקער האָט זיך גענומען שטיקן.

עס פֿאַלט דעמאָלט הער באַשלוס צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דער ערשטער האָט ליב האָטבלאַט דערלאַנגט סם זיין מוטער, מרים (מאַריאַ), אַ באַוווּסטער פּעדאַגאָגין און לייטערין פֿון אַ יונגט־היים, און איר אַדאָפּטירטער טאָכטער, דערנאָך האָט ער זיך אַליין דערשאָסן.

אַן אומדירעקטער עדות, די קעמפֿערין האַרקע גאָלדקאָרן, האָט איבערגעגעבן, אַז די קעמפֿער האָבן פֿאַרן טויט אָפּגעזונגען זייערע הימנען. אַן אַנדער עדות, די קעמפֿערין צביה לובעטקין, גיט איבער, אַז די מערהייט איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד בתוכם אַניעלעוויטש און מירע פֿירער. דער דערמאָנטער קעמפֿער חיים פֿרימער האַלט, אַז אַניעלעוויטש איז געווען פֿאַרשאַדעט מיט גאַז און האָט אַרייַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ שיסל וואַסער, כּדי אויסצומיידן חלשות, און אין דעם מאָמענט איז ער געשטאָרבן. ווי עס זאָל נישט זיין — פֿונעם גאַז אָדער דורך נעמען זיך דאָס לעבן זענען אומגעקומען כמעט אַלע קעמפֿער, בתוכם אַניעלעוויטש און זיין חברטע, פּאָנדראַמינסקי, ווילנער. בלויז אַ קליינע גרופּע, וואָס האָט זיך געפֿונען על פּי צופֿאַל נאָענטער צו די אַרויסגענג און דעריבער האָט דער גאַז אויף זיי שוואַכער געווירקט, איז געבליבן ליגן פֿאַרחלשט. דאָס זענען געווען: מיכאל רויזענפֿעלד, ליבע פּאָנדראַמינסקאַ, טאָסיע אַלטמאַן, בייגעלמאַן, וואַנגראָווער. די דייטשן האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר טויטע און געלאָזט ליגן. זיי זענען געוואָרן אָפּגעראַטעוועט דורך די קעמפֿער צביה לובעטקין, קאַנאַל, פֿרימער און אַנדערע וועלכע זענען שפּעטער אָנגעקומען אויפֿן אָרט און געפֿונען די פֿאַרחלשטע חברים. דערנאָך זענען זיי אַרויסגעפֿירט געוואָרן אויף דער „אַרישער" זייט דורך דער עקספּעדיציע פֿון דער פּאָלקס־גוואַרדיע, וועגן וואָס עס וועט נאָך זיין אַ רייד. די טויטע חברים האָט מען שוין נישט געקאָנט אידענטיפֿיצירן, ווייל דער בונקער איז געוואָרן אויפֿגעריסן.

עס איז נישט באַוווּסט, אין וועלכע אומשטענדן עס זענען אומגעקומען דוד מאַלאָוואַנטשיק, משה טשאַמפּעל און זייערע חברים. עס זענען פֿאַראַן שפּורן, אַז זיי זענען אומגעקומען אין קאַמף.

די געשיכטע פון דער דערמאָנטער עקספּעדיציע איז אַזאַ: דעם 29=טן אַפּריל איז אַרויס אויף דער „אַרישער" זייט דער קעמפער שמחה ראַטהייזער („קאַזשיק"), אַ געוו. באַטייליקטער אין די קאַמפן אויפן בערשטער=געביט. ער האָט מיט דער הילף פון די ייִדישע פאָרשטייער אויף דער „אַרישער" זייט און פון דער פאָלקס=גוואַרדיע אָרגאַניזירט אַ דריטע רעטונגס=עקספּעדיציע אין געטאָ אַריין. דער ציל איז געווען אַרויסצופירן דורך די קאַנאַלן צווישן אַנדערע אויך די גרופּע פון מילע 18 צוזאַמען מיט אַניעלעוויטשן. ראַטהייזער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך צוויי פּוילישע קאַנאַלן=אַרבעטער טשעסלאַוו וואָיטשעכאָווסקי און וואַצלאַוו שלעדזשעווסקי, וועלכע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַקציע דורך דעם אונטערן שוין באַקאַנטן פאָלקס=גוואַרדיע=אָפיציר גאַיק. די עקספּעדיציע איז אָבער אָנגעקומען צו שפּעט. דער בונקער פון מילע 18 און זיינע קעמפער האָבן שוין נישט עקזיסטירט. ראַטהייזער האָט זיך אויבעט אויסגעמיטן מיט צביה לובעטקין, קאַנאַל און פרימער. מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט ער גענומען פויזען אין דער ריכטונג פון פראַנציסקאַנער 22, וו עס האָט געוואַרט די דאָרטיקע קעמפער=גרופּע.

די טראַגעדיע פונעם שטאַב און דער טויט פון די הויפּט=פירער פונעם אויפשטאַנד זענען געווען דער סאַמע וויטיקלעכסטער קלאַפּ, וואָס עס האָבן באַקומען די אויפשטענדלער. די היטלעריסטן ווידער האָבן באַטראַכט דעם אומקום פונעם שטאַב=בונקער פאַר אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיק געשעעניש. אויפן אָרט פונעם אויפגעריסענעם בונקער איז אָנגעקומען סטראָאָפּ גופא, און ער האָט געמוזט מיט פאַרדרוס פעסטשטעלן: „די מענטשן, וועלכע איך וואָלט גערן אויסגעפרעגט, זענען געווען טויט".

אָט אַזוי איז אומגעקומען דער קאָמאַנדיר פונעם אויפשטאַנד מרדכי אַניעלעוויטש — „איינער פון די בעסטע און גאָבלסטע קעמפער, וואָס האָט פון ערשטן מאָמענט געשטעלט זיין לעבן אין דינסט פון זיין פאָלק" — אַזוי כאַראַקטעריזירט אים דער בעל פּנקס פון געטאָ עמנואל רינ=

געלבלום, וועלכער האָט אַניעלעוויטשן גוט געקאָנט פון דער געמיינזאַמער אונטערערדישער אַרבעט.

אָט אַזוי איז אויך אומגעקומען דער העלדישער פאַר־בינדלער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אריה ווילנער, וועלכער איז אין מערץ 1943 געפּייניקט געוואָרן אין געסטאַפּאָ און פאַרביסן די ציין, נישט אויסגעגעבן קיינעם.

אַזוי איז אומגעקומען אפרים פאָנדאַמינסקי, דער היי־מער ייד און פלאַמיקער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט פריער געהאַט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון זיינע פּוילישע פּראָפעסאָרן אים צו ראַטעווען פערזענלעך. ער האָט געוואָלט בלייבן מיטן פאָלק, מיט דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

און לוי גרוזאַלץ, דער דערציִונגליַנג פון די יידישע וועלט־לעכע שולן, אין לייב (לוטעק) ראָטבלאַט, וואָס איז פון אַן אַסימילירטער סביבה געקומען צו דער יידישער, און שרה זשאַגעל מיט איר פלאַמיקן וואָרט און אַלע אַנדערע קעמפער און קעמפערינס, פון פאַרשיידענע סביבות און באַוועגונגען, וועלכע עס האָט פאַרבונדן און דערנענטערט איין אידעע: קאַמף קעגן היטלעריזם און פאַר אַ פרייער וועלט שטאָלצע שבת־יומטובדיקע יידן אין איר.

## דער דריטער „עקזאָדוס“ פון געטאָ

די דערמאָנטע רעטונגס־עקספּעדיציע, וואָס איז געקומען צו שפּעט אויף מילע 18, האָט געבראַכט די גוטע ידיעה, אַז מען קאָן אַרויספירן אַ צווייטע גרופּע פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אין דער רעטונגס־אַקציע אויף דער „אַרישער“ זייט האָבן זיך אַנגאַזשירט יידן און פאָלאַקן. די יידישע פאָרשטייער און פאַרבינדלער: יצחק צוקערמאַן, יורעק זאַלאָטאָוו, רי־שעק מאַזעלמאַן, זלמן פרידריך, שמחה ראָטהייזער, שלמה שלאַקמאַן (אַ געוו. יידישער אַקטיאָר פון ביאַליסטאָק, פיגו־רירט אַלס סטעפאַן קאָלושקאָ, פסעוודאָנים: „קאָלעיאַזש“,

באַן=אַרבעטער), טביה שיינגוט, און די פּאָלאַקן פֿון דער פּאָלקס=גוואַרדיע: דער באַפֿולמעכטיקטער פֿון הויפּט=שטאַב יוזעף מאַלעציקי („סענק"), די פּאַרטיי=טוער פּראַנציישעק לענטשיצקי און וולאַדיסלאַוו לעגען מיט זיין פֿרוי סטאַניסלאַוואַ און דער אויספֿירער פֿון דער אַקציע וולאַדיסלאַוו גאַיק („קשאַטשעק"). נאָכן גובר זיין פֿאַרשיידענע שוועריקייטן איז די זאַך רעאַליזירט געוואָרן. מאָנטיק, דעם 10=טן מאַי, 10 אַזייגער אינדערפֿרי האָבן די פּאָלקס=גוואַרדיסטן, נאָכן טעראָריזירן די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן באַוואַכט די געגנט, געעפֿנט פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער גאַס די דעק פֿון דעם קאַנאַל=אַרויסגאַנג אויף פּראָסטע=גאַס און אַרויסגעפֿירט צו דער שטוינונג פֿון דעם גאַסן=המון 34 באַוואָפֿנטע געטאָ=קעמפֿער.

און וואָס האָבן אינצווישן איבערגעלעבט די לעצטע? וועגן דעם דערציילט אין זיין באַריכט א. ג. „דער קאַנאַל", דער קאַמפּס=קאָמאַנדיר הערש בערלינסקי *).

אין דעם בונקער אויף פּראַנציסקאַנער 22 האָבן זיך געפֿונען 50 אָרגאַניזירטע קעמפֿער. נאָכן דערהאַלטן די איוב=ידיעה וועגן דעם אומקום פֿון שטאַב אויף מילע 18, האָט די אָנפֿירונג פֿון פּראַנציסקאַנער 22 אַרויסגעשיקט אַ גרופּע אויספֿירער בראש מיטן קאָמאַנדיר אהרן בריסקין (פּאַוועל) דורכן קאַנאַל אויף טלאָמאַצקע 5 אויף דער „אַרישער" זייט מיטן ציל צו אָרגאַניזירן הילף. בריסקינס גרופּע האָט זיך אָבער אָנגעטראָפֿן אויף טלאָמאַצקע אויף אַ לויערונג פֿונעם שונא און איז ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט זיך די גרופּע, שיסנדיק אין די דייטשן, דורכגעריסן אין דער ריכטונג פֿון מיאָדאָווע=גאַס.

אויפֿצומאָרגנס ביינאַכט האָט מען פֿון פּראַנציסקאַנער 22 אַרויסגעשיקט אַ צווייטע אויספֿיר=גרופּע. אויך זי איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ערשט די דריטע גרופּע האָט געבראַכט

*) בערלינסקי האָט עס אָנגעשריבן אין יאָר 1944 אין אַ באַהעלטעניש אויף דער „אַרישער" זייט. ער איז געפֿאַלן אין וואַרשעווער אויפֿשטאַנד אין 1944.

די ידיעה וועגן דער אָנגעקומענער עקספּעדיציע מיט ראַט־הייזערן און די פּוילישע קאַנאַליזאַציע־אַרבעטער.

קנאַפּע 50 קעמפער שלעפּן זיך אינעם קאַנאַל פאָרויס, מיטן געווער פאַרבונדן אַרום האַלדז, אין אַ שמוציקן, שטינקענדיקן וואַסער, טראָגנדיק אויף די געבויגענע רוקנס די פאַרחלשטע חברים פון מילע 18. דער מאַרש דורך דעם קאַנאַל־גיהנום האָט געדויערט 30 שעה, און יעדע מינוט האָט געדויערט אַ שעה, יעדע שעה — אַ גאַנצן טאָג.

אָבער אַפילו אין אָט די שרעקלעכע באַדינגונגען האָבן נישט אַלע קעמפער פאַרלאָרן דעם חוש פאַר הומאָר. אָט דערציילט דער שוין ציטירטער געטאָ־קעמפער חיים פרימער אַזאַ עפּיזאָד:

צווישן די קריכנדיקע אין קאַנאַל קעמפער איז אויך געווען סתם אַ ייד מיטן נאָמען ברוך. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די קאַנאַל־באַדינגונגען פאַר אַ שלימזל, און איינער פון די קעמפער האָט אים אַ וואָרף געטאָן אַ ווערטל: „געדענק, וועסט האָבן אַ מיאוסן סוף, אויב דו וועסט ווייטער אַזוי קריכן, וועל איך דיר דערהרגענען“. ענטפערט אים ברוך: „גוט, איך וויל זאָלסט מיר בעסער הרגענען, וועלן זיך ענדיקן מיינע צרות“. רופט זיך אָפּ יענער: „איך בין גרייט צו דערפילן דיין ווונטש, אָבער וועסט מיר קודם כל באַצאָלן 100 זל. פאַר דער קויל, וואָס איז פאַר דיר באַשטימט“. הייבט זיך אָן ברוך אויף אַן אמת דינגען, ער קאָן געבן נאָר 50 זל. „אויף מער קאָן איך זיך נישט דערלויבן“. אַלע האָבן אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, דער איינציקער געלעכטער, וואָס עס האָט אין יענע צייטן פון גרויל דערהערט דער מאַוימדיקער קאַנאַל.

דעם 10־טן מאַי 8 אינדערפרי האָבן די אויסגעמוטשעטע וואַנדערער דערהערט עלעהיי אַ ריזיקן אויפרייס. דאָס האָט מען געעפנט די דעק.

אין דרויסן האָט שוין געוואַרט אַ לאַסט־מאַשין, אָנגעפירט דורכן וואַרשעווער שאָפער סטאַניסלאַוו טאַרטשינסקי. אין משך פון אַ האַלבער שעה איז די מאַשין דורכגעפלויגן דעם וועג — ביז לאָמיאַנקי. דאָ האָט זיך די נייע גרופּע,

צווישן וועלכער עס איז אויך געווען מאַרעק ערעלמאַן, פאַרייניקט מיט דער פריערדיקער. די פרייד פון די צוריקגעפירטע קאַמפס-חברים האָט צעשטערט דער פאַקט, וואָס אינגיכן איז געשטאָרבן ווענגראָווער, איינער פון די אָפּגעראַטעוועטע פארחלשטע קעמפער פון מילע 18. מען איז אים מקבר געווען אין וואַלד.

## די צווייטע טראַגישע שלאַכט ביים קאַנאַל־אַרויסגאַנג

נישט אַלע 50 קעמפער זענען אָבער אַרויס פון קאַנאַל. היות גאַיק האָט געיאָגט, מורא האָבנדיק, אַז עס קען אָנקומען דייטשישע פּאָליציי, האָט מען אַרויסגעלאָדן אויפן אויטאָמאָביל 34 חברים, און קאַנאַל זענען געבליבן נאָך 15 קעמפער, וועלכע האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז טאַרטשינסקיס מאַשין וועט זיך אומקערן.

בינו לבינו איז טאַקע אָנגעקומען פּאָליציי, ס. ס. און לעטישע פאַשיסטן. זיי האָבן פאַרמינירט דעם שטח פאַרן אַרויסגאַנג און באַשטעלט דעם אַרום. די פאָלקס-גוואַרדיער האָבן עטלעכע מאָל געמאַכט פּרוּוון צוצוקומען צום אָרט, אָבער אָן דערפאָלג. די קעמפער פון קאַנאַל האָבן אָבער וועגן דעם אַלעמען נישט געוווסט. זיי האָבן צום סוף פאַרלאָרן דאָס געדולד און זענען אַרויס. זיי זענען תיכף געבליבן שטיין פנים אל פנים מיטן שונא. עס האָט זיך — פּונקט ווי מיט 10 טעג צוריק—פאַרבונדן אַ נישטגלייכע, טראַגישע שלאַכט. פון איין זייט: אויסגערוטע, זאַטע מיליטער, באַוואָפנט אין ערשטקלאַסיק געווער, פון דער צווייטער: אַ גרופּע מענטשן-שקעלעטן. די היטלעריסטן האָבן געעפנט אַ האָגל פון גראַנאַטן-פייער. אין דער שלאַכט זענען געפאַלן אַלע 15 געטאָ-קעמפער, בתוכם די קאָמאַנדירן יורעק בלאָנעס און האָבערג, דער יונגער קעמפער שלאָמיק שוסטער, ל. ראָמאַנאָוויטש, די קעמפערין פּנינה זאַנדמאַן.

# דער העלדישער טויט פון פאַרבינדלער<br>יורעק זאָלאַטאָוו

דאָס אַרויסנעמען די צווייטע קעמפער-גרופּע צו די פּאַרטיזאַנער האָט אָבער נישט באַטייט, אַז די פאַרבינדלער פון דער ייִדישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע זענען זיך שוין מיאש פון ווייטערדיקן קאַמף אין געטאָ גופא. דעם זעלביקן 10-טן מאַי האָבן די צוויי ייִדישע פאַרבינדלער יורעק זאָלאַטאָוו און רישעק מאָזעלמאַן געדאַרפט איבערנעמען פון דער פאָלקס-גוואַרדיע אַ פּעקל געווער פאַרן קעמפנדיקן געטאָ. דער טרעף-פּונקט איז געווען אויפן באַנק-פּלאַץ, נישט ווייט פון דעם אויפשטאַנד-שטח. עס האָט אָבער די פאַרבינדלער באַמערקט די פּוילישע פּאָליציי און געוואָלט זיי כאַפּן. זאָלאַטאָוו האָט אַרויסגעכאַפּט אַ גראַנאַט און געוואָרפן אין די פּאָליציאַנטן. די געגנט איז אָבער געווען שטאַרק באַוואַכט. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן זיך שיטן שאָסן אויף די יונגע קעמפער. זאָלאַטאָוו איז געפאַלן טויט אויפן אָרט. מאָזעלמאַן האָט געכאַפּט אַ שווערע ווונד. דייטשישע סאָלדאַטן האָבן אים, אַן אָפּגעיענדיקן מיט בלוט, צוגעפירט צום דערבייִיקן זשאַביע-געסל, ביים זאַקסישן גאָרטן, און דערשאָסן.

אָט אַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט די ערשטע 22 טעג פונעם אויפשטאַנד.

די איבערברוך-דאַטע, וועלכע שליסט אָפּ די ערשטע פאַזע פון די געטאָ-קאַמפן, נעמט אַרום די טעג פון 8-טן ביזן 10-טן מאַי, דעם אומקום פון שטאַב און דאָס אַרויספירן די צווייטע קעמפער-גרופּע.

אַצינד וועלן די קאַמפן אַריינגיין אין אַן אַנדער פאַזע — שוין ביזן סוף.

קאַפּיטל זיבן

# די קאַמפן צווישן די געטאָ־חורבות
# פון 10־טן מאַי ביז מיטן יולי 1943

## די לעצטע פאַזע פונעם אויפשטאַנד

פון מאָנטיק, דעם 10־טן מאַי איז דער אויפשטאַנד אַריין אין זיין לעצטער פאַזע. די פאַרטיידיקונגס־ און אָנגריף־שלאַכטן זענען שוין מער נישט געווען קאָאָרדינירט אַפילו אין דער קלענער מאָס ווי סוף אַפּריל און תחילת מאַי. איצט זענען שוין פאָרגעקומען נאָר ספּאָראַדישע קאַמפן צווישן די חורבות פון דעם אויסגעברענטן געטאָ. דעריבער רופט מען אָן די קאַמפס־גרופן פון אָט דער לעצטער פאַזע — ח ו ר ב ו ת ־ ג ר ו פ ן.

אויפן שטח פון דעם ריזיקן רואינען־וויסטעניש פון געוו. געטאָ האָבן אין דער דאָזיקער צייט אָפּערירט די שרידים־גרופן פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון די „אַלטע" קאָמאַנדירן זכריה אַרטשטיין, יוסף פאַרבער, בלוישטיין און פון נייע, א שטייגער — שמעון מעלאָן און אַנדערע, און אויך די פאַרבליבענע גרופן פון דעם יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד מיט חיים לאָפּאַטאָ, יאַנעק פּיקאַ, פּאַוועל רודי בראש. עס זענען אויך אויפגעקומען נייע קאַמפס־גרופן און בפרט בונקער־גרופן, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך פאַרשיידענע קאָמאַנדירן אַרויסגעקומענע סטיכיש פון פאָלק אויף דער כוואַליע פון די געשעענישן, ווי דער יידישער מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי בערעק (אַ פאַמיליע־נאָמען), וועלכער האָט אין די פריערדיקע יאָרן געאַרבעט אין געטאָ ווי אַ הויז־וועכטער און האָט געהאַט אָנטייל גענומען אין דער

אַקציע פֿון אַרויסשלעפּן פֿון דער פּאַוויאַק־תּפֿיסה דורכן געטאָ אָפּיצירן פֿון דער פּוילישער אונטערערד, אָדער דער אַנטלאָפֿענער פֿון טרעבלינקע לייזער שערשען, דער מעטאַל־אַרבעטער משה קויפֿמאַן, דער טרעגער „משה באָלשעוויק" (אַ פּסעוודאָנים) און אַנדערע.

צווישן און אונטער די געטאָ־חורבות, און בפֿרט אין דעם „ווילדן" צווישן־געטאָ־ראַיאָן און אויפֿן בערשטער־געביט האָט זיך נאָך אַלץ געפֿונען אַ גרויסע צאָל נישט אַנטדעקטע בונקערס, אין וועלכע עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַ סך טויזנטער ייִדן. טויזנטער ייִדן האָבן אויך געוואַנדערט צווישן די חורבות, ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט, אָט זענען זיי אַנטפּלעקט געוואָרן פֿאַר די דייטשן און באַלד זענען זיי אַנטרונען צווישן די הייזער־שקעלעטן, שלעפּנדיק זיך מחנותזווייז, געזוכט אין די צעשטערטע געוועזענע שטיבער שפּייז, וואַסער, מלבושים.

נאָכן 10־טן מאַי האָט זיך די באַזע פֿון די לעצטע קעמפֿער געענדערט אין אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן אופֿן. אָט ווי אַן ער ראיה, אינזש. גאָלדמאַן, אַן אַרכיטעקט און בונקערס־בויער (ער איז דערנאָך אומגעקומען אויף דער „אַרישער" זייט) שילדערט אין אַ ספּעציעל־אָנגעשריבענער רעלאַציע די לאַגע און דעם אויסזען פֿון די חורבות־איינוווינער און חורבות־קעמפֿער: „פֿון די קעלערס שפּרינגען אַרויס עטלעכע מענטשן־געשפּענסטער. די פּנימער באַוואָקסן, דאָס אָנטאָן צעפּליקט און מיט צויטן, און די הענט געווער... נאָכן אַדורכגיין עטלעכע קעלערס און בוידעמס פֿאַלן מיר אַריין אין עפּעס אַ הויז אויף מוראַנאָוו. ס'איז נאַכט. די מענטשן זענען אַרויס אויפֿן הויף און קנאָדערן זיך צוזאַמען אין אַ שאָפּע. אויפֿן פֿאָל שטייען ציגל און אויף זיי טעפּלעך. שמוציקע פּרויען מיט צעפּאַטלטע האָר קאָכן עפּעס אַן עסן. די קינדער, ענלעך צו וואַלד־היהלעך, מאָנען זייערע פּאָרציעס. מען האָט אונדז אויפֿגענומען האַרציק, מכבד געווען מיט עסן, געגעבן צו טרינקען".

ווי מיר זעען האָט נאָך, נישט געקוקט אויף די שודער־לעכע באַדינגונגען, עקזיסטירט אין די רייען פֿון די חורבות־

מענטשן דאָס געפיל פון האַרציקייט און הילפגרייטקייט. אָבער די זעלביקע באַדינגונגען האָבן אייניצייטיק אַרויסגערופן אַ ברוטאַליטעט. אינזש. גאָלדמאַן שילדערט גלייכצייטיק אַ סצענע פון אַנטוואָפענען אַ געוויסן פאַרשוין, אָדער פשוט — אַ סצענע פון קאַמף פאַר געווער:

„אויפן וועג, אין אַ געוויסן הויף אויף פראַנציסקאַנער גאַס שפּילט זיך אָפּ, ביים בליען פייער פון ברענענדיקן שוועבל, אַ ווילדע סצענע פון „אַנטוואָפענען" אַ געוויסן פאַרשוין, וואָס טראָגט מיט זיך „אומגעזעצלעך" געווער. אין אַ מינוט אַרום רופט מען אַרויס פון קעלער נאָך איין פאַרשוין, מען הייסט אים אָפּגעבן דאָס געווער. ער זאָגט אָפּ. די שעפּטשערייען ווערן אַלץ שטאַרקער. צום סוף — אַ קלאַפּ מיט דער קאָלבע אין פּנים. דער פאַרשוין פאַלט אום. מען רייסט אים אַרויס פון האַנט דאָס געווער און פון הינטערן פאַס — דאָס זעקל מיט אַמוניציע".

צווישן די חורבות איז אויך געווען אַ מין „בערזע", אָדער אַ „באַזאַר". ביינאַכט, ווען די דייטשן פלעגן אַרויסגיין פון געטאָ, פלעגן די מענטשן אַרויסקריכן פון די נאָרעס, בונקערס, חורבות און איינהאַנדלען פּאַפּיראָסן, שוועבעלעך, ליכט, וואָס האָבן געשטאַמט פון אומפאַרמיידלעכן רויב אין די פאַרלאָזענע באַהאַלט־ערטער און אויסגעברענטע הייזער.

אָט די מענטשן־געשפענסטער, באַוואָפנט מיט דעראָבערט אָדער געפונען געווער, האָבן ווייטער געשטעלט אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד צווישן דעם ים פון חורבות.

אין דער נאַכט פון מאָנטיק, דעם 10־טן, אויף דינסטיק, דעם 11־טן מאַי זענען עטלעכע אַזעלכע חורבות־גרופּן אָנגעפאַלן אויף דייטשישע פּאַטראָלן. אויפצומאָרגנס האָבן זיך איבערגעחזרט די אָנפאַלן.

דעם 11־טן מאַי קלאָגט זיך סטראָאָפּ אין זיין ראַפּאָרט, אַז עס האָט אויסגעפעלט גאַז אַרייינצולאָזן אין די ווידערשפעניקע בונקערס. אַדאַנק דעם זענען די יידן געווען מער האַרטנעקיק און אַטאַקירט די דייטשן אויף גענשע גאַס ביי די ערשטע נומערן. סטראָאָפּ שטעלט פעסט, אַז דעם טאָג זענען 53 געטאָ־„באַנדיטן" געפאַלן אין קאַמף.

מיטוואָך, דעם 12־טן מאַי, זענען אויפסניי פאָרגעקומען בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. לויט סטראָאָפּן זענען דאָס מאָל געפאַלן און שלאַכט 133 ייִדן.

## די דייטשן דערשרעקן זיך און אַנטלויפן ווידער

דעם זעלביקן טאָג האָט זיך אַ קעמפער־גרופּע פון די בונקערס פון שווינטאַיערסקע און וואָלאָווע געלאָזט אין וועג אַריין, כּדי אויסצופירן די מעגלעכקייטן פון אַרויס־רייסן זיך פון געטאָ. זי האָט זיך פּלוצים אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט אַ גרעסערן דייטשישן פּאַטראָל, און פלוג האָבן זיך די ייִדן דערשראָקן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ביי די דייטשן האָט דאָס אומגעריכטע באַווייזן זיך פון אַ גרופּע אָפּגעריסענע און ווילד־באַוואָקסענע באַוואָפנטע ייִדן צווישן די חורבות און דער אַרומיקער טויטער שטילקייט אַרויסגערופן אַ נישטקלענערן פּחד. ביי די דייטשן האָט עס אויסגעזען, ווי די ייִדן וואָלטן אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד. די ייִדן זענען אָבער שנעלער געקומען צו זיך און גענומען שיסן. די דייטשן האָבן געלאָזט ליגן איין טויטן סאָלדאַט און געמאַכט ויברח.ביים טויטן האָבן די ייִדן גע־פונען אַ געטאָ־מאַפּע און געווער.

## פאַרשטאַרקטע גראַנאַטן-שלאַכטן דעם 13־טן מאַי

שבת, דעם 13־טן מאַי, 25 טעג נאָכדעם, ווי עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, נאָכדעם ווי דאָס געטאָ איז געוואָרן אויסגעברענט, נאָכן באַנוצן דורכן שונא גאַז און אַ קנאַפּע וואָך נאָכן אומקום פונעם שטאַב פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — נאָך דעם אַלעמען איז אויסגעקו־מען דעם ס. ס.־גענעראַל סטראָאָפּ צו פאַרצייכענען אין זיין ראַפּאָרט, אַז די קאַמפן האָבן ווידער ווי אַ צעפּלאַקערט פלעמל אויסגעבראָכן אויפסניי מיט אַ געוואַלטיקער פאַר־ביסנקייט. אָט וואָס סטראָאָפּ שרייבט אין זיין ראַפּאָרט פון 13־טן מאַי:

„בעתן ליקווידירן אַ געוויסן בונקער האָט זיך פֿאַרבונדן אַ רעגולער פֿייער־צוזאַמענשטויס, בשעת וועלכער די ייִדן האָבן ניט בלויז געשאָסן פֿון רעוואָלווערן פֿון קאַליבער 80 און פֿון פּוילישע „וויסן“*, נאָר אויך באַוואָרפֿן די ס. ס.־מענער מיט גראַנאַטן. ווען אַ טייל פֿון דער בונקער־מאַנשאַפֿט איז געצוווּנגען געוואָרן אַרויסצוגיין און מען האָט ביי זיי געוואָלט דורכפֿירן אַ רעוויזיע, האָט איינע פֿון די פֿרויען — אַזוי ווי דאָס האָט שוין אָפֿט געהאַט אָן אָרט — מיט אַ בליץ־שנעלער באַוועגונג אַרויסגעכאַפּט פֿון די הייזעלעך אַ האַנט־גראַנאַט און געוואָרפֿן צווישן די סאָלדאַטן, צוריקציענדיק זיך מאָמענטאַל אינעם באַהעלטעניש“. די רעשט פֿון דער ייִדישער בונקער־מאַנשאַפֿט, וועלכע האָט בשום אופֿן ניט געוואָלט אַרויס און זיך אונטערגעבן, האָט געפֿונען דעם טויט אינעם אויפֿגעריסענעם דורך די דייטשן בונקער. סטראָאָפּ איז מודה, אַז אינעם קאַמף זענען אויך געפֿאַלן דייטשן.

ווי עס גיט איבער אַן עד ראיה, יוסף לעהמאַן, איז דעם זעלביקן 13־טן מאַי פֿאָרגעקומען אַ ביטערע שלאַכט ביי אַ בונקער אויף באָניפֿראַטן 3—5. די דייטשן האָבן אויסגעשפּירט דעם בונקער, באַלאַגערט, געעפֿנט אַ פֿייער. די ייִדן זענען געווען דעצידירט ניט אַרויסצוגיין. די בונקער־קעמפֿערין שרה ראָזענבוים האָט צוגעפֿויזעט צו דער עפֿענונג און אַ שלײַדער געטאָן אַ גראַנאַט אין די היטלעריסטן. עטלעכע דייטשן זענען געפֿאַלן שווער פֿאַרווונדעט. די דייטשן האָבן געבראַכט הילף און באָמבאַרדירט דעם בונקער מיט גראַנאַטן. אָבער צוליב דעם כאַאָס, וואָס איז אינצווישן אויסגעבראָכן, איז געלונגען די בונקער־אסירים זיך דורכצושלייכן דורך הינטערוועגן אויף פֿראַנציסקאַנער גאַס, וווּ זיי האָבן געפֿונען לעת עתה אַ מקום מקלט.

אַז די דאָזיקע אינפֿאָרמאַציע איז אַ ריכטיקע, זאָגט עדות דער ראַפּאָרט פֿון דער פּוילישער פּאָליציי פֿון דעם 13־טן מאַי, ווו עס רעדט זיך טאַקע וועגן אַ שלאַכט אַקעגן

*) רעוואָלווערן פֿון פּוילישער פּראָדוקציע.

באַגיפראַטן נומער 4, אין וועלכער עס זענען שווער פאַרוווּנ־דעט געוואָרן צוויי דייטשן.

דעם זעלביקן טאָג איז אויסגעבראָכן אַ שלאַכט ביים בונקער פון די בעקער, וואָס איז געלעגן אינעם הויף פון גרויסן הויז וואָלאָווע 6 — שווינטאָיערסקע 30. אן עד ראיה, דער געטאָ־קעמפער אריה (לעאָן) נייבערג שילדערט דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון אָט דער בונקער־גרופּע. נייבערג דערציילט דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד, וואָס אילוס־טרירט די פאַרביסנקייט פון די בונקער־אסירים: ווען די דייטשן האָבן בעת דער דערמאָנטער שלאַכט געכאַפּט אַ ייִד בילויער, האָבן זיי אים גענומען פאַרשן, ווו עס געפינען זיך די ייִדן. אויף דעם האָט בילויער, שוין נישט קיין יונגער מענטש, דערלאַנגט דעם ס. ס.־אָפיציר אַ פּאַטש, אויסרופנ־דיק: „דאָ האָסטו ייִדן... מערדער!" בילויער איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

אויך די דאַזיקע רעלאַציע האָט אַ באַשטעטיקונג אין דעם שטראָאָפּס ראַפּאָרט. סטראָאָפּ שטרייכט אונטער אין זיין ראַפּאָרט פון 13־טן מאי אָט וואָס: „דאָס אַרויסבאַקומען וועלכע נישט אין דערקלערונגען ביי די געפאַנגענע ייִדן וועגן דעם, ווו עס געפינען זיך די זיי באַקאַנטע בונקערס, איז לעצטנס אַן אוממעגלעכע זאַך".

## דער אָנפאַל פון סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען אין דער נאַכט פון 13־טן אויפן 14־טן מאַי

אין אַזאַ מצב — פון שטאַרקע דעטאָנאַציעס, ריזיקע שרפות און באַגייטע קאַמפּן — איז פאָרגעקומען דער גרוי־סער אָנפאַל פון סאָוויעטישע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען אין דער נאַכט פון שבת דעם 13־טן און אויף זונטיק דעם 14־טן מאַי.

דער דאָזיקער לופט־אָנגריף איז געקומען אַלס ענטפער אויף דער אַלאַרמירנדיקער פונק־דעפּעשע פון דער אָנפירונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין וואַרשעווער אונ־

טערערד צו געאָרגי דימיטראָוו אין מאָסקווע און דורך אים צום סאָוויעטישן קאָמיטעט פון מלוכהשער פאַרטיידיקונג.

די דעפּעשע איז געגאַנגען דורך דער פּאַרטיזאַנישער באַזע אין מזרח־פּוילן, וואָס ווערט באַשטעטיקט דורכן האָרטיקן פּאַרטיזאַנישן קאָמאַנדיר „יאַנאָוווסקי" (לעאָן קאָסמאַן).

אין דער פונק־דעפּעשע האָט מען פאַרלאַנגט צו אָרגאַניזירן אַ נקמה־אַקט פאַרן ליקווידירן דאָס געטאָ אין דער פאָרם פון באָמבאַרדירן די דייטשישע מיליטערישע אָביעקטן אין וואַרשע.

די פלאַמען פונעם ברענענדיקן געטאָ זענען טאַקע געווען אַן אויסגעצייכנטער וועגווייזער פאַר די סאָוויעטישע עראָפּלאַנען. דער לופט־אָנגריף האָט געדויערט צוויי שעה, פון האַלב צוועלף ביז האַלב צוויי בייטאָג. די באָמבעס זענען געפאַלן אויף אַ סך דייטשישע אָביעקטן, בתוכם אויף די קאַזאַרמעס פון ס. ס., אָבער זיי האָבן אויך געטראָפן אין עטלעכע פּוילישע געגנטן. עס זענען געפאַלן אַ סך טויטע און פאַרווונדעטע. עטלעכע באָמבעס זענען אויך געפאַלן אין דער שכנות פון געטאָ.

עטלעכע יידישע גרופּן האָבן תיכף געפּרוווט אויסנוצן דעם אָנפאַל, זיי זענען אָנגעפאַלן אויף די צעמישטע דייטשישע וואַכן און געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון דעם קלעם. סטראָאָפּ באַצייכנט טאַקע אין זיין צומאָרגנדיקן ראַפּאָרט עטלעכע פאַלן פון פאַרלוסטן אין זיינע רייען.

לכל הפחות אין דריי פונקטן האָבן יידישע גרופּן געפּרוווט מזל זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ, אונטערן האָגל פון די באָמבעס. דער פּרווו אויף אָקאָפּאָווע איז נישט געלונגען. די פּרוּוון אויף מילנע און באָניפראַטן האָבן זיך צום טייל איינגעגעבן. אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם דער ייד ד"ר פאָלישוק, וועלכער האָט דערנאָך איבערגעגעבן זיין באַריכט דעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט: „בעת דעם אָנפאַלי אויף וואַרשע דעם 13־טן מאַי זענען מיר אויף אַלץ דעצידירטע פיר מענטשן אַרויס בייטאָג ביים קלאַנג פון באָמבעס און לופטשוץ־אַרטילעריע. מיר זענען אַרויס דורך מילנע־גאַס. דעם 17־טן מאַי האָבן מיר אין

די לעכער פון דער גאַס באַגעגנט אַ גרופּע באַוואָפנטע פּאָלאַקן. בייגאַכט דעם 28־טן מאַי זענען מיר אַרויס אויף דער „אַרישער" זייט *).

וואַרשייגלעד איז אין דער דאָזיקער אומרואיקער נאַכט אַרויס פון געטאָ אויך דער באַקאַנטער קעמפער פּיניע בעשטימט (פּאַוועל רודי) צוזאַמען מיטן קעמפער דעם טרעגער „קשיוואָנאָס" און נאָך 5 פּערזאָן פון זייער גרופּע. זיי האָבן געהאַט פאַרבינדונגען אין דעם פּוילישן אַרבעטער־ראַיאָן וואָליע. פּאַוועל רודי האָט זיך אויף דער „אַרישער" זייט אויסגעצייכנט ווי אַן אַקטיווער אונטערערד־טוער און זיך דער עיקר פאַרנומען מיט איבערפירן געווער צו די לעצטע פונקטן פון די יידן אין לאַנד. ער איז געפאַלן אין קאַמף, בעתן פּוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944.

## די שלאַכט אויף די דעכער דעם 14־טן מאַי

גלייך אויפצומאַרגנס, ווען אין אַ סך „אַרישע" גאַסן פון וואַרשע זענען נאָך געווען קענטיק די סימנים פון דעם בייגאַכטיקן לופט־אָנגריף, זענען פאָרגעקומען ווייטערדיקע שלאַכטן אין געטאָ. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די שלאַכטן האָבן זיך איצט אַלץ מער דערנעענטערט צו די גרענעץ־פונקטן פונעם געטאָ. די יידן האָבן קענטיק קאָנצענטרירט זייער אַרויספאַלן ביי די מויערן און גרענעץ־פונקטן, זוכנדיק אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן אויף דער „אַרישער" זייט.

זונטיק, דעם 14־טן מאַי, האָט אַ גרופּע פון אַ 14 קעמפער זיך אַרויסבאַקומען אויף אַ דאַך, נישט ווייט פון דער געטאָ־גרענעץ, און באַשאָסן אין משך פון אַ לענגערער צייט די דייטשן. די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע שלאַכט האָט ווידעראַמאָל געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן אַ היטלעריסטישער גדול אַ גאַסט. דאָס איז געווען דער לײ־

---

*) ד"ר פּאָלישוק איז דערנאָך געמסרט געוואָרן דורך פּוילישע בוליגאַנעס און איז אומגעקומען.

טער פֿון דער פּערסאָנאַלער ביוראָ פֿון דעם רייכזיכערהייטס־הויפּטאַמט אין בערלין, דער ס. ס.־גרופּנפֿירער און גענע־ראַל־לייטענאַנט פֿון וואַפֿן־ס. ס. פֿאָן הערף.

אין דער נאַכט פֿון 14־טן אויפֿן 15־טן מאַי זענען ווי־דער פֿאָרגעקומען צווישן די געטאָ־חורבות שיסערייען און צוזאַמענשטויסן. די פּוילישע פּאָליציי שרייבט אין ראַפּאָרט פֿון 1 מאַי: „בייטאָג קנאַלן מעכטיקע דעטאָנאַציעס,ביי־נאַכט — אַ געוואַלדיקע שיסעריי ביי די גרענעצן פֿון געטאָ, מען שיסט פֿון האַנט־געווער, לייכטן און שווערן מאַשין־געווער“.

## דאָס אויפֿרייסן די גרויסע סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע דעם 16־טן מאַי

אַזוי אַרום זענען אַריבער פֿיר וואָכן פֿון כסדרדיקע קאַמפֿן. דאָס אויסגעברענטע און אויסגעבלוטיקטע געטאָ האָט נאָך אַלץ נישט קאַפּיטולירט. סטראָאָפּ האָט גוט פֿאַר־שטאַנען, אַז די קאַמפֿן — הגם זיי האָבן שוין נישט אַזאַ פֿאַרנעם ווי פֿריער — זענען נאָך נישט פֿאַרענדיקט. פֿונ־דעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן מודיע צו זיין אָפֿיציעל, אַז צו דער אַקציע איז געקומען אַ סוף. דעם 16־טן מאַי האָט ער אָנגעשריבן אינעם ראַפּאָרט צו זיינע באַלעבאַטים: „דער געוועזענער יידישער ווין־באַציִרק אין וואַרשע עקזיסטירט נישט מער“. דאָס איז געווען אַ דיפּלאָמאַטיש דריידל. סטראָאָפּ שרייבט נישט, אַז דער יידישער ווידערשטאַנד איז פֿאַרענדיקט, נאָר אַז דאָס געטאָ איז מער נישטאָ.

לכבוד דעם דאָזיקן „גרויסן היסטאָרישן נצחון“ און ווי אַ סימבאָל, אַז דאָס וואַרשעווער יידנטום עקזיסטירט נישט מער, האָט הימלער באַפֿוילן סטראָאָפּן צו צעשטערן די גרויסע סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע נומער 5. דאָס איז גע־ווען אַ פּרעכטיקער בנין, אויפֿגעבויט אין יאָר 1877 אין סטיל פֿון דייטשישן נעאָרענעסאַנס לויטן פּראָיעקט פֿון באַ־ווּסטן איטאַליענישן אַרכיטעקט לעאָנאַרדאָ מאַרקאָני. די ווערמאַכט־סאַפּערן פֿון סטראָאָפּס אָפּטיילונגען האָבן אונ־

טערגעלייגט אַ ריזיקע לאַדונג פון דינאַמיט. די עקספּלאָזיע איז געווען אַזאַ טייוולאָניש־מעכטיקע, אַז זי האָט אויפגע־טרייסלט גאַנץ וואַרשע. אויף זיין וואַרשעווער פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין יולי 1951, האָט סטראָאָפּ זיך פּאַרטיי־דיקט, אַז ער האָט געמוזט אויפרייסן די סינאַגאָגע, ווייל עס האָט זיך דאָרט פאַרשטעקט אַ גרופּע יידישע קעמפער. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אמת, ווייל — ווי מיר האָבן גע־זען — זענען פונעם בונקער אויף פראַנציסקאַנער 22 אַרויס דעם 8־טן און 9־טן מאַי צוויי קאַמפס־גרופּן אין דער ריכטונג פון טלאָמאַצקע און זיי זענען געוואָרן אָנגעגריפּן דורך די דייטשן.

סטראָאָפּ האָט אָפיציעל פאַרענדיקט די „גראָסאַקציאָן“ (ווי ער רופט אָן דאָס דערשטיקן דעם אויפשטאַנד) דעם 16־טן מאַי אַ פערטל נאָך 8 אין אָוונט. היות ער האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז צווישן די חורבות שטעקן נאָך פאַרשידענע קעמפער־גרופּן, האָט ער געלאָזט אויפן שטח פון געטאָ דעם 23־טן פּאָליציי־באַטאַליאָן אונ־טער דער אָנפירונג פון מאַיאָר אָטאָ בונדקע, מיט דער אויפ־גאַבע „דורכצוקעמען“ דאָס חרובע געטאָ און ליקווידירן די שארית הפליטה פון די דאָרטיקע יידן.

אָבער אין דער זעלביקער צייט יאָוועז זיך מיטאַמאָל אויף מילאַ־גאַס, ממש זיי וואָלטן אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד, נייע קאַמפס־גרופּן. אַן עד ראיה, וואָס איז דעם 16־טן מאַי אויף אַ רגע אַרויסגעקראָכן פון אַ בונקער אויף מילע, באַשרייבט אַזאַ סצענע: „פלוצים האָבן מיר באַ־מערקט אין גאַס מענלעכע געשטאַלטן. זיי זענען געגאַנגען פון זאַמענהאָף־גאַס. אינסטינקטיוו זענען מיר אָפּגעשפּרונ־גען אין אַ זייט און זיך פאַרשטעקט הינטערן הויז־מויער. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון אונדז. איך האָב באַמערקט, אַז זיי טראָגן קאַסקן און הויכע שטיוול, קיין ביקסן האָב איך נישט געזען. לכתחילה האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז אַ דייטשישע קאָנטראָל־גרופּע, אָבער ווען מיר האָבן דערהערט זייער שמועס, האָבן מיר זיך אָריענטירט, אַז דאָס זענען אונדזערע יאַטן. מיר זענען צוגעגאַנגען. זיי

זענען געווען אָנגעטאָן אין דייטשישע מונדירן, היגטער די פּאַסן האָבן געשטעקט רעוואָלווערן און גראַנאַטן. זיי זענען געווען יונג און הויך. זיי זענען געווען פון מילע גאַס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די קאַמפן אין געטאָ האָבן זיך פאַר־ענדיקט, אָבער זיי האָבן געשטרעבט צו נקמה, צום קאַמף ביזן סוף און בײַנאַכט געלויערט אויף דייטשישע פּאַטראָלן. מיר האָבן זיי געזעגנט מיט האַנטדרוק. דאָס איז געווען דעם 16־טן מאַי 1943".

## די קאַמפן אין געטאָ ביזן סוף מאַי

אויפצומאַרגנס, דינסטיק דעם 17־טן מאַי, האָט דער־באַריכטגעבער פון דער פּוילישער פּאָליציי פאַרצייכנט אין זיין ראַפּאָרט אַט וואָס: „די יידישע אָפּטיילונגען פּויזען אַרויס ממש פון אונטער דער ערד און אַטאַקירן אומגע־ריכט די דייטשן". צוליב דעם — שטרייכט אונטער דער באַ־ריכט־געבער — האָט מען אויפסניי געמוזט פאַרשטאַרקן די ס. ס.־אָפּטיילונגען. סטראָאָפּס נעכטיקער באַפעל איז אַזוי אַרום געבליבן אויף פּאַפּיר. דער איבערגעלאָזטער פּאָליציי־באַטאַליאָן האָט זיך נישט געקאָנט געבן קיין עצה.

„נישט געקוקט אויפן שטורעם, וואָס האָט געדויערט 6 וואָכן — האָט געשריבן די לינקע פּוילישע אונטערערדי־שע צייטשריפט „גלאָס וואַרשאַווי" אינעם נומער פון 28־טן מאַי 1943 — מיט דער באַנוצונג פון אַלע מינים געווער, נישט געקוקט אויפן פאַרברענען דעם גאַנצן ראַיאָן, נישט געקוקט אויפן אָנווענדן גאַזן, איז נישט געלונגען צו צע־ברעכן דאָס הייפל (יידישע) פאַרטיידיקער. אין געוויסע פּונקטן האָט דער קאַמף אויפגעפלאַקערט אויפסניי".

די פּאָליציי און ס. ס. טוען אַלץ, כדי צו מאַכן אומ־מעגלעך דאָס לעבן צווישן די חורבות. זיי שניידן אָפּ דעם צושטראָם פון וואַסער, פאַרסמען דאָס פאַראַנענע וואַסער, באַגיסן מיט נאַפט די געפונענע שפּייז־זאַפּאַסן, רייסן אויף די טראָטואַרן און דעם ברוק. און פונדעסטוועגן ווערן די

ספּאָראַדישע קאַמפּס=אַרויסטריטן פֿון די ייִדן נישט אָפּגעשטעלט.

מיטוואָך, דעם 18=טן מאַי, קומען פֿאָר צווישן די חורבות העפּטיקע שיסעריי=אויסטוישן. דאָנערשטיק, דעם 19=טן מאַי ברעכן אויס שלאַכטן אויף גענשע עק נאַלעווקעס און אויף מילע. אויף גענשע עק נאַלעווקעס קעמפּן די חורבות=גרופּן פֿון שמעון מעלאָן. די דייטשן באַנוצן זיך מיט אַ מאַשין=געווער, די ייִדן וואַרפֿן גראַנאַטן. צוויי דייטשישע פּאָליציאַנטן פֿאַלן. די דייטשן טרעטן אָפּ. די ייִדן דעראָבערן געווער.

אויף מילע 44 שטעלט אַ פֿאַרצווייפֿלטן ווידערשטאַנד אַ דאָרטיקע בונקער=גרופּע, וועלכע איז אויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ ייִדישן מסור. ער באַצאָלט דערפֿאַר מיט זײַן קאָפּ, ער פֿאַלט פֿון אַ ייִדישער קויל. דער בונקער קומט אום, ווײַל די דייטשן לאָזן אַרײַן גאַז.

אינגיכן צעלייגט זיך איבער מילע גאַס אַ טויטע שטילקייט. אין לעצטן גסיסה=ווײ קומט אום די דאָזיקע גאַס פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און אָרעמקייט, די גאַס, וווּ עס האָט זיך געהאַט געפֿונען די צענטראַלע אָנפֿירונג פֿונעם אויפֿשטאַנד.

פֿרײַטיק, דעם 20=טן מאַי טראָגן זיך די קאַמפּן איבער אויף נאָוואָליפּקי און נאָוואָליפּיע. די פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע שרייבט דעם 22=טן מאַי: „אין דער געגנט פֿון נאָוואָליפּקי האָט דער קאַמף אויפֿגעפֿלאַקערט אויפֿסניי“ און „צווישן די חורבות פֿון נאָוואָליפּיע איז פֿאַראַן די ייִדישע ווידערשטאַנד=באַוועגונג און עס הערט זיך אַ שיסעריי פֿון שווערע מאַשין=געווער“.

די ראַפּאָרטן פֿון דער פּוילישער פּאָליציי פֿון 20=טן ביזן 24=טן מאַי מעלדן טאָג איין טאָג אויס וועגן נאָך אַלץ דויערנדיקע קאַמפּן — „אויף דער זייט פֿון דער דייטשישער פּאָליציי און ס. ס., וועלכע זענען אַנגאַזשירט אין דער זיכערקייט פֿונעם געטאָ, זענען פֿאַראַן בלוטיקע קרבנות, און דן צאָל אומגעקומענע דייטשישע פֿונקציאָנאַרן איז צו גרויס“.

## דער לעצטער קאַמף פון דער גרופּע פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד אויף גזשיבאָווסקע גאַס

און אינצווישן האָבן זיך געוויסע גרופּן הן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, הן פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד געפונען אין לפּי ערך פאַרזיכערטע ערטער אויף דער „אַרישער“ זייט. די דאָזיקע גרופּן האָבן זיך אָבער נישט איזאָלירט פון דעם ווידערשטאַנד, איינגעהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די טעטיקע קאַמפּס־גרופּן און זיך דירעקט באַטייליקט אין אַ ריי קאַמפּס־אַקציעס.

אַ גרופּע שרידים פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד בראש מיט פּאַוועל פרענקעל האָט זיך געפונען אין אַ בונקער אויף גזשיבאָווסקע 11. די גרופּע איז באַשטאַנען פון 10 פּערזאָן באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן און גראַנאַטן. די דייטשן האָבן דערשנאַפּט און באַלאַגערט דעם בונקער דעם 11־טן מאַי. די אויפפאָדערונג אַרויסצוגיין האָבן די קעמפער אָפּגעוואָרפן. ווען די דייטשן האָבן געפּרוווט אַריינדרינגען, האָבן זיי געענטפערט מיט קוילן. ווי תמיד האָבן די דייטשן באַוואָרפן דעם בונקער מיט גראַנאַטן. די מערהייט קעמפער צוזאַמען מיט פרענקעלן איז אומגעקומען אויפן אָרט. דריי קעמפער זענען אַריינגעפאַלן אין דעם שונאס הענט און דערנאָך געוואָרן דערשאָסן.

## דער טראַגישער טויט פון אַ גרופּע פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף פּראַגע דעם 25־טן מאַי

אויף פּראַגע, אינעם הויז נ. 10 פון דער גאַס פון 11־טן נאָוועמבער, האָט זיך געפונען אַ קאָנספּיראַטיווער לאָקאַל און אַ באַהעלטעניש פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָ האָבן זיך געפונען עטלעכע קעמפער פון צווישן די, וואָס זענען פאַרהלשטע אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם פאַרגאַזירטן בונקער אויף מילע 18. דאָ איז אויך

געווען אַ טרעף־פונקט פון יידישע קעמפער און בפרט פאַר־בינדלער און שלוחים פון דער פּאַרטיזאַנישער גרופּע פּו־נעם לאַמיאַנקי־וועלדל.

אין דעם זעלביקן הויז איז געווען אַ פאַבריק פון צע־לולאָיד. ווי עס גיט איבער די מעלדונג פון דער פּוילישער פּאָליציי פון 25־טן מאַי, איז אין דער פאַבריק אויסגע־בראָכן אַ שרפה, וועלכע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צוליב דעם צעלולאָיד־מאַטעריאַל אַזוי אַז בקרוב איז דאָס גאַנצע הויז געשטאַנען אין פלאַמען. דערנאָך האָט די פּאָליציי גע־פונען דריי צום טויט פאַרברענטע קערפּערס—פון דער קעמ־פערין מאַסיע אַלטמאַן און נאָך צוויי יידישע קעמפער. אַלע דריי האָבן געשטאַמט פון דעם בונקער פון מילע 18.

דער פערטער קעמפער, וואָס האָט זיך געפונען אין דער פאַבריק, אליעזר געללער, האָט באַוויזן אַרויסצולויפן און אַפּגעבריטער און פאַרוואונדעטער. דער פינפטער, דער פאַרבינדלער מאיר שוואַרץ, איז אַנטלאָפן פון ברענענדיקן הויז צו אַ פּוילישער שכנטע, וועלכע האָט אים באַהאַלטן אין אַ שאַנק. די פּאָליציי, וואָס איז געקומען זוכן, האָט אים נישט געפונען. ווען די גוטע פרוי האָט דערמלט געעפנט די שאַנק, כדי צו באַפרייען מאיר שוואַרצן, האָט זי גע־פונען אַ מת, וואָרעם ביינו לביינו האָט שוואַרץ אין שאַנק באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע און איז געשטאָרבן אפילו אָן אַ קרעכץ.

## דער טראַגישער סוף
## פון אַנדערע געטאָ־קעמפער

פון די קוילן און גראַנאַטן פונעם שונא, צוליב מסירות פון פּוילישע פאַשיסטן אָדער על פּי צופאַל זענען אומגעקו־מען אַ סך אַנדערע מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און סתם יידישע קעמפער, וועלכע זענען מיט דער הילף פון פּוילישע אַנטיפאַשיסטן ניצול געוואָרן פון ברענענדיקן געטאָ.

אין דעם קעלער פֿון דעם, אונדז שוין באַקאַנטן הויז אויף אָגראָדאָווע 19, ווו עס האָט געוווינט דער „גוטער גייסט" רישאַרד טריפּאָן, האָט זיך געפֿונען אַן עטאַפּ־פּונקט פֿאַר די געטאָ־קעמפֿער אויפֿן ווייטערדיקן וועג צו די פּאַרטיזאַנער. דער „גוטער גייסט" האָט זיי באַשיצט, און אַ צווייטער גייסט, אַ „בייזער גייסט" (אַ זאָאָלאָגישער אַנטיסעמיט) האָט זיי פֿאַרמסרט. די דייטשישע פּאָליציי איז אַריינגעדרונגען אין דעם קעלער. נאָך אַ קורצער, פֿאַרצווייפֿלטער זעלבשוץ מצד די יידן זענען זיי געוואָרן אויסגעשאָכטן ביז איינעם.

די שמאַלצאָווניקעס און מוסרים מכל המינים זענען געווען די ערגסטע מכה, די גרעסטע סכנה פֿאַר די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ, סיי פֿאַר סתם יידן, סיי פֿאַר די קעמפֿער.

אַ קרבן פֿון די דאָזיקע היענעס און שאַקאַלן, וואָס האָבן געלויערט און פּאַראַזיטעוועט אויפֿן יידישן אומגליק, איז אויך געווען דער גרופּע־קאָמאַנדיר פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דער אויפֿשטענדלער וואָלף ראָזאָווסקי (אַ מיטגליד פֿון „צוקונפֿט"). ער איז אַדורכגעגאַנגען אַן אַנדער עטאַפּ־פּונקט, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף זשוראַוויע־גאַס נומער 24 וווינונג 4, אין דער דירה פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער טוערין אוויגעניע וואָנסאָוויטש־לעשטשינסקאַ (זי איז געווען די פֿרוי פֿון בונדישן טוער סאַמסאָנאָוויטש). אין איר דירה האָט זיך געפֿונען דער פּראָפּאַגאַנדע־צענטער פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַ געווער־מאַגאַזין, אַ מקום מקלט פֿאַר אַ סך אומלעגאַלע טוער. ראָזאָווסקי איז דאָ נישט געבליבן. ער איז אַרויס אין שטאָט און האָט זיך נישט באַוויזן אָפּצוטשעפּען פֿון די שמאַלצאָווניקעס און מוסרים און איז אומגעבראַכט געוואָרן אין געסטאַפּאָ.

דעם 7־טן יולי האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ בלוטיקע דראַמע אין דעם הויז אויף וואַשינגטאָן־גאַס נומער 80. דאָ האָט געוווינט דער פּוילישער סאָציאַליסט סטעפֿאַן פּאָקראָפּעק, וועלכער איז געווען אַנגאַזשירט אין אַ וויכטיקער

הילף־אַקציע לטובת די יידישע קעמפּער, דער עיקר אין באַזאָרגן פּאַר זיי געווער. זיין שטוב איז געווען אַ קאָנספּיראַטיווער טרעף־פּונקט מיט די פאָרשטייער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָ איז אויך געווען די באַזע פון דעם העלדישן פּאַרבינדלער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע טוביה שיינגוט (טאַדעק), אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר".

דעם 7 יולי איז די געסטאַפּאָ פּלוצים אַריינגעדרונגען אין פּאָקראָפּעקס וווינונג. פּאָקראָפּעק און שיינגוט האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און באַשאָסן די געסטאַפּאָ־לייט. — די לעצטע זענען אָבער גובר געווען און די צוויי קעמפּער — דער ייד און דער פּוילישער סאָציאַליסט — זענען אומגעקומען.

כדי צו פאַרענדיקן דעם פּראָבלעם פון דעם גורל פון אַ סך יידישע קעמפּער אויף דער „אַרישער" זייט, וועלן מיר אַריבערשפּרינגען אַ גרויסן צייט־מהלך, ביזן אָנהייב פון יאָר 1944. איינער פון די בונקערס פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער" זייט האָט זיך געפונען אויף פּרוזשנע־גאַס נומער 14. דאָ האָבן זיך צווישן אַנדערע געפונען די געטאָ־קעמפּער יעקב פייגענבלאַט („יאַצעק") פון „גורדוניה", זיגמונט איגלאַ (פון „בונד") און גוטע קאַוועניאָקי, וועלכע זענען ווייטער געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער אונטערערד. תחילת 1944 האָט אַ מסור אויסגעגעבן דעם בונקער. נאָך אַ קורצן ווידערשטאַנד זענען די געטאָ־קעמפּער געפאַלן.

נישט אַלע געטאָ־קעמפּער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער „אַרישער" זייט, האָבן פאַרענדיקט אַזוי טראַגיש. אַ גאַנצע גרופּע בראָש מיט יצחק צוקערמאַן („אַנטעק"), אין וועלכער עס האָבן זיך אויך געפונען טביה באָזשיקאָווסקי, הערש בערלינסקי, צביה לובעטקין, מאַרעק עדעלמאַן, פּאָליע עלסטער, ערליך, דער פאַרבינדלער צעלעמענסקי און אַנדערע האָבן אויסגעדויערט, אין זייער שווערע באַדינגונגען, ביזן אויסברוך פון פּוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944 און אָנטייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד.

עטלעכע פון זיי — בערלינסקי, עלסטער, ערליך — זענען געפאַלן בעת די אויפשטאַנד־קאַמפן.

אויף דער „אַרישער“ זייט האָט זיך אויך געפונען, שטייענדיק אין קאָנטאַקט מיט דער דערמאָנטער קעמפער־גרופע, אַ גרופע יידישע עסקנים ובתוכם ד״ר לעאָן פיינער, סאַלאָ פישגרונד און אַנדערע צענטראַלע טוער פון „בונד“, ד״ר אברהם בערמאַן און אַנדערע פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, דער אָפיציר פון דער פאָלקס־גוואַרדיע און יידישער טוער מנשה (נאַסטעק) מאַטיוויעצקי, וועלכער איז אומגעקומען אינעם פוילישן אויפשטאַנד, די קאָמוניסטישע טוערין יאַנינאַ ביר פון לובלין און אַנדערע.

די דאָזיקע גרופע טרייע טוער האָט גענומען אויף זיך זייער אַ וויכטיקע און שווערע אַרבעט. זי איז באַשטאַנען קודם כל אין אָרגאַניזירן הילף פאַר די טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען אויף דער „אַרישער“ זייט, אָפטמאָל אין דער לאַגע פון אַ כסדר געפלאָגטער און געיאָגטער חיה. ווייטער איז געווען נייטיק צו אָרגאַניזירן דעם איינקויף פון געווער פאַר פאַרשידענע גרופן יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די לעצטע געטאָס און לאַגערן אין לאַנד. און די דריטע, אָבער נישט לעצטע אויפגאַבע: אײַנהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, אַלאַרמירן די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד, מאָנען און פאָדערן הילף און אַקטיווקייט.

אויף אָט דעם לעצטן געביט האָבן זיך אויסגעצייכנט דער פאָרזיצער פון אומלעגאַלן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“, ד״ר לעאָן פיינער, און דער פאַרשטייער פון געהיימען יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, ד״ר אברהם בערמאַן, און זייערע נאָענטע מיטאַרבעטער. לעאָן פיינער האָט דורך פאַרשידענע וועגן געשיקט באַריכטן און אַלאַרמען קיין אויסלאַנד. באַריכטן און אַלאַרמען האָבן אויך געשיקט די אונטערערדישע טוער יצחק צוקערמאַן, גאָטעסמאַן און אַנדערע.

אין דער זעלביקער צייט האָט דער ערשטער סעקרע־טאַר פון צ. ק. פון פּ. פּ. ר., פּאַוועל פינדער, געשיקט באַריכטן וועגן דעם געטאָ־קאַמף און אַליאַרמען קיין מאָסקווע, צום באַוווסטן פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבע־טער־באַוועגונג, געאָרגי דימיטראָוו. סיי די באַריכטן פון לעאָן פיינער, סיי די געהיימע דעפּעשן פון פּאַוועל פינדער זענען פאַראַן אין אַרכיוון. דאָס זענען וויכטיקע דאָקומענטן פון דער תקופה פון דעם געטאָ־קאַמף.

לאָמיר זיך אַצינד אומקערן צו די געשעענישן פון סוף מאַי 1943.

## דער קאַמף פון אהרן בריסקינס גרופּע אויף מיאַדאָווע 41, דעם 27־טן מאַי

פרייטיק, דעם 27־טן מאַי האָט לודוויק לאַנדוי געמאַכט אין זיין טאָגבוך די פאָלגנדיקע נאָטיץ:

„היינט אין סאַמע העלן טאָג איז אויף מיאַדאָווע־גאַס אויסגעבראָכן אַ געוואַלטיקע שיסעריי, מען האָט דערהרגעט עטלעכע פּוילישע און דייטשישע פּאָליציאַנטן, עס זענען אויך אומגעקומען עטלעכע אָנפאַלער, איינער פון זיי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ייד. מען האַלט, אַז דאָס איז גע־ווען אַ קאַמף פון די דייטשן מיט עפּעס אַ יידישער גרופּע, ווייל נעכטן האָט מען געהערט זייער אַ באַלעבטע שיסעריי פון די חורבות פונעם כסדר פאַרניכטעטן געטאָ, און מען האָט געזאָגט, אַז געוויסע אָפּטיילונגען פון געטאָ האָבן זיך אַדורכגעריסן אויף אויסן".

די גוט אינפאָרמירטע פּויליש־דעמאָקראַטישע אונטער־ערדישע טאָג־צייטונג „גאָווי דזשען" פון 27־טן מאַי טיילט אויכעט מיט וועגן דעם דאָזיקן קאַמף, דהיינו: „אַ קאַמפס־גרופּע האָט אַטאַקירט און דערשאָסן צוויי אָפיצירן פון דער פּוילישער פּאָליציי אויף מיאַדאָווע־גאַס קעגנאיבער דעם בנין פון קרייז־געריכט. נאָכן אויספירן די דאָזיקע אויפגאַבע האָט די קעמפער־גרופּע זיך צוריקגעצויגן, דעמלט איז געקומען צו אַ קאַמף מיט פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. די

קעמפּער האָבן געשאָסן פון רעוואָלווערן און געוואָרפן גראַ־נאַטן. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן 10 אינדערפרי".

די פּוילישע אונטערערדישע טוער, מאַן און פרוי לע־גע‎ין, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויפצונעמען ביי זיך אין שטוב אויף שטשיגלע־גאַס די יידישע קעמפּער, וואָס זענען אַרויס פון געטאָ, וויסן צו דערציילן, אַז דאָס איז געווען די קאַמפס־גרופּע פון אהרן בריסקין (פּאַוועל), וואָס איז בשעתו אַרויס פון דעם בונקער אויף פראַנציסקאַנער 22 אויף טלאָמאַצקע גאַס מיטן ציל צו זוכן אַ וועג צו דער „אַרישער" זייט. זי האָט דורכגעמאַכט אין משך אַ לאַנ־גער צייט פאַרשידענע גילגולים און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און לסוף זיך אָפּגעשטעלט אין אַ באַהעלטעניש אויף מיאָדאָווע 14. פון דאַנען האָבן זיי אָנגעקניפּט דורך די לעגעצעס אַ קאָנטאַקט מיט דער פּאָלקס־גוואַרדיע. צום סוף האָט זיי פאַראַטן דער הויזוועכטער און געבראַכט פּאָליציי.

די יידישע גרופּע איז אומגעקומען אין אומגלייכן קאַמף, אויפן מסור איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ טויט־אור־טייל, וואָס איז געוואָרן אויסגעפירט דורך אַ ספּעץ־גרופּע פון דער פּאָלקס־גוואַרדיע.

דער העלדישער קעמפּער פון מיאָדאָווע 10, אהרן בריסקין, איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט.

## די לעצטע קאַמפן אויף די נאַלעווקעס

סוף מאַי זענען געפאַלן די לעצטע בונקערס און האָבן זיך אָפּגעשפּילט די לעצטע קאַמפן צווישן די חורבות פון דער הויפּט־גאַס פונעם וואַרשעווער געטאָ, די נאַלעווקעס. דאָ זאָלן האָבן אָפּערירט די לעצטע פאַרבליבענע גרופּן פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמאַנדירן: זכריה אַרטשטיין, יצחק בלוישטיין און יוסף פאַרבער.

די בונקערס זענען אויסגעגעבן געוואָרן דורך יידישע מוסרים, וועלכע זענען דערנאָך געפאַלן פון די הענט פון יידישע קעמפּער.

אין דער זעלביקער צייט זענען אויך געפאלן די לעצטע קאמפס=גרופן אויף וואלינסקע גאס.

דער חודש מאי איז אפגעשלאסן געווארן מיט אן אויסערגעוויינלעך דרייסטן אנגריף פון די יידישע קעמפער. די ס. ס. האט אפט געפירט גרופן פאליטישע ארעסטירטע פון דער פאוויאק=תפיסה, כדי זיי צו דערשיסן צווישן די געטא=חורבות. די יידישע קעמפער האבן איינגעארדנט א באוואפנטן אנפאל אויף אזא טויט=קאנוואי, צעקלאפט די ס. ס. און געגעבן די טויט=פארמשפטע ארעסטאנטן די מעגלעכקייט צו אנטלויפן. די דאזיקע אקציע איז געווארן דורכגעפירט אין מיטן העלן טאג. דער דאזיקער פאל האט געצוווּנגען די דייטשן אריינצופירן באנייס אויפן שטח פון געטא פאנצער=אויטאס. דער באריכט=געבער פון דער פוילישער פאליציי גיט צו אין זיין ראפארט פון 1=טן יוני: „די לאגע אין געטא האט זיך פארערגערט“.

דעם 31 מאי איז ביים גענעראל=גובערנאטאר פראנק אין קראקע פארגעקומען א באראטונג וועגן דער זיכערקייט=לאגע אין לאנד. אין זיין ראפארט האט דער זיכערקייט=„מיניסטער“, גענעראל קריגער צוו. אנד. באטאנט, אז „ער האט באקומען פון דער זיכערקייט=פאליציי אין ווארשע א מעלדונג, אז די יידן פירן ווייטער אויס אנפאלן און הריגות“; מיט אנדערע ווערטער: אז די קאמפן אין געטא הערן נאך אלץ נישט אויף. קריגער האט ווייטער געזאגט, אז דאס דערשטיקן דעם יידישן ווידערשטאנד און די ליקווידאציע פון ווארשעווער געטא געהערן צו די שווערסטע און ביטערסטע אויפגאבן פון דער פאליציי, אבער מען מוז עם דורכפירן, ווייל אזוי איז דער באפעל פונעם „פירער“. קריגער האט אין זיין רעפעראט געמוזט אנערקענען די מוטיקייט פון די יידישע אויפשטענדלער און בפרט פון די פרויען, וועלכע צייכענען זיך אויס — לויט קריגערן — מיט זייער כוח און קאמפסגרייטקייט.

# דער לעצטער קאַמף
# פונעם שלאַכט־קאָמאַנדיר זכריה אַרטשטיין
# דעם 3־טן יוני

איינער פון די העלדישע שלאַכט־קאָמאַנדירן, וועגן וועלכן מען הערט נאָך תחילת יוני, איז זכריה אַרטשטיין, איינער פון די פעיקסטע און מוטיקסטע גרופּע־אָנפירער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. פון די נאַלעווקעס האָט ער זיך מיט זיין גרופּע איבערגעטראָגן אויף באָניפראַטן, אַלץ נאָענטער צו דער געטאָ־גרענעץ, מיט דער האָפענונג אַרויסצורייסן זיך פון דעם טויט־פאַרמשפּטן ריזיקן בית־עלמין, וווּ עס איז אַמאָל געווען אַ געטאָ.

ווי עס גיבן איבער אומאָפּהענגיק פון זיך עטלעכע עדות, איז אַרטשטיינס גרופּע אַטאַקירט געוואָרן דורכן שונא דעם 3־טן יוני נישט ווייט פונעם צעשטערטן הויז אויף באָניפראַטן 13. אַרטשטיין האָט אָנגעווענדט די טאַקטיק פון אָפּווענדן דעם שונאס אויפמערקזאַמקייט און פון אײַבערעשן אים מיט אַן אומגעריכטן אָנפאַל פון הינטערוויילעכטס. די קעמפער האָבן פאַרנומען אַ פּאָזיציע אינעם אויסגעברענטן הויז און באַשאָסן די דייטשן. ווען די דייטשן האָבן געעפנט אַ העפטיקן פייער, האָבן די יידן געענטפערט מיט שיטערע שאָסן, און די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו דער חורבה, קאָנצענטרירנדיק אויף איר די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אין דעם מאָמענט האָט זיך זכריה אַרטשטיין אַראָפּגעלאָזט דורך דער ריגווע און פאַרלאָפן די דייטשן פון הינטן. די דייטשן זענען גענומען געוואָרן אין צוויי פייערן. ביי לפי ערך נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלטן זיי פאַרשפּילט, אָבער די יידישע בחורים זענען שוין געווען אַזוי ווייט פאַרשלאָפט פון הונגער און דערשעפּונג, אַז עס האָט זיי שוין נישט געסטאַיעט קיין פיזישער כוח. זיי זענען געווען נישט שלעכט באַוואָפנט, אָבער זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח צו וואַרפן די גראַנאַטן. דער שליידער איז געווען צו שוואַך, די גראַנאַטן זענען געפאַלן צו נאָענט. אַרטשטיינס גרופּע האָט פאַרלאָרן 5 קעמפער, בתוכם איין

מיידל. עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי שנעל אַנטלויפן צווישן די חורבות. די דייטשישע פּאָליציי האָט פאַרלאָרן דריי מאַן.

אַרטשטיין זאָל נאָכאַמאָל האָבן געפּרווט מזל זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ. ער זאָל האָבן אומגעקומען אין די ערשטע טעג פון יוני ביי אַזאַ פּרוו.

אזוי איז געפאַלן זכריה אַרטשטיין, אַ העלד פון אַ סך שלאַכטן, אַ מיטגליד פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „דרור".

## די לעצטע ידיעות וועגן די קאַמפן אין חודש יוני

זונטיק, דעם 5־טן יוני איז געפאַלן בעת אַ צוזאַמענ־שטויס מיט די דייטשן דער לעצטער קאָמאַנדיר פון אַ גרו־פּע פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד יאַנעק פּיקאַ. דאָס איז געווען אַ פּשוטער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט געהאַט אַריינגעצויגן אין זיין קאַמפס־גרופּע אַ סך געוו. „ווילע יונ־גען" און זיי דערצויגן פאַר קעמפער. פּיקאַ איז געווען זיין פּסעוודאָנים (אַ פּיקע), זיין אמתער נאָמען איז געבליבן אומבאַקאַנט.

דעם 8־טן יוני האָט די פּוילישע לינקע אונטערערדי־שע צייטשריפט „גלאָס וואַרשאַווי" געשריבן: „נישט גע־קוקט דערויף, וואָס אַ ריי צייטשריפטן האָבן שוין געבראַכט אַ ידיעה וועגן דעם סוף פון די קאַמפן אין געטאָ, ווירקט נאָך אַלץ דאָס הייפל (יידישע) קעמפער. אין משך פון די לעצטע טעג האָבן זיי דורכגעפירט אַ ריי אַרויספאַלן איבער די מויערן, געהרגעט עטלעכע זשאַנדאַרן און געצוואונגען (דעם שונא) צו פאַרגרעסערן זיינע כוחות".

די לעצטע פעסטשטעלונג באַשטעטיקט די מעלדונג פון דער א. ק.־אויספירונג פון 15־טן יוני. מיר לייענען דאָרטן אָט וואָס: טאָג און נאַכט שיקן די דייטשן אין געטאָ אַריין קליינע אָפּטיילונגען אוקראַינישע און לעטישע געהילפ־ס. ס., זיי זענען באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער און גראַנאַטן. זיי נישטערן און רייסן אויף בונקערס. בלויז אין איין בונ־

קער אויף לעשנאָ האָט מען אויפֿגעדעקט אַ גוט=פֿאַרמאַסקירטע גרופּע פֿון 150 יידן — אויף דער זעלביקער לעשנאָגאַס, וווּ מען האָט געמיינט, אַז עס איז שוין קיין סימן פֿון קיין ייד מער נישטאָ. די אינפֿאָרמאַציע פֿון דעם א. ק.=אויסשפּיר פֿאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „מען קאָן זיך משער זיין, אַז אויפֿן געביט פֿונעם געטאָ געפֿינט זיך נאָך אַ גרויסע צאָל באַוואָפֿנטע יידן, וועלכע זענען דעצידירט זיך צו פֿאַרטיידיקן“.

מכּוח דעם, אַז אין חודש יוני האָבן נאָך געדויערט די קאַמפֿן אין חרובֿן געטאָ, טיילט מיט אַ רייכסדייטשקע, ד. ה. אַ דייטשישע פֿרוי פֿון דייטשלאַנד גופֿא, אַ געקומענע קיין וואַרשע, אין אַ בריוו צו די העכערע פּאָליציי=אָרגאַנען אין דייטשלאַנד. די דייטשקע, וואָס איר נאָמען איז אונדז אומבאַקאַנט, קלאָגט זיך אויף די שלעכטע לעבן=באַדינגונגען און פֿאַרשיידענע אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס עס קומט אוים איצט אויסצושטיין די ציווילע דייטשן אין וואַרשע „צוליב די אָנפֿאַלן מצד די יידן און באַנדעס“. זי באַשולדיקט די וואַרשעווער היטלערישע פּאָליציי, אַז די אַקציע צו ליקווידירן דאָס געטאָ, וואָס איז געווען באַשטימט דורך דער ס. ס. בסודי סודות, איז אַנטפּלעקט געוואָרן די יידן. מען האָט זיך גערעכנט — שרייבט זי ווייטער — אַז די אַקציע וועט דויערן בסך הכּל 3—4 טעג און דאָ דויערן שוין די קאַמפֿן 5 וואָכן און מען זעט נאָך נישט קיין עק.

און לסוף אַ דייטשישער דאָקומענט, וואָס שטאַמט פֿון די דייטשישע פּאָליצייאישע מאַכט=אָרגאַנען אין וואַרשע. דאָס איז אַ פֿאָרשלאַג צו באַלוינען דעם הויפּטמאַן (קאַפּיטאַן) פֿון דער שוץ=פּאָליציי, עדרער, מיט אַן אויסצייכענונג פֿאַר זיינע פֿאַרדינסטן ביים באַקעמפֿן די „יידיש=באָלשעוויסטישע באַנדעס“ אויפֿן געביט פֿון דעם געטו. יידישן ווין=באַצירק אין יוני 1943.

די אַלע ציטירטע דריי דאָקומענטן האָבן איין חסרון. זיי גיבן נישט אָן גענוי די ערטער, ווו די יוני=קאַמפֿן זענען פֿאָרגעקומען, און זייער פֿאַרלויף. אָבער זיי שטעלן פֿעסט, אַז אין יוני זענען די קאַמפֿן פֿאָרגעזעצט געוואָרן.

אין דער הינזיכט קומען צו הילף די אויפקלערונגען פון עדי ראיה, למשל פון אריה נייבערג און ד״ר רישאַרד לעווי (וואָלעווסקי), וועלכע זענען אין יענער צייט געווען אין געטאָ און האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען די קאַמפן און אין געוויסע שלאַכטן גענומען אַן אָנטייל.

אדאַנק דעם דערוויסן מיר זיך, אַז די קאַמפן, וועגן וועלכע עס רעדן די ציטירטע פוילישע און דייטשישע דאָקומענטן, זענען פאָרגעקומען אויף באַניפראַטן, מוראַנאָווסקע, הרב מייזילס־גאַס. שוויענטאָיערסקע און וואָלאָווע. עס ווערן אפילו דערמאָנט נעמען פון קעמפער, ווי יאַנקע גאָנטאַרסקאַ, קלאָנסקי, אינזשיניער מאָשקאָוויטש, דער טרעגער משה „באָלשעוויק״ און אַנדערע.

## דער אויפשטאַנד לעשט זיך איין אין חודש יולי

דער אויבן־געבראַכטער דייטשישער דאָקומענט וועגן די „פאַרדינסטן״ פון דעם שופאָ־הויפּטמאַן עדערער רעדט וועגן די קאַמפן אין חרובן געטאָ נישט בלויז אין יוני, נאָר אויך אין ח ו ד ש י ו ל י! דער פאָרשלאַג־געבער לויבט דעם הויפּטמאַן עדערער, אז אין יולי 1943 האָט ער אויפגענומען אַ קאַמף קעגן אַ גרופּע פון 9 באַוואָפנטע „יידישע באַנדיטן״ אויפן שטח פון געוו. געטאָ!

דער ציטירטער שוין עד ראיה, נייבערג, און נאָך איין אָנטיילנעמער אין די קאַמפן, דער מעטאַל־אַרבעטער משה פלאַמענבוים, דערגענצן די אינפאָרמאַציע פון דעם דייטשישן דאָקומענט און דערציילן וועגן יולי־שלאַכטן אויף שוויענטאָיערסקע, וואָלאָווע, פראַנציסקאַנער, מוראַנאָווער פּלאַץ, זאַמענהאָף־גאַס. למשל אויף וואָלאָווע 4 האָט אַ גרופּע יידישע קעמפער בראש מיט שמעון מעלאַן אויפגענומען די אַריינמאַרשירנדיקע היטלעריסטן, וועלכע האָבן דערביי געזונגען דאָס יידן־מערדערישע „האָרסט־וועסעל־ליד״, מיט אַ האָגל פון קוילן. די רוצחים האָבן לכתחילה געמאַכט פיס, זיי זענען אָבער שנעל געקומען צוריק און געצוואונגען די יידן צו אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון דער פראַנציסקאַנער גאַס.

דעם 2־טן יולי איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט דער גוט־פאַרמאַסקירטער און העלדיש פאַרטיידיקטער טרעגער־בונקער אויף פראַנציסקאַנער 37. פאַרן פרייז פון גרויסע קרבנות איז געלונגען אָפּצושטויסן די דייטשן, וועלכע זענען אַוועק. אין שלאַכט איז צוו. אַנד. געפאַלן אַ יונגער קעמפער, אַ זון פון אַ טרעגער. דער צעווייטאָקטער פאָטער האָט איבערן זונס טויטן קערפּער בייגעלייגט אַ שבועה צו נעמען נקמה.

דעם 7־טן יולי איז אַ חורבות־גרופּע, פאַרבייגייענדיק ביי גאַלעוועקעס 23—25, אַטאַקירט געוואָרן דורך דייטשן. די גרופּע האָט צוריקגעשאָסן.

פאַמעלעך האָט אָבער דער יידישער ווידערשטאַנד גענאַנקט. די לעבנס־מיטלען זענען אויסגעגאַנגען, ממילא זענען אויך די כוחות אויסגעגאַנגען. די דייטשן האָבן גענומען אויפסניי אויפרייסן די חורבות. עס איז שוין נישט געווען וואָס צו טרינקען. „ביינאַכט האָבן מיר זיך ווי לונאַטיקער געשלעפּט איבער די הייף זוכנדיק וואַסער“, דערציילט איינער פון די חורבות־קעמפער אריה נייבערג.

עס איז געבליבן איין ציל: געפינען אַ וועג אַרויסצובאַקומען זיך פון דעם טאָל פון טויט.

ווער עס האָט נאָר געקאָנט איז אַרויס. אָבער דער וועג דורך די קאַנאַלן איז געוואָרן אָפּגעשניטן. צו ערשט האָבן די דייטשן פאַרגאָסן די קאַנאַלן מיט וואַסער, דערנאָך האָבן זיי אויפגעריסן די אַרויסגענג.

האָט מען זיך גענומט דעצידירן צו זוכן אַן אַרויסגאַנג אינמיטן נאַכט, אַדורכשלייכן זיך צווישן דעם שונאס וואַכן. אַ סך האָבן פאַר דעם געוואַגטן שריט באַצאָלט מיטן לעבן.

די לעצטע גרופּן, וועלכע זענען אַדורך בשלום און מיט געווער אין האַנט, זענען אַרויס דעם 23־טן און 26־טן סעפּטעמבער. צווישן זיי זענען געווען אונדזערע צוויי עדות: נייבערג און לעווי.

הינטער זיי איז געבליבן אַ ריזיקע וויסטעניש, איינגעהילט אין אַ טויטער שטילקייט.

## די לעצטע הייל־איינוווינער פון געטאָ
## און זייער לעצטער קאַמף

אָבער אָט די אומהיימלעכע שטילקייט איז פון צייט צו צייט דורכגעשניטן געוואָרן דורך אַ שאָס־קנאַל. וואָרעם נישט אַלע שרידים האָבן באַוויזן אַרויסצוגיין און צווישן די אומענדלעכע חורבות זענען נאָך פאַרבליבן, לכל הפחות ביזן סוף 1943, שיטערע אָבער באַוואָפנטע יידישע גרופן. זיי האָבן פאַרמאָגט פיסטאָלעטן און גראַנאַטן. די אסירים פונעם ניי־אויפגעשטעלטן ס. ס.־לאַגער אויף גענשע גאַס, וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן אויסצורייניקן דעם צע־שטערטן געטאָ־שטח, האָבן געזען די דאָזיקע באַוואָפנטע גרופן פון יונגע יידן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט דערנענ־טערן צו זיך און געשאָסן אין די ס. ס.־מענער, וועלכע האָבן צוליב דעם מורא געהאַט אימת המות זיך אַריינצו־לאָזן טיפער אין די געטאָ־חורבות. די יידישע גרופן זענען אָבער געטריבן געוואָרן ווי וואַלד־חיות פון הונגער און גע־מוזט אַרויסרוקן זיך מחוץ דעם געטאָ־וויסטעניש זוכנדיק עסן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט נישט זעלטן קומען צו שאָס־אויסטוישן מיט די ס. ס.־מענער. די לעצטע יידן פלעגן פאַלן פון די פיינטלעכע קוילן. אין בעסטן פאַל האָט זיי געדראָט אַ הונגער־טויט.

די לעצטע ידיעה וועגן אַ יידישער קאַמפס־גרופע, וואָס האָט געוואַנדערט איבער די חורבות פונעם געטאָ, שטאַמט פון יוני 1944! די פוילישע אונטערערדישע אויסגאַבע „אינפאָרמאַציאַ וסכאָדניאַ אי נאַראָדאָוואַ“ (מזרחדיקע און נאַציאָנאַלע אינפאָרמאַציע) נ׳ 28 פון 7־טן יולי 1944 גיט איבער, אַז אין מיטן יוני פונעם דאָזיקן יאָר האָט אַ יידי־שע גרופע אַטאַקירט אַ זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורכן געטאָ־שטח, און דערהרגעט אויפן אָרט 3 דייטשן. די דייטשן האָבן גלייך איינגעאָרדנט אַן אָבלאַווע און געכאַפּט 25 יידן און דערשאָסן.

דאָס האָט פאַסירט אַ יאָר נאָכן דערשטיקן מיט פייער און שווערד דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

איינצלנע יידן האָבן אין די אונטערערדישע היילן פונעם געטאָ איבערגעלעבט ביזן סאַמע סוף, ביז דעם אויסברוך פון פּוילישן אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944. איינער פון די עדות פון דער סאַמע לעצטער פאַזע פונעם חורבן, דער פריזיר-אַרבעטער דוד ביאַלאָגראָד, האָט דערקלערט די באַפרייונג.

# נ אָ כ וו אָ ר ט

## די ראָל
## און די היסטאָריש־מאָראַלישע באַדייטונג
## פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד

דער אומגלייכער קאַמף צווישן דעם היטלעריסטישן „גלית" און דעם געטאָ־„דוד" איז לעת עתה געוואָרן פאַרענדיקט. דאָס מאָל איז אָבער נישט געווען ווי אין דער ביבלישער דערציילונג. דאָס מאָל האָט געזיגט די רויע ברוטאַלקייט. „גלית" מיטן האַקנקרייץ האָט באַזיגט דעם קליינעם דוד. באַזיגט מיליטעריש און פיזיש. דער מאָראַלישער נצחון איז געווען אויף דער זייט פון דעם קעמפנדיקן געטאָ.

דער קאַמף איז געווען אַ גיגאַנטישער, הגם די פיזישע כוחות זענען געווען טראַגיש אומגלייכע.

פאַר היטלער־דייטשלאַנד איז דאָס געווען אַ שענדלעכער זיג, אַ חרפּה אויף אייביק.

פאַר יידן און פאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן איז דאָס געווען אַ גרויסער העראָישער קאַמף, אַן עפּאָס פון גבורה און מאָראַלישער דערהויבנקייט.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז אויף דורי דורות אַריין אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און אין דער געשיכטע פון געראַנגל פאַר פרייהייט פון דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט צוויי גרויסע באַטייטן: אַ היסטאָרישן און אַ מאָראַלישן.

היסטאָריש איז דאָס געווען **דער ערשטער שטאָטישער אויפשטאַנד** אין דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער קעגן דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

אַלע אַנדערע שטאָטישע אויפשטאַנדן האָבן געהאַט אַן אָרט אין די יאָרן 1944 און 1945, אין דער צייט ווען די דייטשישע אַרמייען זענען שוין געווען, אין תוך גענומען, צעקלאַפּט און בשעת די באַפרייערישע מחנות — די סאָוויעטישע און די ענגליש-אַמעריקאַנישע — זענען געשטאַנען נאָענט אָדער אפילו שוין ביי די טויערן פון די שטעט. די אַלע אַנדערע שטאָטישע אויפשטאַנדן זענען אויסגעבראָכן אין אַ לאַנד-סביבה פון העכסטער יוירונג און אויפברויז, אויף אַ כוואַליע פון פּאַרטיזאַנישן קאַמף און סאַבאָטאַזש. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז אויסגעבראָכן אין אַ צייט, ווען די באַוואָפנטע קאַמפס-באַוועגונג אין לאַנד האָט זיך ערשט געשטעלט אויף די פיס.

פאַר יידן איז דער היסטאָרישער באַטייט פונעם געטאָ-אויפשטאַנד באַזונדערס וויכטיק. דאָס איז געווען אַן איבערברוך-דאַטע, אַן איבערגאַנג פון פּאַסיווקייט, צעטומלעניש און יאוש צו אַקטיווקייט און ציל-געווענדטן קאַמף. דאָס איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון קאָנצענטרירטן יידישן צושטייער ווי אַ פאָלק צום אַלגעמיינעם קאַמף קעגן היטלעריזם.

דער מאָראַלישער באַטייט פונעם געטאָ-אויפשטאַנד האָט געווירקט באַלד אויף דער הייסער מינוט און ווירקט נאָך עד היום. דאָס איז געווען די גרויסע מאַניפעסטאַציע, אַז אַ פאָלק, וואָס איז פעיק צום קאַמף, אפילו צום אומגלייכסטן, און קעמפט באמת, אפילו ווען ער פאַרשפּילט די שלאַכט, קאָן נישט אונטערגיין, פאַרדינט אויף לעבן און וועט לעבן.

דאָס איז געווען די שענסטע רעאַליזירונג פונעם ברייט-באַקאַנטן פּאַרטיזאַנישן לאָזונג: אין קאַמף וועסטו געפינען דעם וועג צום לעבן.

דאָס איז געווען דער מוסטער — פאַר יידן און פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, אַ מוסטער, וואָס איז אַקטועל עד היום הזה — אַז אין די ערגסטע, ממש

אומגעגלעכסטע באַדינגונגען איז פאַראַן אַן אויסוועג: אַן אויסוועג וואָס פירט דורך קאַמף.

דער מאָראַלישער ביישפּיל פון די וואַרשעווער געטאָ-קעמפער האָט תיכף אָנגעצונדן און מיטגעריסן אַ סך אַנדערע, נאָך דעמלט געבליבענע אינדזעלעך פון יידישן קיום אין אָקופּירטן פּוילן און ווייט מחוץ זיינע גרענעצן.

אַלע יידישע קאַמפס-אַקטן אין משך פון יאָר 1943 זענען אויפגעקומען אונטער דער ווירקונג פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ:

דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין טשענסטאָ-כאָווער געטאָ דעם 25-טן יוני;

דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין בענדינער געטאָ דעם 1-טן און 2-טן אויגוסט;

דער בונט אין דעם טויט-לאַגער טרעבלינקע דעם 2-טן אויגוסט;

דער אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ פון 16-טן אויגוסט ביז לפּי ערך סוף חודש;

דער בונט אין דעם טויט-לאַגער סאָביבאָר דעם 14-טן אָקטאָבער;

און נאָך אַנדערע אַקטן אין געטאָס און וועלדער. די טראַדיציע פון די וואַרשעווער געטאָ-קעמפער האָבן הויך געטראָגן די יענע פון זיי, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג א. נ. פון מרדכי אַניעלעוויטש און געקעמפט אין די ווישקאָ-ווער וועלדער.

די בשורה פון יידישן אויפשטאַנד האָט דער-גרייכט אינעם געטאָ פון ווילנע, צו די יידישע פראָנט-קעמפער, צו די יידישע ווידערשטענדלער אין פראַנק-רייך, און אַלעמען אָנגעפילט מיט שטאָלץ און אומע-טום געווירקט ווי אַ פייערצייל, ווי אַ סטימול צום ווײַ-טערדיקן געראַנגל. אונטערן רושם פון דעם וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד האָט הירש גליק, אַ מיטגליד פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין

ווילנער געטאָ, אָנגעשריבן זיין ליד: „זאָג נישט קיינ־מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג“, וואָס איז געוואָרן דער הימן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער און אונטערערדישע קעמפּער.

דער יונגער ווילנער פּאָעט האָט מיט זיין דיכטערישן אינסטינקט אויפגעכאַפּט דעם עיקר העיקרים פון דעם מאָראַלישן זין פון געטאָ־קאַמף.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט מען דאָס דאָזיקע ליד נישט געקענט. אָבער די כוונה איז געווען די זעלבע.

נישטאָ קיין לעצטער וועג, מיט אַלע כוחות, ביזן לעצטן אָטעם ראַנגלען זיך פאַר אַ ווירדיקן, הויך־מענטשלעכן אויסוועג — אָט די ווערטער האָבן געטראָגן אין זייער האַרץ די קעמפּער פון וואַרשעווער געטאָ אפילו דעמלט, ווען זיי זענען געפאַלן פון דעם שונאס קוילן, ווען זיי זענען צעריסן געוואָרן אין די צעשטערטע בונקערס, ווען זיי זענען דערשטיקט געוואָרן דורכן דייטשישן גאַז, ווען זיי זענען געשטאַנען אַליין און איינזאַם צווישן פאַלנדיקע ווענט, צווישן אַ העלישן פייער פון אַלץ פאַרצוקנדיקע פלאַמען —

אפילו אין די סאַמע טראַגישע מינוטן האָבן זיי געוווּסט, אַז פאַר אַ פאָלק איז נישטאָ קיין לעצטער וועג.

און דעריבער איז צוזאַמען מיט זייערע פאַרקוילטע קערפּערס זייער גייסט נישט פאַרברענט געוואָרן.

ער ברענט און ווערט נישט פאַרברענט. ווי דער ביבלישער פלאַמיקער דאָרן. ער באַלייכט אונדזער וועג אין די ווייטע טיפענישן. ער פלאַמט ווי אַן אייביקער סימבאָל פון גבורה און אויסדויער און דערמוטיקט אונדז צו טראָגן הויך און שטאָלץ די פאָן —

די מיט קוילן פונעם שונא דורכגעלעכערטע אָבער אומשטערבלעכע פאָן פון די אומשטערבלעכע אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ.

# קוואַלן*)

# I. דאָקומענטן

## א. נישט פאַרעפנטלעכטע

### אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט

רינגעלבלום־אַרכיוו טייל 1 און 2.

דאָקומענטן־זאַמלונג פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פונעם קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, פון אונטערערדישן בונד און פון דער בערשטער־פּאַבריק.

זאַמלונג פון ראַפּאָרטן פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד.

### 2. אַרכיוו פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פוילן:

זאַמלונג פון אויסצייכענונג־פאָרשלאַגן.

פּראָצעס־אַקטן פון שטראָאָפּ און קאָנראַד.

סטענאָגראַם פונעם פּראָצעס קעגן שטראָאָפּ און קאָנראַד.

### 3. צענטראַלער אַרכיוו פון אינערן־מיניסטעריום:

דעלעגאַטור־אַרכיוו, טעקע נ' 458 (יידישע ענינים).

א. ק.־אַרכיוו, זאַמלונג פון ראַפּאָרטן פון „קאַלינאַ“ („גראָט“ — גענ. סטעפאַן ראָוועצקי) קיין לאָנדאָן פאַר דער צייט פון יוני 1942 ביז סוף אַפּריל 1943.

---

*) די וויכטיקע רשימה פון די דאָקומענטן, מאַטעריאַלן און ליטעראַטור, וואָס זענען אויסגענוצט געוואָרן אין דער דאָזיקער אַרבעט, נעמט אַרום בלויז די פּאָזיציעס, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיטן אויפשטאַנד, און עס ווערן אויסגעמיטן די, וואָס זענען נוגע בכלל דעם געטאָ און בכלל די פּראָבלעמען פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

זאַמלונג פון מאַטעריאַלן פון „אַנטיק“ (אַנטיקאָמוניסטישע אָגענטור), די מעלדונגען פון דער אויסשפּיר־בריגאַדע „קאָר־ווין“ פאַרן יאָר 1943.

זאַמלונג פון מעלדונגען פון דער קאָמענדאַטור פון דער פּויל־ישער פּאָליציי (גראַנאַטאָווע) פאַרן יאָר 1943.

## 4. אַרכיוו פונעם אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע ביים צ. ק. פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי:

זאַמלונג פון קאָמוניקאַטן פונעם שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע פאַרן יאָר 1943.

זאַמלונג פון מאַטעריאַלן פון דעם אויסשפּיר פון צ. ק. פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פאַרן יאָר 1943.

זאַמלונג פון דאָקומענטן פון אינערן־דעפּאַרטאַמענט ביי דער דעלעגאַטור, באַריכטן פון דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד פאַר די יאָרן 1943 און 1944.

דאָקומענטן־טעקע פון ספּעציעלן מיליטערישן געריכט, ענין נ׳ 46.

## 5. אַרכיוו פון מלוכהשן מוזיי אין מאַידאַנעק:

„מאַרישעס“ טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ.

6. געוויסע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, למשל, מרדכי אַניע־לעוויטשעס בריוו א. א., וואָס שטאַמען פונעם אַ ר כ י וו פ ו ן י י ד י ש ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן ק אָ מ י ט ע ט, געפונען זיך אינעם אַרכיוו פון דעם מוזיי א. נ. פון יצחק קאַצענעלסאָן ביים קיבוץ לוחמי הגיטאות אין ישראל, אָדער ביים געוו. טוער פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט ד״ר א. בערמאַן אין ישראל.

# ב. פאַרעפנטלעכטע:

1. דער באַריכט פון יורגען סטראָאָפּ איז אַרויס:

אין 1946 אין פראַנצויזיש (פּאַריז) דורך דוד קנוט; אין 1953 אין פּויליש (וואַרשע) דורכן יידישן היסטאָרישן אינסטי־טוט און אויך אינעם „ביולעטין פון דער הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פּוילן“ נ׳ 11; אין יאָר 1953 אויך אין יידיש (וואַרשע) דורך ב. מאַרק; אין יאָר 1958 אין ענגליש (וואַרשע) דורך ב. מאַרק; אין יאָר 1959 אין העברעיש (ירושלים) דורך י. קערמיש; אין יאָר 1960 אין דייטש (בערלין) דורך אַנדזשעיווירט.

2. מ. נײשטאַט: חורבן ומרד גיטו ורשה, תל־אביב 1947 (פֿאַראַן אויך אין יידיש) — נעמט אַרום בעיקר די קאַמפּס־באַריכטן פֿון יצחק צוקערמאַן („אַנטעק") און אַנדערע פֿונעם אַרכיוו פֿון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, די געהיימע דעפּעשן פֿון די יידישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין אָקופּירטן פּוילן, ביאָגראַפֿיעס פֿון די קעמפֿער א. א. וו.

3. Ph. Friedman: Martyrs and Fighters, New York 1954.

אַ זאַמלונג פֿון פֿאַרעפֿנטלעכטע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

4. ב. מאַרק: דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואַרשע 1953 — נעמט אַרום דאָקומענטן בעיקר פֿון רינגעלבלום־אַרכיוו, פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע, קאַמפּס־קאָמוניקאַטן פֿון צענטראַלן אַרכיוו פֿון אינערן־מיניסטעריום און דייטשישע אַרכיוואַלע דאָקומענטן.

# II. אונטערערדישע דרוקן און פּרעסע

1. Kann Maria: Na oczach świata.

אַ זאַמלונג פֿון מאַטעריאַלן און אַ באַשרייבונג פֿון די קאַמפּס־געשעענישן אין געטאָ. אַרויסגעגעבן אין קאָנספּיראַציע דורך די קרייזן פֿון א. ק. אין יאָר 1943.

2. זאַמלונג פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע אין דריטן אָפּטייל פֿונעם אַרכיוו פֿונעם אינסטיטוט פֿאַר פּאַרטיי־געשיכטע ביים צ. ק. פֿון פּזפּר.

# III. רעלאַציעס
## גביות עדות, זכרונות, דערקלערונגען:

### 1. געשריבענע בעת דער אָקופּאַציע:

פֿון הערש בערלינסקי, אינזש. גאָלדמאַן, יצחק גיטלער, בער וואַרם און אַנאַנים שלמה — אַלע אָנגעשריבן אין קאָנספּיראַציע אויף דער „אַרישער" זייט אין 1944.

### 2. געשריבענע נאָך דער באַפֿרייונג:

פֿון איוואַנסקי הענריק, איוואַנסקאַ וויקטאָריאַ, אַלעף גוסטאַוו, אַלער פֿעליקס, בזשעזשינסקי יוזעף, גוטמאַן ישראל, באַרג

בערנאַרד, בערמאַן אברהם, גיטלער־באַרסקי יוסף, דוראַטש יעזשי, זיידלער וולאַדיסלאַוו, יאַוואָרסקי מיכאַל, כרושטשעל אַנטאָני („מאָנטער“), לעווי רישאַרד, לעהמאַן יוסף, מאַלעצקי יוזעף („סענק“), מירסקי בראָניסלאַוו, מאַרגאָלים וויקטאָר, מענדעלסאָן קלמן, פוטערמילך יעקב, פוטערמילך מאַשע, פערכנער יהושע, צעלמייסטער יוסף, קאָרנגאָלד שמחה, קלין דוד, קעטלינג צעזאַרי, ראָטענבערג גוטע, שיקאָרסקי ראָמאַן, שעווסקי פאָלע.*)

*) פאַר צושטעלן אַ ריי גביות עדות דריקט אויס דער מחבר אַ דאַנק דעם פריינד חיים לאַזיאַ און פאַר געוויסע דאָקומענטן — דעם פולקאָווניק צעזאַרי קעטלינג.

# ליטעראַטור


1. יהושע אַלבערט: יידישע וואַרשע דורך פּיין, בלוט און טויט, בוענאָס איירעס, 1953.

2. ט. באָזשיקאָווסקי: צווישן פאַלנדיקע ווענט, וואַרשע, 1949.

3. וולאַדיסלאַוו באַרטאָשעווסקי: „די סאָלידאַריטעט־אַקציעס ביי די געטאָ־מויערן" (פּויליש; אין „סטאָליצאַ" נ' 5 און פון 3־טן פעברואַר 1957).

4. מ. ברלנד: 300 שעות בגיטו הדועך, תל־אביב, 1959.

5. האמת על המרד בגיטו ורשה, תל אביב, 1946.

6. גאָלדקאָרן דאָרקע: זכרונות פון אַן אָנטיילנעמערין אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, לאָדזש, 1951.

7. דוד וודובינסקי: מרד גיטו ורשה („המשקיף" 26־טער אַפּריל 1946).

8, יוסף וולף: דאָס דריטע רייך אונד זיינע פאָללשטרעקער (דייטש), (מערב)־בערלין 1961.

9. יוסף זמיאן: מוכרי הסיגאַריות מכּכּר שלושה הצלבים, ירושלים, 1962.

10. ישעיה טרונק: געשטאַלטן און געשעענישן, בוענאָס איי־רעס, 1962.

11. אהרן כרמי: מן הדליקה ההיא, תל אביב, 1961.

12. לודוויק לאַנדוי: כראָניק פון די מלחמה־ און אָקופּאַציע־יאָרן (פּויליש), וואַרשע, 1962.

13. צביה לובטקין: אחרונים על החומה, עין חרוד, 1946.

14. צביה לובטקין: בימי כליון ומרד, עין חרוד, 1947.[1])

15. סטאַניסלאַוואַ און וולאַדיסלאַוו לעגעץ: די זעלנער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און זייערע פריינט, וואַרשע, 1953.


---

[1]) פאַראַן אויך אַ דייטשישע איבערזעצונג א. נ. די לעצטען טאַגע דאס וואַרשאַוער געטאָ, מיט אַ פאָרוואָרט פון פרידריך וואָלף, (מזרח)־בערלין, 1949.

16. א. און ב. מאַרק: פּפר און די יידן־פראַגע בעת דער היט־לערישער אָקופּאַציע (פּויליש; אין „ז פּאָלאַ וואַלקי“ נ׳ 17, 1962).

17. ב. מאַרק: דער קאַמף און דער אומקום פון וואַרשעווער געטאָ (פּויליש), וואַרשע, 1959[2]

18. אריה נייבערג: האחרונים בקץ המרד של גיטו ורשה, מרחביה, 1958.

20. פייגע פעלטעל־מענדזשיצקאַ: פון ביידע זייטן געטאָ־מויער, ניו־יאָרק, 1948.

21. חיים פרימר: מן הדליקה ההיא, תל אביב, 1961.

22. דוד רון: הם יורים... אלעזר גלר, מפקד איזור בגיטו ורשה, תל אביב, 1960.

---

[2]) פאַראַן אויך איבערזעצונגען אין פראַנצויזיש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, טשעכיש און דייטש (אין מזרח־בערלין).

צווייטער טייל

# דאָקומענטן און מאַטעריאַלן

די פאָרגעלייגטע דאָקומענטן־זאַמלונג איז אַן אויסוואַל פון אַ גרעסערער צאָל און ווערט אין דער מערהייט געדרוקט צום ערשטן מאָל. עס זענען אין דער זאַמלונג אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען שוין געווען געדרוקט, אָבער דער מחבר האַלט, אַז זיי זענען נייטיק, כדי אויסצופילן געוויסע בלויזן.

די פאַרעפנטלעכטע ווייטער דאָקומענטן זענען נוגע סיי די צייט פאַרן אויפשטאַנד, סיי דעם פאַרלויף פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד גופא, סיי אַ ריי אַנדערע פּראָבלעמען, פאַרבונדענע מיט די קאַמפן און מיטן גורל פון די לעצטע פוילישע יידן, בפרט די אַליאַרם־דעפּעשעס, וואָס זענען געשיקט געוואָרן קיין אויס־לאַנד.

דער אָריגינאַל פונעם גרעסטן טייל דאָקומענטן איז אין פויליש, עס זענען אויך פאַראַן אין יידיש, העב־רעיש, רוסיש און דייטש.

געוויסע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן ווערן גע־געבן אין אַ געקירצטער פאָרם; דאָס געשעט דעמלט, ווען געוויסע לאַנגע פּאַסוסן האָבן נישט קיין שום שייכות מיט אונדזער טעמע.

ב. מ.

# קיצורים

| | | |
|---|---|---|
| אַרכ. | — | אַרכיוו |
| צ. אַ. | — | צענטראַלער אַרכיוו |
| רינג. I, II | — | רינגעלבלום=אַרכיוו, טייל I, II. |
| מינ. | — | מיניסטעריום |
| ... | — | פּילפּונקט אינעם טעקסט פֿון דאָקומענט |
| [...] | — | אַן אָרט, וואָס איז אויסגעמיטן געוואָרן דורכן אַרויסגעבער |
| — — | — | אַן אָרט, וואָס איז נישט ליינבאַר אינעם טעקסט |
| ( ) | — | קלאַמערן פֿון דעם טעקסט גופֿא |
| [ ] | — | די קוואַדראַט=קלאַמערן באַטייטן, אַז דער אַרויס=געבער האָט אַריינגעשטעלט ווערטער, כדי קלאָר צו מאַכן דעם טעקסט. |

1. וואַרשע, געטאָ, 15-טן מאי 1942

## דער ערשטער אויפרוף פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק

צו די יידישע פאָלקס-מאסן!

מיר שטייען אויפן שוועל פון גרויסע געשעענישן און פון אומגעהויער דעצידירנדיקע שלאַכטן. במשך פון גאַנצן ווינטער האָט די רויטע אַרמיי געפירט אַ העפטיקן אָנגריף, צווינגנדיק דעם פאַשיסטישן שונא אָפּצוטרעטן פון אַ גאַנצער ריי פאַרנומענע געביטן, פאַרגעבנדיק אים מעכטיקע קלעפּ, צעשטערנדיק זיינע פּלענער און צווינגנדיק אים צו וואַרפן אויפן פראָנט די אַלע כוחות. וואָס האָבן געזאָלט אויסגענוצט ווערן צו דער דורך היטלערס אָנגעזאָגטער פרילינגס-אָפענסיווע. ריזיקע גוט-אויסגעשטאַטע און צוגעגרייטע אַרמייען און מעכטיקע רעזערוון פון סאָוויעטן-לאַנד שטייען גרייט צום ווייטערדיקן אָנגריף. אָן איבעררייס אַרבעט די סאָוויעטישע אינדוסטריע, אַלע כוחות זענען קאָנצענטרירט צום קאַמף, צוגרייטנדיק דעם זיג. אין רוקן פון דער דייטשישער אַרמיי איז אויפגעשטאַנען די באַוועגונג פון פּאַרטיזאַנער, דיווערסיע, און סאַבאָטאַזש.

היטלער איז געצוווּנגען געווען מודה צו זיין, אַז נאָר אָנשטרענגנדיק די לעצטע פיזישע און מאָראַלישע כוחות האָט זיך נישט איינגעבראָכן די דייטשישע אַרמיי. דער דייטשער סאָלדאַט בלוטיקט אויפן פראָנט נאָר אונטערן שווידערלעכן טעראָר-דרוק פון דער ס.ס.-מאַשין. אין דער זעלבער צייט ווערן ווייטער געשניטן די שפּיין-ראַציעס פון דער דייטשער באַפעלקערונג, וועלכע ווערט אויסגעמאַטערט דורך כסדרדיקע לופט-אָנגריפן. אַנשטאָט מיט ברויט שפּייזט מען זי מיט צוזאָגן פון אַ גיכן נצחון, וועלכער דערווייטערט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער.

צוזאַמען מיט די דורכפאַלן אויפן פראָנט, פילנדיק זיך נישט זיכער אין די אָקופּירטע געביטן, האָבן די פאַשיסטישע בעסטיעס נאָכמער אָנגעצויגן דעם שטריק אַרום דעם האַלדז פון די אונטערגעיאָכטע פעלקער. עס גייט אָן אַ שווידערלעכע אַקציע פון פיזישער אויסראָטונג פון די אַנ-

טיפאשיסטישע קעמפער און פאטריאָטן אין נאָרוועגיע, פראנקרייך, בעלגיע, האָלאנד און יוגאָסלאַוויע.

מיט א היהשער ברוטאליטעט פרווט דער פאשיס־טישער אָקופאנט אויסראָטן די פרייהייטס־באוועגונג אין פוילן. די מאסנהאפטע ארויסטרייבונג פון פּאַליאקן פון די פּאָמערנער און פויזנער געביטן, די מאסן־מאָרדן איבער פוילישע פויערים, דער שוידערלעכער סיסטעמאטישער מענטשן־געיעג איבער די שטעט, די מאסן־עקזעקוציעס אין ווארשע און דאָס ארויסשיקן טויזנטער קרבנות אין טויטן־לאַגער אָשוויענטשים — דאָס זענען נאָר איינציקע עטאפּן פון דער אומענדלעכער קייט פון די אָקופאנטישע געוואלט־טאטן אין פוילן.

מיט יעדן טאָג ווערט אויך פארשטארקט דער בעס־טיאלישער אויסראָטונגס־קאמף פון דייטשן אָקופאנט קעגן דער יידישער באפעלקערונג. היטלער האלט פאר זיין היס־טאָרישע מיסיע דאָס ענדגילטיקע אויסראָטן די יידן פון אייראָפּע און ער פירט דורך אין א פארגיכערטן טעמפּ זיי־נע בלוטיקע פּלענער. ס'פליסן טייכן בלוט פון די אויסגע־פייניקטע יידישע מאסן. ווילנע, סלאָנים, בּאראנאָוויטש, בעלמנאָ, לעמבערג, לובלין און אנדערע צענדליקער שטעט און שטעטלעך — צייכענען דעם בלוטיקן שליאך פון די היטלערישע מאָרד־באנדעס. אומברחמנותדיקע שחיטות איבער צענדליקער טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן, מאסן־מאָרדן איבער גאנצע יידישע ישובים, אויססמען מיט גאזן זקנים און קינדער, אויסשיסן פרויען, קראנקע אין שפיטעלער, קינדער אין יתומים־הייזער — אָט דאָס זענען די העלדישע טאטן פון די היטלעריסטישע תלינים. זיי איילן מיטן אויספירן די בלוטיקע באפעלן פון זייער פירער, ס'זאָל זיי חלילה נישט פארפעלן קיין צייט... הונגער־טויט פון צענדליקער טויזנטער יידן, פארשפארטע הינטער די געטאָ־מויערן, דער בלוטיקער שניט פון טיפוס און שווינד־זוכט — דאָס איז צו ווייניק פאר די היטלעריסטישע הענ־קער, איז אלזאָ — צואיילן דעם טעמפּ, אויסשיסן, אויס־מאָרדן צענדליקער טויזנטער יידן, אָפּמעקן פון דער ערד גאנצע יידישע ישובים — דאָס וועט זיי דערנעענטערן צום ציל.

די יידישע מאסן טאָרן זיך אָבער נישט אונטערווארפן דעם געפיל פון יאוש, פארצווייפלונג און פאסיוו אָפּווארטן אויף דעם, וואָס דער גורל וועט זיי ברענגען. זיי מוזן אָנ־שטרענגען אלע זייערע כוחות און צושטיין צום אנטיפא־שיסטישן קאמף פון אלע אונטערדריקטע פעלקער. זיי מוזן

פונקט ווי יענע אויפנעמען א בלוטיקן קאמף מיטן שונא בפרט אין רוקן פון זיין פראָנט, א קאמף פון פארניכטונג און סאבאָטאזשן. אין אָט דעם אַנטיפאשיסטישן געראנגל פון די אונטערדריקטע פעלקער מוזן די יידישע מאסן פאַרנעמען מיט זייער אקטיוון קאמף א ווירדיק אָרט.

דער דאָזיקער קאמף פאָדערט אייניקייט און געשלאָסנקייט. דאָס באוווסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט פון אָט דעם איינהייטלעכן קאמף האָט שוין געשלאָגן טיפע וואָרצלען ביי ברייטע שיכטן פון דער יידישער פאָלקס=מאַסע. עס זענען פאראן אָבער אזעלכע, וואָס וואַרטן אָפּ און שטעלן אוים אויף א נס. זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג, אז נאָר דער וועג פון קאמף פירט צו פרייהייט און אויסלייזונג און פארשטייען נאָך אלץ נישט, אז די צייט פאָדערט איצט דאָס פאראייניקן אלע כוחות צום קאמף קעגן בלוטיקן אָקופאַנט, אז דער געבאָט פון דער שעה איז אויפצושטעלן א נאציאָנאַלן פרייהייטס=פראָנט דורך צעמענטירן און פאראייניקן אלע אַקטיווע כוחות פונעם פאָלק צום פארמעסט מיטן שונא!

יידישע פאָלקס=מענטשן! יידישע ארבעטער! יידישע יוגנט! זאמלט צונויף איירע כוחות און פאראייניקט זיי צום קאמף! שטעלט זיך געשלאָסן אקסל ביי אקסל אין איינהייטלעכן פראָנט פון קאמף קעגן פאשיזם.

נאָר די פארניכטונג פון דער מעכטיקער היטלערישער קריגס=מאשין דורך די אנטיפאשיסטישע ארמייען און די מיט זיי פארבונדענע מאסן פון די אונטערדריקטע פעלקער, וועט ענדלעך מאַכן א סוף צו אונדזער פארשקלאפונג און שאפן באדינגונגען פאר דער פולער סאָציאלער און נאַציאָנאלער אויסלייזונג פון די יידישע מאסן!

אלע געזונטע כוחות פונעם יידישן פאָלק מוזן איצט פארייניקט ווערן צום איינאונאיינציקן ציל: צום קאמף פאר פרייהייט און אויסלייזונג, צום קאמף מיטן פאשיסטישן שונא ביז צום ענדגילטיקן נצחון!

ארכיוו פון ייד. היסטאָרישן אינסטיטוט

רינג I. „דער רוף“[1] נ' 1 פון 15=טן מאַי 1942.

---

1. „דער רוף“ איז געווען דער אָרגאַן פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. עס זענען אַרויס דריי נומערן. עס איז געבליבן נאָר איינער. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון: יוסף לעוואַרטאָווסקי (פּ. פּ. ר., פּוילישע אַרבעטער=פּאַרטיי, קאָמוניסטן), שכנא סאַגאַן (לינקע פּועלי ציון) און פאָרשטייער פון רעכטע פּועלי ציון און החלוץ.

## באַריכט פון דער קאָנפערענץ אויף אָרלע 2 וועגן געאייניקטן קאַמפּס-פראָנט

### די קאָנפערענץ אויף אָרלע 2

ענדע מערץ 1942 5 נ.מ. איז פאָרגעקומען אין דער פּאָלקס-קיך אויף אָרלע 2 אַ קאָנפערענץ פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין וואַרשעווער-געטאָ.

אָנוועזנדע:

לינקע פּועלי-ציון: הערש בערלינסקי,[1] מלך עסדעק.[2]

בונד: אָזשער, אַבראַשאַ בלום.

רעכטע פּועלי-ציון: לייזער לעווין מאָרגנשטערן.

החלוץ — יצחק צוקערמאַן.[3]

טאָג-אָרדענונג:

1) די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ, 2) פאַרשידנס.

ח' יצחק[4] רעפערירט, וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פּוילן, וועגן דער לאַגע פון וואַרשעווער געטאָ, און לייגט פאָר

---

1 הערש בערלינסקי, אַ טוער פון לינקע פּועלי ציון, דער שפּעטערדיקער מיטגליד פון דער קאָמענדאַטור פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז דעם 10 מאַי אַרויס דורך די קאַנאַלן אויף דער „אַרישער" זייט (זע דאָק. 69), האָט אויף דער באַשטעלונג פונעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אָנגעשריבן זיינע זכרונות פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג און אויפשטאַנד אין געטאָ. בערלינסקי איז אומגעקומען אינעם פּויליש וואַרשעווער אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944. דעם אָריגינעלן כתב-יד האָט אָפּגעראַטעוועט דער טוער פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, ד"ר אַדאָלף (אברהם) בערמאַן, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן דעם מחבר אין יאָר 1957.

2 מלך פיינקינד.

3 יצחק צוקערמאַן האָט אויך איבערגעלאָזט אַ נאָטיץ וועגן דעם פאַרלויף פון דער באַשריבענער דורך בערלינסקין קאָנפערענץ. די נאָטיץ געפינט זיך אינעם ערשטן טייל פון רינגעלבלום-אַרכיוו (אין ייד. היסט. אינסטיטוט). די אינפאָרמאַציעס פוןביידע דירעקטע עדות פאַלן זיך בדרך כלל צונויף. אויף דער באַשריבענער קאָנפערענץ איז נישט געווען קיין פאָרשטייער פון פּ. פּ. ר., הגם דער החלוץ און לינקע פּועלי-ציון זענען שוין דעמאָלט געווען געבונדן מיט פּ. פּ. ר. דורך דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. קיין פּ. פּ. ר.-פאָרשטייער איז נישט געווען, מחמת דער קעגנערשאַפט פונעם בונד. עס איז אויך נישט געווען קיין פאָרשטייער פון השומר הצעיר.

4 צוקערמאַן.

וועגן שאפן אן אָנפירונג וואָס זאָל צוגרייטן די פּאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ, וועגן פאָרמען און מיטלען דאַרף די אָנפירונג באַשטימען.

דאָס וואָרט אין דער דיסקוסיע נעמט ח׳ אַזשעך פון בונד.

מיט א הויכער שטימע [...] [דערקלערט ער]:

„דער בונד" איז שטענדיק געווען פאַר פּאַרטיידיקונג, די געשיכטע פון „בונד" איז עדות דערויף. וואָלטן מיר זיך נישט געפונען אין די פאַרשאָלטענע געטאָ-באַדינגונגען, וואָלטן מיר מיט דעם פּאָליטישן צוזאַמענשטעל נישט גע-זעסן ביי איין טיש. נאָר אין געטאָ איז מעגלעך דאָס, וואָס קומט פאָר! דער געטאָ איז נישט בלויז א וועלט פאַר זיך. דאָס אָפּשאַפן פון געטאָ איז אָפּהענגיק פון אויסערלעכע פּאָליטישע פאַקטאָרן. דער „בונד" איז געקניפּט און גע-בונדן מיט אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פאַקטאָרן. יענע באַשלוסן זענען פאַר אים גילטיק און בינדיק, דעריבער וועט דער בונד נישט געהערן אין א אינסטאַנץ וואָס איר טאַק-טיק און האַנדלונג קען זיין אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיי-נער טאַקטיק. דער „בונד" האָט זיך זיינע קאַמפּס-גרופּן. אויך אַנדערע פּאַרטייען האָבן זיך זייערע קאַמפּס-גרופּן. (געמיינט אַנטיפאַשיסטישן בלאָק ה. ב.[5]) פון קאָנספּיראַטיוון שטאַנדפּונקט איז שעדלעך און ס'קאָן אַלץ דעקאָנספּירירט ווערן ווען ס'זאָל געשאַפן אן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע. די בונדישע קאַמפּס-גרופּן וועלן נישט איבערגעבן דער אַלגע-מיינער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איר אָרגאַניזאַציע-פאָרם און אירע קאַמפּס-צילן, ווייל דאָס זענען מיליטערישע געהיי-מענישן, וואָס מוזן געהאַלטן ווערן בסוד. צוליב די אויס-גערעכנטע אַרגומענטן וועט דער בונד און דער אַלגעמיינער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע נישט אָנטייל נעמען.

ס'וואָרט באַקומט ח׳ בלום.

פיל [...] און טאַקטישער ווי אַזשעך פאָרמולירט ער דעם בונדישן שטאַנדפּונקט. דער אויספיר דער זעלבער ווי ביי אַזשעכן. „דער בונד וועט אין דער אַלגעמיינער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע נישט אָנטייל נעמען".

די רעכטע פּועלי-ציון זאָגן זיך אַרויס פאַר דער שטע-לונג, וואָס איז רעפּערירט געוואָרן דורך יצחקן.

אין נאָמען פון דער לינקער פּועלי-ציון נעמט א וואָרט ח׳ מלך:

---

[5] הערש בערלינסקי.

ער פּאָלעמיזירט אין זייער א געלונגענער פאָרם מיט אָזשעכס „אַרגומענטן“ און צום סוף גיט ער אָפּ פּאָלגנדיקע דערקלערונג: מיר לינקע פועל־ציון דערקלערן: „דער געבאָט פון דער צייט דאַרף זיין דאָס שאפן א פארטיידיקונגס־קאָמיטעט. ליידער צוליב דער שטעלונג פון בונד קאָן דער קאָמיטעט נישט געשאפן ווערן. מיר דערקלערן, אויב עס וועט געשאפן ווערן א פאטיידיקונגס־קאָמיטעט אין וואַרשעווער געטאָ וועלן מיר אָן פּאָרבעהאלט אָנטייל נעמען אין אים„.

הערש בערלינסקי: זכרונות
ארכ. פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט

3. וואַרשע, געטאָ 3 יולי 1942

## יידישער ווידערשטאַנד-אַקט
## פאַר דער ערשטער ליקווידאַציע

פרייטיק, דעם 3־טן יולי, האָט מען אויסגעקלעפּט אין וואַרשעווער געטאָ א באַקאַנטמאַכונג וועגן דערשיסן 110 יידן (10 פּאָליציי־לייט און 100 ציווילע) צוליב אומגע־האָרכזאַמקייט לגבי דער מאַכט.

ווי א כלומרשטע סיבה גיט מען אָן א געשלעג, וואָס איז אויפן מזרח־וואַקזאַל אויסגעבראָכן צווישן יידישע אַר־בעטער, מיטן סטודענט ראָבאַק בראש, און א פּוילישן מאַ־שיניסט, וועלכער האָט גערופן פּוילישע פּאָליציי. עס איז אויסגעבראָכן א שיסעריי, די יידן האָבן געשטעלט א ווי־דערשטאַנד, ראָבאַק איז אומגעקומען אין קאַמף.

צ. א. פון אינערן־מיניסטעריום.
דעלעגאַטור־ארכ., טעקע נ' 458 — מעלדונגען פון דעם אינפאָרמאַציע־דעפּאַרטאַמענט וועגן דער לאַגע אין וואַרשעווער געטאָ.
איבערזעצט פון פּויליש.

4. וואַרשע געטאָ, סוף יוני 1942

## די געזעלשאפטלעכע קאָנפערענץ אין זשיטאס נאָוואָליפקי 25

אָגוועזנדיקע: סאַגאַן, אָזשער, בלום, יוסף לעוואַרטאָווסקי (פּ.פּ.ר.) רינגעלבלום, גיטערמאַן, אַלעקס, לאַנדאָ, קירשנבוים, שיפּער, זישע פרידמאַן, א לובלינער ייד פון דער אגודה און אַנדערע.

טאָג אָרדענונג: די געשאפענע לאגע אין וואַרשעווער געטאָ...

די קאָנפערענץ האָט זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון זישע פרידמאנס און שיפּערס רעדעס.

זישע פרידמאַן[1] האלט פון בטחון: „איך גלויב אין גאָט און אין אַ נס, גאָט וועט נישט לאָזן פאַרניכטן זיין פאָלק ישראל, מיר דארפן ווארטן און א נס וועט געשען. קאמף קעגן די דייטשן איז זינלאָז! די דייטשן קענען אין געציילטע טעג א סוף מאכן מיט אונדז (צ.ב. לובלין), און אויב ס׳וועט אזוי גיין קען עס דויערן זייער לאנג און א נס וועט געשען. איר מיינע פריינד, איר וואָס אָריענטירט זיך אויף די אַליאנטן, פארוואָס זענט איר פארצווייפלט? איר גלויבט דאָך, דאָס די אַליאנטן וועלן זיגן, צי גלויבט איר נישט, דאָס די אליאנטן וועלן אייך פרייהייט ברענגען... די פריינד, וואָס אָריענטירן זיך אויף דער רעוואָלוציע און ראטנפארבאנד, איר האלט דאָך אז ס׳איז געענדיקט מיטן קאַפּיטאליזם, דאָס נאָר די רויטע ארמיי וועט אייך פרייהייט ברענגען. דעריבער גלויבט שוין אין אייער רויטער אַרמיי.... טייערע פריינד, אויסדויער און בטחון, און מיר וועלן פרייהייט האָבן!“

*

*          *

שיפּער[2] האלט נישט פון דער פארטיידיקונג, פארטיידיקונג הייסט פארניכטן דעם גאנצן וואַרשעווער געטאָ!!!

איך גלויב דאָס ס׳וועט געלונגען צו דערהאלטן דעם קערן פון וואַרשעווער געטאָ. ס׳איז מלחמה, יעדעס פאָלק ברענגט קרבנות, אויך מיר מוזן געבן קרבנות, כדי צו דערהאלטן דעם קערן פון פאָלק. וואָלט איך געווען איבערציינגט, אז ס׳וועט נישט געלונגען צו דערהאלטן דעם קערן פון פאָלק, וואָלט איך געמאכט אנדערע אויספירן...

---

[1] טוער פון אגודת ישראל.

[2] ד״ר יצחק שיפּער, באַקאַנטער היסטאָריקער און איינער פון די פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן.

די קאָנפערענץ איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן ציל זיך צו טרעפן א צווייט מאָל.

די אנטוויקלונג פון די געשעענישן האָבן אוממעגלעך געמאַכט וועלכע ס'איז ווייטערדיקע קאָנפערענץ.

הערש בערלינסקי: זכרונות.
ארכ. פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט

5. ביאַליסטאָק, אַפּריל 1943

## טענענבוים-טאַמאַראָף [1] באַריכט וועגן דער געזעלשאַפטלעכער קאָנפערענץ אין וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל (יולי) 1942

אין אַפּריל 1942 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע — נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשידענע פּאַרטייען — א קאָנפערענץ פון די פּאַרטיי־פאָרשטייער און א ריי פאַרטרוילעכע פּערזענלעכקייטן פון די קרייזן פון דער יידישער אלייןהילף. אין נאָמען פון דער באַוועגונג איז געקומען יצחק [2], יוסף קאַפּלאַן (השומר הצעיר) און דער מחבר פון די ווערטער. מצד דעם „בונד“ — מאָריצי אָזשעד און לוציאַן בליט.[3] פון דער פּאַרטיי [4] — סאַק, לינקע פּועלי־ציון

---

1 מרדכי טענענבוים (טאַמאַראָף איז געווען זיין נאָמען אויפן פּאַלשן פּאַס), וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ, איז דורך דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט געוואָרן דעלעגירט אין נאָוועמבער 1942 אין ביאַליסטאָקער געטאָ מיט דער אויפגאַבע מיטצואָרגאַניזירן דאָרטן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ער איז געווען צוזאַמען מיטן קאָמוניסט דניאל מאָשקאָוויטש קאָמאַנדיר פונעם ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד אין אויגוסט 1943 און איז געפאַלן אינעם קאַמף. אין ביאַליסטאָקער געטאָ־אונטערערד האָט ער געפירט אַ טאָגבוך און פאַרצייכנט זיינע זכרונות פון וואַרשעווער געטאָ אין פאָרם פון אַ בריוו צו די חברים פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל. ער האָט אויך באַשריבן די טראַגישע קאָנפערענץ פון די געזעלשאַפטלעכע טוער אין וואַרשעווער געטאָ, באַגייענדיק אָבער אַ טעות, ווייל ער האָט די צוויי קאָנפערענצן, איינע פון מערץ 1942, וועלכע עס באַשרייבט בערלינסקי אין דאָק. 2, און די צווייטע פון סוף יולי, וועלכע עס שילדערט בערלינסקי אין דאָק. 4 און נאָוואָטקאָ אין דאָק. 6, צונויפגעמישט אינאיינעם.

2 צוקערמאַן.

3 אַ טעות. עס דאַרף זיין: אַבראַשע בלום.

4 די רעכטע פּועלי ציון.

— עמנואל רינגעלבלום און זאגאַן. מצד די ציוניסטן — בלאָך, ד״ר שיפּער, קירשענבוים. מצד די קאָמוניסטן — פינקעלשטיין.[5]

מיר האָבן איבערגעגעבן א גענויע אינפאָרמאציע וועגן חורבן ליטע און ווייסרוסלאנד. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אז די שטורמישע כוואליע דערנענטערט זיך צו דער גובערניע.[6] מיר האָבן געפאָדערט צו מאָביליזירן אַלע מיטלען צום ווידערשטאנד און אקטיוון קאמף מיטן שונא. אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו קעמפן מיטן שונא אין פעלד — דורך א פארטיזאנישן קאמף, דיווערסיע-אַקטן און סאבאָטאזש — לאָמיר לכל הפחות באגעגענען דעם שונא אויפן אָרט מיט א זעלבשוץ. מיר האָבן געהאלטן, אז פאר די מענטשן, וואָס שטייען בראש דער יידישער געזעלשאפט, איז אין דער איצטיקער תקופה נישטאָ קיין אנדער וועג. אלץ וועט אונטערגיין. אמת, עס איז זייער שווער צו ארבעטן מיט אזא פערספעקטיוו, אָבער מען דארף זען דעם אמת: אָדער מען ווידמעט זיך דער דאָזיקער אויפגאבע, אָדער — פראקטיש — טוט מען גאָרנישט.

קירשענבוים: ריכטיק, אין ליטע איז געווען דאָס, וואָס איז געווען. עס קאָן זיין, אז דאָס וועט געשען נאָך אין אנדערע ערטער. אָבער מען קאָן אָננעמען פאר זיכער, אז אין ווארשע, אינעם הארץ פון אייראָפּע, וועלן זיך די דייטשן נישט דערלויבן אויף אזא זאך. אין ווארשעווער געטאָ, ווו עס איז פאראן מער ווי 400 טויזנט יידן, קאָן מען זיך אַ ליקווידאַציע און אַזאַ מאַסשטאַב נישט פאָרשטעלן. לאָמיר זיך נישט שפילן מיט קיין פייער. די קאָלעקטיווע פאראנטוואָרטלעכקייט פון געטאָ. לאָמיר נישט ברענגען קיין אומגליק מיט די אייגענע הענט. נישטאָ קיין זאך, וואָס זאָל נישט דערגיין צו די דייטשן.

אָזשעד האָט אָנגעהייבן מיט אן אָפּשאצונג פון דער פּאָליטישער און מיליטערישער לאגע. די מלחמה גייט אריין (אַפּריל 1942) אין א דעצידירנדיקער פאזע. עס וועט געעפנט ווערן דער צווייטער פראָנט. מיט דער אָקופּאציע פון דייטשלאנד, אין דער לעצטער פאזע פון דער מלחמה, וועלן די אונטערדריקטע פעלקער גערופן ווערן צום אויפשטאנד. דערווייל איז נישטאָ קיין ברירה. מען דארף נישט זיין קיין שאָוויניסטן — נישט בלויז די יידן ליידן און ווערן אומגעבראכט. מען פירט ארויס צום טויט טויזנטער פּאָלאקן. אין

5 פּסעוודאָנים פון יוסף לעוואַרטאָווסקי.
6 צו דער צענטראַל-גובערניע.

דער אַיצטיקער סיטואַציע איז די איינציקע אויפגאַבע — פּסיכישע זעלבשוץ. מען הייסט אַ יידישן פּאָליציאַנט אויפהענגען אַ ייד — זאָל ער עס נישט טאָן. פון אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט איז נישטאָ קיין גרונט צו אַן אַקציע, וואָס איז פון פאָרויס פאַרמשפּט צו אַ מפּלה. די יידישע מאַסן וועלן גערופן ווערן דורך דעם פּוילישן אַרבעטער=קלאַס צו אַ געמיינזאַמען קאַמף, ווען די שעה וועט דערצו ווערן רייף. די טאַקטיק, וואָס מיר לייגן פאָר, האָט נישט קיין ווערט אָן אַ ברייטער רעוואָלוציאָנערער הילף מצד דער פּוילישער גאַס. דער אויספיר: פאַרלייגן די יידן, זיי זאָלן זיך באַהאַלטן.

זאַגאַן האָט געהאַט אַ פול מויל מיט רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָגיע. מיט אונדז איז געווען בלויז פינקעלשטיין. פון די אַנדערע איז צום ווייטסטן געגאַנגען גיטערמאַן [7] — ער איז שטענדיק געווען מיט די „יונגע“.

אינצווישן האָט זיך אָנגעהייבן די עוואַקואַציע אין לובלין — די ערשטע אַקציע אין דער גובערניע, אין דעם צווייטן לויט דער גרויס געטאָ. די אָפּטימיסטן האָבן שוין איצונד נישט געקאָנט אַרגומענטירן, אַז דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען, איז געווען בלויז אַ נקמה לגבי דעם יידנטום פונעם ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן אָנגעהייבן פילן דעם אָנציענדיקן שטורעם.

מיר האָבן געזוכט אַ קאָנטאַקט און אַן אָנשפּאַר מחוץ דעם געטאָ. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט פּ.פּ.ר. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ) — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פונדאָסניי אונטערן לאָזונג פון פאָלקס=איינהייט אין דעם באַפרייונגס=קאַמף און איז געווען גרייט צוזאַמענצואַרבעטן מיט יעדן אויפן יסוד פון אַ פּראָגראַם פון באַלדיקן און דירעקטן קאַמף קעגן אָקופּאַנט. אונדז איז נייטיק געווען אַזאַ קאָנטאַקט.

פאַרוואָס האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט די קאָמוניסטן?

אין די אָפיציעלע קרייזן פון דער פּוילישער באַוועגונג — אונטער די פליגל פון שיקאָרסקי — האָט מען געזען איר עיקר=אויפגאַבע אין פּראָפּאַגאַנדע, דערציִונג און ציווילן קאַמף בעיקר אין עקאָנאָמישן געביט. אין יעדן אַקטיוון אויפטו, וואָס האָט באַטייט אַ דירעקטן קאַמף מיט דער אָקופּאַנטישער מאַכט — האָבן זיי געזען פּראָוואָקאַציע. „עס איז נאָך נישט געקומען די צייט. מען דאַרף פאַרהיטן אַלע כוחות און רעזערוו ביז עס וועט קומען דער טאָג, אין

7. יצחק גיטערמאַן, דירעקטאָר פון „דזשוינט“ און דעמאָקראַטישער קולטור=טוער.

די פּוילישע רעגירונג וועט געבן אַ באַפעל אַרויסצוציִען דאָס געווער. צוליב די רעפּרעסיעס, וואָס וועלן קומען נאָך יעדן אַקט פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, איז נישטאָ קיין גרונד צו ווידערשטאַנד־אַקטן, עס איז נישטאָ קיין געהעריקע פּראָ־פּאָרץ. דאַרף מען דעריבער וואַרטן".

אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט וואַרטן. יעדער טאָג — אַ עווענטואַליטעט פון ליקווידאַציע. יעדער טאָג — אַ שטענדיקער לויף־געיעג מיט הימלערן. דעריבער האָבן מיר געזוכט אַן אַנדער שותּף און געפונען אין דער פּ.פּ.ר.

[...] אין געטאָ — די מאַקסימאַלע אַקציע־איינִיקייט. קאָנפערענץ אויף קאָנפערענצן, געמיינזאַמע אויפגאַבן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ מין „פאָלקס־פראָנט": קאָמוניסטן, „דרור", השומר הצעיר, די פּאַרטיי [8] און לינקע פּועל־ציון. דער „בונד", וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט פּ.פּ.ס. אין דורך דעם מיט שיקאָרסקים מענטשן, איז געווען געצווונגען צו רעפּרעזענטירן די ליניע פון „נאָך נישט געקומען די צייט".

ארכ. פון ייד. היסט. אינסט., אונטערערדי־שער ארכ. פון ביאַליסטאָקער געטאָ, לחברים בארץ, ביאַליסטאָק אַפּריל 1943.
איבערזעצט פון העברעיש

6. וואַרשע, דעם 22־טן אָקטאָבער 1942

## דעפּעשע פון נאָוואָטקאָ [1] צו דימיטראָוו [2] וועגן דער קאָנפערענץ פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע פאַרשטייער פון וואַרשעווער געטאָ סוף יולי 1942.

מיר קאָנטינואירן די תשובות אויף אייערע פראַגן. פון דער איניציאַטיוו פון אונדזער פּאַרטיי אין וואַרשעווער געטאָ איז אַנטשטאַנען אַן איינהייטלעכער פראָנט פון אַלע יידישע פּאַרטייען [3], מיט אויסנאַם פון „בונד", וועלכער איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אונדז און באַזונדערס שאַרף קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אין יולי [1942] האָבן די דייטשן אָנגעהויבן

[8] די רעכטע פּועלי־ציון (צ. ס.).

[1] מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, ערשטער סעקרעטאַר פון צ. ק. פּ. פּ. ר., דערמאָרדעט דורך דעם שונא.

[2] געאָרגי דימיטראָוו, העלד פון לייפּציקער פּראָצעס, גענע־ראַל־סעקרעטאַר פון קאָמינטערן.

[3] דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק.

אומעטום צו ליקווידירן די געטאָס. די ליקווידאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, אז אלע יידן, וואָס ארבעטן נישט אין די קריגס=אונטערנעמונגען (שוסטער, שניידער, א.ד.גל.) ווערן דורך די דייטשן ארויסגעפירט און דערשטיקט מיטן גאַז. אזוי ארום האָבן די דייטשן ליקווידירט אלע געטאָס ארום וואַרשע. אין וואַרשע גופא איז פון 400 טויזנט קוים געבליבן ארום 50 טויזנט מענטשן [יידן], אלע אנדערע האָט מען אוועקגעפירט. אין אָנהייב פון דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ האָט אונדזער פאָרשטייער[4] אויף א זיצונג פון די פאָרשטייער פון אלע פּאַרטייען, וואָס איז גערופן געוואָרן פון אונדזער איניציאַטיוו, פאָרגעלייגט ארויסצוטרעטן מיט א ווידערשטאַנד קעגן די מאסן=הריגות, אָרגאַניזירן מאסן=אָפּטיילונגען פון זעלבסטשוץ, מיט זיי זיך ארויסרייסן פון געטאָ און צושטיין צו די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. דעם פאָרשלאַג האָט מען נישט אָנגענומען מיטן מאָטיוו, אז דאָס וועט כלומרשט פאַרשנעלערן די ליקווידאַציע[5]. אַנשטאָט דעם האָט מען אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון „בונד“ זיך צו ווענדן צו דעו' דעלעגאַטור צו ענגלאַנד און אמעריקע וועגן הילף. אין גיכן איז אלץ צעקלאַפּט געוואָרן. קיין שום ווידערשטאַנד קעגן די מאסן=הריגות האָט מען נישט געשטעלט. בלויז א טייל פון אונדזערע חברים האָט זיך ארויסגעריסן פון געטאָ און זיך אָנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

נאָוואָטקאָ.

ארכיוו פון פּאַרטיי=געשיכטע אינסטיטוט
פּוילישע קאָמוניסטן=מאַטעריאַלן
איבערזעצט פון רוסיש.

4 יוסף לעוואַרטאָווסקי.

5 פאַר דעם פאָרשלאַג זענען געווען די לינקע פּועלי ציון, השומר הצעיר, החלוץ און דער בונד (לויט די זכרונות פון ד"ר א. בערמאַן).

7. וואַרשע געטאָ, מיטן אויגוסט 1942

## געהיימע קאָנפערענץ וועגן ווערבירן פּאַרטיזאַנער אין געטאָ

אין דער ערשטער העלפט פון חודש אויגוסט איז פאָרגעקומען אין אָ.ב.וו.[1] א קאָנפערענץ אָנוועזנד: פּאָלע[2], לעוואַרטאָווסקי און קאַפּלאַן[3]. די קאָנפערענץ האָט געבראַכט דאָס ארויסשיקן חברים אין דער פּאַרטיזאַנטקע, די קאָנפערענץ איז געקומען צום אויספיר אז די קאַנדידאַטן דארפן האָבן אַן ארישן אויסזען, קענען גוט די פּוילישע שפּראַך. די אָנפירונג פון דער פּאַרטיזאַנטקע ווינטשט זיך, אז די קאַנדידאַטן זאָלן זיין מענער. קיין גענויע פּרטים וועגן דער אויסבילדונג, מעלינעס, דער אופן פון טראַנספּאָרט זענען נאָך נישט באַקאַנט. די קאָנפערענץ באַשליסט צוצוגרייטן קאַדרן צו דער פּאַרטיזאַנטקע.

הערש בערלינסקיס זכרונות.
ארכ. פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט

8. וואַרשע, דעם 31־טן אויגוסט 1943

## פּונק־דעפּעשע פון בערעזאָווסקי[1] צו זילבערבוימען[2] וועגן די סיבות פון מאַנגל פון מאַסן־ווידערשטאַנד בעת דער ערשטער געטאָ־ליקווידאַציע

[...] דאָ און דאָרטן זענען געווען דערשיינונגען פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. הייזער האָבן זיך באַריקאַדירט [...] אָט די אויסדרוקן פון ווידערשטאַנד האָבן זיך, פאַרשטייט זיך,

---

[1] אָסטדויטשע בויטישלעריי — אַ דייטשישע פירמע אין וואַרשעווער געטאָ אויף גענשע. אַהאַנק איר יידישן דירעקטאָר, אַלעקסאַנדער לאַנדוי, אַ סימפּאַטיקער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן די וויכטיקסטע יידישע אַנטיפאַשיסטישע טוער, בתוכם לעוואַרטאָווסקי, קאַפּלאַן א. א.

[2] פּאָלע עלסטער, טוערין פון די לינקע פּועלי ציון, אָנטיילגענומען אין דער גרינדונג פון אונטערערדישן נאַציאָנאַלן לאַנדראַט פון פאָלקס־פוילן.

[3] יוסף קאַפּלאַן, טוער פון השומר הצעיר און אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

[1] ד״ר לעאָן פיינער, פאָרזיצער פון אונטערערדישן צ. ק. פון בונד אין פוילן, מיטגליד פונעם ראַט צו העלפן די יידן. געשטאָרבן באַלד נאָך דער באַפרייונג. די פונק־דעפּעשע האָט ער געשיקט דורך דער פאַרמיטלונג פון די פוילישע סאָציאַליסטן.

[2] שמואל זיגעלבלום (אַרטור), פאָרשטייער פון בונד אין

געענדיקט מיט א באלדיקער פולשטענדיקער ליקווידאציע אויפן אָרט. דאָס זענען אָבער געווען בלויז ספּאָראַדישע פאלן. קיין אַקטיווער ווידערשטאנד אין א מאסן=פארנעם איז נישט געווען און איז נישטאָ. די סיבות: 1) די אילוזיעס, וואָס ווערן אונטערגעהאלטן דורכן שונא, 2) די באַאַמטע און מיטגלידער פונעם [יודענ]=ראט זענען פאראינטערעסירט, עס זאָל נישט זיין קיין ווידערשטאנד, ווייל זיי האָבן זיך געקאָנט ראטעווען, 3) די קאָלעקטיווע פאראנטוואָרטלעכקייט פון די יידן, אלע קענען אומקומען, א טראגישער דילעמאט, 4) דער באוווסטזיין, אז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג אויף הילף פון אויסער די [געטאָ]=מויערן. 5) נישטאָ קיין רעזאָנאַנס אין אויסלאַנד.

דער באוווסטזיניקער טייל פונעם יידישן ארבעטערקלאס און פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אָפּגעגעבן א דין וחשבון פון דער נויטווענדיקייט פונעם אקטיוון ווידערשטאנד, נישט געקוקט דערויף, וואָס אין רעזולטאט פון דער צילמעסיק און באוווסטזיניק געשאפענער דורך די דייטשישע מאַכט=אָרגאנען אינעם געטאָ גופא און ארום אים אַטמאָספער און סיטואציע, וואָלט אזא ווידערשטאנד נישט געווען ווירקזאם אין א גרעסערן פארנעם. אָבער די קאָנסערוואטיווע יידישע פאקטאָרן האָבן אַנטשלאָסן אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן געדאנק, מאָטיווירנדיק דאָס דערמיט, אז עס וואָלט תיכף ומיד געקומען א בלוטיקע רעאקציע מצד די דייטשישע מאכט=אָרגאנען, דאָס הייסט — קאטאסטראָפאלע פאָלגן פאר דער גאנצער סביבה.

צ. אַ. פון אינערן=מיניסטעריום.
דעלעגאטור=אַרכ., טעקע נ׳ 458, ז״ז 71—76.
איבערזעצט פון פויליש.

---

דעם נאַציאָנאַל=ראַט פון דער פוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן. באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין מאַי 1943 אַלס פּראָטעסט קעגן דער שוואַכער רעאַקציע פון דער וועלט לגבי דעם היטלעריסטישן מאַסן=מאָרד איבערן פּוילישן יידנטום.

9. וואַרשע, דעם 30־טן סעפּטעמבער 1942

## גענ. ראָוועצקיס [1] אָפּשאַצונג פון דער שטעלונג פון די פּוילישע אונטערערדישע פּאַרטייען

צום ה.ק. [2].

אויפן ביישפּיל פון די יידן, ביים שטיל־שווייגן פון דער גאַנצער וועלט, אָבסערווירן די פּאָלאַקן דעם שנעלן מאַסן־מאָרד פון עטלעכע מיליאָן מענטשן.

דער קוואַדראַט [3] און די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, דער ראָמב,[4] דער דרייעק,[5] די דעמאָקראַטישע גרופּן, דער קרייז,[6] פּ־ס,[7] פּאָדערן נקמה־אַקטן מצד די אַליאַנטן, קיין אייגענע טעטיקייט אין לאַנד זעען זיי נישט פאָר, סיידן דאָס וועט זיין אַן אויפגעצוווּנגענע דורכן שונא זעלבשוץ.

דער פּירעק [8] [לייגט פאָר] אַן אַקציע פון די אַליאַנטן און אַן אַקטיווע זעלבשוץ און פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

די „מישל פּאַנסטוואָוואַ"[9]: אַ באַלדיקע, דירעקטע אַק־ציע אין לאַנד נישט קוקנדיק אויף דער רעגירונג.

די קאָמוניסטישע פּ.פּ.ר. נוצט אויס די שטימונגען פון דער געזעלשאַפט, קריטיקירט די פּאַסיווקייט פון די ציווילע און מיליטערישע אָפיציעלע פאַקטאָרן און רופט צו אַ פּאַר־טיזאַנישן קאַמף אין פאַרשטענדיקונג מיט דער סאָוועטי־שער דיוויזיע.

דאָס דראָט, טראָץ אונדזער ווילן, מיט אַן אויסברוך פון מאַסן־קאַמפן און מיט דעם, אַז זיי וועלן ווערן געפירט דורך דער קאָמונע.

---

[1] גענעראַל סטעפאַן ראָוועצקי („גראָט", „קאַלינאַ"), הויפּט־קאָמאַנדיר פון א. ק. (לאַנדאָן־אָריענטירטע געהיימע לאַנד־אַרמיי אין אָקופּירטן פּוילן). דער דאָקומענט איז וויכטיק, כדי צו פאַר־שטיין, פאַרוואָס די רעכטע פּוילישע אונטערערד האָט נישט גע־געבן קיין שום הילף די יידן. זי איז געווען איינגעשטעלט אויף פּאַסיווקייט בכלל, אַחוץ דעם אַנטיסעמיטישן מאָמענט.

[2] צום הויפּט־קאָמאַנדיר פון די פּוילישע באַוואָפנטע כוחות אין לאָנדאָן (גענעראַל שיקאָרסקי).

[3] די ענדעציע (עקסטרעם־רעכטע נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסעמי־טישע פּוילישע פּאַרטיי).

[4] רעכטע פּוילישע אַרבעטס־פּאַרטיי.

[5] די פּויערים־פּאַרטיי.

[6] פּ. פּ. ס. (רעכטער פליגל).

[7] פּ. פּ. ס. (לינקער פליגל) זיך אָנגערופן: אָרגאַניזאַציע פון פּוילישע סאָציאַליסטן.

[8] דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

[9] אָרגאַן פון דער סאַנאַציע (פּילסודסקי־ליט).

—

עס זיינען נייטיק לופט־אַטאַקעס, נקמה־אַקטן לגבי די דייטשן אין די אַליאַנטישע לענדער, אינדיווידועלן טעראָר לגבי פּוילישע פאַרעטער און דייטשן.

קאַלינאַ

צ.א. פון אינערן־מיניסטעריום אַרכ. פון אַ. ק., ראַוועצקיס ראַפּאָרטן, ראַפּאָרט נ׳ 803. איבערזעצט פון פויליש.

10. לאָנדאָן, דעם 23־טן סעפּטעמבער 1942

## גענעראַל שיקאָרסקיס דעפּעשע צו גען. ראַוועצקי אין פּוילן וועגן דער באַציונג פון דער רעגירונג צו די יידן [1]

אין שייכות מיט די דעפּעשעס נ׳3262 און 3242 קלער איך אויף אַט וואָס: אין איר פּאָליטיק לגבי די יידן שפּאַרט זיך אָן די רעגירונג בלויז אויף די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע, וואָס אין זייער נאָמען פירן די אַליאַנטישע מלוכות די מלחמה. די רעגירונג האַלט גענוי די דאָזיקע פּרינציפּן. מען דאַרף געדענקען, אַז די שטעלונג פון דער אַנגלאָזאַקסישער וועלט לגבי דעם אַנטיסעמיטיזם איז אַ דעצידירטע, און דער באַדינג פון פּאָלשטענדיקן שטיצן אונדזערע אינטערעסן איז — טאָלעראַנץ און גלייכבאַרעכטיקונג.

צ. א. פון אינערן־מינ., אַרכ. פון אַ. ק., דעפּעשעס צו „קאַלינאַ“, דעפּעשע נ׳ 354. איבערזעצט פון פויליש.

11. לאָנדאָן, דעם 19־טן אָקטאָבער 1942

## גען. שיקאָרסקיס דעפּעשע קיין פּוילן וועגן דער נייטיקייט צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם

די פּוילישע רעגירונג האָט פּראָטעסטירט קעגן די גזירות אויף די פּוילישע יידן. אונדזערע אויסלענדישע פאַרשטייערשאַפטן פאַרנעמען זיך מיט זיי ווי מיט פּוילישע

[1] דער דאָקומענט איז וויכטיק, כדי צו זען, אַז אונטערן דרוק פון דער דעמאָקראַטישער עפנטלעכקייט אין דער וועלט האָט גענעראַל שיקאָרסקי געמוזט אויפפאָדערן זיינע מענטשן אין לאַנד צו אַ בעסערער באַציונג לגבי יידן.

בירגער. לאַוואַלס רעגירונג ווערט איינשטימיק פאראורטיילט דורך דער גאנצער פראנצויזישער געזעלשאפט פאר איר קאפּיטולאנטישקייט און סערוויליזם לגבי די דייטשן. די אנטי=יידישע אקציע האָט נישט קיין אָנהענגער אפילו ביי די רעכטע פּאָליטיקער. די קאטוילישע ספערן זענען דעצידירט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. דעריבער בעט איך, אז אין פּוילן זאָלן די פּרינציפּן פון דעמאָקראטיע קומען צום אויסדרוק ווי צום ברייטסטן. מיר מוזן געדענקען, אז די מלחמה ווערט געפירט פאר אָט די לאָזונגען.

שיקאָרסקי

צ. א. פון אינערן=מינ., אַרכ. פון אַ. ק.,
דעפּעשע, נ' 4349.
איבערזעצט פון פּויליש.

12. וואַרשע, דעם 18־טן אָקטאָבער 1942

## אינפאָרמאַציע וועגן די קאַמפס-צוגרייטונגען פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד

א.[1] האָט אָנגעבונדן א קאָנטאקט מיטן געטאָ. עס זענען דאָרטן אפּנים פאַראַן אַ 150 און אויף אַלץ דעצידירטע יידן, וועלכע זענען גאנץ גוט באוואָפנט. ער פירט מיט דער דאָזיקער גרופּע האנדלס=אינטערעסן. ער שטעלט צו געווער און דאָס, זאָגט מען, אין גרויסע צאָלן פאר מזומן=געלט אָדער באקלייד=אַרטיקלען. ער זאָגט, אז ער איז געווען אין געטאָ און האָט געזען ווייטגייענדיקע זעלבסטשוץ=צוגרייטונגען, למשל פארמאסקירטע קעלערס, פארשידענע אונטערערדישע דורכגענג און א טונעל לאנג אויף עטלעכע צענדליק מעטער. אין די בונקערס און טונעל געפינען זיך גרויסע סכומים שפּייז און געווער. דער טונעל האָט אן ארויסגאַנג אויף דער אַרישער זייט. די דערמאָנטע יידישע גרופּע זוכט דורך אים אָנצובינדן א קאָנטאַקט מיט טעאַדאָר[2] (13), כדי צו קאָאָרדינירן געוויסע גרויסע סאבאָ=

[1] אַרפּאַד — קאַפּיטאַן צעזאַרי קעטלינג, אָנפירער פון אַ פּוילישער דעמאָקראַטישער קאַמפס=פאָרמאַציע. אין אָקטאָבער 1942 האָבן מיט אים זיך פאַרבונדן די פאָרשטייער פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד פּאַוועל פרענקעל א. א.

[2] פּולק. ניעפּאָקולטשיצקי — אָנפירער פון די וועריסיע=אָפּטייל פון אַ. ק.

טאַזש־אקציעס, וועלכע זיי ווילן דורכפירן אין דער נאָענט־סטער צייט.

מאַן

ארכיוו פון פאַרטיי־געשיכטע־אינסטיטוט
דאָקומענטן פון ספּעציעלן מיליטערישן
געריכט, טעקע נ' 46
איבערזעצט פון פויליש.

13. וואַרשע, געטאָ, דעם 30־טן אָקטאָבער 1942

## באַקאַנטמאַכונג פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע וועגן אויספירן אַ טויט־אורטייל איבערן פאַרעטער לייקין

דערמיט גיבן מיר איבער אין דער עפנטלעכקייט די ידיעה, אז אין רעזולטאט פון אוועקשטעלן אין א באשולדי־קונגס־צושטאַנד די לייטער, אָפיצירן און פונקציאָנארן פון דער יידישער אָרדענונגס־דינסט אין ווארשע, וועגן וואָס עס האָט מיטגעטיילט די באקאנטמאַכונג פון 17־טן אויגוסט, איז דער אורטייל איבער לייקין יאקוב, דעם שטעלפאַר־טרעטער פון דעם לייטער פון דער אָרדענונגס־דינסט, גע־וואָרן אויסגעפירט דעם 29־טן אָקטאָבער 6 א זייגער מיט 10 מינוט אין אָוונט.

ווייטערדיקע רעפּרעסיע־מיטלען וועלן ווערן אָנגעווענדט מיט דער פולער הארבקייט.

איינצייטיק גיבן מיר אויך צו וויסן דער עפנטלעכקייט, אז עס זענען געשטעלט געוואָרן אין באשולדיקונגס־צו־שטאַנד:

1) דער יודענראט אין ווארשע און זיין פּרעזידיום.

2) די לייטער פון די שאָפּן און די אַדמיניסטראַציע אין די שאָפּן, וועלכע נוצן אויס און אונטערדריקן די ארבע־טער.

3) די גרופּן־פירער און פונקציאָנאַרן פון דער ווערק־שוץ, פאַרן בעסטיאלישן פייניקן די ארבעטער און די „אומ־לעגאלע" יידישע באפעלקערונג.

די רעפּרעסיע־שריט וועלן ווערן אָנגעווענדט מיט דער פולער הארבקייט.

ארכ. פון ייד. היסט. אינסטיטוט,
רינגעלבלום־ארכ. II.
איבערזעצט פון פויליש.

---

3 קריפּטאָנים פון אַן אויסשפירער פון א. ק.

14. וואַרשע, דעם 10־טן דעצעמבער 1942

## מעלדונג קיין לאָנדאָן וועגן דער געפאַר פון ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ

ה. ק. און סטעם[1].

לויט די ידיעות, וואָס שטאַמען פון דער שטאָט־פאַר־וואלטונג, ווערט אין יאנואר 1943 פאָרגעזען די פולשטענ־דיקע ליקווידאציע פון ווארשעווער געטאָ.

קאַלינאַ.

צ. א. פון אינערן־מינ., אַרכ. פון אַ. ק.,
דעפעשע נ' 1080.
איבערזעצט פון פויליש.

15. וואַרשע, דעם 12־טן דעצעמבער 1942

## מעלדונג קיין לאָנדאָן וועגן די זעלבשוץ־פּלענער אין וואַרשעווער געטאָ

אין ווארשעווער געטאָ האָבן זיך ווידער אָנגעהייבן גאסן־עקזעקוציעס און שיסערייען צו פארבייגייער. מען ליק־ווידירט אויך די קלענערע ווארשטאטן. די א.ג. „שאָפּן פון טעבענסן" זענען געוואָרן פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון דעם רעשט געטאָ. צווישן דער שארית הפליטה פון דער יידישער באפעלקערונג זענען אויפגעקומען פארצווייפלטע פּראָיעקטן פון זעלבשוץ.

קאַלינאַ.

צ. א. פון אינערן־מינ., אַרכ. פון אַ. ק.,
דעפעשע נ' 171.
איבערזעצט פון פויליש.

---

[1] קריפּטאָנים פון דער פוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן.

## וואַצלאַוום[1] מעמאָריאַל מיט די פאָדערונגען פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועגן געווער

דעם 2־טן דעצעמבער 1942 האָב איך קאָנטאַקטירט דעם פאָרשטייער פון בונד מיקאָליי[2] מיטן פאָרשטייער פונעם ייד. נאַצ. קאָמ. יורעק[3]. בעת דער טרעפונג האָט מיר יורעק איבערגעגעבן דעם בייגעלייגטן סטאַטוט פון דער קאָאָרדינירקאָמיסיע און פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז די רעפּרעזענטאַנץ פון דעם כלל יידן אין וואַרשע. דער דאָזיקער סטאַטוט איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער ק.ק. אינעם געטאָ אין דער נאַכט פון 1־טן אויפן 2־טן דעצעמבער 1942. אַלע ספקות, וועלכע עס האָט אַרויסגערוקט מיקאָליי בנוגע די רעכט פון ייד. נאַצ. קאָמ. צו רעפּרעזענטירן די יידן כלפּי דער פּוילישער מאַכט, זענען געוואָרן אויפגעקלערט, און פון איצט אָן וועלן ביידע פאָרשטייער — מיקאָליי און יורעק — רעפּרעזענטירן צוזאַמען די ק.ק. אין הסכם מיט דער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַראַן אינעם סטאַטוט.

וואָס שייך די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן צווישן די יידן אין דער פּראָווינץ, וועלן זיי אויך אויף להבא ווערן געפירט לויט דער איניציאַטיוו פון ייד. נאַצ. קאָמ.

ביידע פאָרשטייער פון דער ק.ק. (יורעק און מיקאָליי) האָבן אַקצענטירט די נויטווענדיקייט פון ת י כ פ ד י ק ן באַזאָרגן די ייד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מיט געווער, ווייל זיי האָבן נישט קיין שום צווייפל, אַז די ליקווידיר־אַקציע אין וואַרשע איז לחלוטין נישט פאַרענדיקט און זי קאָן זיך ווידער אָנהייבן אין יעדן מאָמענט (לעצטנס האָט מען ווידער דורכגעפירט [אַן אַקציע] אין אַ גרעסערן פאַרנעם אין די גאַסן און שאָפּן). דאָס ליקווידירן פאַרשיידענע שאָפּן און לעצטנס דאָס פולשטענדיקע אָפּשניידן טעבענסעס שאָפּ פון דעם רעשט געטאָ דערוויַזט, אַז אין תוך גענומען דויערט די פאַרניכטונגס־אַקציע אָן אַן איבעררייס. מען ריכט זיך אויף אַ פאַרשטאַרקונג פון דער אַקציע אין שייכות דערמיט, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע צאָל שנאָרער (די

[1] וואַצלאַוו — פּסעוודאָנים פון הענריק וואָלינסקי, לייטער פונעם רעפעראַט פאַר יידישע ענינים ביי דער הויפּט־קאָמענדאַנטור פון אַ. ק.
[2] ד"ר לעאָן פיינער.
[3] פּסעוודאָנים פון אריה ווילנער פון השומר הצעיר.

אַרבעט אין די שאָפּן איז אַן אומזיסטע, נאָר פאַרן לעבן: 10—20 דעקאָ ברויט און זופּ; די, וואָס האָבן שוין נישט וואָס צו פאַרקויפן, „רייסן זיך" דעריבער אַרויס פון די שאָפּן, כדי צו שנאָרן אין משך פון עטלעכע שעה).

אין די דאָזיקע באַדינגונגען בעטן מיקאַליי און יורעק אַט וואָס:

1. אַ גרעסערע צאָל געווער, וואָרעם די דערהאַלטענע 10 שטיק סטאַיען נישט אויף צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אָדער אַן אַנדער אַקציע פון אַ קאָלעקטיוון און נישט אינדיווידועלן כאַראַקטער.

2. דערמעגלעכן און אָרגאַניזירן דאָס איינקויפן געווער; זיי פון זייער זייט פאָרשן די מעגלעכקייטן צו מאָביליזירן פאָנדן אויף דעם צוועק (מיין מיינונג: דאָס איינקויפן דאַרף געפירט ווערן דורך אונדז, פון שטאַנדפּונקט פון קאָנטראָל).

3. אַן אינסטרוקציע און אינסטרוקטאָרן. דער [יידי־שער] קאַמפּס־עלעמענט איז צום טייל אויסגעשולט אין די ראַמען פון דער פאַרמלחמהדיקער פוילישער מיליטערישער שולונג. עס איז דאָ אַ מאַנגל אין אינסטרוקטאָרן, ווייל די מענטשן, וואָס פאַרמאָגן געהעריקע קוואַליפיקאַציעס, פירן אויס פאַרשידענע פונקציעס אין דער פּאָליציי און געניסן נישט פון דעם נייטיקן צוטרוי מצד דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

בנוגע דעם פּונקט 1, וואָלט איך געוואָלט, אַז די געווער־צושטעלונג זאָל דערגרייכן לכל הפּחות די עטלעכע מאָל דערמאָנטע צאָל ביז אַרום צוואַנציק שטיק.

איך בעט אַ שנעלע דעציזיע. װאַצלאַװ

דעלעגאַטור־אַרב., טעקע נ' 456, ז' 84.
איבערזעצט פון פּויליש.

17. װאַרשע געטאָ, אָקטאָבער 1942

## די חבלי לידה פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע

אין אָקטאָבער 1942 קומט פאָר אַ קאָנפערענץ צווישן אונדז מיטן השומר. אָנוועזנד: „לינקע פּועלי ציון", פּאָלע עלסטער און בערלינסקי, „השומר" אריה ווילנער. 1) אריה אינפאָרמירט אונדז, אַז ס'איז אים געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די מיליטערישע קרייזן פון דער פּוילישער רעגירונג און מיר וועלן העכסט װאַרשיינלעך באַקומען אונ־טערשטיצונג אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט. 2) ס'איז דאָ אַ קאָנ־

טאַקט מיטן וואַלד,[1] מ'וועט קאָנען אַרויסשיקן חברים אין די וועלדער. 3) ס'ווערט באַשלאָסן אָפּטער זיך צונויפצוקומען און מיט געמיינזאַמע כוחות א ריר טאָן דעם שטיין פון אָרט.

ענדע אָקטאָבער 1942 איז אין לאָקאַל פון השומר מילע 61 פאָרגעקומען א קאָנפערענץ. אָנוועזנד: „השומר" — מרדכי,[2] החלוץ — יצחק,[3] „לינקע פועלי־ציון" — פּאָלע, בערלינסקי און וואַסער.[4] טאָג אָרדנונג: די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ. נאָך אַן אַלזייטיקער דיסקוסיע, וווּ עס האָבן אָנטייל גענומען די חח' פּאָלע, בערלינסקי, מרדכי און יצחק, קומען מיר צום געמיינזאַמען אויספיר: 1) אז עס ווערט געשאַפן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, כדי צוצוגרייטן די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ, 2) אָנלערנען די יידישע פּאָליציי, ווערק־שוץ, שאָפּ־דירעקטאָרן, פאַרשידענע מינים פּראָוואָקאַטאָרן פאַר זייער אַרבעט. ווען ס'קומט צום אויסבילדן אַן אָנפירונג אַנטוויקלט זיך א ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע: איין אינסטאַנץ, אָדער צוויי אינסטאַנצן, א מיליטערישע, אָדער א מיליטערישע און א פּאָליטישע. די חברים פון השומר און חלוץ טרעטן שאַרף אַרויס קעגן 2 אינסטאַנצן. צוויי אינסטאַנצן וועלן פאַרפירן צו דיסקוסיעס, וואָס וועט שטערן אין דער אַרבעט. ס'וועט זיך אָנהייבן די צייט פון ערב דעם חורבן, ווו די פאַרטייען האָבן דיסקוטירט און גאָרנישט געטאָן. מיט חוזק און ביטול דריקן זיך אויס די חברים פון „השומר" און „החלוץ" וועגן די פּאָליטישע פאַרטייען. די פאַרטייען האָבן נישט קיין רעכט אונדז צו זאָגן דעות, אויסער די יוגנט וועלן זיי גאָרנישט טאָן, זיי וועלן נאָר שטערן. מ'דאַרף שאַפן א מיליטערישע אָנפירונג צו דער אַרבעט.

די חברים פון „לינקע פועלי־ציון" ווייזן אָן די פאַלשע איינשטעלונג פון השומר און החלוץ וועגן בכבודיקן שטאַרבן: „מיר קעמפן כדי צו לעבן, אויב ס'וועלן טיילן פון אונדז פאַלן אין קאַמף, וועלן מיר דערפון קיין טראַגעדיע נישט מאַכן. יעדער קאַמף פאָדערט קרבנות. אויב די פּאָליטישע פאַרטייען האָבן געמאַכט געוויסע פעלערן, זענט איר נישט די וואָס האָט א רעכט צו משפּטן, נישט איר פירט און נישט איר וועט פירן דעם פּאָליטישן קאַמף. געפירט האָט אים און פירן וועלן די פּאָליטישע פאַרטייען, פאַלש, אָדער ריכטיק, אָבער פירן וועלן זיי אים. איר וועט נישט

1 מיט פּ. פּ. ר. און דער פאָלקס־גוואַרדיע.
2 אַניעלעוויטש.
3 צוקערמאַן.
4 הערש וואַסער.

פאַלש און נישט ריכטיק פירן דעם פּאָליטישן קאַמף. די יידישע מאַסן האָבן אייך זייער פּאַרטרויען נישט געשענקט און װעלן אייך אין דער צוקונפט זייער פאַרטרויען נישט שענקען. נאָר די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אויף די עפנטלעכע טריבונעס אויסגעשריגן דעם פּיין און ווייטאָג פון די מאַסן און נישט איר.

אין דער צוקונפטיקער געשטאַלטונג פון דער יידישער װעלט, װעלן די פּאָליטישע פּאַרטייען זאָגן זייער װאָרט און נישט איר. מיינט נישט חברים, אויב מען פאַרמאָגט 2 צעבראָכענע רעװאָלװערן, דאַרף מען פון זיך אַזוי בלאָזן און שוין מיט קיינעם זיך נישט רעכענען. איין אינסטאַנץ אָדער צוויי אינסטאַנצן: מיר „לינקע פּועלי ציון" האַלטן, דאָס יעדער באַוואָפנטער אַרויסטריט אין געטאָ מוז װערן געמאָסטן און געוויגן. מען טאָר נישט דערלאָזן צו קיין לייכטזיניקע שריט, װאָס קענען ברענגען צו אַ פּריצייטיקער ליקווידאַציע פון װאַרשעווער געטאָ. אַ גרופּע אָדער אַן אָרגאַניזאַציע, װאָס איבט מיט װאָפן, האַלט זיך ביי דער שטרעבונג און װאַרט שוין אויפן „גליקלעכן" מאָמענט צו מאַכן אַ געברויך פון די װאָפן. מיר האַלטן פאַר אַן אומבאַדינגטן תנאי דאָס שאַפן פון נאָך איין אינסטאַנץ װאָס זאָל פּאָליטיש ניכטער אָפּשאַצן װען ס'איז די פּאַסיקע צייט באַוואָפנט אַרויסצוטרעטן. װאָס שרעקט איר זיך אַזוי שטאַרק, װאָס האָט איר אַזוי מורא, די געפערלעכקייט מוז שטענדיק זיין. װען אַפילו מיר זאָלן אַרויסגיין פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס געטאָ װעט אונטערגיין און מ'װעט נישט דאַרפן אָפּגעבן פאַר קיינעם קיין חשבון פאַר די טאַטן, דערקלערן מיר אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי, אַז מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע טאַטן פאַר די יידישע מאַסן אין דער װעלט און לגבי אונדזערע חברים אין אויסלאַנד. מיר װילן נישט, אַז צוליב לייכטזיניקע שריט זאָל װער װאַרפן שטיינער אין אונדזער קבר. אויב זענט איר נישט מסכים דאָס די פּאָליטישע פּאַרטייען זאָלן קאָנטראָלירן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, שאַפט איר פאַר אונדז אוממעגלעכע באַדינגונגען אין איר אָנטייל צו נעמען...

ביידע צדדים האַלטן זיך פעסט ביי זייערע מיינונגען.

אונדזער פּראָפּאָזיציע: אַזוי ווי ביידע צדדים האַלטן זיך פעסט ביי זייערע מיינונגען און דאָס דראָט, אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך פונאַנדערגיין און קיין קאַמפּס־אַפּאַראַט זאָל נישט אויסגעגלידערט װערן, לייגן מיר פאָר, אָפּלייגן די קאָנפערענץ ביז נאָך מיטאָג, כדי מיר זאָלן זיך קענען פאַרשטענדיקן מיטן פּאַרטיי־קאָמיטעט פון

לינקע פועלי־ציון און באקומען די ענטגילטיקע אינסטרוקציע. מאָמענטאל האָבן מיר צונויפגערופן א זיצונג פון פאַרטיי־קאָמיטעט. אָנוועזנד: פאָלע, בערלינסקי, וואַסער,[5] מלך,[6] לענט,[7] בלומשטיין. די זיצונג האָט פולשטענדיק אַקצעפּטירט די האנדלונג פון דער דעלעגאציע. נאָך מיטאָג בין איך בייאויפטראגט געוואָרן פון פארטיי־קאָמיטעט אָפּצוגעבן אויף דער קאָנפערענץ א פאָלגענדע דערקלערונג: „דער פאַרטיי־קאָמיטעט לינקע פועלי־ציון אפּראָבירט פולשטענדיק די ארויסגעזאָגטע מיינונגען און די שטעלונג פון דער דעלעגאציע: מיר אפּעלירן צו די חברים פון השומר און החלוץ, פארעקשנט אייך נישט, זייט מסכים מיט אונדזער געדעכטער שטעלונג און וועט דערמעגלעכן דאָס אויסבילדן פון א געמיינזאמען קאמפּס־אפּאראט, איך האלט שוין ביים געזעגענען זיך און פלוצים האָב איך באקומען דעם הסכם, מיט פרייד האָב איך געאיילט איבערצוגעבן די חברים די ידיעה.

מיטן מאָמענט ווען ס׳איז געקומען צום הסכם ווענן 2 אינסטאנצן: מיליטערישע און פאָליטישע, איז געלייגט געוואָרן דער גרונדשטיין פאר דער געמיינזאמער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע. מיר האָבן באשלאָסן אויסצוברייטערן אונדזער טעטיקייט און צוציען דעם „בונד“[8].

הערש בערלינסקי: זכרונות.
ארכ. פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט

17אַ. וואַרשע געטאָ, דעם 2־טן דעצעמבער 1942

## דער סטאַטוט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאציע

כדי צו אָרגאניזירן די יידישע באפעלקערונג פון וואַרשע קעגן דער פאַרניכטונגס־אַקציע מצד דעם אָקופּאַנט און כדי צו באשיצן די יידישע באפעלקערונג פון ווארשע קעגן פארעטער און אגענטן, וואָס ארבעטן מיט מיטן אָקופּאנט, ווערט געשאפן א קאָאָרדיניר־קאָמיסיע, וועלכע נעמט ארום דעם בונד און דעם יידישן נאציאָנאלן קאָמיטעט, וואָס אין זיין צוזאמענשטעל גייען אריין די פאָלגנדע פארטייען: די

5 הערש וואַסער.
6 פּוינקינד.
7 הערש לענט.
8 די פּ. פּ. ר. איז שוין פריער געהאַט צוגעשטאַנען.

ציוניסטישע אָרגאניזאציע, פּועלי־ציון רעכטע, פּועלי־ציון לינקע, די רעוויזיאָניסטישע פּארטיי, החלוץ, השמור הצעיר, דרור [1].

די טעטיקייט פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע איז באַזירט אויפן פאָלגנדיקן סטאטוט:

## קאָאָרדיניר־קאָמיסיע

1) אויפן סמך פון הסכם, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם יידישן נאציאָנאלן קאָמיטעט און דעם בונד, איז געשאפן געוואָרן א קאָאָרדיניר־קאָמיסיע אין ווארשע.

2) דער ציל פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע איז:

א) אָרגאניזירן די פארטיידיקונג פונעם געטאָ אין פאל פון א ווייטערדיקער גירוש־אַקציע.

ב) באשיצן די יידישע מאסן פון געטאָ קעגן די באצאָלטע אַגענטן און משרתים פונעם אָקופּאנט.

ד) די קאָאָרדיניר־קאָמיסיע רופן צום לעבן די קאמפס־אָרגאניזאציע, צייכנט אָן די ריכטליניעס פון איר טעטיקייט און קאָנטראָלירט זי.

3) אינעם צוזאמענשטעל פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע גייט אריין צו 1 דעלעגאט פון יעדער פּאָליטישער ריכטונג [2].

# די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע

## די סטרוקטור

1) דאָס גרונט־קעמערל איז א קאמפס־„זעקסטל“ מיטן קאָמאנדיר פונעם „זעקסטל“ בראש.

[1] די פּ. פּ. ר. האָט געהערט צו דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און געהאַט אַ פאָרשטייער אין איר הויפּט־קאָמענדאַנטור: מיכאל רויזענפעלד. אין דעם אָפיציעלן סטאַטוט וואָס איז געוואָרן איבערגעגעבן דער דעלעגאַטור און א. ק.־אָנפירונג, ווערט פּ. פּ. ר. נישט דערמאָנט מחמת מורא פאַר דער דעלעגאַטור און א. ק.־אָנפירונג, וועלכע זענען געווען שאַרף אַנטיקאָמוניסטיש און וואָלטן צוליב דעם איבערגעריסן יעדן קאָנטאַקט מיט די יידישע פאָרשטייער.

[2] פאָרשטייער פון פּ.פּ.ר. אין דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע איז געווען אַלעקסאַנדער (פּסעוודאָנים פון אפרים פאָנדאַמינסקי), דער סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט פון דער פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ (נאָך די אומגעקומענע שמואל מערעטיק און זיגא גאָטליב).

2) די „זעקסטלעך“ זענען אָרגאַניזירט לויט די שאָפּן. אין שפּיין פון יעדן שאָפּ שטייט א קאָמענדאַנטור, וועלכע באַשטייט פון א קאָמענדאַנט און צוויי פּאַרטרעטער.
3) בראָש פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע שטייט דער הויפּט-קאָמענדאַנט און די הויפּט-קאָמענדאַטור אין באַשטאַנד פון פינף פּערזאָן.[3]
4) די „זעקסטלעך“ ווערן געשאַפן לויט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ליניע, ד.ה. לויט דער צוגעהעריקייט צו דער אָרגאַניזאַציע. דאָרטן, וו דאָס איז אוממעגלעך, שאַפט מען געמישטע „זעקסטלעך“, און אין מאָס פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַקציע, ציט מען אריין אויך נישט אָרגאַניזירטע.
5) ביים באַשטימען די אָנפירונג דאַרף מען זיך ריכטן אויסשליסלעך מיט די קוואַליפיקאַציעס פון די קאַנדידאַטן.

## די באַוואָפענונג

1) אלס געווער ווערן אריינגערעכנט: הייס געוועהר, העק, מעסערס, קאַסטעטן, ברי-מיטלען, ברען-שטאָף און אַנדערע.
2) יעדער מיטגליד פון א „זעקסטל“ איז באַוואָפנט.
3) יעדער געביט ווערט באַזאָרגט מיט געווער און אומבאַדינגט נייטיקע מיטלען צו דער אַלגעמיינער אַקציע.

## אַלגעמיינע ריכט-ליניעס פון דער קאַמפּס-אַקציע

1) אין פאַל פון א ווייטערדיקער גירוש-אַקציע ווערט דער ווידערשטאַנד געפירט אונטערן לאָזונג: „מיר וועלן נישט געבן קיין איין ייד“.
2) א טעראָריסטישע אַקציע לגבי דער יידישער פּאָליציי, דער ייד. גמינע און דעם ווערקשוץ.
3) אַקטיווער קאַמף קעגן די שאָפּ-לייטערס, די גרופּן-לייטערס, די אָפענע און געהיימע געסטאַפּאָ-אַגענטן, אין נאָמען פון באַשיצן די יידישע מאַסן.

## די נאָענטסטע אַרבעטן

1) שאַפן די „זעקסטלעך“ און די אָנפירונג.

---

[3] דאָס זענען געווען: אַניעלעוויטש, בערלינסקי, עדעלמאַן, רויזענפעלד און צוקערמאַן.

2) באוואָפּענען די „זעקסטלער“ און די שאָפּן.
3) דעראָבערן פינאנס-מיטלען.
4) די שאָפּן-קאָמענדאנטורן וועלן צוגרייטן:

א) אַ גענויען פּלאַן פונעם געביט (מאַגאַזינען, קאַסע, ווערקשוץ, דירעקציע).

ב) א רשימה פון די שעדלעכע עלעמענטן.

ג) א גענויען אַקציע-פּלאַן אויפן געביט פון יעדן שאָפּ.

5) די הויפּט-קאָמענדאנטור וועט צוגרייטן א צענטראלן אַקציע-פּלאַן: פון סאבאָטאזש- און טעראָראַקטן.
6) פּראָפּאגאנדע פון ווידערשטאנד און קאמף אין דער געזעלשאפט.

## די נעמען

1) די קאמפּס-אָרגאניזאציע נעמט אָן דעם נאָמען: יידישע קאמפּס-אָרגאניזאציע.
2) כדי איינצוהאלטן א ענגן קאָנטאקט צווישןביידע אינסטאנצן, ד.ה. צווישן דער קאמפּס-אָרגאניזאציע און דער קאָאָרדיניר-קאָמיסיע, נעמט דער קאָמענדאנט פון דער קאמפּס-אָרגאניזאציע אָנטייל אין די זיצונגען פון דער קאָאָרדיניר-קאָמיסיע.

כלפּי דער מיליטערישער מאכט איז די קאָאָרדיניר-קאָמיסיע רעפּרעזענטירט דורך דעם פאָרשטייער פון ייד. נאציאָנאלן קאָמיטעט, וועלכער טרעט ארויס אונטערן פּסעוודאָנים יורעק, און דעם פאָרשטייער פון בונד, וועלכער טרעט ארויס אונטערן פּסעוודאָנים מיקאָליי.

צ. א. פון אינערן-מיניסטעריום.
דעלעגאַטור-אַרב., טעקע נ' 458, ז' 81—82
איבערזעצט פון פויליש

.18 ווארשע, געטאָ, דעם 4־טן דעצעמבער 1942

## אויפרוף פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע

די אומזיכערקייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג פארסמט יעדע מינוט פון דעם ביטערן שקלאפן-לעבן פון דעם יידישן ישוב אין ווארשע. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך פארשידענע „זיכערע“ ידיעות, פּלאָטקעס, קלאנגען, טערמינען בנוגע דעם גורל פון ווארשעווער געטאָ. מען „גיט“ אונדז צוויי וואָכן,

דריי וואָכן, דריי חדשים, פיר חדשים, צום לעבן. עס צאַפּלען די צערודערטע נערוון, עס פיבערט דער אויסגעמאַטערטער געמיט צווישן האָפענונג און רעזיגנירטער פאַרצווייפלונג.

צי האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געלערנט פון דער שרעקלעכער דערפאַרונג? צי ווילן מיר זיך נאָך אַלץ לאָזן איינוויגן פון א גוט וואָרט פון דעם אָדער יענעם דייטשישן מערדער, פון דער אָדער יענער קאַטשקע, וועלכע ווערט פאַרשפרייט דורך יידישע געסטאַפּאָווצעס, פאַרקויפטע פאַרעטער אָדער דורך לייכט־גלויביקע מענטשן?

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אז דער היטלעריזם האָט זיך געשטעלט א ציל צו פאַרניכטן אַלע יידן. ער מאַכט עס נאָך בהדרגהדיק, עטאַפּנווייז. דערביי איז דער הויפּט־ציל פון זיין טאַקטיק: אָפּנאַרן, איינגנאַרן די יידישע מאַסע. ער שניידט זיך טיף אריין מיט דעם חלף אין האַלדז פון זיין קרבן און... וואַרפט צו דערווייל א ביינדל דעם נאָענטסטן קרבן, פאַרן נעמען צו דער שחיטה.

דעריבער לאָמיר קוקן מיט אָפענע אויגן, מוטיק דעם אמת אין די אויגן אריין.

מיר גלייבן נישט קיין שום „סטאַביליזיר־אַקציע" [1].

מיר געדענקען אַלע ליגנס, אָנהייבנדיק פון דער „אויסזידלונג אויפן מזרח", ענדיקנדיק מיט די נומערלעך, מאַסנלעגיטימאַציעס, סעלעקציעס און רעגיסטראַציעס.

מיר ווייסן אַלע דעם אמת וועגן דעם גיגאַנטישן שעכטהויז אין טרעבלינקע, וווּ עס זענען אַזוי אוממענטשלעך, אַזוי ראַפינירט־בעסטיאַליש אומגעבראַכט געוואָרן הונדערטער טויזנטער טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, זין און טעכטער.

דעריבער גלייבן מיר נישט אויף קיין איין מינוט דער „נייער" פאַראָרדענונג וועגן שאַפן יידישע געטאָס — דאָס איז א פּולאַפּקע, וווּ עס קאָן יעדע רגע צוגעקלאַפּט ווערן דאָס טירל אויפן שוועל פון לעבן און טויט [2].

דער „אומשלאַג" איז ליקווידירט געוואָרן, די „אומלעגאַלע" יידן ווערן אמנעסטירט, מען גייט „באַשעפטיקן"

---

[1] דער ס.ס.־ און פּאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט ד"ר זאַמערן־פראַנקענעג און דער נאַצישער געטאָ־קאָמיסאַר אויערסוואַלד האָבן דערקלערט אַ דעלעגאַציע פונעם יודענראַט, אַז עס וועט שוין זיין רואיק, אַז די לאַגע פון געטאָ איז סטאַביליזירט און די יידן דאַרפן גוט אַרבעטן.

[2] דאָס איז געווען אַ דייטשישע פאַראָרדענונג — צו שאַפן עטלעכע נייע געטאָס.

און „באשפּייזן“ אַלע יידן — וואָס פאַרא צינישער חוזק. דער מערדער שפּילט זיך נאָך א ביסל מיטן שוצלאָזן קרבן, איידער ער לאָזט אַראָפּ אויף זיין קאָפּ די פאַרבלוטיקטע האַק.

יידן, בירגער פון ווארשעווער געטאָ, זייט וואך, גלייבט נישט קיין איין וואָרט, קיין איין טאט פון די עס-עס-באַנ-דיטן. די טויט-געפאַר לויערט. געדענקט די לעצטע „אַק-ציע“ — דאָס כאַפּן „אויף אַרבעט“ קיין לובלין. מען האָט געדאַרפט „שניידער“ און געכאַפּט האָט מען אַלטע לייט, קינדער. מען האָט געכאַפּט מענטשן צו „אַרבעט“ און גע-נומען האָט מען זיי ווי זיי שטייען און גייען, הויל און נאַ-קעט. און עס הזרט זיך ווידער איבער די אַלטע מעשה — עס קומען אָן גרוסן, בריוו, אז מען האָט זיי ווירקלעך גע-שיקט קיין לובלין. מיר דערמאַנען די „בריוו“, די „זיכערע“ גרוסן פון בריסק, מינסק, ביאַליסטאָק — וועלכע זענען געמאַכט פון די דייטשן. מיר דערמאַנען, אז אין לובלינער קאַנט געפינט זיך בעלזשעץ, ווו עס זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידן לויטן נוסח טרעבלינקע.

לאָמיר זיך נישט נאַרן.

די לובלינער „אַקציע“ פון 10-טן און 11-טן נאָוועמ-בער לערנט גאָר עפּעס.

ווידער האָבן די דייטשן געפונען העלפער און משרתים אין דער יידישער געזעלשאַפט גופא. ווידער האָבן זיי געפו-נען מנוולים, וועלכע האָבן מיט אייגענע הענט אויסגעלי-פערט זייערע ברידער צו דער שחיטה, כדי צו קאָנען פאַר דעם פּרייז ראַטעווען זייער פאַרשיוון, פאַרשפּיגענעם לעבן. די גאַנגרענע, וואָס די יידישע פּאָליציי און די גמינע-לייט[3] האָבן פאַרשפּרייט אין ווארשע, האָט אָנגעשטעקט די קרייזן פון די שאָפּ-דירעקציעס, ווו עס זיצן אָפּט די נידערטרעכ-טיקסטע אויסוואורפן, גרייט אויף יעדער גבלה.

גלייבט נישט די יידישע מאַכערס, די פירערס פון די שאָפּן, די מייסטערס — דאָס זענען אייערע שונאים, לאָזט אייך נישט נארן דורך זיי.

רעדט אייך נישט איין און לאָזט אייך נישט איינרעדן, אז די בעסערע פּאָכלייט, די עלטערע אַרבעטער, וואָס האָבן נומערלעך, זענען זיכער און דעריבער זאָל מען אויסליפערן די שוואַכערע, די שוצלאָזע.

אַלע זענען באַדראָט.

---

[3] דער יודענראַט.

זאָל קיינער נישט וואגן צולייגן א האנט, נישט העלפן — אַקטיוו אָדער פּאסיוו — אויסצוליפערן אין די הענט פין תליון זיין ברודער, זיין חבר. זיין שכן, זיין מיטאַרבעטער.

לאָמיר נישט זיין ווי א הויפן מיסט, ווי ווערים, פּנים אל פּנים מיטן אומקום. העלפט איינער דעם צווייטן.

די געמיינע פּארעטער, וועלכע העלפן דעם שונא, מוזן אויסגעשפּיגן ווערן פון דער מחנה.

לאָזט אייך נישט אומברענגען ווי שאָף.

גרייט זיך צו פארטיידיקן אייער לעבן.

געדענקט, אז אויך איר — די ציווילע יידישע באפעל־קערונג — געפינט זיך אויפן פראָנט פון קאמף פאר פריי־הייט און מענטשלעכקייט.

דער שונא איז שוין שווער פּארוואונדעט. לאָמיר מוטיק און ווירדיק פארטיידיקן אונדזער כבוד.

זאָל לעבן די פרייהייט!

אַרכ. ייד. היסט. אינסט., רינגעלבלום־אַרכ. II.

19. וואַרשע, דעם 2־טן יאַנואַר 1943

## ראַדיאָגראַם פון גענ. ראָוועצקי קיין לאָנדאָן וועגן די באַמיונגען פון דער ייד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צו באַקומען געווער

נאָך אלעמען ווענדן זיך צו אונדז די יידן פון פארשי־דענע קאָמוניסטישע גרופּן[1] וועגן געווער, פּונקט ווי מיר וואָלטן פארמאָגט פולע מאגאזינען. לשם פּראָבע האָב איך ארויסגעגעבן עטלעכע פּיסטאָלעטן. איך האָב נישט קיין זי־כערקייט, צי זיי וועלן בכלל אויסנוצן דאָס געווער. מער גע־ווער וועל איך נישט געבן, ווייל — ווי איר ווייסט — פאר־מאָגן מיר עס נישט אליין. איך וואַרט, מען זאָל צושיקן. גיט אָן, וואָס פאר א פארבינדונג אונדזערע יידן האָבן מיט לאָנדאָן.

קאַליִנאַ.

צ. א. פון אינערן־מינ., אַרכ. פון אַ. ק., דעפּעשן נ׳ 1124/1.
איבערזעצט פון פּויליש.

[1] אַזוי רופט אָן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אַ.ק. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע („זשידאָ־קאָמונאַ").

20. וואַרשע, געטאָ, דעם 13־טן יאַנואַר 1943

## ס.אָ.ס.־רוף
## פֿון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט קיין אויסלאַנד וועגן רעטונג און געווער

ניו־יאָרק — סטיפֿען וויז, גאָלדמאַן, אַרבעטער־רינג, דזשוינט.

מיר זענען אייך מודיע וועגן דעם גרעסטן פֿאַרברעכן פֿון אַלע צייטן, וועגן אויסמאָרדן איבער דריי מיליאָן יידן אין פּוילן. פּנים אל פּנים מיט דער געפֿאַר פֿון אומברענגען די נאָך לעבן־געבליבענע 400 טויזנט יידן, פֿאָדערן מיר פֿון אייך:

1. נקמה אין די דייטשן,

2. צווינגען די היטלעריסטן אָפּצושטעלן די מאָרדן,

3. געווער צום קאַמף פֿאַר אונדזער לעבן און אונדזער כבוד,

4. קאָנטאַקט דורך אַ דעלעגאַט אין די נייטראַלע לענדער,

5. ראַטעווען דורך אויסטויש 10 טויזנט קינדער,

6. 500 טויזנט דאָלאַר אויף די צוועקן פֿון זעלבשוץ און הילף.

ברידער! די שארית הפּליטה פֿון די יידן אין פּוילן לעבט מיטן באַוווסטזיין, אַז אין די שרעקלעכסטע טעג פֿון אונדזער געשיכטע האָט איר אונדז נישט געגעבן קיין הילף. רופֿט זיך אָפּ. דאָס איז אונדזער לעצטער אַפּעל צו אייך.

יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט
אין פּוילן

צ. אַ. פֿון אינערן־מיניסטעריום,
דעלעגאַטור־אַרב., דעפּעשן־זאַמלונג,
פּונק־דעפּעשע נ' 15.
איבערזעצט פֿון פּויליש.

21. וואַרשע, געטאָ, ערשטע העלפט יאַנואַר 1943

## אויפרוף פון דער יידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע צו אַקטיווען און פּאַסיווען ווידערשטאַנד

צו די יידישע פאָלקס־מאסן אין געטאָ!

דעם 22־טן יאַנואַר 1943 ווערט 6 חדשים זינט דעם אָנהייב פון דער אויסזידלונג אין וואַרשע. מיר אַלע געדענקען גוט די שרעקלעכע טעג, אין וועלכע 300.000 אונדזערע ברידער און שוועסטער זענען געוואָרן ארויסגעשיקט און בעסטיאַליש אומגעבראַכט אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקי. עס זענען אדורכגעגאנגען 6 חדשים לעבן אין אייביקן טויט־שרעק, נישט וויסנדיק קיינמאָל, וואָס וועט ברענגען דער קומענדיקער טאָג. פון אַלע זייטן זענען צו אונדז געקומען ידיעות וועגן אויסראָטונג פון די יידן אין ג.ג.[1], אין דייטשלאַנד, אין די אָקופּירטע לענדער. הערנדיק די טרויעריקע ידיעות האָבן מיר געוואַרט אויף אונדזער [סוף יעדע] רגע, יעדן טאָג, יעדע שעה. היינט מוזן מיר פאַרשטיין, אַז די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אונדז געלאָזט לעבן נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן אויסנוצן אונדזער אַרבעט־קראַפט ביז צום לעצטן [טראָפּן] פון בלוט און שוויס, ביז צום לעצטן אָטעם. מיר זענען שקלאַפן. און ווען די שקלאַפן טראָגן שוין נישט קיין רייווח, הרגעט מען זיי אויס. דאָס מוז יעדער פון אונדז פאַרשטיין און יעדער פון אונדז מוז שטענדיק געדענקען.

אין די לעצטע פּאָר וואָכן האָבן מענטשן פון געוויסע [קרייזן] פאַרשפּרייט ידיעות, וועגן בריוו, וואָס זאָלן אָנקומען פון די פון וואַרשע ארויסגעשיקטע יידן, זיי זאָלן זיך געפינען אין אַרבעט־לאַגערס לעבן פּינסק אָדער אין באָברויסק. יידישע פאָלקס־מאַסן, איר זאָלט נישט גלייבן אין די דאָזיקע מעשיות. זיי זענען געשפּרייט דורך יידן, וואָס זענען אין דינסט פון געסטאַפּאָ. די בלוטיקע מערדערס האָבן ביי דעם אַ געוויסן ציל צו בארואיקן די יידישע באַפעלקערונג, כדי דערנאָך זאָל די קומענדיקע אויסזידלונג זיין אָן שוועריקייטן, מיט מינימאַלע כוחות, און אָן

---

1 גענעראַל־גובערניע — דער צענטראַלער טייל פון פוילן, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן דורך די דייטשן אין אַ באַזונדערן אָקופּיר־געביט.

אָפּפערס מצד די דייטשן. זיי ווילן, אז די יידן זאָלן נישט גרייטן קיין סכראָנעס, און זיי זאָלן נישט שטעלן קיין ווידערשטאנד. יידן, דערציילט נישט נאָך די ליגנס.

יידישע פאָלקס־מאַסן, די שעה דערנענטערט זיך, איר מוזט זיין גרייט צו שטעלן א ווידערשטאנד, נישט געבן זיך אויסשעכטן ווי שעפסן. קיין איין ייד זאָל נישט גיין אין וואגאָן אריין. די מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן אַקטיוו אַקעגנצושטעלן זיך, די זאָלן לייסטן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך באַהאַלטן. יעצט האָבן מיר געקריגן א ידיעה פון לעמבערג, אז די יידישע פּאָליציי האָט דאָרטן אדורכגעפירט אליין אן אויסזידלונג פון 3 טויזנט יידן. אין ווארשע וועט דאָס שוין נישט זיין, דער אטענטאט אויף לעיקעגען ווייזט אויף דעם. אונדזער פּאַראָל מוז זיין יעצט:

אלע זאָלן זיין גרייט צו שטארבן ווי מענטשן.

ארכ. ייד. היסט. אינסט., רינגעלבלום־ארכ. II

22. וואַרשע, יאַנואַר 1943

## אויפרוף פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד צום אַקטיוון ווידערשטאַנד

גרייט זיך צו מעשים! זייט וואך!
מיר שטייען אויף צום קאַמף!

מיר זענען די, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאר א ציל אויפצווועקן דאָס פאָלק. מיר וועלן ווארפן אונדזער געזעלשאפט דעם לאָזונג:

וועק זיך אויף און קעמף!

פארליר נישט די האָפענונג אין דער מעגלעכקייט פון רעטונג! זיי וויסן, אז די רעטונג ליגט נישט אינעם ווילנלאָזן גיין אויף טויט.

זי ליגט אין עפּעס העכערס: אינעם קאמף!

ווער עס קעמפט פאר זיין לעבן, האָט שאנסן זיך צו ראטעווען! ווער עס רעזיגנירט פון פאָרויס פון פארטיידיקונג

— דער האָט באַלד לכתחילה פאַרשפּילט! דעם דערוואַרג נאָר א שענדלעכער טויט אין דער שטיקנדיקער מאַשין פון טרעבלינקע.

וועק זיך אויף, פאָלק, און קעמף!

נעם זיך אָן מיט מוט אויף דרייסטע מעשים! נידער מיטן שענדלעכן מסכים זיין אויף אזא זאָג: אלע זענען מיר פארמשפּט אויף טויט!

נ׳שט אמת!

אויך אונדז איז באַשערט צו לעבן! אויך מיר האָבן אויף דעם א רעכט!

מען דאַרף קאָנען פאר דעם קעמפן! עס איז נישט קיין קונץ צו לעבן, ווען מען שענקט דיר דאָס לעבן מיט חסד! א קונץ איז צו לעבן דעמלט, ווען מען וויל דיר דאָס לעבן א־ויסרייסן.

דערוואַך, פאָלק, און קעמף פאר דיין לעבן!

זאָל יעדער מוטער ווערן א לייביכע, וואָס פארטייּ דיקט אירע קינדער!

זאָל קיין שום פאָטער נישט קוקן רואיק אויפן טויט פון זיינע קינדער! זאָל זיך מער נישט איבערחזרן די שאַנד פון דעם ערשטן אַקט פון אונדזער פארטיליקונג!

זאָל דער שונא באַצאָלן פאר יעדער יידיש לעבן מיט זיין אייגן בלוט!

זאָל יעדעס הויז ווערן ביי אונדז א פעסטונג!

דערוואַך פאָלק און קעמף!

אין קאַמף ליגט דיין רעטונג!

ווער עס קעמפט פאר זיין לעבן, האָט א מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען!

מיר שטייען אויף אין נאָמען פון קאַמף פארן לעבן פון די אומבאַהאָלפענע מאַסן, וועלכע מיר ווילן ברענגען רעּ טונג, וועלכע מיר מוזן אויפוועקן צו מעשים! נישט בלויז פאר אונדזער אייגן לעבן ווילן מיר קעמפן. מיר וועלן זיך טאַקע ראַטעווען ערשט דעמלט, ווען מיר וועלן דערפילן אונדזער חוב! ווי לאַנג דאָס לעבן אפילו פון איין ייד איז אין געפאר, מוזן מיר זיין אויף דער וואַך און קעמפן!

אונדזער לאָזונג:

מער וועט קיין איין ייד נישט אומקומען אין טרעבּ לינקע!

נידער מיט די פארעטער פון פאָלק!

ריקזיכטלאָזער קאמף קעגן אָקופּאנט ביז צום לעצטן טראָפּן פון אונדזער בלוט!

גרייט זיך צו מעשים!

זייט וואך!

II ארכ. ייד. היסט. אינסט., רינגעלבלום־ארכ.
איבערזעצט פון פּויליש.

23. ווארשע, געטאָ, דעם 20־טן יאַנואר 1943

## ידיעה וועגן דער ערשטער באַוואָפנטער זעלבסטשוץ

מיטוואָך דעם 20.I בייטאָג בין איך ווייטער ביים השומר. מרדכי ווייזט מיר דאָס דערגרייכטע געווער: א ביקס, א פּאראבעלום. מיר האָבן אַנטוואָפנט א דייטשן זשאנדארם און צוגענומען די מאַשין און מיר קענען זיך שוין מיט איר באנוצן. מרדכי גיט מיר איבער וועגן דעם קאמף אויף דאָג זאמענהאָף און ניסקע. ווי ער גייענדיק אין דער רײ צוזאמען מיט א גרופּע פון די געכאפּטע, האָט אויפגעהויבן און אָנגעפירט מיטן קאמף. איין טייל פון עס. זענען פארוואונדעט אָדער טויט. די איבעריקע זענען אנטלאָפן איבערלאָזנדיק די הילעלען און א טייל ס'געווער. דאַן האָבן די דייטשן דאָס הויז וו ער מרדכי מיט זיין גרופּע האָבן זיך פּאַרבאַריקאַדירט אומגערינגעלט. ער האָט זיך אַרויסבאַקומען. כ'באַגריס אים צו זיין נצחון מיט א חבֿרישן האנט־דרוק.

הערש בערלינסקי: זכרונות.
ארכ. פון ייד. נאַצ. קאָם.

24. ווארשע, געטאָ, דעם 18־טן יאַנואַר 1943

## רוף פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע צו אַקטיווער זעלבשוץ [1]

יידן!

דער אָקופּאנט איז צוגעטראָטן צום צווייטן אקטן פון אייער פארטיליקונג.

גייט נישט ווילגלאָז צום טויט!

---

[1] דאָס דאָזיקע פלוג־בלאַט איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן דעם 18־טן יאַנואַר 1943, ווען די דייטשן זענען אַריין אין געטאָ, כדי עס ענדגילטיק צו ליקווידירן.

פארטיידיקט זיך!

נעמט א האק, א שטיק אייזן, א מעסער אין האנט אריין, פארבאריקאדירט אייער הויז.

זאָל מען אייך אזוי דעראָבערן.

אין קאמף האָט איר א מעגלעכקייט פון רעטונג.

קעמפט!

ארכ. ייד. היסט. אינסט., רינגעלבלום-ארכ. II
איבערזעצט פון פויליש.

25. ווארשע, דעם 25-טן יאַנואַר 1943

## פונק-דעפּעשע פון פּאַוועל פינדער [1] צו געאָרגי דימיטראָוו וועגן דער באַוואָפנטער זעלבשוץ פון די יידן אין ווארשעווער געטאָ דעם 18 — 22-טן יאַנואַר 1943

פון פוילן.

צ ו  ד י מ י ט ר אָ ו ו.

[...] דעם 18-טן יאנואר זענען די אָקופּאנטן צוגע-טראָטן צו דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פון ווארשעווער געטאָ, ווו עס זענען פארבליבן 35 טויזנט יידן, וואָס אר-בעטן פאר די דייטשן. דאָס מאָל האָט זיך די יידישע באַ-פעלקערונג בראש מיט אונדזערע חברים פארטיידיקט מיט גראנאטן און שטיינער [2]. די זשאַנדארן זענען געווען געצווונ-גען צו דעראָבערן באזונדערע הייזער מיט שטורעם. דאָס געטאָ איז געוואָרן ליקווידירט. לעת עתה זענען נישטאָ קיין ענדגילטיקע מאַטעריאַלן וועגן די פאַרלוסטן פון די [דייַ-טשישע] רוצחים.

---

1 נאָכן דערהרגענען דורכן שונא מאַרצעלי נאָוואָטקאָ איז ערשטער סעקרעטאַר פון צ. ק. פּ.פּ.ר. געוואָרן פּאַוועל פינדער (אַ ייד).

2 בראש דער יאַנואַר-זעלבשוץ איז געשטאַנען די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די קאָמאַנדירן און קעמפער: מרדכי אַניעלעוויטש, זכריה ארטשטיין, מרגלית לאַנדוי, בנימין ליוובגאָט, אברהם פייגער, יצחק סוקעניק, יצחק צוקערמאַן א. א.

פאר די שטימונגען פון ווארשע איז כאראקטעריסטיש דער פאקט, וואָס די אונטערערדישע צייטונג „נאָווי דזשען“ (נאָענט צו שיקאָרסקין) האָט אָפּגעדרוקט א רוף צו דער דעלעגאַטור, זי זאָל היים אַפּעלירן דורך ראדיאָ אין ענגלאנד, פּאראייניקטע שטאטן, רוסלאנד, אז מיזנטער אליאנטישע עראָפּלאַנען זאָלן קומען צו פליען אויף דער פּאַרפייניקטער פּוילישער ערד, פּאַראַליזירנדיק די באַן=ליניעס, צווינגענדיק די דייטשן זיך צו פארנעמען מיט פארטיידיקונג און נישט מיט הרגענען שוצלאָזע מענטשן.

פינהער.

אַרכ. פון פּאַרטיי=געשיכטע=אינסטיטוט,
פּוילישע מאַטעריאַלן פון קאָמאינטערן=אַרכ.
איבערזעצט פון רוסיש.

26. וואַרשע, דעם 20-טן יאַנואַר 1943

**באַשרייבונג**
**פון דעם ערשטן באַוואָפנטן געטאָ-ווידערשטאַנד**
**אין אַ פּוילישער אונטערערדישער צייטונג**

ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרטיידיקט
דאָס וואַרשעווער געטאָ.

מאָנטיק, דעם 18=טן יאנואר 1943 זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו א נייער מאָרד=אקציע אין ווארשעווער געטאָ. האלב זיבן איגדערפרי האָבן אָפּטיילונגען פון זשאנדארמעריע און ס.ס. אין פולער באוואָפענונג באשטעלט די געטאָגאסן און גענומען בלאָקירן באזונדערע הייזער.

אָבער דאָסמאָל האָבן די דייטשן אָנגעטראָפן אויף א אין גרונט אנדערשדיקער האלטונג מצד דער יידישער באַפעלקערונג. עס איז תיכף ומיד געקומען דער ענטפער: אַן אַלגעמיינער פּאַסיווער ווידערשטאנד. נישט געקוקט אויף די באפעלן פון דער זשאנדארמעריע, וועלכע האָט באלד גענומען שיסן, זענען די איינוווינער פון די בלאָקירטע הייזער נישט ארויס פון די דירות צום טראנספּאָרט און זיך מאסנוויין אויסבאַהאַלטן. די זשאַנדאַרן האָבן הערינער גענומען זוכן אין די דירות און ווען זיי האָבן געפאקט האָבן זיי אים אוועקגעלייגט א טויטן. די קעלערס און בונקערס און אנדערע פארשטעק=ערטער האָבן די דייטשן בדרך כלל אויסגעמיטן, אדאנק דעם האָבן זיך א סך מענטשן אָפּגעראטע=

ווענט. חוץ דעם האָבן די דייטשן צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן אין געטאָ אויף אן אַקטיוון ווידערשטאנד. אין א ריי הייזער אויף די גאסן: מילע, ניסקע, מוראנאָווסקע און זאמענהאָף זענען די זשאַנדאַרן פאַרשאָטן געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן און גראנאטן. די זשאנדארן האָבן געמוזט צולאָזן א שטורעם צו די באלאגערטע הייזער און פארבאריקאדירטע דירות. עטלעכע הייזער זענען געוואָרן ארומגעכאַפּט מיט פלאמען. אין געוויסע הייזער האָט דער קאמף געדויערט א לענגערע צייט.

דער הויפּט־קאמף קעגן א גרעסערער אָפּטיילונג פון זשאנדארמעריע און ס.ס. איז פאָרגעקומען אויף דזשיקעגאס נעבן דעם אומשלאג־פּלאץ. א גרופּע פון קעמפער, וועלכע איז אריין אין א גרויסע קאָלאָנע פון „אויסגעזידלטע" האָט אויף אן אָפּגערעדטן סיגנאל געעפנט א פייער[1]. מען האָט אין די זשאנדארן געשליידערט עטלעכע גראנאטן. עס האָבן זיך דערהערט צאָלרייכע רעוואָלווער־זאַלפּן, עס איז אויסגעבראָכן א קאמף פּנים אל פּנים און עס האָט זיך פארענדיקט מיטן דערפאָלג פון די יידישע קעמפער. די זשאנדארמעריע, פאר וועלכער דער ווידערשטאנד איז געווען אַ סיורפּריז, איז געוואָרן צעמישט און געלאָזט אַרויסרייסן ביי זיך דאָס געווער. א נישט־קשהדיקער טייל פון די זשאנדארן איז געפאלן טויט אויפן אָרט, די אנדערע האָבן געמאכט ויברח. אויסנוצנדיק די בהלה איז זיך די קאָלאָנע פון די יידן פונאנדערגעלאָפן. די מערהייט איז דערווייל א געראטעוועט. אין משך פון 15 ביז 20 מינוט איז די גאס געווען אין די הענט פון די יידישע קעמפער. ערשט אדאנק די נייע אָנגעקומענע שטארקע כוחות פון דער זשאַנדארמעריע האָבן די דייטשן באהערשט די לאגע. די באוואָפנטע אקציע האָט אין גאנצן געטאָ געמאכט א ריזיקן רושם. די יידישע געזעלשאפט האָט ארויסגעוויזן צו איר ממש אן ענטוזיאסטישע באציונג. אלטע יידן האָבן געבענטש די קעמפער. די אין קאמף געפאלענע האָט מען געקושט אין די גאסן.

דער רעזולטאט פונעם קאמף איז געווען א פאָלגנדיקער: אַרום 12 זשאַנדאַרן און ס.ס.־לייט זענען דערהרגעט געוואָרן און איבער א צענדליק פארוואונדעט. די אייגענע פארלוסטן — 9 קעמפער[2]. די יידן האָבן דעראָבערט 3 ביקסן

[1] דאָס איז געווען די קעמפער־גרופּע בראש מיט אַניעלעוויטשן.

[2] די פארלוסטן פון דער יידישער קאמפס־אָרגאַניזאציע זענען געווען אַ סך גרעסער.

און 4 רעוואָלווערן. די דייטשישע סאַניטאַר־וואָגנס האָבן כסדר געקרייזט צווישן געטאָ און די דייטשישע לאַזאַרעטן.

דאָנערשטיק, דעם 21־טן יאַנואַר האָט די ס.ס. איינגעאָרדנט אַ „שטראָף־טאָג", אַלס ענטפער פאַרן ווידערשטאַנד. אין געטאָ האָבן אַריינגעמאַרשירט 600 זשאַנדאַרן אין פולער שלאַכט־באַוואָפענונג, באַהאָנגען מיט גראַנאַטן. עס זענען אַריינגעפאָרן 2 פעלד־האַרמאַטן און אַן אַמבולאַנס פון רויטן קרייץ. תיכף אינדערפרי האָבן זיך אָנגעהויבן די „שטראָף־בלאָקאַדעס" פון די הייזער. די זשאַנדאַרן האָבן געשליידערט אין די הייזער גראַנאַטן און פעטאַרדעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שחיטה, בעת וועלכער עס זענען אומגעקומען אין די הייזער און אויף די גאַסן לערך 200—300 נפשות. נאָך דער דאָזיקער שחיטה איז טראָץ די דערוואַרטונגען געקומען אַ צייטווייליקע באַרואיקונג. אַלע זענען זיכער, אַז די סיבה פון איבעררייסן די רעפרעסיעס איז דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די יידן.

„דזשען" [3] („דער טאָג"), נר' 19 פון 28־טן יאַנואַר 1943
איבערזעצט פון פויליש.

27. וואַרשע, דעם 28־טן יאַנואַר 1943

## אינפאָרמאַציע
## וועגן אַקטיוון ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ
## דעם 18—22־טן יאַנואַר 1943

אָנטרעפנדיק אויף אַ ווידערשטאַנד, האָט די דייטשישע פאָליציי געענטפערט מיט שאָסן און גראַנאַטן, דערהרגעט עטלעכע הונדערט פערזאָן, זי האָט אָבער מורא געהאַט אַריינצודרינגען אין די הייזער, וואָס האָבן זיך פאַרטיידיקט. די אָרגאַניזירטע ווידערשטאַנד־פונקטן האָבן זיך פאַרטיידיקט אין משך פון מאָנטיק און דינסטיק. זיי זענען אָפּגעטראָטן ערשט קעגן די אַריינגעפירטע מיטוואָך צוויי קאָמפּאַניעס פון ס.ס., וועלכע זענען אַריין אין געטאָ אין פולער שלאַכט־גרייטקייט, מיט מאַשין־געווער, גראַנאַטן און סאַניטאַרע אויטאָס. זיי האָבן דורכגעפירט אַ שחיטה איבער דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט — דערוועקט דורך די געשעע־

[3] אַרויסגעגעבן דורך אַ גרופּע פוילישע דעמאָקראַטישע אונטערערדישע זשורנאַליסטן.

נישן פון די פריערדיקע טעג — געשטעלט אַן אקטיוון ווי־דערשטאַנד מיט די סאַמע פרימיטיווסטע מיטלען, ווי שטעקנס, אייזערנע שטאַנגען און שטיינער. די ס.ס.־אָפּטיילונגען האָבן בלוטיק דערשטיקט דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד. די דייטשישע פאַרלוסטן רעכנט מען אויף עטלעכע צענדליק דערהרגעטע פּאָליציאַנטן און ס.ס.־מענער, און אַזוי פיל אויך מצד דער יידישער פּאָליציי. די דייטשישע אַקציע איז דאָ־נערשטיק אָפּגעשטעלט געוואָרן. דאָס געטאָ ריכט זיך, אַז זי וועט באַנייט ווערן אַ ליאַדע מינוט.

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
„בוילעטין אינפאָרמאַציני" (אינפאָרמאַציע־בוילעטין) [1]
נ' 4(159) פון 28־טן יאַנואַר 1943.
איבערזעצט פון פּויליש.

28. וואַרשע, געטאָ, דעם 7־טן פעברואַר 1943

## באַריכט

## קיין אויסלאַנד וועגן דער באַוואָפנטער זעלבשוץ פון וואַרשעווער געטאָ אין יאַנואַר 1943

פאַר זיגעלבוימען.

אין יאַנואַר זענען די דייטשן צוגעטראָטן צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. די באַפעלקערונג האָט געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. מען האָט דערהרגעט עטלעכע צענדליק דייטשן. מצד די יידן זענען געפאַלן עטלעכע הונ־דערט, בתוכם אונדזער מאַרמעלשטיין, כאָלאָדענקאָ, און גי־טערמאַן פון דזשוינט. נאָך דריי טעג ווידערשטאַנד האָט מען איבערגעריסן די אַקציע. מען האָט אַרויסגעפירט 6 טויזנט [יידן]. אין גאַנץ פּוילן קומט ווייטער פאָר די ליקווידאַציע פון [די יידן.] אינמיטן פעברואַר [האָבן די דייטשן] בדעה צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. אַליאַרמירט די גאַנצע וועלט. ווענדן זיך צום פּויפּסט וועגן אַן אָפיציעלער אינטער־ווענץ, און צו די אַליאַנטן, זיי זאָלן די דייטשישע געפאַנגע־נע דערקלערן פאַר ערבות־לייט. מיר ליידן שרעקלער. די

---

[1] הויפּט־אָרגאַן פון אַ.ק.

לעבן־געבליבענע צוויי הונדערט טויזנט דראָט פארניכטונג. נאָר איר קאָנט אונדז ראַטעווען. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט לגבי דער געשיכטע וועט פאלן אויף אייך.

פארן צ. ק. פון דער באַוועגונג פון די יידישע ארבעטנדיקע מאַסן [1] יאַנטשין [2] און בערעזאָווסקי.

ארכ. פון פאַרטיי־געשיכטע־אינסט., דעלעגאַטור־ארכ., דעפעשן־זאמלונג, פונק־דעפעשע נ׳ 39.

29. וואַרשע, געטאָ, דעם 19־טן פעברואַר 1943

## אָנפאל פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד אויף דייטשישע זשאַנדאַרן אין געטאָ און אונטערצינדונג פון ס.ס.-מאגאזין

מעלדונג

דעם 18־טן פעברואר 1943 איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקציע מיט געווער אין האנט אויפן געביט פון וואַרשעווער געטאָ, אין רעזולטאט זענען דערשאָסן געוואָרן 2 דייטשישע זשאנדארן.

די זאכלעכע באווייזן אין דער פאָרם פון די מונדירן און א פיסטאָלעט פונעם טיפ „פאַראַבעלום“ און איין „ווים“ וועלן ווערן איבערגעגעבן. אין דער אַקציע האָבן זיך באַטייליקט ניין פערזאָן, בתוכם: פאוועל [1], רישארד, מאָנטע, פעליקס, ארטור, יאנעק, זענאָן, מיכאל, וויקטאָר.

פאַוועל

## אונטערצינדונג פון עס־עס-מאַגאַזינען

ראַפּאָרט.

דעם 6־טן מערץ 1943 איז געוואָרן דורכגעפירט א סאַבאָטאַזש־אַקט און נעמלעך — דאָס אונטערצינדן די מאגאזינען פון ס.ס. און פּאָליציי אויף נאלעווקעס 31.

---

1 קריפּטאָנים פון אונטערערדישן בונד.
2 מוריצי אָזשעך, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.
1 פאַוועל פרענקעל.

די דאָזיקע מאַגאַזינען, וועלכע זענען פאַראייניקט מיט וואַרשטאַטן, פלעגן צושטעלן אויסשטאַטונג פאַר לאַזאַרעטן אין דער פאָרם פון מאַטראַצן, בעטן און קאָצן. אין דער אַקציע האָבן אָנטייל גענומען ספּעציעל באַשטימטע 5 מענטשן און אַ לאָקאַלע גרופּע פון 9 מענטשן; מיט דער הילף פון אָנצינד-פלעשער, טערמיט-באָמבעס, טערמיט, בענזין און נאַפט איז אַרויסגערופן געוואָרן אַ שריפה, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן אָביעקט.

דאָס אויספירן די אַקציע, און אויך דער צוריקטריט איז פאָרגעקומען אין פולשטענדיקער אָרדענונג אָן פאַרלוסטן, איידער עס איז אַלאַרמירט געוואָרן די זשאַנדאַרמעריע.

דער מונדירטער דייטש, וואָס האָט זיך געפונען אויפן געביט, האָט זיך באַהאַלטן, הערנדיק די ערשטע צוויי שאָסן, וואָס זענען אויף אַ געלונגענעם אופן אָפּגעגעבן געוואָרן מיטן ציל אָפּצושרעקן.

אין 4 מינוט אַרום זענען אָנגעקומען 4 וועגענער מיט פייערלעשער, 5 וועגענער מיט זשאַנדאַרמעריע און עטלעכע אויטאָס מיט עס-עס און פּאָליציי.

דעם פאַרנעם פון די שאָדנס קאָן מען נאָך ניט פעסטשטעלן. עס אונטערליגט אָבער נישט קיין ספק, אַז זיי זענען ריזיקע.

קאָמאַנדיר זיגמונט[2]

זאַמלונג פון מאַטעריאַלן
פון ייד. מיליטערישן פאַרבאַנד.
דער אָריגינאַל ביי צעזאַרי קעטליג
אַרכיוו פון ייד. היסטאָרישן אינסטיטוט,
איבערזעצט פון פויליש

30. וואַרשע, דעם 25־טן פעברואַר 1943

## ידיעות וועגן אַקטיוון קאַמף
## פון די יידן אין פאַרשיידענע געטאָס
## און בפרט אין וואַרשעווער

די שיסעריי און דעטאָנאַציעס, וואָס האָבן זיך צעהילכט אין דער העלפט יאַנואַר אין וואַרשעווער געטאָ, האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין גאַנץ פוילן. די פוילישע געזעלשאַפט האָט אויפגענומען מיט אָנערקענונג דעם דאָזיקן באַווייז פון דעציזיע און דרייסטן קאַמפס-ווילן. די דייטשן בא=

[2] פסעוודאָנים פון פאַוועל פרענקעל.

האלטן נישט זייער שטוינונג און ווילן זיך נאָך אַלץ נישט גלויבן. דערווייל קומען אָן פון אנדערע געגנטן פון פוילן צוזאמען מיט די טרויעריקע בשורות וועגן די גרויזאמקייטן פונעם אָקופּאנט ביים ליקווידירן די יידישע באפעלקערונג — אויך ידיעות וועגן אָפּטע פאלן פון ווידערשטאנד.

אין דער ערשטער העלפט יאנואר האָט געהאט אָן אָרט די ווייטערדיקע ליקווידאציע פון לוואָווער געטאָ. מען האָט ארויסגעפירט לערך 8.000 יידן. דער דייטשישער ענטפער אויפן באוואָפנטן ווידערשטאנד און אייגענע פארלוסטן איז געווען: פארשפּאַרן אין עטלעכע בנינים פרויען און קינדער און זיי אונטערצינדן.

אויף אַן אַקטיוון ווידערשטאנד האָט אָנגעטראָפן די געטאָ־ליקווידאציע אויך אין צויזמיר און מינסק מאזאָוויעצק. אין קרינעק ביי ביאַליסטאָק האָט מען אין עטלעכע פאַלן דערהרגעט 12 זשאַנדארן. איינער פון די טראנספּאָרטן פון יידן פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז זיך איינגאנצן צעלאָפן[1] אויפן אָרט זענען אָנגעקומען בלויז זקנים און קינדער.

במשך די לעצטע טעג איז פאָרגעקומען די ווייטערדיקע ליקווידירונג פון די יידן אין זאגלעמביע. די אקציע האָט געזאָלט ארומנעמען סאָסנאָוויץ, כשאנוו און אנדערע ערטער. קיין גענויע ידיעות זענען דערווייל נישטאָ.

אין ווארשעווער געטאָ איז מען צוגעטראָטן צו ליקווידירן די א.ג. שאָפּן, ד.ה. די ארבעטס־ווארשטאטן, צורעדנדיק די ארבעטער, זיי זאָלן זיך פרייוויליק מעלדן אויף אַרבעט אין לובלינער געגנט. די אַקציע האָט נישט קיין דערפאָלג, קיין פרייוויליקע זענען נישטאָ, דעריבער האָט מען אָנגעהויבן צוואנגס־דעפּאָרטאציעס. די יידישע אַרבעטער האָבן געגעבן א ווירדיקן ענטפער — זיי האָבן דורכגעפירט דעם ערשטן גרויסן סאבאָטאַזש־אַקט אין געטאָ. אין דער נאכט פון 18־טן אויפן 19־טן ד.ה. איז לגמרי פארברענט געוואָרן דער מאגאזין פון מעבל, וואָס ווערן אויסגעארבעט אין געטאָ און וואָס איז געווען צוגעגרייט ארויסצושיקן קיין דייטשלאנד, אין ווערט פון עטלעכע מיליאָן זלאָטעס[2].

---

1 דאָס מיינט די ערשטע באַוואָפנטע זעלבשוץ אין ביאַליסטאָקער געטאָ פון 5־טן ביזן 12־טן פעברואַר 1943.

2 די דאָזיקע סאבאָטאַזש־אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אלע אויבן אויסגערעכנטע פאלן דערווייזן, אז אין דער ייִדישער געזעלשאפט האָט זיך עפּעס איבערגעבראָכן, עס איז געקומען צום אויסדרוק דער דרייסטער ווידערשטאנד־ווילן, דער ווילן פון קאמף מיטן פארברעכערישן דייטש.

„ביולעטין אינפאָרמאַציני“
נ׳ 1638 פון 25־טן פעברואַר 1943.

איבערזעצט פון פויליש.

31. ווארשע, געטאָ, דעם 3־טן מערץ 1943

## אויפרוף פון דער ייִדישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע וועגן אויספירן טויט־אורטיילן איבער פאַרעטער, מיט אַ רוף צום אַקטיוון קאַמף

דער פאסיווער און אקטיווער ווידערשטאנד פון די ייִדישע מאסן אין די געדענקפולע טעג פון 18—22 יאנואר 1943 איז געווען אן איבערראשונג פאר די היטלעריסטישע באנדיטן און האָט זיי איבערצייגט, אז די ייִדן וועלן נישט גיין ווייטער ווי שאָף צו דער שחיטה. אין דער אויסזידלונגס־אקציע איז אריינגעקומען אן איבעריים, וועלכער איז אָנגעוואָרפן געוואָרן די דייטשישע רוצחים. דער בלוטיקער אָקופּאנט האָט זיך איבערצייגט, אז דורך די ביז איצט אָנגעווענדטע מיטלען וועט ער נישט פאַרטיליקן די רעשטלעך פונעם וואַרשעווער ייִדנטום.

זענען אים, צום באדויערן, געקומען צו הילף די סאמע געמיינסטע אויסוואורפן פון דער געזעלשאפט!

מיט זייער הילף וויל דער אָקופּאנט אנטפּלעקן און פארניכטן די צענטערס פונעם באוואָפנטן ווידערשטאנד, זיי שטעלן צו אינפאָרמאציעס וועגן בונקערס. זייערע דעגענערירטע מוחות רוקן אונטער די בעסטיעס דעם פלאן פון ליקווידירן די ווארשעווער ייִדן מיטן סיסטעם פון פּאָניאטאָוו אָדער לובלין.

נאָכן דערשיסן דעם 21־טן פעברואר דעם געסטאפּאָ־אגענט ארעק ווײַנטרויב האָט מען געפונען א דאָקומענט, וואָס שטעלט פעסט, אז ער און זיינע „חברימלעך“ האָבן אונטערגערוקט די דייטשן דעם פלאן פון „פריווילעגיקן“ און „פרידלעכן“ אויסזידלען די ייִדן קיין פּאָניאַטאָוו.

דער געסטאַפּאָ=אגענט נאָסיג [1], וואָס איז דעשאָסן געוואָרן דעם 22=טן פעברואר, האָט צוגעשטעלט די דייטשן אינפאָרמאציעס וועגן יידישע בונקערס אויף בוידעמער און אין קעלערס.

דער הויפּט=טרייבער פון אומשלאג=פּלאַץ, בזשעזשינסקי, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דעם 26=טן פעברואר, האָט זיך פארהאלטן פּראָוואָקאטאָריש כלפּי די פּאָדערונגען פון דער קאמפּס=אָרגאניזאציע און געבראכט אויף אירע פּאָרשטייער שפּיצלעס.

דער באקאנטער געסטאפּאָ=אגענט באָבי נעבעל, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דעם 28=טן פעברואר, האָט זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנירן די צענטערס פון יידישן פּאָליטישן לעבן.

דער רעדאקטאָר פון דעם פארעטערישן געסטאפּאָ=בלעטל „זשאַגעוו" [2], אַדאַש שיין, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דעם 28=טן פעברואר, האָט זיך פארנומען מיט מסירות און דעמאָראליזירן דאָס יידישע פּאָליטישע לעבן.

אינעם באזיץ פון דער קאמפּס=אָרגאניזאציע געפינט זיך א פולשטענדיקע רשימה פון די אלע, וואָס זייענדיק משרתים פון די דייטשן, האָבן פארגעסן, אז זיי זענען יידן און מענטשן.

די קאמפּס-אָרגאניזאציע וואָרנט די אלע אויסוואורפן, אז אויב זיי וועלן תיכף ומיד נישט אָפּשטעלן זייערע נידערטרעכטיקע מעשים, וועלן זיי אלע ווערן דערשאָסן!

מיר וואָרענען אלע אָפּיצירן און פונקציאָנארן פון דער [יידישער] אָרדענונגס=דינסט, זיי זאָלן נישט שטערן די טעטיקייט פון די קעמערלעך פון דער קאמפּס=אָרגאניזאציע. זאָלן אויך זיי געדענקען, אז קעגן דער קויל פון די קעמפער וועט נישט באשיצן נישט דער אויבער=תלין בראנד [3], נישט קיין באהעלטעניש, נישט דאָס אַנטלויפן אויף דער א.ג. אַרישער זייט.

---

[1] ד"ר אַלפרעד נאָסיג, אַן אַלטער דייטשישער שפּיאָן פון 1913 אָן.

[2] אין דער ערשטער העלפט 1942 איז אַרויס אין וואַרשעווער געטאָ אַן אונטערערדיש בלאַט פון אַסימילאַטאָרן און פּילסודסקי=אָנהענגער א. נ. „זשאַגעוו". איצט האָבן די יידישע געסטאַפּאָ=אַגענטן אַרויסגעלאָזט אַ בלומרשטן „זשאַגעוו" מיט דיווערסאַנטישע צילן.

[3] קאַרל בראַנדט, דער לייטער פונעם יידן=רעפעראַט אין געסטאַפּאָ אין וואַרשע.

מיר וואָרענען אלע שאָפּ-דירעקטאָרן, אין געטאָ און מחוץ דעם געטאָ, זיי זאָלן נישט אגיטירן און נישט צורעדן די ארבעטער צום פרייוויליקן ארויספאָר.

יידן!

די דייטשישע רוצחים וועלן אייך נישט לאָזן צו רו אויף לאנג. דעריבער רופן מיר אייך זיך צו זאמלען ארום די פּענער פון קאמף און ווידערשטאנד. באהאלטן אייערע פרויען און קינדער, און אליין שטעלט זיך — מיט וואָס איינער קאָן — צום קאמף קעגן די היטלעריסטישע באנדיטן. די יידישע קאמפּס-אָרגאניזאציע רעכנט אויף אייער פולער מאָראלישער און מאטעריעלער אונטערשטיצונג.

יידישע קאמפּס-אָרגאניזאציע.

צענט. אַרכ. פון אינערן-מינ.,
דעלעגאַטור-ארכ., טעקע נ' 458, ז' 255.
איבערזעצט פון פּויליש.

32. וואַרשע, געטאָ, דעם 13־טן מערץ 1943

## אַניעלעוויטשעס בריוו פאַר דער א. ק.-אָנפירונג וועגן געווער און דער מערץ-זעלבשוץ

ליבע הערן!

די לאגע ווערט פארערגערט פון איין שעה אויף דער צווייטער. 1.500 פּערזאָן דארפן היינט ארויספאָרן פון דער פּירמע שולץ. מיר ריכטן זיך אויף אן אויסריייניק-אַקציע אין געטאָ און אין די שאָפּן. דאָס קאפּיטל „בערשטער“, וואָס האָט זיך פארענדיקט מיט אונדזער פולשטענדיקן נצחון [1], האָט איבערצייגט די דייטשן איינמאָל פאר אלע מאָל, אז זיי מוזן זיך אומקערן צו די מעטאָדן פון בלאָקאַדעם און ברוטאלן צוואנג. די נאָענטסטע טעג דארפן ברענגען א סוף פון ווארשעווער יידנטום.

צי זענען מיר צוגעגרייט? מאטעריעל זייער שלעכט. פון די 49 אונדז צוגעטיילטע שטיק [געווער] — טויגן בלויז 36, און דאָס מחמת עס פעלט אמוניציע. אונדזער פארמעגן האָט זיך פארערגערט נאָך די אָפּטע אקציעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן במשך די לעצטע וואָכן און

[3] די אַרבעטער פון דער באַרשטן-פאַבריק האָבן סאַבאָטירט די דייטשישע באַפעלן אַרויסצופאָרן.

אין וועלכע מיר האָבן פאַרנוצט א סך אַמוניציע. אין איצ־טיקן מאָמענט פאַלט אויס אויף יעדער מאַשין העכסטנס צו 10 קוילן. דאָס איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער צושטאַנד.

איך בעט איבערגעבן אין אונדזער נאָמען די מאַכט־אינסטאַנצן[2], אַז אויב עס וועט נישט קומען תיכף ומיד אַ גרויסע הילף, וועלן מיר דאָס באַטראַכטן ווי אַ גלייכ־גילטיקייט מצד דער דעלעגאַטור און די מאַכט־אינסטאַנצן לגבי דעם גורל פונעם וואַרשעווער יידנטום. דער פאַקט, וואָס מען האָט אונדז געגעבן מאַשינען אָן אַמוניציע, מאַכט דעם איינדרוק פון ציניש חוזק פון אונדזער גורל און באַ־שטעטיקט די השערה, אַז דער סם פון אַנטיסעמיטיזם פּרעסט ווייטער פּוילנס רעגירונגס־קרייזן, נישט געקוקט אויף דער אכזריותדיקער און טראַגישער דערפאַרונג פון די לעצטע דריי יאָר.

מיר וועלן קיינעם נישט פּרוּוון איבערצייגן וועגן אונ־דזער גרייטקייט און פעיקייט צום קאַמף. אָנגעהייבן פון 18־טן יאַנואַר געפינט זיך די יידישע געזעלשאַפט אין וואַרשע אין צושטאַנד פון אַ פּערמאַנענטן קאַמף מיטן אָקופּאַנט און זיינע יוצר משרתים. ווער עס לייקנט דאָס אָדער צווייפלט, איז בלויז אַ בייזוויליקער אַנטיסעמיט.

אָבער מצד די מאַכט־אינסטאַנצן און דער דעלעגאַטור האָבן מיר זיך געריכט נישט בלויז אויף אַ „פאַרשטענדע־ניש" פאַר אונדזער זאַך, נאָר אַז זיי וועלן באַטראַכטן די זאַך פון אויסמאָרדן מיליאָנען יידן פּוילישע בירגער ווי אַ הויפּט־פּראָבלעם פון אַקטועלן לעבן. מיר באַדויערן, וואָס מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט פון דירעקטן קאָנטאַק־טירן זיך מיט די רעגירונגען פון די קאָאַליציע־מלוכות, מיט דער פּוילישער רעגירונג און מיט די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד, כדי זיי צו אינפאָרמירן וועגן אונדזער לאַגע און וועגן דער באַציונג צו אונדז מצד די מאַכט־אינסטאַנצן און דער פּוילישער געזעלשאַפט.

טייערע הערן!

איך בעט אָנצונעמען תיכף שריט ביי דער מיליטערי־שער מאַכט און רעגירונגס־דעלעגאַטור, איך בעט איבער־לייענען דעם בריוו און קאַטעגאָריש פאָדערן, מען זאָל תיכף ומיד איבערשיקן לכל הפחות 100 גראַנאַטן, 50 פּיסטאָ־לעטן, 10 ביקסן, עטלעכע טויזנט שטיק אַמוניציע פון פאַר־

[2] ד. ה. די אָנפירונג פון אַ.ק.

שידענעם קאַליבער. איך בין גרייט אין משך פון צוויי טעג צוצושטעלן גענויע פּלענער פון אונדזערע פּאָזיציעס מיט מאַפּעס, כדי די נויטווענדיקייט פון געווער־צושטעלונג זאָל נישט אונטערליגן קיין שום ספק.

קאָמענדאַנט פון דער ייד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

(—) מאַלאַצקי [3]

אין איצטיקן מאָמענט איז די לאַגע אַן אָנגעשטרענג־טע. א קאַמפּס־גרופּע האָט אינדערפרי אַטאַקירט צוויי דייטשישע פּאָליציי־ווערקשוצן, וועלכע רויבן, שיסן און טעראָריזירן די יידישע באַפעלקערונג זינט א וואָך. איינער פון זיי איז געוואָרן אַנטוואָפנט און דערהרגעט, דער צווייטער איז געוואָרן דערשאָסן בעתן אַנטלויפן. עס האָט אַריינמאַרשירט די ס.א. און געהיים־פּאָליציי. איין ס.א.־מאַן איז שווער פאַרוווּנדעט. אויף אונדזער זייט זענען נישטאָ קיין שום פאַרלוסטן.

אַרכ. פון ייד. היסט. אינסט., זאַמלונג פון
דאָקומענטן פון ווידערשטאַנד־באַוועגונג,
קאָפּיעס פון אַניעלעוויטשעס בריוו.
איבערזעצט פון פּויליש.

33. וואַרשע, דעם 26־טן מערץ 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן אין וואַרשעווער געטאָ דעם 13-טן מערץ 1943

פון צייט צו צייט ברעכן אויס קאַמפּס־אינצידענטן. דעם 13־טן מערץ אינדערפרי איז דערהרגעט געוואָרן א יידישער ווערקשוץ [1], דערנאָך א דייטש, צוויי יידן זענען געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט. — דעם 13־טן מערץ אויף לעשנאָ האָט מען פאַרהאַלטן צוויי יידן. ווען זיי זענען אַנטלאָפן האָט מען דערהרגעט איין ייד, עס זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן צוויי דייטשן און איין אַגענט א פּאָלאַק. אלס נקמה

---

3 פאַקטיש איז געווען אונטערגעשריבן „מלאכי“ (אַניעלעק, אַניעלעוויטש). די מאַשינעסטן פון דעם יידן־רעפּעראַט ביים א. ק. האָט על פּי טעות אָנגעשריבן אַנשטאָט „מלאכי“ — „מאַלאַצקי“. און דערנאָך „קאַלאַצקי“.

1 אַ היטער פון די שאָפּן.

איז דעם זעלביקן טאָג פֿאָרגעקומען א שיסעריי אין די גאסן פֿון געטאָ. עס זענען פֿאראן טויטע.

„אינפֿאָרמאַציאַ ביעזשאָנצאַ" (לויפֿנדיקע אינפֿאָרמאַציע)[2] נ' 12 (85) פֿון 26=טן מערץ 1943.

איבערזעצט פֿון פּויליש.

34. וואַרשע, דעם 20־טן מערץ 1943

## אויפֿרוף פֿון וו. צ. טעבענס[1] קעגן דער ווידערשטאַנד-אַקציע פֿון דער ייִד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

צו די ייִדישע באַוואָפֿענונגס=אַרבעטער[2] פֿון דעם ייִדישן וווין=באַצירק!

די קאָמאַנדע פֿון דער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַנ=אַנדערגעקלעבט אין דער נאַכט פֿון 14=טן אויפֿן 15=טן מערץ אַן אויפֿרוף, אויף וועלכן איך וואָלט געוואָלט ענטפֿערן:

איך שטעל פֿעסט, אַז:

1) ווען אַ וועלכער=נישט=איז אויסזידלונגס=אַקציע איז בכלל קיינמאָל נישט געווען קיין רייד,

2) נישט הער שולץ, נישט איך זענען נישט געוואָרן געצוווּנגען דורכצופֿירן די אַקציע אונטער אַ רעוואָלווער=דראָונג,

3) איך שטעל פֿעסט, אַז עס איז נישט אמת, אַז די לעצטע איבערפֿירונג האָט זיך נישט איינגעגעבן.

עס איז צום באַדויערן, וואָס די אַרבעטער פֿון דײַער באַוואָפֿענונגס=אינדוסטריע פֿון דער פֿירמע שולץ האָבן נישט געוואָלט הערן די גינסטיקע עצות פֿון הער שולץ. דעריבער באַדויער איך, וואָס איך האָב זיך געמוזט אַרייַנמישן און איבערטראָגן אַ געוויסן וואַרשטאַט, כדי אויסצונוצן די טראַנספּאָרט=מעגלעכקייטן.

עס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, מען זאָל תיכף ומיד פֿעסטשטעלן די נעמען פֿון די אַרבעטער, וואָס

---

[2] אַן אינפֿאָרמאַציע=בולעטין פֿון די א.ק.=קרייזן.

[1] דער גרעסטער דייטשישער פֿאַבריקאַנט און שאָפּ=באַלעבאָס אין וואַרשעווער געטאָ. אַ פֿאַרטרויונגס=מאַן פֿון דער ס.ס.

[2] דער רוב שאָפּן האָט געאַרבעט פֿאַרן דייטשישן מיליטער.

קומען אָן קיין טראַווניק, כּדי זיי איבערצושיקן זייער גאַנצן באַגאַזש.

די פעסטשטעלונג, אַז די קאָנוואָיענטן פונעם צווייטן טראַנספּאָרט פון פּראָסטע־גאַס קיין פּאָניאַטאָוו זאָלן כלומרשט נישט האָבן געוווּסט, וואָס עס איז געוואָרן מיטן טראַנספּאָרט — דאַרף מען באַצייכענען ווי אַן עקלדיקע אונטערהעצונג פון די באַוואָפענונגס־אינדוסטריע־אַרבעטער און ווי אַ געמיינעם ליגן. אַלע קאָנוואָיענטן גייט דאָ גוט; זיי האָבן דערליידיקט דעם צוג און חוץ דעם זענען זיי אינצווישן געקומען אַהער צופאָרן אַ סך מאָל מיט לאַסט־אויטאָס פון פּאָניאַטאָוו צוזאַמען מיט אַרבעטער און מייסטער, כּדי אַריבערצופירן דעם מאַטעריאַל א. א. וו.

דער באַגאַזש איז נישט געוואָרן אַרויסגעשיקט פון פּראָסטע־גאַס, נאָר געפינט זיך אונטערן אויפזיכט פון אַ ייד, אינזש. ליפּשיץ, וועלכער וועט זיכער צו יעדער מינוט מסכּים זיין צו געבן אינפאָרמאַציעס וועגן דעם ענין. דער באַגאַזש וועט אַוועק קיין פּאָניאַטאָוו מיטן צווייטן טראַנספּאָרט.

אין טראַווניק און פּאָניאַטאָוו האָט יעדער אַרבעטער באַקומען זיין גאַנצן באַגאַזש און זיין גאַנץ אייגנטום.

ייִדישע באַוואָפענונגס־אַרבעטער! גלויבט נישט די, וואָס ווילן אייך אַריינפירן אין אַ טעות. זיי ווילן אייך אויפהעצן, כּדי עס זאָלן שפּעטער קומען אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן.

אין די בונקערס, און פונקט אַזוי אין דעם אַרישן ראַיאָן, איז נישטאָ קיין זיכערקייט און קיין שום מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן. שוין די אומזיכערקייט אַליין איז גענוג, אַז אַ באַוואָפענונגס־אינדוסטריע־אַרבעטער, וואָס איז צוגעוווינט צו אַרבעט, זאָל זיך פולשטענדיק איינבּרעכן.

איך פרעג אייך, פאַרוואָס קומען צו מיר פון דער אַרישער זייט אַפילו רייכע ייִדן און בעטן, איך זאָל זיי מיטנעמען צוזאַמען מיט אייך? האָבן זיי דאָך גענוג געלט צו קאָנען לעבן אינעם אַרישן ראַיאָן, אָבער זיי קאָנען דאָרטן נישט אויסהאַלטן.

מיט דער פולער איבערצייגונג קאָן איך אייך געבן בלויז איין און די זעלבע עצה: פאָרט קיין טראַווניק, פאָרט קיין פּאָניאַטאָוו, ווייל דאָרט זענען פאַראַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן און דאָרטן וועט איר איבערדויערן די מלחמה!

די קאָמאַנדע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועט אייך נישט העלפן און זי שפּייזט אייך בלויז מיט פּוסטע צוזאָגן. זיי פאַרקויפן אייך פאַר טייער געלט אַן אָרט אין בונקער,

און דערנאָך וועלן זיי אײַך אַרויסטרייבן אין גאַס און לאָזן אויף הפקר, אויפן בראָט פון גורל.

איר האָט שוין אַליין דורכגעלעבט גענוג שווינדל־מאַנעווערן!

גלויבט נאָר די דײַטשישע לייטער פון די אונטערנעמונגען, וועלכע ווילן צוזאַמען מיט אײַך פירן די פּראָדוקציע אין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק.

נעמט מיט אײַערע פרויען און קינדער, וואָרעם מען וועט אויך זיי פאַרזאָרגן!

וואַלטער טעבענס
אַלס באַפולמעכטיקטער צו די פראַגן
פון איבערטראָגן די אונטערנעמונגען
פון יידישן וווין־באַצירק אין וואַרשע

ארכ. ייד. היסט. אינסט., אַקטן פון דער
קאַנצעלאַריע פון דער בערשטן־פאַבריק.
איבערזעצט פון דײַטש.[3]

35. וואַרשע, געטאָ, דעם 5־טן אַפּריל 1943

## דערקלערונג פון דער יידישער יוגנט וועגן איר קאַמפּס־גרייטקייט

### בריוו פון דער יידישער יוגנט צו די חברים פון יענער זייט מויער.

אויך מיר, די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ באַקומען די „וואַלקאַ מלאָדיך".[1] זינט העכער צוויי יאָר זענען מיר אָפּגעטיילט דורך מויערן, וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט, און מיט פרייד באַגריסן מיר יעדן ברידערלעכן געדאַנק וועגן קאַמף מיט די דײַטשן.

מיט צוויי חדשים צוריק האָט די ערשטע דעראָבערטע „מאַשין" פאַרטרעטן די האַק און די פלאַש מיט זויער־שטאָף. איצט זענען מיר בעסער באַוואָפנט. דאָס האָבן אויף דער אייגענער הויט געפילט די פאַשיסטישע כוליגאַנעס און זייערע יידישע יוצר־משרתים. מיר זענען כסדר אין קאַמף. מיט יעדן טאָג געווינען מיר אַלץ מער ווערטפולע דערפאַרונגען. אַ דײַטש, וואָס גייט אַרײַן אין געטאָ, ווייסט, אַז פון הינטער יעדן מויער, פון יעדן פאַרלאָזן הויז טשאַטעוועט

---

[3] טעבענס האָט אַרויסגעלאָזט דעם אויפרוף אין 2 שפּראַכן: דײַטש און פויליש. עס זענען פאַראַן ביידע טעקסטן.

[1] אָרגאַן פון פאַרבאַנד פון יוגנט־קאַמף, ZWM די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פ.פּ.ר.

אויף אים אַ קויל פון אַ קעמפער. מיטן געווער שיידן מיר זיך נישט קיינמאָל. פאַר שיידן זיך מיטן געווער באַצאָלן מיר מיטן לעבן.

אין די שווערע יאַנואַר־טעג, ווען די כוליגאַנעס פון עס־עס און ס.ד. האָבן אויף די געטאָ־גאַסן געמאָרדעט מאַסנווייַז די אומבאַוואָפנטע באַפעלקערונג, האָבן מיר אין די נעכט געשעפט כוחות צום קאַמף פון די ידיעות, אַז מיר זענען נישט אַליין, אַז עס רייסן אויף באָמבעס אין וואַרשעווער קאַפע־קלובן, אַז די יוגאָסלאַווישע און אַנדערע פּאַרטיזאַנער קעמפן פרוכטבאַר, אַז אין פראַנקרייך וואַקסט די דיווערסיע־טעטיקייט. הייסער האָבן געשלאָגן די הערצער אויף די ידיעות וועגן די נצחונות פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע קעמפט פאַר דער פרייהייט פון אלע אונטערדריקטע.

חברים, מיר זענען מיט אייך!

האַלטנדיק פעסט אין האַנט די רעוואָלווערן, וואַרטן מיר אויף דער מינוט, ווען מיר וועלן צוזאַמען אויפרייסן די מויערן און אַרויסמאַרשירן צום ענדגילטיקן קאַמף פאַר אַ פריי פוילן. אַלע קעמפער אין די וועלדער, דערפער און שטעט — אַ ברידערלעכן האַנט־דרוק.

„וואַלקאַ מלאָדיך" (דער קאַמף פון דער יוגנט)
נ' 4 פון 5־טן אפריל 1943.
איבערזעצט פון פויליש

36. וואַרשע, דעם 10־טן אַפּריל 1943

## מעלדונג קיין לאָנדאָן וועגן דער געפאַר פון ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ

לויטן דייטשישן פּלאַן דאַרפן בלייבן אין וואַרשעווער געטאָ 8.000 יידן מעטאַל־אַרבעטער און 3.000 אַרבעטער פון ווערטערפאַסונג.[1] אַלע איבעריקע דאַרפן ווערן אין משך פון 2 — 4 וואָכן אַרויסגעפירט אָדער ליקווידירט. אין שייכות דערמיט הערשן אין געטאָ שטימונגען פון גרויסער שפּאַנונג און נידערגעשלאָגנקייט.

סאָבאָל,[2] קאַלינאַ

צ. א. פון אינערן־מינ., ארכ. פון א. ק.,
דעפּעשע נ' 188.
איבערזעצט פון פויליש.

---

1 דויטשישע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט רויבן דאָס פאַרמעגן נאָך די דעפּאָרטירטע און דערמאָרדעטע יידן.
2 דער רעגירונגס־דעלעגאַט אין לאַנד יאַנקאָווסקי.

37. װאַרשע, 9—16 יאַנואַר 1943

## געג. ראַװיצקים מעלדונג װעגן דער װייטערדיקער יידן־ליקװידאַציע

דער ס.ס. און פּאָליציי־פירער פון װאַרשעװער דיסטריקט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדן ייד, װאָס מען װעט טרעפן מחוץ דעם ייד. װוין־ראַיאָן, דאַרף מען תיכּף אָן שום אויספאָרשונג דערשיסן. דאָס גרינדן פּראָװינץ־געטאָס האָט זיך אַרויסגעװיזן בלויז װי אַ פּרעטעקסט צו כאַפּן װאָס מער יידן צו פאַרניכטן. אין אָטװאָצק זענען 27 יידן, װאָס האָבן זיך געמאָלדן אין געטאָ, דערשאָסן געװאָרן תיכּף ומיד. קיין טרעבלינקע קומען װייטער אָן מאַסן־טראַנספּאָרטן. פון דעם האָזיקן לאַגער האָט מען אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד 23 װאַגאָנען מיט מלבושים.

קאַלינאַ.

צ. א. פון אינערן־מינ., ארכ. פון א. ק.,
דעפּעשע נ' 175.
איבערזעצט פון פּויליש.

38. װאַרשע, דעם 12־טן אַפּריל 1943

## אינפאָרמאַציע װעגן דעם װידערשטאַנד אין געטאָ קעגן די װייטערדיקע גירושים

### װידערשטאַנד אין געטאָ

דער העלדישער װידערשטאַנד, װאָס איז געװאָרן אָרגאַניזירט דורך די קאַמפס־גרופּן פון דער זעלבשוץ בעת דער לעצטער אַקציע אין װאַרשעװער געטאָ, האָט באַװויגן די קאָמיסיע פונעם מאַסן־מאָרד (די א. ג. זאָנדערקאָמאַנדאָ אומזידלונג) צו אינסצעניזירן אַ נייעם טריק. אויפן באַפעל פון ס.ס. דאַרפן אַלע אין געטאָ טעטיקע פאַבריקן װערן עװאַקוירט אין פאַרשיידענע ערטער פון לובלינער געגנט, פון אָט דעם טרויעריק־באַקאַנטן דיסטריקט פון בעלזשעץ, טראַװניק, מאַידאַנעק.

דער װירקלעכער ציל פון אָט דער אַקציע, װאָס איז נישט דיקטירט פון קיין שום װירטשאַפטלעכער און מיליטערישער נויטװענדיקייט, איז אָפּצורייסן די יידישע שארית הפליטה פון דעם גרויסשטאָטישן געביט מיט זיינע אומבאַגרענעצטע

מעגלעכקייטן צו בויען באַהעלטעניש, בונקערס און אויפֿ־
צושטעלן באַזעס פֿון גאַס־קאַמפֿן.

דאָס מאָל האָט אָבער די רוצחים, וועלכע האָבן זיך גע־
ריכט, אַז די קרבנות וועלן זיך שטעלן פֿרייוויליק, געטראָפֿן
אַן אַנטוישונג. פֿון דער פֿוטער־אָפּטיילונג פֿון שולצס פֿאַ־
בריק, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו דעפּאָרטאַציע, האָבן
זיך אויף דער אַלגעמיינער צאָל פֿון 800 צוגעשטעלט בלויז
200 פּערזאָן.

עס איז דורכגעפֿאַלן מיטן טראַנספּאָרט דער פּרוּוו צו עוואַ־
קואירן האַללמאַנס פֿאַבריק. אין אָט דער גרויסער אונטער־
נעמונג, וווּ עס זענען באַשעפֿטיקט לערך 1.000 אַרבעטער,
האָבן זיך געשטעלט צו דער עוואַקואַציע קוים 55 פּערזאָן.
די מאַגאַזינען פֿון האָלץ, ברעטער און פֿאַרטיקע מעבל,
וואָס זענען געווען באַשטימט פֿאַר מיליטערישע אינסטי־
טוציעס, זענען געלאָזט געוואָרן מיטן פֿייער דורך אַ גרופּע
גוואַרדיסטן.[1] אויפֿן געביט פֿון דער פֿאַבריק ווערט קאָנ־
טינואירט די אַקציע פֿון אויסראָטן די געסטאַפּאָ־שפּיצלען
און סאַבאָטירן די טעראָריסטישע דעפּאָרטאַציע־פֿאַראָרדע־
נונגען.

ארכ. פֿון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.
דריטע סעקציע, „גוואַרדזשיסטאַ"[2] נ׳ 16
פֿון 12־טן אַפּריל 1943.
איבערזעצט פֿון פּויליש.

39. וואַרשע, געטאָ, דעם 14־טן אַפּריל 1943

## אויפֿרוף פֿון דער ייד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועגן אויספֿירן אַ טויט־אורטייל איבער אַ פֿאַררעטער

פֿאַר ליקווידירן האָט געטאָ איז דערהרגעט געוואָרן אויף
באָוואָליפּיע יאַקוב הירשפֿעלד, דער לייטער פֿון האַללמאַנס
שאָפּ. נאָכן דערשיסן אים זענען געטאָ געוואָרן פֿאַנאַנ־
דערגעקלעבט אַפֿישן מיטן פֿאָלגנדיקן אינהאַלט:

„יאַקוב הירשפֿעלד איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צום
טויט פֿאַר צורעדן די יידישע באַפֿעלקערונג צום פֿריי־
וויליקן אַרויספֿאָרן אין דער ריכטונג, וואָס איז באַ־
שטימט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט, און דערמיט האָט

1 געמיינט די פּ.פּ.ר.־גרופּע פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַ־
ניזאַציע.
2 אָרגאַן פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע (גוואַרדיאַ לודאָוואַ).

הירשפעלד פאַראַטן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. דער אורטייל איז געוואָרן אויסגעפירט. זאָל דער אורטייל איבער אים זיין אַ וואָרענונג פאַר אַנדערע.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע".

לעצטנס האָבן זיך אויף די געטאָ־מויערן באַוויזן אויפרופן מיטן אונטערשריפט פון קאַפּיטאַן יוזעף לעוויצקי, וואָס רופן אויסצוהויערן אין קאַמף און אַפּעלירט צו די פּאָליאַקן, זיי זאָלן געבן הילף.[1]

ארכ. פון פארטיי־געשיכטע־אינסט.,
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן, ראַפּאָרט נ' 153.
איבערזעצט פון פויליש.

40. וואַרשע, געטאָ, דעם 16־טן אַפּריל 1943

## פראַגמענט פונעם געטאָ־טאָגבוך
## פון אומגעקומענעם מיידל מאַרישע וועגן דער לאַגע אין געטאָ ערב דעם אויפשטאַנד

דעם 16־טן אַפּריל. [...] אייערנעכטן איז דערהרגעט געוואָרן דורך קעמפער דער לייטער פון האַללמאַנס שאָפּ.[1] אין די הייזער־מויערן האָבן זיך באַוויזן קאָמענטאַרן. ער האָט אַפּגים געהאַט די אויפגאַבע צוצורעדן די יידן אַרויסצופאָרן, דערפאַר זאָל ער געהאַט באַקומען אַן אייזערנעם בריוו, וואָס פאַרזיכערט אים, אַז אים וועט גאָרנישט געשען. ביים סוף פון דער באַקאַנטמאַכונג איז געווען אַ וואָרענונג פאַר אַלע, וואָס העלפן אין אַזאַ אָדער אַנדער אופן די דייטשן צו פאַרטיליקן די יידן. דער אונטערשריפט האָט געלויטעט: די נקמה־אָפּטיילונג.[2] איינציייטיק האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן אַ סך אויפרופן, וואָס האָט פאַרויסגעזאָגט,

---

[1] די ראָל פון יוזעף לעוויצקי, אָדער ווי אַנדערע קוואַלן רופן אים אָן — לענצקי, איז נישט קלאָר. מען איז זיך משער, אַז דאָס איז געווען אַ „פירער" פון אַ דיווערסאַנטישער „קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", וועלכע איז געווען טעטיק לויט די אינסטרוקציעס פון געסטאַפּאָ ארויינצופירן אַ צעמישונג אין די רייען פון יידישן ווידערשטאַנד און אין געטאָ בכלל.

[1] יאַקוב הירשפעלד. זע דעם פריערדיקן דאָקומענט נ. 39.

[2] לויטן דאָקומענט נ' 39 איז געווען אונטערגעשריבן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די „נקמה־אָפּטיילונג" איז געווען אַ קריפּטאָנים פון יידישן מיליטערישן פאַרבאַנד.

אַי עס קומט אָן די מינוט פון נקמה. זיי האָבן גערופן די מאַנצבילן צו זיין גרייט, ווייל היינט אָדער מאָרגן קאָן שלאָגן די שעה... עס איז נאָך טאַקע נישט געקומען דער ריכטיקער מאָמענט, אָבער לײַדער, די צייט יאָגט און אַ ווייטערדיק וואַרטן באַטייט, אַז אויך די קליינע צאָל פאַרבליבענע יידן וועט אומקומען. אונטערגעשריבן: קאַפּיטאַן לענצקי.[3]

די טעג האָט מען אַוועקגעלייט עטלעכע פּערזאָן, וואָס האָבן געווירקט צום שאָדן פון דער געזעלשאַפט. אַזעלכע אורטיילן ווערן אויסגעפירט מיט אַן אומברחמנותדיקער קאָנסעקווענץ. אין מיין אינערלעכן קאָנפליקט בנוגע דעם אמת וועגן דער טעטיקייט פון די פּאַרטייען, וואָרעם איך האָב געצווייפלט, צי עס ווירקט באמת עפּעס אַ פּאַרטיי פון קעמפער פאַר פרייהייט, צי דאָס זענען געוויינלעכע רויבער־באַנדעס, וועלכע פּראָווען זייערע נידעריקע מלאכה אונטער דעם דאָזיקן לאָזונג, האָבן מיר געהאָלפן עטלעכע פאַקטן.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אין אָוונט פאַרשלעפּט פון זיין דירה אַ שכן אַ מולער, ביי וועלכן מען האָט נישט געפונען קיין געלט. דער דאָזיקער מאַן איז טאַקע געווען אַ פּשוטער בעל מלאכה, אָבער היות ער האָט זיך פאַרנומען מיט וואַלוטע־מעקלעריי, איז מען אים קאָנטיק חושד געווען, אַז ער פאַרמאָגט אַ גרעסערע סומע געלט. מען האָט פון אים פאַרלאַנגט 25 טויזנט זל. דער דאָזיקער אָרעמער מענטש האָט עס נישט פאַרמאָגט. ווען זיין אָפּוועזנקייט האָט זיך גענומען פאַרשלעפּן, האָט זיין זון אויפן פערטן טאָג אַוועקגעגעבן זייער גאַנץ פאַרמעגן אין ווערט פון אַן אַכט טויזנט זל. דעם פאָטער האָט מען באַפרייט און דעם זעלביקן טאָג, נאָכן דורכפירן אַ צוגאָב־אויסשפּיר בנוגע זיין מאַטעריעלן צושטאַנד, האָט מען אים אומגעקערט דאָס געלט ביז איין גראָשן. עס איז קלאָר, אַז דאָ קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן קיין שום רויב־אַקט.

נעכטן איז אין אונדזער בלאָק פאָרגעקומען שלענגעלס[4] אַן אָוונט — די גאַנצע הכנסה איז געווען באַשטימט אויף פעקלעך פאַר די אָרעמסטע מענטשן אין שייכות מיטן נאָענטן פּסח. דער זאַל איז געווען אויסגעפילט ביז איבער די

---

3 זע דעם פריערדיקן דאָקומענט נ' 39.

4 וולאַדיסלאַוו שלענגעל, באַקאַנטער יידישער דיכטער, וואָס האָט געשריבן אין פויליש. אויטאָר פונעם ליד „קאָנטראַטאַק", וועגן דעם יאַנואַר־ווידערשטאַנד. אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

ברענגען. נאָך די ערשטע שאַפונגען איז דער אויפטאָר צוגעטראָטן צום הומאָריסטישן טייל פון דעם פּראָגראַם — און פּלוצים האָט זיך די טיר צעעפנט מיט רעש, דאָס געלעכטער איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפּן, וואָרעם אין זאַל האָבן זיך אַריינגעריסן פיר צי פינף מענער אין מאַסקעס און רעוואָלווערן. עס פאַלט אַ קורצער באַפעל: „מיטן פּנים צו דער וואַנט, די הענט אין דער הויך, נישט אומדרייען זיך, ווייל איך שיס". איך בין געווען אינגאַנצן רויק; איך ווייס נישט, צי מיין נערוון־סיסטעם איז שוין אַזוי שטאַרק פאַרסמט דורך די שוידערלעכע איבערלעבענישן, צי מיין אונטערבאַוווסטזיין האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס זענען נישט קיין דייטשן. גענוג, אַז איך האב גענומען אויסוואַרטן און מיט אינטערעס נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. ווען איך האָב צוליב נייגיר אַ ביסל אומגעדרייט דעם קאָפּ, האָב איך אין איינעם פון די אָנגעקומענע דערקענט אַ באַקאַנטן, און איך האָב שוין מער נישט געטראַכט וועגן דעם, ווייל אין זעלביקן מאָמענט זענען צו מיר דערגאַנגען די ווערטער: דער יידישער מיליטערישער פאַרבאַנד גיט אַ מתנה אויף יום־טוב פאַר די אָרעמסטע שכנים פונעם בלאָק, 10 טויזנט זל. און מיר גיבן איבער די סומע דעם הער שלענגעל.

און דערנאָך האָבן זיי אויפגעקלערט אָט וואָס: מיר גיבן דאָס געלט אַזוי, ווי מיר האָבן עס דעראָבערט, ווייל אַנדערש וואָלט אונדז לייַדער נישט געלונגען עס צו קריגן. מיר דאַרפן דאָס געלט אויף באַוואָפענונג, כדי צו ראַטעווען די רעשטלעך פונעם יידישן כבוד. מיר ווייסן, אַז עס גראַסירן באַנדעס, וועלכע גיבן זיך אָן פאַר אונדזעריקע, אָבער אויף די פּעריפעריעס פון יעדער פּאַרטיי זענען פאַראַן שעדלעכע עלעמענטן. נאָך אָט די ווערטער האָבן די אָנגעקומענע שנעל פאַרלאָזט דעם זאַל, לאָזנדיק אונדז אין אַ שטומער שטוינונג און אַנטציקונג.

זיי האָבן געוונען כמעט אַלעמענס סימפּאַטיע. זייער אַרויסטריט איז געווען עפעקטפול און האָט געהעריק געווירקט אויף די פאַרזאַמלטע. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט איבערגעבן דאָס אין אַ מער פּאַסיקן אופן, געקאָנט שיקן מיט אַ בריוו, אָבער די דאָזיקע פאָרם פון אַריינרייסן זיך אין מאַסקעס און מיט רעוואָלווערן רעדט זיכער אַ סך שטאַרקער צום המון, הקיצור: זיי האָבן דערגרייכט דאָס זייעריקע, געוונען די אַלגעמיינע סימפּאַטיע. אויפצומאָרגנס האָבן זיך באַוויזן אין טויערן פון די הייזער וואָרענישן אויפן אַדרעס פון די רויב־באַנדעס אונטערן פּאַרטייאישן שלייער.

אין געוויסע פאַלן באַמיט זיך די פאַרטיי[5] צו באַקומען ביי מענטשן געלט אין אַ מער עלעגאַנטן אופן. זי שיקט בריוו אַהיים און הייסט אויפן צווייטן טאָג און באַשטימטער שעה צוגרייטן אַ געהעריקן סכום. אָפּטמאָל זענען די געפאָדערטע סומעס צו הויך, אָבער מען קאָן שטענדיק עפּעס אַראָפּדינגען.

ארכ. פון מײדאַנעק־מוזיי, מאַרישעס[6] טאָגבוך.
איבערזעצט פון פויליש.

41. וואַרשע, געטאָ, אַפּריל 1943

## אַניעלעוויטשעס נאָטיצן וועגן די שטימונגען ביי די געטאָ-אַסירים

## פון אַ שמועס

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געשמועסט מיט אַ געוויסן בירגער, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, אַפילו נישט פון אונדזערע מענטשן. איך האָב געוואָלט אָנטאַפּן דעם דופק, וואָס טראַכטן היינט אַזעלכע מענטשן. איך האָב אים גענומען שטעלן שאלות. נו, וואָס־זשע הערט מען? ביטער, מיין פריינט! אין קראָקע אַ נייע אַקציע, אין לובלינער געגנט אַן אַקציע, ווערט מען זיך צו אונדז אויך בקרוב נעמען — נו, און דעמלט איז שוין אַ סוף...

— וואָס פאַר אַ סוף, פאַניע? — פרעגט ער מיר. — דאָס, וואָס איז געווען, וועט שוין נישט זיין. זיי וועלן אונדז שוין נישט נעמען ווי בהמות צו דער שחיטה.

— הא! דאָס איז עפּעס נייעס, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. טו איך אים ווייטער אַ פרעג:

— היינט זענט איר אַ גאַנצער קנאַקער! אָבער גאָרנישט. זאָגט־זשע מיר, וואָס וואָלט איר אַזוינס געטאָן, ווען זיי קומען ווידער אין אייער געביט, כדי אייך צו נעמען?

— וואָס הייסט „וואָס איך וואָלט געטאָן?" דעמלט וועט מען שוין נישט דאַרפן קיין שום אַגיטאַציע. איך וואָלט צונויפגענומען אַלע מיינע חברים, מיר וואָלטן געכאַפּט העק, שטאַנגען, האַמערס און מיר וואָלטן אַוועק אין די קעלערס אָדער זיך פאַרבאַריקאַדירט אין שטוב. זאָלן זיי קומען! זאָלן זיי האַקן פון אַ מאַשין־געווער אויף רעכטס און אויף

---

[5] ד. ה. די יידישע אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

[6] מאַרישע (איר פאַמיליע־נאָמען איז נישט באַקאַנט) איז אומגעקומען אין מײדאַנעק, וו מען האָט דערנאָך געפונען דעם טאָגבוך.

לינקס. וואָס וועלן זיי מיר טאָן, ווען איך וועל זיין פאַרשטעקט הינטער דער טיר? אָבער אויב עמעצער פון זיי וועט אַריינשטעקן דעם קאָפּ אין צימער — דעמלט איז ער שוין מיינער. צען זייעריקע וועלן פאַלן פון מיין האַק. אפשר וועל איך זיין דער עלפטער. אָבער אַזוי איז לכל הפחות כדאי צו שטאַרבן. אַ, ניין! אַזוי ווי פריער וועלן זיי אונדז שוין נישט נעמען! און פאַר זיי, פאַר אונדזערע יידישע פּאָליציאַנטן, זעטס, פּאַניע, וואָס איך האָב צוגעגרייט — און ער ווייזט מיר אַ לאַנגן, שטאַרקן, גוט אויסגעשליפטן מעסער, — באַהיט גאָט, עמעצער פון זיי זאָל אָנהייבן מיט מיר.

איך בין געווען איבערראַשט. איך האָב זיך דערפילט געשטאַרקט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָך פונדעסטוועגן כדאי צו אַרבעטן. הייסט עס, אַז מען קאָן נאָך פון זיי אַרויסציִען אַ פלאַם. איך האָב געזען, אַז אַדאַנק אונדזער אַרבעט דערוועקט זיך אַ נייער, שטאָלצער, שטאַרקער יידישער מענטש, וועלכער וועט זיין מסוגל צו קעמפן אין שוץ פון זיין לעבן.

## פון אַן אַנדער שמועס

וואָס הייסט, זיי וועלן אונדז נעמען? ניין, עס וועט זיי נישט גיין אַזוי לייכט. מיר וועלן זיך באַוואָפענען מיט העק און זאָלן זיי אונדז גובר זיין. זאָלן זיי האַקן מיט גראַנאַטן, באָמבעס, זאָלן זיי אונטערלייגן מינעס און דינאַמיט. זאָלן זיי אונדז נעמען אַזוי. אויפן גאַס צום טראַנספּאָרט וועלן מיר נישט אַרויסגיין. און אויב עמעצער פון זיי וועט אַריינגיין אינעווייניק — וועט ער קיין לעבעדיקער פון אונדז נישט אַרויס. און אויב ער וועט מיר דערשנאַפּן אין אַ באַהעלטעניש, וועל איך דעמלט ווייטער קעמפן. אָדער ער, אָדער איך. אויב אומקומען, איז אומקומען ווי אַ מענטש, און נישט ווי אַ שעפּס אין אַ סטאַדע.

## צו דיר

לאָמיר אויפשטיין אין די מאַסן, טויזנטער. לאָמיר זיך פאַראייניקן אין אַ מחנה. ווער דו זאָלסט נישט זיין און ווי דו זאָלסט נישט טראַכטן — אויב דו האָסט אַ שטאָלצע נשמה און אַ האַרץ, וואָס איז נישט קאַליע דורך דעם שמוציקן סם פון גאַס, קום־זשע צו אונדז. שטעל זיך אַקסל־ביי־אַקסל אין נאָמען פון קאַמף פאַרן לעבן פון די הילפלאָזע, צום טויט פאַרמשפּטע מאַסן.

ארכ. ייד. היסט. אינסט., רינגעלבלום־ארכ. II

42. אַבעראורסעל, דעם 20־טן דעצעמבער 1945

## דערקלערונגען פון סטראָפּס אַדיוטאַנט קאַלעסקי וועגן די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ

איך, קארל קאלעסקי, דערקלער אונטער אַ שבועה אַט וואָס:

די אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, דורכגעפירט אין דער צייט פון 17־טן אַפּריל[1] 1943 ביז מיטן מאי 1943.

1. די לייטונג פון דער אַקציע.

אין מערץ 1943 האָט דער רעמלטיקער ס.ס. און פּאָליציי־פירער, ס.ס.־אָבערפירער ד״ר פאָן זאַממערן־פראַנקענעג באַקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון הער ס.ס. און פּאָליציי־פירער אין קראָקע, ס.ס.־אָבערגרופּנ־פירער קריגער, וואַרשיינלעך לויט הימלערס איניציאַטיוו, אַ באַפעל צו לעזן די יידן־פראַגע אין דער גענעראַל־גובערניע. די יידן האָט מען געדאַרפט אַרויספירן קיין לובלין. ווען די געהעריקע אויפפאָדערונג האָט גישט געהאַט קיין פּעולה, האָט מען דורכגעפירט די אַקציע אינעם געטאָ.

2. פאָן זאַממערן האָט אין יענער צייט געליטן אויף רעוומאַטיזם. ער האָט אַרויסגעגעבן דעם גרונטיקן באַפעל אָנצוהייבן די אַקציע אין געטאָ. דעם 15־טן אַפּריל 1943 איז אָנגעקומען קיין וואַרשע סטראָאָפּ, כדי איבערצונעמען די פונקציעס פון ס.ס. און פּאָליציי־פירער. ווען עס האָט זיך דעם 17־טן אַפּריל[2] אָנגעהויבן די אַקציע און געטאָ און האָט גלייך פון אָנהויב נישט געבראַכט די געהעריקע רעזולטאַטן, האָט סטראָאָפּ פון אייגענער איניציאַטיוו איבערגענומען די אָנפירונג מיט די אָנגרייפנדיקע כוחות.

3. אין לויף פון דער אַקציע האָט סטראָאָפּ אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע באַפעלן:

א) אונטערהצינדן אַלע ווינ־בלאָקן, כדי דער שטאַרקער רויך און דאָס פייער זאָלן צווינגען די איינוווינער צו פאַרלאָזן די בנינים. די יידן,

---

[1] אַ טעות. די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19־טן פאַר־טאָג. די לעצטע צוגרייטונגען — דעם 18־טן.

[2] אַ טעות. עס דאַרף זיין: דעם 19־טן.

וואָס זענען געווען אין די דאָזיקע הייזער, האָט מען איינגעשטעלט אין גרופּן, רעווידירט, צוגענו־מען אַלע ווערטזאַכן און דערנאָך געשיקט מיט צוגן קיין לובלין גרופּנווייז צו לערך צוויי טויזנט פּערזאָן. אַזוי אַרום האָט מען טראַנספּאָרטירט פון געטאָ קיין לובלין לערך 60 ביז 65 טויזנט ייִדן. די ייִדן, וואָס מען האָט געפונען בעת די ווייטער־דיקע זוכענישן, וואָס אַ טייל פון זיי, מענער און פרויען, האָט זיך פאַרטיידיקט ביזן לעצטן אָטעם, האָט מען ס'רוב דערהרגעט מיט אַ שאָס אין נאַקן. סטראָאָפּ האָט געהאַלטן אַזאַ באַהאַנדלונג פאַר ריכטיק.

ב) אַ געווייסן טאָג איז אומגעקומען אַן ס.ס.־אָבער־שטורמפירער מיטן נאָמען דעמקע [3] אויף וויפל איך דערמאָן זיך.

אַלס ענטפער האָט סטראָאָפּ געהייסן דער־שיסן עטלעכע הונדערט ייִדן; די גענויע צאָל ווייס איך נישט. די עקזעקוציע האָבן אויסגעפירט די נידעריק־ראַנגיקע מיטגלידער פון דער זיכער־קייטס־פּאָליציי. זייערע נעמען זענען מיר נישט באַקאַנט.

אויף סטראָאָפּס באַפעל האָט די מעלדונג וועגן אויספירן די עקזעקוציע צוגעשטעלט דער ס.ס.־הויפּט־שטורמפירער ווינטאָסעק פון דער זי־כערקייטס־פּאָליציי. צום סוף האָט זיך סטראָאָפּ געקאָנט איבערצייגן, אַז פון די בר־מינגם איז נישט געבליבן מער ווי אַש.

ג) אַזוי ווי די געטאָ־קעמפער האָבן זיך צוריקגעצויגן אין דער אונטערערדישער קאַנאַליזאַציע־נעץ, האָט סטראָאָפּ פאַראָרדנט זיי צו פאַרמאַכן, כדי זיי זאָלן פאַרפלייצט ווערן דורך דעם וואַסער. היות אָבער אַ טייל האָט דורכגעלאָזט וואַסער, איז דאָס דאָזיקע מיטל געבליבן אָן אַ גרעסערער ווירקונג.

ד) סטראָאָפּ האָט געהייסן אַריינוואַרפן אָנגעצונדענע רויך־ליכט אין אַ סך עפענונגען פון דער קאַנאַלי־זאַציע־נעץ, כדי צו מאַכן פאַר די פאַרהאַלטענע ייִדן אוממעגלעך דאָס בלייבן אין די קאַנאַלן.

---

[3] אָטאָ דעמקע איז געווען אַן אונטערשטורמפירער און איז אומגעקומען אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ.

4. די אַקציע אין געטאָ האָט געדויערט 4 וואָכן און האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויפרייסן די סינאַגאָגע. אַזוי ווי אין די לאַבירינטן פון די געטאָ־בנינים האָבן זיך נאָך באַהאַלטן אַ סך יידן, האָט סטראָאָפ באַשטימט פרעמיעס פאַר יעדן געכאַפטן ייד. ווער עס האָט אַנטדעקט אַ ייד האָט געקאָנט באַקומען אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן — געלד, געלט אָדער אַנדערע ווערט־זאַכן. קיין געוויע ציפערן זענען מיר נישט באַקאַנט. עס האָט געקאָנט זיין טויזנט אָדער מער [געכאַפטע]. די געפאַנגענע יידן האָט מען אָפגעפירט צו דעם באַפעלהאַבער פון דער זיכערקייטס־פאָליציי, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן די ווייטערדיקע פאַראָרדענונגען.

דער באַפעלהאַבער פון דער זיכערקייטס־פאָליציי אין וואַרשע, דער ס.ס.־אָבערשטורמפירער ד״ר האַהן, וואָלט מסתמא געווען אומשטאַנד צו אינפאָרמירן וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון די דאָזיקע יידן.[4]

5. די פערזאָנען און די איינהייטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער געטאָ־אַקציע:

1) ס.ס.־פאַנצער־גרענאַדירן אין דער צאָל לערך 1.000 מאַן אונטער דער אָנפירונג פון דעם ס.ס.־אָבערשטורמבאַנפירער בעלוויד.

2) אָפטיילונגען פון קאַוואַלעריע־ס.ס. (פעגעליין) אין דער צאָל פון אַרום 1.000 מאַן אונטער דער אָנפירונג פון ס.ס.־הויפטשטורמפירער פלענק.

3) סטראָאָפ אַלס אָנפירער פון דער אַקציע.

4) דער גובערנאַטאָר ד״ר פישער, וועלכער האָט באַשטימט דעם אופן פון באַהאַנדלען [האָס געטאַ] און באַקומען פון סטראָאָפן רעגולערע מעלדונגען וועגן דעם צושטאַנד פון דער אַקציע.

5) גענעראַל ראָסום, וועלכער האָט געשטעלט צו דיספאָזיציע צוויי האַרמאַטן און איין סאַפערן־אָפטיילונג פון אַ מיר אומבאַקאַנטער איינהייט.

6) דער פירער פון דער זיכערקייט־פאָליציי ס.ס.־אָבערשטורמפירער ד״ר האַהן און די מיטגלידער פון דער זיכערהייטס־פאָליציי:
ס.ס.־הויפט־שטורמפירער וויטאָסעק

[4] ער לעבט אין מערב־דייטשלאַנד.

ס.ס.-אונטערשטורמפירער בראַנדט
ס.ס.-אָבערשאַרפירער הונדט
ס.ס.-אָבערשאַרפירער אָרף אָדער אָרט.

עס איז מיר נישט באַוווסט, צי ד"ר קאָה, אַן ס.ס.-שטורמבאַנפירער, האָט אָנטייל גענומען אין דער אַקציע.

די אויבן אָנגעוויזענע פאַקטן שטימען מיטן אמת. די האָזיקע דערקלערונג האָב איך אָפּגעגעבן מיטן גוטן ווילן און אָן שום צוואַנג. איך האָב זיי איבערגעלייענט און אונטערגעחתמעט.

קאַרל קאַלעסקי

אונטערגעשריבן און אָפּגעגעבן אַ שבועה אין מיין אָנוועזנהייט אין אָבעראורסעל, דייטש-לאַנד, דעם 20-טן דעצעמבער 1945.

רודאָלף אורבאַך,
קאַפּיטאַן פון דער אַרמיי
פון די פאַראייניקטע שטאַטן

ראָלל וואַרטענבערג,
לייטענאַנט פון אינפאַנטעריע.

איבערזעצט פון ענגליש.

43. קראָקע, דעם 20־טן אַפּריל 1943

## בריוו פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק צו לאַמערסן[1] וועגן אויסברוך פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

פון נעכטן האָבן מיר אין וואַרשע אַ גוט-אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד אין געטאָ, וועלכן מען דאַרף באַקעמפן מיט דער הילף פון האַרמאַטן.

אַרכיוו פון הויפּט-קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלערישע פאַרברעכנס אין פוילן, אַקטן פון בילערס פּראָצעס, 2-טן באַנד ז׳33.
איבערזעצט פון דייטש.

[1] שעף פון היטלערס קאַנצעלאַריע.

44. וואַרשע, דעם 20־טן אַפּריל 1943

## ערשטער ראַפּאָרט פון ס. ס.-גענעראַל סטראָאָפּ וועגן אָנהייב פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ

## ד ע פ ע ש ע

אַרויסשיקער: דער ס.ס.- און פּאָליציי-פירער אינעם וואַרשעווער דיסטריקט. וואַרשע, דעם 20-טן אַפּריל 1943.

סימן: 1 א'ב-סט/גר. 1607. נ'ר 516/43 געהיים.

צום העכערן ס.ס.- און פּאָליציי-פירער „אָסט“
קראָקע.

דער פאַרלויף פון דער אַקציע אין געטאָ דעם 19-טן אַפּריל 1943. דאָס פאַרמאַכן דאָס געטאָ איז פאָרגעקומען אַ זייגער דריי. זעקס אַזייגער — דער אָנגריף פון וואַפן-עס-עס אין דער צאָל 16/850[1] מיטן ציל אויסצורייניקן דאָס א. ג. רעשט-געטאָ.

תיכף נאָכן אַריינטרעטן פון די איינהייטן — אַ שטאַרקער פּלאַנמעסיקער פייער-אָנגריף פון די ייִדן און באַנדיטן. דער אַריינגעפירטער טאַנק און די דריי פּאַנצער-וואָגנס, וואָס זענען געוואָרן באַנוצט אין דער שלאַכט, זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט מאָלאָטאָוו-קאָקטיילס (אָנציונד-פלעשער).[2] דער טאַנק איז געוואָרן צוויי מאָל אונטערגעצונדן. דער דאָזיקער אָנגריף האָט גורם געווען דאָס צוריקציען זיך פון די איינהייטן, וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן אין דער שלאַכט. די פאַרלוסטן אין דער ערשטער אַטאַקע: 12 מענטשן (זעקס ס.ס.-לייט און זעקס טראַווניק-מענער).[3] אַרום 8 אַזייגער איז פאָרגעקומען דער צווייטער אָנגריף פון די איינהייטן אונטער דער אָנפירונג פון דעם אונטערגע-

1 850 סאָלדאַטן און 16 אָפיצירן.

2 אויף מילע עק זאַמענהאָף.

3 אוקראַאינישע און לעטישע פאַשיסטן און פאָלקס-דייטשן פון דער ס.ס.-שול אין לאַגער טראַווניק.

שריבענעם. גישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער פייער־ווידערשטאַנד האָט זיך איבערגעחזרט, האָט דער אָנגריף געהאַט אַ רעזולטאַט, אַז די געביידעס־קאָמפּלעקסן זענען געוואָרן פּלאַנמעסיק אויסגערייניקט. מען האָט דערגרייכט דאָס, אַז דער קעגנער האָט זיך צוריקגעצויגן פון די דעכער און העכער־ליגנדיקע שטיץ־פּונקטן אין קעלערס, בונקערס און קאַנאַלן. ביים אויסרייניקן האָט מען געכאַפּט קרוב 200 יידן. מען האָט אַרויסגעגעבן די שטורם־אָפּטיילונגען אַ באַפעל צו אַטאַקירן די באַקאַנטע בונקערס, אַרויסשלעפּן די באַהאַלטענע און צעשטערן די בונקערס. אַזוי אַרום האָט מען געכאַפּט קרוב 380 יידן. מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז יידן האַלטן זיך אויף אין די קאַנאַלן. מען האָט אַלע קאַנאַלן פאַרגאָסן מיט וואַסער, כדי צו מאַכן אוממעגלעך זיי זיך דאָרטן אויסצובאַהאַלטן. אַ זייגער 17 האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד אַ הייזער־גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט אויך מיט פייער פון מאַשין־געווער.[4] אַ ספּעציעלע קאַמפּס־גרופּע האָט גובר געווען דעם קעגנער און זיך אַריינגעריסן אין די הייזער, זי האָט אָבער נישט געקאָנט אָנכאַפּן דעם קעגנער. די יידן און פאַרברעכער האָבן זיך פאַרטיידיקט, איבערגייענדיק פון איין שטיץ־פּונקט צום צווייטן און אין לעצטן מאָמענט האָבן זיי זיך אַרויסגעדרייט, אַנטלויפנדיק דורך די בוידעמער און אונטערערדישע דורכגענג. אַרום 20 אַ. ז. האָט מען פאַרשטאַרקט די אַרומרינגלונג פון דרויסן. אַלע איינהייטן זענען געוואָרן צוריקגעצויגן פון געטאָ און אָפּגעלאָזט אין די קוואַרטירן. מען האָט פאַרשטאַרקט די באַלאַגערונג מיט 250 מענער פון וואַפן־ס.ס.

דער המשך פון דער אַקציע — דעם 20־טן אַפּריל.

די קרעפטן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער רשות:

עס־עס־פּאַנצער־גרענאַדירן, זאַפּאַס־באַטאַליאָן 6/400
עס־עס־קאַוואַלעריע, זאַפּאַס־אָפּטיילונג 10/450
אָרדענונגס־פּאָליציי 6/165
זיכערקייטס־דינסט 2/48
טראַווניק־מענער 1/150
וואַרמאַכט:
איין 10־צענטימעטערדיקע האַביצע — 1/7
איין פלאַמען־וואַרפער — 1

[4] אויף מוראַנאָווער גאַס.

פּיאָניערן[5] — 2/16
סאַניטאַר-גרופּע — 1/1
דריי 2,28 צענטימעטערדיקע זענית-האַרמאַטן — 2/24
איין פראַנצויזישער פּאַנצער-וואָגן פון וואַפן-עס-עס.
צוויי טאַנקן פון וואַפן-עס-עס —

צוזאַמען: 31/1262

די אָנפירונג פון דער הײַנטיקער אַקציע האָב איך איבערגעגעבן דעם הער שופּאָ-מאַיאָר שטערנהאַגעל, וועלכער באַקומט פון מיר ווײַטערדיקע באַפעלן.

אַ זייגער 7 האָט מען געוואָרפן אין שלאַכט ניין שטורעם-אָפּטיילונגען אין דער צאָל צו 1/36 מיט פאַרשידענע מינים געווער, כדי דורכצופירן אַ גענויע דורכקעמונג און דורכזוכונג פון דעם א. ג. רעשט-געטאָ. דאָס זוכן איז אין גאַנג. דער ערשטער עטאַפּ דאַרף ווערן פאַרענדיקט 11 אַזייגער. אינצווישן האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז אין דעם נישט באַוווינטן אָבער נאָך נישט עוואַקואירטן געטאָ, אין וועלכן עס געפינען זיך עטלעכע באַוואָפענונגס-פאַבריקן און ענלעכע, איז פאַראַן אַ גרעסערע צאָל ווידערשטאַנדס-נעסטן. זיי האָבן אַפילו געשטערט דעם טאַנק, וואָס האָט זיך געפינען אין דער נאָענט, ער זאָל זיך קאָנען אַדורכרייסן.[6]

צוויי קאַמפּס-אָפּטיילונגען האָבן גובר געווען די האָזיקע ווידערשטאַנדס-נעסטן און אַזוי אַרום געעפנט דעם וועג פאַר דער מאַנשאַפט פון טאַנק. דערביי האָט מען פאַרנאָטירט צוויי פאַרווונדעטע פון וואַפן-ס.ס.

אין פאַרגלייך מיטן נעכטיקן טאָג פירט זיך דער קעגנער אויף פאָרזיכטיקער, וואָרעם ער האָט, פאַרשטייט זיך, באַקומען די ידיעה וועגן דעם, אַז עס איז צוגעטיילט געוואָרן שווער געווער.

איך טראָג זיך מיטן געדאַנק דורכצוקעמען דאָס א. ג. רעשט-געטאָ, כדי דערנאָך אַדורכצורייניקן אויפן זעלביקן אופן דאָס א. ג. נישט-באַוווינטע, אָבער נאָך נישט עוואַקוירטע געטאָ. אינצווישן האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז אין דעם געטאָ-טייל געפינען זיך לכל הפּחות 10 — 12 בונקערס, געוויסע פון זיי — אַפילו אין די באַוואָפענונגס-פאַבריקן, וואָס געפינען זיך נאָך אין געטאָ, און וואָס מוזן ווערן גע-

5 סאַפּערן.
6 אויף סמאָטשע-גאַס.

גומען אונטער אַ שוץ איינאיינעם מיט די מאַשינען און געצייג, מחמת דער געפאַר פון אַ שיסעריי און שריפות.

דער ווייטערדיקער ראַפּאָרט וועט קומען היינט אין אָוונט.

דער ס.ס.= און פּאָליציי=פירער
אינעם וואַרשעווער דיסטריקט
שטראָאָפּ
ס.ס.= בריגאַדע=פירער
און גענעראַל=מאַיאָר פון דער פּאָליציי.
פאַר דער ריכטיקייט פונעם אָפּשריפט.
יעזהאטער
ס.ס.=שטורמבאַנפירער

סטראָאָפּס=ראַפּאָרט

אַרכ. פון דער הויפּט=קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פוילן.
איבערזעצט פון דייטש.

45. וואַרשע, דעם 20־טן אַפּריל 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן אויסברוך פונעם געטאָ־אויפשטאַנד

## צווישן די מויערן פון געטאָ אונטער די וויים־בלויע און וויים־רויטע פענער

אין פאַרצווייפלטן קאַמף קומען אום 20 טויזנט וואַרשעווער יידן!

שטורעם=באַטאַליאָנען, פאַנצער=אויטאָס און אַעראָפּלאַנען באַטייליקן זיך אין דער בלוטיקער עקספּעדיציע אויפן געטאָ.

אַ גרופּע יידן אַנטלאָפן דורך אַ דורכברוך אין דער קיים.

פון זונטיק אָן שפּילן זיך אָפּ אין וואַרשעווער געטאָ געשעענישן, וואָס רופן אַרויס אַ גרויל ביי יעדן ציוויליזירטן מענטש. די דייטשן זענען צוגעטראָטן צו דער ענדגילטיקער פאַרטיליקונג פון די 20 טויזנט יידן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין וואַרשע. די יידן האָבן געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד מיט געווער אין האַנט. אָט איז דער פאַרלויף פון די געשעענישן:

זונטיק 2 א. ז. נאָכמיטאָג האָט די דייטשישע פּאָליציי באַקומען אַ באַפֿעל צוצוטרעטן אָן שום אָפּהאַלט צום ענדגילטיקן ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. עס איז פֿאָרגעקומען אַן אינסטרוקטיווע פֿאַרזאַמלונג אין דער אָנפֿירונג פֿון פּאָליציי און ס.ס., וווּ מען האָט באַשטימט דעם פּלאַן פֿון דער אַקציע. צו דער אַקציע האָט מען באַשטימט לערך 400 דייטשישע פּאָליציי־לײַט און צו היטן די באַלאַגערונגס־קייט אַרום דעם געטאָ — 420 פּוילישע פּאָליציאַנטן. לערך 6 א. ז. נאָכמיטאָג האָט מען אָנגעהויבן אַרומרינגלען דאָס געטאָ. די ייִדן האָבן זיך אָריענטירט, וואָס עס דראָט זיי, און ווען די דייטשן זײַנען צוגעטראָטן צו דער אַקציע, האָבן זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד מיט געווער אין האַנט.

אין משך פֿון דער נאַכט פֿון זונטיק אויף מאָנטיק האָבן זיך פֿאַרקניפּט פֿאַרביסענע קאַמפֿן. די אַטאַקירנדיקע זשאַנדאַרן זײַנען באַוואָרפֿן געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן און באַשאָסן פֿון רעוואָלווערן. אויף דער דייטשישער זײַט זײַנען געפֿאַלן אַ סך קרבנות. אינדערפֿרי האָבן די דייטשן געבראַכט הילף — דרײַ ס.ס.־באַטאַליאָנען, און אַרײַנגעפֿירט אין דער אַקציע פּאַנצער־אויטאָס און האַרמאַטן. זינט 5 א.ז. אינדערפֿרי האָט מען געהערט אַ געדיכטע קאַנאָנאַדע און אומאויפֿהערלעכע דעטאָנאַציעס. דאָס דעראָבערן די פֿאַרבאַריקאַדירטע הײַזער, אין וועלכע עס זײַנען אין אַ סך פֿאַלן געוואָרן אויפֿגעריסן די טרעפּ, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ זייער שווערע אויפֿגאַבע. די דייטשן האָבן צעשטערט אַ סך הײַזער מיט האַרמאַטן און אַ סך האָבן זיי אונטערגעצונדן. זיי האָבן אַפֿילו באַנוצט אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָרפֿן צינד־באָמבעס. דאָס געטאָ איז אײַנגעהילט אין קנוילן רויך. ניט געקוקט דערויף, האָבן זיי [די ייִדן] ממשיך געווען דעם פֿאַרביסענעם, העלדישן ווידערשטאַנד. אויף געוויסע בנינים, למשל אויפֿן הויז ביים מוראַנאָווער פּלאַץ נ׳ 4, זײַנען געוואָרן אַרויסגעהאָנגען די ציוניסטישע ווײַס־בלויע פֿאָן און נעבן איר — די פּוילישע פֿאָן.

מאָנטיק אַרום 6 א. ז. אין אָוונט איז אָנגעקומען אַן אומגעריכטע הילף לטובֿת די ייִדן פֿון דער פּוילישער זײַט פֿון שטאָט. אַ קאַמפֿס־אָפּטײלונג האָט דורכגעריסן די דייטשישע קייט אין דער געגנט פֿון קראַשינסקי־פּלאַץ און געגעבן אַ גרופּע ייִדן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן.[1] אין

[1] דאָס מיינט אָדער דעם אָנגריף פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע אויף נאָווינִיאַרסקע גאַס ניט ווײַט פֿון קראַשינסקי־פּלאַץ, אָדער דעם אַרויסטריט פֿון דער אַ.ק.־גרופּע אויף סאַפּיעזשינסקע גאַס. וועגן דעם — ווײַטער.

משך פון דער נאַכט איז אָבער דער ייִדישער ווידערשטאַנד שוואַכער געוואָרן און ער זעט איצט אויס צו זיין געבראָכן.[2] די דייטשן ענדיקן דאָס בלוטיקע ווערק פון צעשיסן אויפן אָרט הונדערטער געפאַנגענע ייִדן און בתוכם פרויען און קינדער. די פוילישע פּאָליציי האָט מען צוריקגעצויגן שוין נעכטן.[3]

„נאָווי דזשען“[4] נ׳ 546
פון 20־טן אַפּריל 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

46. וואַרשע, דעם 22־טן אַפּריל 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן פוילישע, ייִדישע און סאָוויעטישע פאָנער ביי די געטאָ־קעמפער

גרויסע צאָלן פוילישע גאַפערס האָבן זיך צוגעקוקט צו די קאַמפן [אין געטאָ]. אַ סך פון זיי זענען פאַרוווּנדעט אָדער דערהרגעט געוואָרן פון פאַרבלאָנדזשעטע קוילן. די דייטשן האָבן די גאַפערס להכעיס נישט געשטערט.

די ייִדן האָבן אַרויסגעהאָנגען עטלעכע פאָנער (— פוילישע און ייִדישע מיט אַ מגן־דוד). מען האָט אויך געזען אַ פוילישע מיט אַן אויסגענייטן סאָוויעטישן עמבלעם. עס זענען אויך געווען אַפּעלן מיט אַ רוף: „פּאָלאַקן, העלפט אונדז“. די קאָמאַנדירן פון די ווידערשטאַנד־גרופּן זענען אָפּנים געווען סאָוויעטישע רעסאַנטלער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט.[1]

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
דריטע סעקציע. העלעגאַטור־מאַטעריאַלן,
ראַפּאָרט פון אינערן־דעפּאַרטאַמענט נ׳ 153.
איבערזעצט פון פויליש.

---

[2] דאָס איז געווען אַ פאַלשער איינדרוק.

[3] נישט ריכטיק. די פוילישע פּאָליציי איז געבליבן.

[4] אַ פוילישע אונטערערדישע צייטונג אַרויסגעגעבן דורך אַ גרופּע דעמאָקראַטישע זשורנאַליסטן. דאָס זעלבע וואָס „דזשען“.

[1] דאָס איז מסתמא אַ ווידערקול פון דעם, וואָס פיניע קאַרטין (אַנדזשעי שמידט), דער ערשטער קאָמאַנדיר פון די קאַמפס־גרופּן פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק (מערץ — מאַי 1942) איז אָנגעקומען ווי אַ פּאַראַשוטיסט פון מאָסקווע.

47. וואַרשע, דעם 10-טן מאַי 1943

# אינפאָרמאַציע וועגן די רויטע און ווייס-בלויע פענער פונעם אויפשטאַנד און אָנטייל פון די קאָמוניסטן

לויט זיכערע ידיעות האָט אויך אין געטאָ עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע געבויט אויפן סיסטעם פון פינפטלעך, און בראש איז געשטאַנען אַ ייִד אַ מאַיאָר פון פוילישן מיליטער.[1] דאָס איז אָבער נישט געווען דער איינציקער דיספּאָזיציע-צענטער. עס זאָגט וועגן דעם עדות דער פאַקט, וואָס בעת די ערשטע טעג פון די קאַמפן האָבן זיך באַוויזן אויפן געטאָ-שטח ציוניסטישע און רויטע פענער. אָבער סיי די יענע אָרגאַניזאַציע האָבן פריער באַוויזן זיך איינצושאַפן אַ גרויסן זאַפאַס פון געווער און אַמוניציע וואַרשיינלעך ביי דער מיט-באַטייליקונג פון די קאָמוניסטן.

אויף דער דייטשישער זייט זענען אַרויסגעטראָטן אָפּ-טיילונגען פון זשאַנדאַרמעריע, ס.ס. און שאוליסן. די פויליש פאָליציי האָט אָנטייל גענומען אינעם קאַמף פרייוויליק. אונדזער אינפאָרמאַטאָר האָט געזען אַ גרופּע פון קרוב 50 פאָליציאַנטן — וויפל זיי זענען געווען אינגאַנצן, קענען מיר אין איצטיקן מאָמענט נישט פעסטשטעלן.

דער פאַרלויף פונעם קאַמף:

אונדזער אינפאַרמאַטאָר האָט געזען אַ גרופּע ייִדן, וואָס זענען געשטאַנען אין די פענצטער פון אַ פלאַקערנדיקן הויז. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַן אומפאַנאַנדערנדיקע רואיקייט. ווען די שריפה האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט דער פייערלעשער זיי גערופן צו פאַרלאָזן דאָס הויז. זיי האָבן אָפּגעזאָגט אויך נאָך דער צווייטער אויפ-פאָדערונג. ווען עס האָט גענומען ברענען די דירה, איז פון פענצטער אַרויסגעשפּרונגען אַ מאַנצביל מיט אַ קינד, נאָך אים — די אַנדערע. אַ דייטשישער האַרמאַט איז געשטאַנען אויפן געביט פון וויגעלס שפּעטער פאַרברענטער פאַבריק.

די שריפות, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגערופן דורך די דייטשן, האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער געגנט פון מוראַנאָוו און דערנאָך אַרומגעכאַפּט ברייטערע געביטן.

פון זייער זייט האָבן די ייִדן אונטערגעצונדן די אינדוסטריע-פירמעס אויפן געטאָ-שטח.

---

1 אַניעלעוויטש האָט באַקומען אַ מאַיאָר-טיטול. די אַנדערע שטאַב-מיטגלידער — קאַפּיטאַן-טיטולן.

די יידישע פּראָפּאַגאַנדע האָט פֿאַרשפּרייט ידיעות, אַז עס דאַרפֿן כּלומרשט קומען אין געטאָ צו הילף די „מענטשן פֿון וואַלד“,[2] אויב דער ווידערשטאַנד וועט אויסהאַלטן צוויי וואָכן. די דאָזיקע ידיעה האָט זיך ברייט אָנגענומען, דער עיקר אין קליינעם געטאָ. קיין הילף איז נישט געקומען.

די פּוילישע פּאָליציי שיסט אין די אַנטלויפֿנדיקע.

דער אָקופּאַנט האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף וועגן פֿאַרשאַרפֿן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון די פּאָליאַקן פֿאַר העלפֿן די יידן.

די אָנפֿירונג פֿון ציווילן קאַמף[3] האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ קאָמוניקאַט, וואָס רופֿט די פּאָליאַקן צו געבן הילף די אויסבאַהאַלטענע יידן, וועלכע זענען געזעצלעכע בירגער פֿון דער פּוילישער מלוכה. די פּאָליאַקן מוסרים וועלן באַשטראָפֿט ווערן מיט טויט. עס זענען שוין באַקאַנט אַ סך פֿאַלן פֿון אויספֿירן אַזעלכע אורטיילן.

די ידיעה וועגן דעם דאָזיקן קאָמוניקאַט איז אָבער צו שוואַך פֿאַרשפּרייט, און אונדז זענען באַקאַנט אַ סך פֿאַלן פֿון מסירות אַפֿילו מצד נישט פֿאַראינטערעסירטע [פּאָלאַקן].

דער המון גאַפֿיעט זיך אויף דעם קאַמף סתם פֿון נייגיריקייט.

„טשין“ (די טאַט)[4]
נ' 2 פֿון 10טן מאי 1943.
איבערזעצט פֿון פּויליש.

48. וואַרשע, דעם 20־טן אַפּריל 1943

## פֿונק־דעפּעשע קיין לאָנדאָן וועגן אויסברוך פֿונעם געטאָ־אויפֿשטאַנד

פֿאַר זיגעלבוים און שוואַרצבאַרד.[1]

דעם 19טן אַפּריל האָבן אָפּטיילונגען פֿון ס.ס. מיט טאַנקען און אַרטילעריע אָנגעהויבן אויסמאָרדן די רעשטלעך פֿון וואַרשעווער געטאָ. דאָס געטאָ שטעלט אַ באַוואָפֿנטן העלדישן ווידערשטאַנד. מיט דער זעלבשוץ פֿירט אָן די יידישע קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע קאָנצענטרירט אין זיך

---

2 פּאַרטיזאַנער.

3 אַ דעלעגאַטור־אינסטיטוציע.

4 אָרגאַן פֿון די „סינדיקאַליסטן“ (געוו. ז.ז.ז., פּילסודסקיש אָריענטירטע פּראָפֿאַרייניען פֿון מאָראַטשעווסקי).

1 ד"ר יצחק שוואַרצבאַרד, געוו. סיים־דעפּוטאַט, פֿאַרשטייער פֿון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין דעם נאַציאָנאַל־ראַט פֿון דער פּוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן.

כמעט אַלע גרופּירונגען[2] פֿון געטאָ דערגייען כּסדרדיקע קאַנאָנאַדעס און שטאַרקע דעטאָנאַציעס. אויפֿן שטח פֿון דער שחיטה קרייזן אַעראָפּלאַנען. דער אויסגאַנג פֿונעם קאַמף איז פֿון פֿאָרויס אַ פֿאַרחתמעטער. אין אָוונט איז אויף די פּאָזיציעס פֿון די געטאָ־קעמפֿער געוואָרן אַרויסגעהאָנגען אַ פֿאָן מיט אַן אויפֿשריפֿט: „מיר קעמפֿן ביזן סוף“: אין דער גאַנצער שטאָט הערשט אַ שטאַרקע שפּאַנונג. די באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע פֿאָלגט נאָך דעם קאַמף מיט באַוווּנדערונג און בפֿירושער פֿרײַנדשאַפֿט פֿאַרן קעמפֿנדיקן געטאָ. מיר פֿאָדערן תּיכּפֿדיקע נקמה־אַקטן. פֿאָדערט פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, ער זאָל באַזוכן אויך די געטאָס און טויט־לאַגערן אין אוישוויץ, טרעבלינקע, בעלזשעץ, סאָביבאָר, מײַדאַנעק און די אַנדערע קאָנצלאַגערן אין פּוילן.

פֿאַרן צענטראַלן קאָמיטעט פֿון דער באַוועגונג
פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן —
בערעזאָווסקי
פֿאַרן ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט —
באָראָווסקי.[3]

אַרכ. פֿון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן, דעפּעשע נ׳ 74.
איבערזעצט פֿון פּויליש.

49. וואַרשע, דעם 23־טן אַפּריל 1943

## פֿונק־דעפּעשע פֿון פּאַוועל פֿינדער[1] צו דימיטראָוון וועגן אויסברוך פֿונעם געטאָ־אויפֿשטאַנד

צו דימיטראָוון

דעם 18־טן אַפּריל זענען די דײַטשן צוגעטראָטן צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. די ייִדן האָבן געענטפֿערט מיט אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. דרײַ טעג און דרײַ נעכט דויערן שוין אמתע קאַמפֿן. אָפּטיילונגען פֿון ס.ס., זשאַנדאַרן, שאַוליסן (ליטוויש־פֿאַשיסטישע באַוואָפֿנטע אָפּ־

2 בונד, גורדוניה, החלוץ, הנוער הציוני, השומר הצעיר, עקיבא, פּועלי ציון לינקע, פּועלי ציון צ. ס., פּ.פּ.ר. (לויטן א״ב).
3 ד״ר אַדאָלף (אברהם) בערמאַן.
1 גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון צ. ק. פּ. פּ. ר.

טיילונגען) און אוקראַינער זענען צוגעטראָטן צו דער באַלאַגערונג מיט דער הילף פון מינען־וואַרפער, אַרטילעריע, טאַנקן און פאַנצער־אויטאָס. נעכטן האָבן [די דייטשן] געוואָרפן פון עראָפלאַנען אויפרייס־ און צינד־באָמבעס. די יידן פאַרטיידיקן זיך העלדיש אין מאָס פון זייערע כוחות און פון דער צאָל געווער (גראַנאַטן, קוילנוואַרפער און פיסטאָלעטן). די אַמוניציע־זאַפּאַסן גייען אויס. צווישן די דייטשן און שאַוליסן זענען פאַראַן הונדערטער דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. אונדזערע פּוילישע גרופּן פירן דורך די־ווערסיע־אָנפאַלן פון אויסן אויף די זשאַנדאַרן און ס.ס. מען האָט דערהרגעט עטלעכע דייטשן.

פינדער.

אַרכיוו פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
פּוילישע קאָמאינטערן־מאַטעריאַלן.
איבערזעצט פון רוסיש.

50. וואַרשע, געטאָ, דעם 20־טן אַפּריל 1943

## פראַגמענט פון מאַרישעס טאָגבוך
## וועגן אויסברוך פונעם געטאָ-אויפשטאַנד

נעכטן האָט אויפגעברויזט אין געטאָ אַן אמתדיקער, בלוטיקער קאַמף. עס זענען אַריינגעפאָרן אין געטאָ טאַנקן, האַרמאַטן, שווערע מאַשין־געווער און דערקלערט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף די יידן, וועלכע האָבן געוואַגט אויפצוהייבן סוף כל סוף אַ ביסל די קעפּ פאַר טרעבלינקע, פאַר בעלזשעץ, פאַר טראַווניק און פאַרן גאַנצן גיהנום, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט און לעבן ווייטער איבער. פון אינדערפרי האָבן זיך געלאָזט הערן שטאַרקע אויפרייסן, אָפּהילכן פון רעוואָלווער־שאָסן, געקנאַל פון מאַשין־געווער און די גאַנצע סימפאָניע פון קלאַנגען, וועלכע שאַפן דאָס איינציק קליין וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך דאָס בלוט פון דערהרגעטע, נקמה, דעם צוזאַמענשטויס פון פיינטלעכע כוחות — דאָס וואָרט קאַמף.

דאָס געטאָ איז אויפגעשטאַנען. דאָס געטאָ איז אויפגעשטאַנען. בסך הכל עטלעכע הונדערט מענער [1] באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן האָבן זיך אויפגעשטעלט צום קאַמף מיטן

---

[1] אָרגאַניזירטע אויפשטענדלער זענען וואַרשעווער געווען איבער טויזנט, מענער און פרויען. די ספּאָנטאַנישע גרופּע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן, האָבן געציילט טויזנטער.

העקער, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין שורה פֿון די רעשטלעך כּבֿוד פֿון מענטש. פֿאַר דער געשיכטע און פֿאַר דער צוקונפֿט האָט געשלאָגן די גרויסע, פּרעכטיקע שעה, וואָרעם די רעשטלעך פֿון די שרידים, פֿון די אומגליקלעכע, דערנידעריקטע, וואָס זענען אויסגעשטאַנען די גרויזאַמסטע עינויים, וועלכע עס האָט געקאָנט אויסטראַכטן די פֿאַנטאַזיע פֿון אַ משוגענעם, וואָס האָט באַהערשט די וועלט, האָבן געוואַגט אויסצוגלייכן די רוקנס [...]צוויי טעג דויערט די באַלאַגערונג פֿון געטאָ, וואָס כּדי אים צו באַזיגן זענען אַרויס טאַנקן, האַרמאַטן, מאַשין־געווער און אַלע מאָדערנע מאָרד־מכשירים פֿון דער בעסטע פֿון 20־טן יאָרהונדערט. צוויי טעג דויערט די מערדערלעכע שחיטה, לאָזנדיק נאָך זיך אויפֿן טויט־פֿעלד רואינען, חורבות און טויטע. איך האָב נישט ביז איצט קיין שום מעגלעכקייט זיך צו דערוויסן, ווי עס זעט אויס די רשימה פֿון פֿאַרלוסטן פֿון ביידע צדדים. איינס איז אָבער זיכער, אַז עס זענען געפֿאַלן אַ סך זשאַנדאַרן, מען גיט אַפֿילו איבער, אַז די פּראָפּאָרץ צווישן די אומגעקומענע דייטשן און יידן איז דעם ערשטן טאָג פֿון קאַמף 12 א. ז. בייטאָג געווען 52 אויף 28. קעגן די טאַנקן, האַרמאַטן, מאַשין־געווער זענען אַרויס אַ 500 — 800 באַוואָפֿנטע אין רעוואָלווערן מענער. איך דאַרף מסתּמא נישט צוגעבן, אַז דער קאַמף ענדיקט זיך מיט אונדזער מפּלה און אַז די דייטשן, פֿאַרשיכורט פֿון דעם ערשטן זינט צוויי יאָר נצחון, קערן זיך אום טריאומפֿאַל און אויף זייערע ליפּן דאָס ליד: „ווען יודענבלוט פֿאָם מעסער שפּריצט“.

אַרכ. פֿון מיידאַנעק־מוזיי
מאַרישעס טאָגבוך
איבערזעצט פֿון פּויליש.

51. וואַרשע, דעם 21־טן אַפּריל 1943

## באַפֿעל צו דעפּאָרטירן די יידישע אַרבעטער פֿון וואַרשעווער געטאָ

צו
דער לייטונג פֿון די אונטערנעמונגען פֿון די פֿאָלגנדיקע פֿירמעס:
שולץ עט קאָמפּ., געז. מיט באַגר. האַפֿטונג,
קאַרל־געאָרג שולץ עט קאָמפּ.

בערנאַרד האַללמאַן עט קאָמפּ.
אָסקאַר שיללינג עט קאָמפּ.
הערעסטאַנדאַרטפערוואַלטונג [1]
וו. פאָן שענע
וו. לעשטשינסקי
ע. וועלק
ג. גערלאַך
יוליאַן קוהאַשעוויטש [2]
וו. צ. טעבענס
וו. האָפמאַן
אָקסאַקאָ אַקציען=געז.
קורט רעריך, געז. מיט באַגר. האַפטונג,
הערמאַן ברויער
אָסט=דייטשע בוי=טישלעריי, געז. מיט באַגר. האַפטונג [3]

אויפן סמך פון דער באַפולמעכטיקונג פונעם פּאָליציי= און ס.ס.=פירער פון לובלינער דיסטריקט, ס.ס.=גרופּענפירער און גענעראַל=לייטענאַנט פון פּאָליציי גלאָבאָצניק, אין הסכם מיטן שריפט פון 12=טן מערץ 1943, נ' 5423/43/011, ווי אויך אין פאַרשטענדיקונג מיטן ס.ס.= און פּאָליציי=פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט, ס.ס.=בריגאַדעפירער און גענעראַל=מאַיאָר פון פּאָליציי סטראָאָפּ, גיב איך אייך צו וויסן אַז וואָס:

1) דאָס אריבערטראָגן אַלע יידישע ארבעטס=קרעפטן וועט פאָרקומען דעם 21=טן אַפּריל 1943.
האָס אָפּמאַרשירן — 6 א. ז. אינדערפרי.

2) דאָס אַרויסשיקן די מאַטעריאַלן און די מאַשינען וועט פאָרקומען אין הסכם מיט מיינע אָנווייזונגען.

3) די יידישע אַרבעטער מעגן אַזוי ווי ביז איצט מיטנעמען זייער פערזענלעך אייגנטום. דער מאַקסימאַלער באַגאַזש — 15 קילאָגראַם אויף אַ פּערזאָן.

4) די אונטערנעמונג איז מחויב זיי צו באַזאָרגן מיט שפּייז אויף צוויי טעג.

5) צו דיספּאָזיציע שטייען עטלעכע פּאָליציי=אָפּטיילונגען, וועלכע איך וועל צוטיילן צו די אונטער=

---

[1] די דייטשישע מיליטערישע אָפּנעמער פון דער פּראָדוקציע פון דער בערשטן=פאַבריק.

[2] דער פּוילישער מיטאייגנטימער פון דער בערשטן=פאַבריק.

[3] אויף גענישע, וו עס איז דירעקטאָר געווען דער ווידערשטאַנד=סימפּאַטיקער אַלעקסאַנדער לאַנדוי.

געמוינגען הייגט אין אונגט, 18 א. ז. די אונטער־געמוינגען האָבן זיך פאַרנעמען מיט דער זאַך פון זייער באַשפּייזונג.

6) כדי צו פאַרזיכערן און טראַנספּאָרטירן די מאַ־טעריאַלן און מאַשינען וועט אין וואַרשע בלייבן אַ קליין פּראָצענט ייִדישע אַרבעטס־קרעפטן, מיט ספּעציעלע צייגענישן אָפּגעשטעמפּלטע דורך דער ס. ד.

א) די אַרבעטער פון דער פירמע וו. צ. טעבענס (דער בלאָק ביי גריבטס־גאַס) און קאַרל־געאָרג שולץ וועלן זיך צונויפנעמען צום אַ־רויספאָר אויף דער זייט גאַס, וואָס ליגט ביי דעם פאַרמאַכטן באַציריק.

ב) די אַרבעטער פון די פירמעס שולץ עט קאָמפּ., בערנאַרד האַללמאַן עט קאָמפּ., אָסקאַר שיל־לינג עט קאָמפּ., קורט רעריך — וועלן זיך שטעלן צום טראַנספּאָרט אויף נאַוואָליפּיע־גאַס.

ג) די אַרבעטער פון דער פירמע הערמאַן ברויער וועלן זיך צונויפזאַמלען אויפן פאַבריק־הויף פון דער פירמע, נאַלעווקעס 38.

ד) די אַרבעטער פון די פירמעס הערעס סטאַנ־דאַרטפערוואַלטונג, ע. וועלק, ג. גערלאַך, יוליאַן קוראַשעוויטש, וועלן זיך צונויפנעמען אויפן פאַבריק־הויף שווענטאָיערסקע 32.

ה) די אַרבעטער פון דער פירמע וו. פאָן שען וועלן זיך צונויפזאַמלען אויפן פאַבריק־הויף, הינער־גאַס.[4]

איך מאַך מיט דער גאַנצער קאָמענדאַ־רישקייט אויפמערקזאַם די לייטונגען פון די אונטערנעמונגען, אַז די אַרבעטער, וואָס וועלן געטראָפן ווערן אויסן שטח פון אָפּגעשלאָסע־נעם באַציריק שוין נאָכן אָפּמאַרשן און וועלן נישט האָבן די אָנגעוויזענע ספּעציעלע צײַ־גניש, וועלן אין הסכם מיטן קריגס־געזעץ (אויסנאַם־געזעץ) ווערן דערשאָסן.

---

[4] הרב מייזעלש־גאַס (קופּיעצקע).

ו) דערמיט פֿאָדער איך אויף די לייטונגען פֿון די באַזונדערע אונטערנעמונגען, זיי זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיטן דורכפֿירן די ענדגילטיקע טראַנספּאָרטן און איינציייטיק פֿאַרזיכערן די מאַטעריאַלן און מאַשינען.

ז) די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג ווערט אַרויסגעגעבן צוליב דעם, וואָס די שטייענדיקע פֿון טאָג צו טאָג שוועריקייטן האָבן נישט דערלויבט אויף קיין אַנדער לעזונג.

וואַלטער צ. טעבענס

אַרכ. פֿון ייד. היסט. אינסט.,
אַקטן פֿון דער קאַנצעלאַריע
פֿון דער בערשטן-פֿאַבריק.
איבערזעצט פֿון דייטש.

52. וואַרשע, געטאָ, דעם 20—22 אַפּריל 1943

## ראַפּאָרט פֿון די שלאַכטן אויפֿן שטח פֿון דער בערשטן-פֿאַבריק און אויף נאַלעווקעס ראָג גענשע

— — —[1] אין אַ שעה אַרום איז אויפֿן אָרט פֿון דעם אויפֿרייס פֿאַרפֿאָרן אַן אויטאָ. עס זענען מיט אים אָנגעקומען ס.ס.-לייט און באַטראַכט אַלץ אַרום, פּרוּווּנדיק פֿעסטשטעלן, פֿון וואַנען איז געגאַנגען די ליניע פֿון דער מינע.[2] אונדזער אָבסערוויר-פּונקט האָט גענוי געהערט די געשפּרעכן: „די מינע שטאַמט פֿונעם הויז פֿראַנציסקאַנער 39. דאָרטן געפֿינט זיך די נעסט פֿונעם ווידערשטאַנד". עס האָט זיך באַוויזן אַן אָפֿיציר, וועלכער האָט זיך באַקענט מיט דער סיטואַציע און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפֿן בערשטער-געביט און געזאָגט: „די מינע שטאַמט פֿון דאַנען. זיי האָבן אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן אינעווייניק".

ווי מען האָט שפּעטער דערציילט, האָט מען די פֿאַרוווּנדעטע און די טויטע אַרויסגעטראָגן אויף טראָג-ברעטער

---

1 דער אָנהייב פֿון דעם דאָקומענט איז נישטאָ.

2 אויפֿן פּלעצל פֿאַר דעם אַריינפֿאָר צו דער בערשטן-פֿאַבריק האָבן די געטאָ-קעמפֿער אונטערגעלייגט אַ מינע, וועלכע האָט אויפֿגעריסן. אין רעזולטאַט איז אומגעקומען אַ צאָל דייטשן.

צום פלאַץ פאַר די נאַלעוועקער קראָמען, וווּ מען האָט צונויפגעזאַמלט לערך 60 — 70 [טויטע און פאַרוווּנדעטע]. דאָס אַלץ האָט אָבסערווירט די פּוילישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך געזאַמלט אויף די גאַסן בשכנות מיטן געטאָ און אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט די אַזוי פרוכטבאַרע רעזולטאַטן פונעם קאַמף.

איך קער זיך נאָך אום צו ענין מינע. עטלעכע שעה פאַר דער אַקציע האָט מען זיך דערשראָקן, ווייל מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אַקומולאַטאָרן מיט די באַטעריעס, וואָס האָבן געהאַט פאַרטרעטן דעם [עלעקטרישן] שטראָם אין פאַל, ווען ער וועט פאַרפעלן, טויגן נישט. אָנלאָדן זיי אין די באַדינגונגען איז געווען אוממעגלעך. דער גאָט פון מלחמה האָט אונדז אָבער געהאָלפן אין דעם פאַל. אַרום האַלב פינף האָט זיך ווידער באַוויזן אַ קאָלאָנע [דייטשן], דאָס מאָל אין אַ קאַמפס=אָרדענונג, און האָט שורותווייז אַריינגעשפּאַנט לענגאויס דער רעכטער און לינקער זייט גאַס. דער וואַכמאַן פון ווערמאַכט האָט זיי געוויזן דעם וועג. מיט האַרץ=קלאַפּעניש האָט אונדזער הויפּט=גרופּע געוואַרט אויף אָט דעם וויזיט: שוין=זשע וועלן זיי אַריינגיין האָרטן, וווּ מען האָט אויף זיי געוואַרט — אינעם טויער פון דעם הויף וואָלאָווע 6, ד. ה. אין גרעסטן הויז, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט שווענטאָיערסקע 32 און פראַנציסקאַנער 29 (וואָס איז שוין דעמאָלט געלעגן אין חורבות). דער וואַכמאַן האָט נישט געוווּסט, אַז ער טוט אונדז אַ טובה, און האָט זיי אַריינגעפירט אין אונדזער הויף. אויף די קעפּ פון אַריינמאַרשירנדיקע סאָלדאַטן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון אָנצינד=פלעשער, גראַנאַטן און צוויי גרויסע באָמבעס.

מאַכנדיק געשרייען און יעלות האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אין טויער, איבערלאָזנדיק די פאַרוווּנדעטע און דערהרגעטע אויפן הויף. מיר האָבן דעמאָלט אָפּגעגעבן 25 ביקסן=שאָסן, טרעפנדיק פינף [דייטשן] אין ברוסט. אונדזער אויפגאַבע איז געוואָרן אויסגעפירט. אונדזערע פּאָזיציעס זענען געוואָרן דעמאַסקירט. מיר האָבן זיך רואיק צוריקגעצויגן אין אַ פאָרויס באַשטימטן בונקער. איך מוז צוגעבן, אַז אונדזערע מיידלעך האָבן מוטיק געקעמפט צוזאַמען מיט אונדז, און דעם קאַראַבינער, וואָס האָט כסדר געטוישט די פּאָזיציע פון זיין ביקס, איז אונדז געלונגען קוים מיט צרות מיטצונעמען צוזאַמען מיט אונדז.

די דייטשן האָבן לסוף צוגענומען די מתים און פאַרוווּנדעטע און זענען אַוועק פון דעם הויף, באַשיסנדיק איצט

פון גאַס די פראָנטן פון די הייזער. זיי האָבן באַזעצט עטלעכע טויערן, זיי האָבן אָבער מורא געהאַט אַריינצוגיין אין הויף, ווו עס האָבן אויף זיי געלויערט נאָך פיר ווידערשטאַנדגעסטן, וואָס האָבן נאָך ביז איצט נישט אָפּגעגעבן קיין שאָס. ווען די דייטשן האָבן געפּרווט אַריינגיין אינעם הויז נומער 36, זענען זיי באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן און אָנצינדפלעשער. זיי זענען אַנטלאָפן. זיי האָבן איבערגעלאָזט אינעם טויער פון הויז שוויענטאָיערסקע 32 צוויי ס.ס.־מענער, באַהאַלטענע הינטער אַ וואַנט, וועלכע האָבן געדאַרפט אָבסערווירן דאָס הויז.

אין דער דאָזיקער צייט האָט מען שוין פון זייט פונעם אַריינגאַנג דורך וואָלאָווע באַשאָסן דאָס הויז סעריעסווייז מיט גראַנאַטן, צו זעקס מיט איין מאָל. דאָ בין איך געווען אויף דער פּאָזיציע ביי מיין ביקס. היות מען האָט נישט געטאָרט שיסן אין איינצעלנע זעלנער, האָבן מיר געוואַרט אויף גרעסערע גרופּן. אין דער אָפּוועזנהייט פון דעם קאָמאַנדיר, וועלכער איז אַוועק קאָנטראָלירן דעם וועג צוריק, ווייל מען האָט סיגנאַליזירט דאָס באַווייזן זיך פונעם שונא אויף די בוידעמער, האָב איך באַקומען פון דעם פאַרטרעטנדיקן קאָמאַנדיר אַ דערלויבעניש צו שיסן. איך האָב אָפּגעגעבן אַ טרעפלעכן שאָס פון דריטן שטאָק: איין [דייטש] איז געפאַלן, דער צווייטער האָט געמאַכט פּיס. איך האָב געענדערט די פּאָזיציע, אָבער מיר האָבן געוואַרט בחינם — זיי זענען מער נישט געקומען.

בינו לבינו האָבן זיך פון דער אַקעגנדיקער זייט פונעם הויף באַוויזן 20 ס.ס.־מענער מיט די ביקסן איבער די קעפּ אַלס סימן, אַז זיי שיסן נישט. נאָך זיי איז, רייסנדיק זיך אויף אַלע קולות, געגאַנגען דער דירעקטאָר פון דער בערשטן־פאַבריק, דער דייטש לאוס [לאויז]. ער האָט געשריגן, מען זאָל איבעררייסן דעם ווידערשטאַנד און האָט צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן אַרויספאָרן בשלום. איך האָב אים שוין גענומען אויפן ציל, אָבער עס איז באַניים געפאַלן אַ באַפעל: „וואַרטן אויף קאָלאָנעס!“ — מיר האָבן זיך נישט דערוואַרט, די קאָלאָנעס זענען נישט געקומען, אַקעגן־זשע האָט אונדז פאַרשטעלט דעם וועג פון דער זייט פון בוידעם אַ דייטש מיט אַן אויטאָמאַט. ער האָט אָפּגעגעבן עטלעכע קוילן־סעריעס. מיר האָבן אַ שליידער געטאָן אין אים אַ גראַנאַט. ער האָט זיך באַהאַלטן. עס האָבן זיך באַוויזן נאָך צוויי. דעם וועג דורכן בוידעם האָבן מיר געהאַט אַן אָפּגעשניטענעם. איך האָב מיטגעשלעפּט די חברים אויף אַ צווייטן פּרווו אָפּצושטויסן דעם שונא. אָבער די דייטשן האָבן אונדז פאַרשטעלט

דיזן וועג אויך דורך וואָלאָווע 6. איך האָב אָפּגעגעבן צוויי ביקס=שאָס, איינעם אַוועקגעלייגט, אָבער דער צווייטער דייטש האָט גענומען שיסן סעריעסווייז פֿון אַ פּיסטאָלעט. פֿון די פֿיר חברים, וואָס זענען מיט מיר געשפּרונגען אויף דער פּאָזיציע, איז איינער געוואָרן דערהרגעט (מ. ק.,[3] אַן אינזשיניער פֿון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום, אונדזער פּיראָטעכניקער, דער פּראָדוצענט פֿון באָמבעס, גראַנאַטן און פֿלעשער). ער איז אומפּאָרזיכטיק אַריין אין דעם שיסערײַ=פֿעלד. איך בין געוואָרן לײַכט פֿאַרוואונדעט אין פּנים, קאָנטיק מיט אַ בלעד=שפּליטער פֿון דאַך. איך האָב אָבער שטאַרק געבלוטיקט. איינעם פֿון די חברים האָט אַ קויל דורכגעלעכערט דעם פּאַלטן און די הויזן, נישט אָנגערירנדיק די פֿוס. מען האָט שוין צו אונדז געשאָסן פֿון די אַקעגנדיקע בוידעמער, און מען האָט געמוזט זיך צוריקציען אין אַן אַנדער באַהעלטעניש. דעריבער זענען מיר אַראָפּ אויפֿן הויף פֿון שוויענטאָיערסקע 30, וווּ עס האָט זיך געפֿונען אַזאַ סגאַל בונקער. מיר האָבן געגעבן אונדזער סיגנאַל און תּיכף זענען אַלע (4 גרופּן, צוזאַמען 50 פּערזאָן) געוואָרן אַרײַנגעלאָזט, הגם דער בונקער איז געווען איבערפֿולט. עס איז געווען 8 א. ז. אונדזער קאַמף האָט געדויערט 5 מיט אַ האַלבע שעה. אין אָט דעם בונקער האָבן מיר געטראָפֿן אונדזער קאָמאַנדיר, וועלכן עס איז נישט געלונגען פֿריער זיך צו באַקומען צו אונדז דורך די בוידעמער. בעת זײַן עקספּעדיציע האָט ער פֿאַרוואונדעט אַ דייטש מיט אַ רעוואָלווער=שאָס. די דייטשן האָבן געשלײַדערט אויף אים אַ גראַנאַט, אָבער ער האָט נישט געטראָפֿן און געמאַכט בלויז אַ לאָך אין די טרעפּ.

אויפֿן אָרט פֿון דער פֿריערדיקער שלאַכט איז געבליבן דער טויטער קערפּער פֿון אונדזער חבר, וועלכן מען האָט געדאַרפֿט אָפּזוכן און מקבר זײַן. מיר האָבן אָפּגעוואַרט ביז 11 א.ז., דעמלט האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ פּאַטראָל, וואָס האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דער וועג איז פֿרײַ. מיר זענען אַרויס נאָכן קערפּער. די דייטשן האָבן צוגענומען זײַן פּאַראַבעללום, זייגערל, געלט און דאָקומענטן. 4 א. ז. פֿאַרטאָג איז פֿון אונדזער בונקער אַרויס די לויה. דעם קבֿר האָט מען צוגעגרייט אינעם גערטנדל אויפֿן דריטן הויף פֿון שוויענטאָיערסקע 34, דאָ האָבן מיר געבראַכט צו קבֿורה דעם חבֿר[4] און אָפּגעגעבן אַן ערן=שאָס.

---

[3] מיכאַל קלעפּפֿיש — פֿון דער בונדישער גרופּע פֿון דער ייִד. קאַמפֿס=אָרגאַניזאַציע.
[4] קלעפּפֿישן.

די באַראַטונג פון די קאָמאַנדירן האָט, אויפן פאָרשלאָג פון דעם קאָמענדאַנט פון דעם בערשטער־אָפּשניט,[5] באַשלאָסן מיטוואָך נישט אויפצונעמען קיין קאַמף, כדי צו קענען דאָנערשטיק איבעראַשן דעם שונא, וועלכער וואָלט זיך שוין נישט גערעכנט דערמיט, אַז די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט ווייטער אין פולן באַשטאַנד. דער האָזיקער פּלאַן האָט אָבער זיך נישט איינגעגעבן, ווייל גלייך מיטוואָך בייטאָג האָבן די דייטשן זיך גענומען אונטערצוציינדן די הייזער, ווייזט גוים — לויט אַ באַפעל פון דער העכערער מאַכט. צו אונדזער בונקער האָבן גענומען קלאַפּן מענטשן, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן אויף די בוידעמער און אין די נידעריקערע גאָרנס. די הייזער שווענטאָיערסקע 32, 34 און וואָלאָווע 6 האָבן געברענט. דעמאָלט האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ פּאַטראָל פון 5 פּערזאָן, כדי צו געפינען דעם וועג, דורך וואַנען עס וואָלט אונדז געלונגען זיך צוריקצוציען. פונעם דאַך פון הויז „קראַפּליאַ מלעקאַ“[6] האָט צו זיי געשאָסן אַ שווער מאַשין־געווער און פאַרוואונדעט צוויי חברים אין די פיס. נישט געקוקט אויף דער צעבושעוועטער שריפה האָבן מיר זיך אָריענטירט אינעם געביט און געפונען אין מויער אַ לאָך, דורך וועלכער מען האָט געקאָנט זיך אַריינבאַקומען אינעם הויז שווענטאָיערסקע 28, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַרומגענומען דורך די פלאַמען. הגם די דייטשן האָבן אין משך פונעם טאָג אויפגעריסן מיט גראַנאַטן די טרעפּ פון אַ גאַנצן שטאָק, כדי אָפּצושניידן אונדזער צוריקגאַנג, איז אונדז געלונגען מיט דער הילף פון אַ ברעט אַריבערצוקריכן דורך די פלאַמען אויך אין דעם אָרט, ווו עס זענען שוין נישט געווען קיין שטיגן. די פאַרוואונדעטע האָבן מיר אָבער איבערגעלאָזט אין בונקער, ווייל עס איז געווען להלוטין אוממעגלעך אַריבערצופירן זיי דורכן פייער און די אויפגעריסענע טרעפּ. נאָך אונדז זענען געלאָפן נאָך אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פונעם פייער. מיר האָבן אָבער געמוזט זיך מאַכן אַ וואַרע.

נאָכן אַרויסבאַקומען זיך פונעם פייער האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ פּאַטראָל אויסצופאָרשן די מעגלעכקייט פון אַריבערגיין אין געטאָ אַריין. דער פּאַטראָל איז געקומען צוריק מיט דער ידיעה, אַז דער געטאָ־מויער אויף פראַנציסקאַנער איז צעקלאַפּט און אַז מען האָט דאָרטן באַמערקט אויף דער

5 מאַרעק עדעלמאַן.

6 אויף דער אַקעגנדיקער „אַרישער“ זייט פון שווענטאָיערסקע.

פּאָזיציע אַ שווער מאַשין־געווער. פון דעם איז געדרונגען, אַז דער וועג דורך דער פראַנציסקאַנער גאַס, פון אום־זייט אויף דער גראָד־זייט, איז געווען אָפּגעשניטן. חוץ דעם איז דער מויער אַרום די ווילדע הייזער אויך געווען צעקלאַפּט, און מיר מוזן זוכן אַ מקום מקלט ערגעץ אויף אונדזער שטח. מיר האָבן געוווסט, אַז אויף פראַנציסקאַנער 29 איז פאַראַן אַ בונקער. מיר האָבן לעת עתה אַהין געשיקט איין גרופּע. נאָכן דערהאַלטן פון אָט דער גרופּע, דורך אַ פאַרבינדלער, אַ ידיעה, האָבן אַלע געזאָלט גיין אַהין. אין משך פון דער צייט האָב איך זיך אַנטשלאָסן אַליין צו גיין אויף אָבסערוואַציע פון דעם אַריבערגאַנג אין געטאָ אַריין און איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז פונדעסטוועגן איז דער וועג נישט אָפּגעשניטן. קיין שווער מאַשין־געווער, וועגן וועלכן עס האָט דערציילט אונדזער פּאַטראָל, האָב איך נישט באַמערקט, אַקעגנזישע האָט מען געקאָנט זען דורך די אָפענע גאַסן, ווי עס לויפן דורך כּמהר דייטשישע וואַכן. אַזוי אַרום האָט אונדז געקאָנט שווענטוועל דראָען אַ קאַמף מיט די דאָזיקע וואַכן. איך האָב תּיכּף וועגן דעם געמאָלדן און באַקומען אַ באַפעל דורכצופירן די ערשטע גרופּע. צוערשט זענען, געהעריק פאַרזיכערט, אַרויס אונדזערע אויסשפּירער, און נאָך זיי — אין די בלויזע זאָקן, אין גאַלאָפּ, די גאַנצע אָפּטיילונג. אונדזערע חברים האָבן פון אַ בוידעם אָבסערווירט דעם גאַנצן דורכגאַנג. אַלץ איז פאָרגעקומען אָן איין שאָס. איך האָב אין יעדן הויף אויף דער גראָד־זייט געלאָזט פאַרבינדלער, און אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אַריבערבאַקומען פון הויז צו הויז.

מיר זענען געזעסן אויף אַ בערגל פון חורבות, עס האָט אונדז פאַרזיכערט די ביקס. אונדזער פּאַטראָל האָט אָבסערווירט די געגנט — און מיר, וואַרטנדיק אויפן אָנקום פון די פאַרבליבענע גרופּן, האָבן געהאַט פאַר אונדזערע אויגן אַן עכט־גערעאָניש בילד. די ריזיקע הייזער אויף שווינטאָיערסקע און וואַלאָווע האָבן געברענט מיט אַ קאָלאָסאַלן פלאַם. אין שיין פונעם פייער האָבן מיר געזען די געדיכט באַשטעלטע מויערן פון הער בערשטן־פאַבריק, וואָס האָבן געדאַרפט נישט דערלאָזן אונדז דעם צוריקגאַנג. האָס פייער איז געווען אַן אמתער אומגליק פאַר די נישט אָרגאַניזירטע. מיר האָבן זיך פון אים אַרויסבאַקומען.

די צווייטע גרופּע, וואָס איז אַרויס נאָך אונדזערער, איז באַמערקט געוואָרן דורך אַ דייטשישן פּאַטראָל. דער פּאַטראָל איז אָבער נעלם געוואָרן אין אומגעבליק און בלויז איין זשאַנדאַר האָט דורך אַ מויער־לאָך אויסגערופן אין דער ריכטונג

פונעם געטאָ: „איזט היר ווער דאַ?“ — מען האָט אים, פאַרשטייט זיך, געלאָזט אָן אַן ענטפער.

מיר זענען מיט מזל דערקראָכן אַלע צו אונדזער בונקער, וווּ מען האָט אונדז מקבל פּנים געווען מיט דער פולער האַר־ציקייט, געקושט און געאָרעמט, וואָרום מען האָט אונדז שוין געהאַלטן פאַר פאַרלאָרענע אין דעם ים פון פייער. דאָנער־שטיק, 5 א. ז. פאַרטאָג, נאָכן באַזעצן אונדז אין גוט פאַר־מאַסקירטע בונקערס, וווּ מען איז אונדז מכבד געווען מיט א צוגעגרייט מאָלצייט, האָט זיך די חברה געלייגט שלאָפן. אויף וואָס מיר האָבן זיך גוט פאַרדינט.

מיר האָבן געפּרוווט אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט נאָך אַנדערע קאַמפּס־גרופּן, אָבער פאָרלויפיק האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן.

— — אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אונדזערע פּאַטראָלן זיך אָנגעטראָפן אויף פּאַטראָלן פון אַנדערע אונדזערע גרופּן. מיר האָבן אָנגעקניפּט אַ פאַרבינדונג. די קאָמענדע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז זיך צונויפגעקומען אין פולן באַ־שטאַנד און זיך באַראַטן וועגן דער סיטואַציע.

די פאַרבינדונג מיט די מענטשן אויסער געטאָ, איז געווען בלויז אַ טעלעפאָנישע. אויף — — האָט מען געקאָנט רעדן. פּרייטיק זענען שוין די טעלעפאָנען געוואָרן צוגענומען. און ווען מיר האָבן געפּרוווט זיך פאַרבינדן דורך אַן אייגע־נעם אַפּאַראַט אין דעם טעלעפאָנישן נעסט אויפן הויף, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שטראָם איז געוואָרן אויסגעשלאָסן.

פון דעם, וואָס עס האָבן דערציילט די קאָמאַנדירן פון די גרופּן, האָט זיך דער פאַרלויף פון דער קאַמפּס־אַקציע אויפן שטח פון געטאָ פאָרגעשטעלט אָט אַזוי:

[דעם 19־טן אַפּריל] 5 מיט 35 מינוט פאַרטאָג, ווען די ערשטע קאָנצענטרירטע קאָלאָנע פון ס.ס. האָט אַריינגע־שפּאַנט אין געטאָ דורך די נאַלעווקעס, איז זי ביים נומער 35 פון פראָנט געוואָרן אַטאַקירט מיט באָמבעס, גראַנאַטן און אָנצינדער־פלעשער. מען האָט אָפּגעגעבן עטלעכע ביקס־שאָסן. די דייטשן האָבן שנעל צוגענומען די פאַרוווּנדעטע און טויטע און זיך צוריקגעצויגן פון געטאָ. די ביקס פון דעם דאָזיקן הויז האָט אָפּגעגעבן עטלעכע שאָסן צו דער [דייטשי־שער] וואַך אויף דאָג נאַלעווקעס און שווענטאָיערסקע, און מען האָט אָבסערווירט, אַז צוויי מאָל זענען דאָס געווען טרעפ־לעכע שאָסן. די דאָזיקע [דייטשישע] קאָלאָנע האָט אַפּנים געצילט צו באַזעצן די מילע־גאַס, וועלכע די דייטשן האָבן זינט אַ לענגערער צייט געהאַלטן פאַר אַ פעסטונג פון בינט.

אַרום 7 אַ. ז. איז אויף דעם זעלביקן אָפּשניט געוואָרן אין אַן ענלעכן אופן צעקלאַפּט אַן ס.ס.־קאָלאָנע (אַ טאַנק). כדי זיך צו פֿאַרזיכערן דעם צוריקגאַנג האָבן אונדזעריקע מיט עטלעכע פּלעשער אונטערגעצונדן האָם הויז גענשע 2 — 4 — נאַלעווקעס 31, וואָס איז געווען גרייט — —

די גרופּן האָבן זיך צוריקגעצויגן נאָכן אויסנוצן אַלע באָמבעס, גראַנאַטן און צינד־פֿלעשער. דאַקעגן די רעוואָל־ווערן זענען בעת דעם קאַמף נישט געוואָרן אויסגענוצט.

ארכ. פֿון ייד. היסט. אינסט.,
די מאַטעריאַלן פֿון פּאָדקאַנסקי־קאָשניץ.[7]

איבערזעצט פֿון פּויליש.

53. וואַרשע, געטאָ, 21—26 אַפּריל

## ראַפּאָרט פֿון די שלאַכטן
## אויפֿן שטח פֿון נאָוואָליפּיע און נאָוואָליפּקי

— — [1] וואָס האָבן זיך געשלעפּט פֿון גאַנץ נאָוואָליפּיע אין דער ריכטונג צום בנין פֿון דער צענטראַלע פֿון דער פֿירמע, כדי נישט צו פֿאַרשפּעטיקן דאָס גרויסע „גליק“ צו ווערן אַרויסגעשיקט קיין טראַווניק. פֿון די אויגן פֿון די מענטשן האָט אַרויסגעשריגן הונגער, שרעק און יאוש, ווייל שוצלים שלוחים, וועלכע האָבן אין די בונקערס געבראַכט די בשורה טובה, האָבן פֿאַרזיכערט, אַז אַזוי צי אַנדערש וועלן אַלע בונקערס ווערן אויפֿגעדעקט, און אַז קודם כל פֿעלט נישט קיין יידישע מוסרים, אָבער אָן זייער הילף וועלן סיי ווי סיי אַלע הייזער אין געטאָ ווערן אונטערגע־צונדן. הונגער, פֿאַרצווייפֿלונג און רעזיגנאַציע האָבן גע־טריבן טויזנטער מענטשן זיך צו מעלדן צום אַרויספֿאָר קיין טראַווניק. זיי זענען געוואָרן באַגלייט דורך די איראָניע־און פֿאַראַכטונגפֿולע בליקן פֿון די ס.ס.־מענער, וועלכע

[7] דער ראַפּאָרט האָט זיך געפֿונען ביים טראַמוויי־אַרבעטער יוזעף פּאָדקאַנסקי, אַ מיטגליד פֿון די לינקע סאָציאַליסטן און פֿאַרבינדלער מיטן געטאָ. ער האָט עס איבערגעגעבן דעם פּוילישן אונטערערדישן אָפֿיציר אייגעניוש קאָשניץ, וועלכער האָט עס געבראַכט דעם ייד. היסט. אינסט. פּאָדקאַנסקי איז דערשאָסן גע־וואָרן דורך די דייטשן. קאָשניץ לעבט שוין אויך נישט.

[1] דער אָנהייב פֿונעם דאָקומענט איז אַזוי צעשעדיקט, אַז ער איז נישט איבערצולייענען.

האָבן זיך אָבער דערמלט פֿאַרהאַלטן רואיק — אויב דער קרבן גייט אַליין צו דער שחיטה, דאַרף מען אים נישט רייצן...

דעם 23־טן [אַפּריל] האָבן די ס.ס.־מענער אונטערגעצונדן אויף נאַוואָליפּקי 8 די א. ג. „ווילדע“ הייזער, פֿון וועלכע עס זענען דעם 22־טן אַפּריל געפֿאַלן שאָסן אויף די קעפּ פֿון די דייטשישע וואַכן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט לענגאויס דעם מויער אויף נאַוואָליפּקי. די ייִדישע קאַמפּס־גרופּן פֿון יענער זייט האָבן אונטערגעצונדן דעם מאַגאַזין [פֿון די דייטשן] אויף פּאַוויע און סמאָטשע. די פֿלאַמען פֿון די שריפֿות, וואָס האָבן געבושעוועט אַ גאַנצע נאַכט, האָבן באַלויכטן אַלע שכנותדיקע הייזער.

דעם 24־טן [אַפּריל] האָט די אַקציע נאָך אַלץ געדויערט הגם אויפֿן גאַנצן געביט איז נישט געבליבן מער ווי 1.200 נפֿשות, בתוכם 230 א. ג. לעגאַלע [אַרבעטער און אָנגעשטעלטע] פֿון דער פֿירמע.

אַן איבעראַשונג פֿאַרן געביט איז געווען דער וויזיט פֿונעם הויפּט־גענעראַל סטראָאָפּ, וואָס איז אַהין אָנגעקומען אין דער באַגלייטונג פֿון אַ גאַנצער סוויטע און אונטער דער שוץ פֿון אַ לייב־גוואַרדיע, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע צענדליק ס.ס.־מענער באַוואָפֿנטע פֿון קאָפּ ביז פֿיס. דער גענעראַל זאָל האָבן דערקלערט, אַז עס אינטערעסירט אים לחלוטין נישט די ווערט פֿון די מאַגאַזינען, ער איז גרייט צו פֿאַרברענען אַלץ, אויב ער וועט נאָר האָבן אַ חשד, אַז עס באַהאַלט זיך דאָרטן ערגעץ אוים אַ וועלכער נישט איז ייִד.

די ייִדישע קאַמפּס־גרופּן האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקצוציען פֿונעם געביט [זעענדיק] אַז דער ווייטערדיקער קאַמף האָט שוין נישט מער קיין זין און קיין ציל. די ערשטע האָט פֿאַרלאָזט דעם געביט די גרופּע פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע [אין צאָל] פֿון 25 [פּערזאָן]. זי האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ גרופּע דייטשן, וועלכע זענען אָנגעקומען מיטן ציל אויפֿצורייסן די בונקערס פֿון דער זייט נאַוואָליפּיע 30. און האָט אָפּגעשניטן [דער ייִדישער גרופּע] דעם דורכגאַנג אויף קאַרמעליצקע 15, וווהין די היִיקע גרופּע האָט זיך געוואָלט דורכרייסן. די דייטשן האָבן געעפֿנט אַ שיסערײַ, אָבער אין דעם מאָמענט איז פֿונעם דאַך נאַוואָליפּקי 23 געפֿאַלן אַ גראַנאַט, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן רויך און שטויב. די דייטשן האָבן דעריבער געמוזט שיסן אויף בלינד, און דער גרופּע פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געלונגען זיך דורכצורייסן אָן שום פֿאַרלוסטן.

די אַקציע פון דעמאַסקירן די בונקערס האָט זיך געצוויגן נאָך אין די טעג פון 25-טן און 26-טן, אָבער דאָס איז שוין אייגנטלעך געווען בלויז אַ רויב-אַקציע אין די פאַרלאָזטע וווינונגען, ווייל די גאַסן זענען שוין געווען ליידיק, די צאָל אויסבאַהאַלטענע אַ געשטיקע, און — — —

ארכ. פון ייד. היסט. אינסט.,
מאַטעריאַלן פון פאָדקאַנסקי-קאַשניעץ

איבערזעצט פון פויליש.

54. וואַרשע, דעם 28-טן אַפּריל 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן די סאָלידאַריטעט-קאַמפן פון דער פאָלקס-גוואַרדיע ביי די געטאָ-מויערן דעם 20-טן און 23-טן אַפּריל 1943

### פון וואַרשעווער לעבן און קאַמף. סאָלידאַרישע קאַמפס-אַקציעס.

דאָס פוילישע וואַרשע האָט מיט אַ ריי קאַמפס-אַקציעס דאָקומענטירט זיין סאָלידאַריטעט מיט די קעמפנדיקע ייִדן. פונעם שטאַב פון דער פאָלקס-גוואַרדיע האָבן מיר באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן די פאָלגנדיקע אַרויסטרעטונגען.

דעם 20-טן אַפּריל 1 אַ זייגער מיט 45 מינוט האָט אַ קאַמפס-גרופּע פון דער פאָלקס-גוואַרדיע פון דער אָפּטיילונג א. נ. פון וואַרינסקי אַטאַקירט אַ גרויסע נעסט פון שונאס מאַשין-געווער אויף נאָוואָליפּקע. מען האָט דערהרגעט די מאַנשאַפט, וועלכע איז באַשטאַנען פון 2 סאָלדאַטן פון וואַפן-ס.ס. און פון צוויי זייערע יוצר-משרתים פוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען פון הינטן. די גרופּע האָט זיך צוריקגעצויגן אָן פאַרלוסטן.

דעם 22-טן אַפּריל 4 אַ זייגער מיט 5 מינוט האָט אַ גרופּע פאָלקס-גוואַרדיע-קעמפער צעשטערט די באַן-ליניעס צווישן דער בריק און דעם מזרח-וואָקזאַל. דעם זעלביקן טאָג זענען געוואָרן אונטערגעצונדן וואַגאָנען פון דעם מיליטערישן טראַנספּאָרט צווישן דעם מערב-וואָקזאַל און דעם הויפּט-וואָקזאַל... די דאָזיקע אַקציעס האָבן גורם געווען אַ דעזאָרגאַניזאַציע פון וואַרשעווער באַן-קנופּ במשך פון צוויי טעג.

דעם 23-טן אַפּריל האָט אַן אַנדער גרופּע פון דער פאָלקס-גוואַרדיע אַטאַקירט אויף פרעטאַ-גאַס אַן אויטאָ מיט

זשאַנדאַרן. אָט איז דער פאַרלויף פון דער אַקציע: דער אויטאָ פאַרפאָרט צו א הויז, די זשאַנדארן שטייגן אויס, זיי באַזעצן דאָס טויער און גייען אַריין אינעווייניק. אין אויטאָ בלייבן 4 זשאַנדאַרן און דער שאָפער. איין זשאַנדאַר שטייט פאַרן טויער. די גוואַרדיסטן וואַרפן 2 גראַנאַטן. איין גראַנאַט שפרינגט אָפּ פון דעם אויטאָ־דאַך און פאַלט אויפן ברוק הינטערן אויטאָ. דער צווייטער פאַלט אַריין אין אויטאָ. די זשאַנדאַרן שיסן אויף בלינד אין די מענטשן. אין דעם מאָמענט רייסט אויף דער צווייטער גראַנאַט אינעם אויטאָ. דער אויטאָ צינדט זיך אָן. די פאַרלוסטן פון די דייטשן: 5 דערהרגעטע, דער אויטאָ פאַרברענט. די גוואַרדיע־גרופּע האָט קיין שום פאַרלוסטן נישט געהאַט. חוץ דעם האָט מען ביי די געטאָ־מויערן דערשאָסן עטלעכע זשאַנדארן און פוילישע פּאָליציאַנטן.

אַלע באַוואָפנטע כוחות אין וואַרשע וואָלטן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט אַדורכפירן מער פּונקט אַזוי ווירקזאַמע אַרויסטריטן. לײַדער, אַ גרויסער טייל פון די אָנפירונגען פון די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט אַפילו אין אַזאַ שרייעדיקן פאַל פון די דייטשישע פאַרברעכנס געוואָלט ליבערשט שטיין „מיט געווער ביי די פיס“ [1]. דער א.ג. באַגרענעצטער קאַמף, וואָס ווערט פּראָפּאַגירט דורך דער פוילישער רעאַקציע, האָט זיך דאָס מאָל באַשרענקט ביז נול.

„גלאָס וואַרשאַווי“ [2] (וואַרשעס שטים)

נ׳ 21 (30) פון 28־טן אַפּריל 1943.

איבערזעצט פון פויליש.

55. וואַרשע, דעם 29־טן אַפּריל 1943

## די ווערסיע פון דער רעכטער פוילישער אונטערערד וועגן דער אַקציע פון דער פאָלקס-גוואַרדיע אויף פרעטאַ גאַס

דעם 25־טן אַפּריל 18 אַ זייגער מיט 15 מינוט האָבן אומבאַקאַנטע מענטשן [1] געוואָרפן אַ גראַנאַט אויף אַן אויטאָ פון ס.ס. (פּאָליציי־נומ. 180643) פאַרן הויז פרעטאַ נומ׳ 4. דער אויטאָ איז פאַרברענט געוואָרן עס זענען פאַרוונדעט געוואָרן 3 ס.ס.־מענער, 2 פרויען און 2 ציווילע מענער. ווי עס איז געוואָרן פעסטגעשטעלט, איז דער אויטאָ

---

[1] געמיינט די אָנפירונג פון אַ. ק.

[2] אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פ. פּ. ר.

[1] דאָס איז געווען די פאָלקס־גוואַרדיע. זע דעם פריערדיקן דאָקומענט נ׳ 54.

געקומען צום באַזאַר און די דייטשן האָבן גענומען ראַבירן די סטראַגאַנעס.

דעלעגאַטור־אַרכיוו, אינערן־דעפּאַרטאַמענט, ראַפּאָרט נ׳ 151
איבערזעצט פון פויליש.

56. וואַרשע, 19־טער אַפּריל 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן אַ פּוילישער סאָלידאַריטעט־אַקציע בײַ דעם געטאָ־מויער

דעם 19־טן אַפּריל אַרום 19 אַ. ז. האָט אַ גרופּע ציווי־לע מענער קריסטן [1] אַנטוואָפנט בײַם אַרײַנגאַנג צו דער סאַפּיעזשינסקע גאַס אַ פּאָסטן פון פּוילישע פּאָליציי און פון שנעל־שיסנדיקע ביקסן געעפנט אַ פֿײַער אין דײַטשישער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין דעם אָרט. די היזיקע אָפּטיילונג האָט זיך אַרײַנבאַקומען אין געטאָ, ברענגענדיק אַמוניציע פֿאַר די קעמפנדיקע ייִדן.

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסטיטוט דריטע סעקציע. דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן, ראַפּאָרט פון אינערן־דעפּאַרטאַמענט נ׳ 151.

57. וואַרשע, דעם 12־טן יולי 1948

## גבֿיות עדות וועגן דער קאַמפּס־אַקציע פון אַ. ק. בײַ די געטאָ־מויערן דעם 19־טן (20־טן) אַפּריל 1943 [1]

אַלס מיטגליד פון דער קאַמפּס־גרופּע פון א. ק. „פֿראַגע" האָב איך זיך אין פעברואַר 1943 דערוווסט, אַז אונדזער אָפּטיילונג דאַרף נעמען אָנטייל אין דער אַקציע פון „קעדיוו" [2] און האָט באַקומען אַ באַפֿעל אַרויסצוטרעטן מיט אַקטיווער הילף לטובֿת די קעמפנדיקע ייִדן אינעם טאָג פון אויפשטאַנד־אויסברוך דורך אַ טייל־וויַיזן אויפרײַסן די געטאָ־מויערן און שטיצע פון אויסן. אונדזער דעמלטיקער קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן „כוואַטסקי" [3] האָט אויסגעקליבן פֿאַרן

---

[1] דאָס איז געווען אַ יוגנט־גרופּע פון אַ. ק. זע דעם ווײַ־טערדיקן באַריכט, דאָק. נ׳ 57.

[1] עס איז פֿאַראַן אַ חלוקי־דעות וועגן דעם, צי די אַרויס־טרעטונג איז פֿאָרגעקומען דעם 19־טן אַפּריל (זע דאָק. נ׳ 56), צי דעם 20־טן (זע דאָק. נ׳ 77).

[2] דיווערסיע־אָפּטייל פון אַ. ק.

[3] יוזעף פשעניי.

אָנגריף=פּונקט דאָס אָרט אויף באַניפראַטן=גאַס אַקעגן דער
סאַפּיעזשינסקע=גאַס. פּונקט 18 אַזייגער האָבן מיר פאַרנו=
מען די באַשטימטע ערטער. מיין פּונקט איז געווען דער
אָפּשניט אויף דער רעכטער זייט פון קאָנוויקטאָרסקע=גאַס,
האַרט ביים שפּיטאָל פון „יאַן באָזשי“. קאַפּיטאַן „בוואַטס=
קי“ האָט זיך געפונען אויף ראָג סאַפּיעזשינסקע, און די
שאָסן פון זיין פּיסטאָלעט האָבן געדאַרפט זיין אַ סיגנאַל
צו עפענען פייער פאַר די קעמפער, וואָס האָבן פאַרנומען
די פּאָזיציעס אויף די פליגלען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן,
אַז אויף די דעכער און באַלקאָנען פון די הייזער אַרום דעם
געטאָ זענען געווען אויסגעשטעלט דייטשישע מאַשין=גע=
ווער, וואָס האָבן געעפנט פייער אויף די יידישע אויפשטענדי=
לער. כמעט אַ שעה צייט זענען מיר געשטאַנען, נישט טו=
ענדיק גאָרנישט, ווייל אין דער לעצטער רגע איז עפּעס
קאַליע געוואָרן ביי דער מינע, וועלכע די מינערן האָבן גע=
האַלטן אין אַ טויער פון אַ ראָג=הויז אויף סאַפּיעזשינסקע.
אַרום 19 אַ זייגער איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די אַקציע
האָט זיך אָנגעהויבן. דער המון, וואָס האָט זיך געגאַפּיעט
[אויף די קאַמפן אין געטאָ] האָט גענומען אַנטלויפן. מיט
דער ערשטער אויטאָמאַטן=סעריע האָב איך אַוועקגעלייגט
דעם זשאַנדאַר, פּוילישן פּאָליציאַנט און ווערמאַכט=סאָל=
דאַט, וואָס זענען געשטאַנען קעגן מיר. נאָכן טוישן דעם
מאַגאַזין און אַוועקלייגן נאָך איין זעלנער, וואָס האָט אויס=
געצילעוועט אין מיר, האָב איך פון דער סאַפּיעזשינסקע=גאַס
געהערט געשרייען, וואָס האָבן באַדייט אַ באַפעל זיך צוריק=
צוציען. די אַקציע איז נישט געלונגען, די דייטשישע קוילן
האָבן געטראָפן די חברים, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו=
צוטראָגן צום טויער די מינע מיטן אָנגעצונדענעם קנויט,
זי האָט אויפגעריסן אין מיטן ברוק, אַרויסגערופן אַ שטאַר=
קע עקספּלאָזיע און צעריסן זייערע קערפּער. חוץ דעם האָבן
מיר געהאַט איין שווער=פאַרוואונדעטן מיט אַ צעבראָכענעם
פּוס און צוויי לייכט=פאַרוואונדעטע מיט דורכגעשאָסענע הענט
און פיס. דאָס זענען געווען די ערשטע פּוילישע קרבנות
אין שוץ פון די קעמפנדיקע יידן.

אַרכיוו פון הויפּט=קאָמיסיע צו פאָרשן די
היטלערישע פאַרברעכנס אין פּוילן, אַקטן פון
סטראָפּס פּראָצעס זייטן: 564 — 567, ג“ע
פון געוועזענעם פּאַרטיזאַנטשיק פון אַ. ק.
זביגניעוו מליניאַרסקי („קרעט“)

איבערזעצט פון פּויליש.

58. לאָנדאָן, דעם 22־טן אַפּריל 1943

## אויריציע פֿון דער ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט" [1] וועגן אויפֿשטאַנד אין געטאָ

דער העלדישער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ דויערט ווייטער.

אַ רײ שטאַרק באַפֿעסטיקטע פּאָזיציעס האַלטן זיך נאָך אַלץ. די ייִדישע קאַמף־גרופּן ווײַזן אַרויס אַ גרויסע שלאַכט־דערפֿאַרונג. דער אָנפֿירער פֿון ייִדישן בונד, אינזשיניער מיכאַל קלעפּפֿיש, וואָס געהערט צום הויפּט־קאַדער פֿונעם אויפֿשטאַנד, איז געפֿאַלן מיט אַ רומפֿולן העלדן־טויט אויפֿן רומפֿולן שלאַכט־פֿעלד.

59. וואַרשע, געטאָ, דעם 33־טן אַפּריל 1943

## בריוו פֿון מרדכי אַניעלעוויטש צו זײַן פּאַרטרעטער אויף דער „אַרישער" זײַט

שלום, יצחק [1]!

איך ווייס נישט, וואָס דיר צו שרײַבן. דערלויב מיר דאָס מאָל אויף עטלעכע פּערזענלעכע פּרטים. איך וויל אויסדריקן מײַנע אייגענע געפֿילן און די געפֿילן פֿון די חברים. דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, לאָזט זיך נישט באַשרײַבן מיט ווערטער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פֿון איין זאַך: דאָס וואָס איז געשען האָט איבערגעשטיגן אַלע סאַמע דרייסטע טרוימען. די דײַטשן האָבן צוויי מאָל געמאַכט ויברח פֿון געטאָ. איין אונדזער אָפּטיילונג האָט אויסגעהאַלטן אויף אירע פּאָזיציעס אין משך פֿון 40 מינוט, [2] אַ צווייטע קאַמף־אָפּטיילונג — במשך 6 שעה. [3] די מינע, וואָס מיר האָבן אונטערגעלייגט אויפֿן שטח פֿון די בערשטער, האָט אויפֿגעריסן. אונדזערע פֿאַרלוסטן אין מענטשן זענען זייער קליינע, דאָס איז אויך אַ דערפֿאָלג. עס איז אומגעקומען י. [יחיאל], ער איז געפֿאַלן מיט אַ העלדן־טויט פֿון אַ סאָלדאַט בײַם מאַשין־געווער. איך האָב אַ געפֿיל, אַז עס קומען פֿאָר גרויסע זאַכן, אַז

1 די ראַדיאָסטאַציע האָט זיך געפֿונען הינטער לאָנדאָן.

1 יצחק צוקערמאַן („אַנטעק").

2 אויף מילע עק זאַמענהאָף.

3 אויף נאַלעווקעס עק גענשע (צוויי שלאַכטן דעם 19־טן אַפּריל).

דאָס, אויף וואָס מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן, האָט אַ דערהויבענעם באַטייט.

די אַלגעמיינע לאַגע:

אַלע שאָפּן אין געטאָ און מחוץ דעם געטאָ האָט מען אויפגעלעזט, מיטן אויסנאַם פון „ווערטערפאַסונג", „טראַנסאַוויאַ" און דרינגס שאָפּ. וועגן דער לאַגע ביי „שולצן" און „טעבענסן" האָב איך נישט קיין ידיעות. די פאַרבינדונג איז געוואָרן איבערגעריסן. דער בערשטער־שאָפּ ברענט שוין דעם דריטן טאָג. קיין קאָנטאַקט מיט די קאַמפּס־גרופּן ביי די בערשטער האָבן מיר נישט. אינעם געטאָ זענען אויסגעבראָכן צאָלרייכע שריפות. גאַנצע בלאָקן שטייען אין פלאַמען. נעכטן איז פאַרברענט געוואָרן דער שפּיטאָל. די יידישע פּאָליציי איז אויפגעלעזט, אַ חוץ דער אָפּטיילונג ביי דער „ווערטערפאַסונג". דער אויסוואורף שמערלינג 4 איז ווידער אַרויסגעשווימען. ליכטענבוימען 5 האָבן די דייטשן באַפרייט פון „אומשלאַגפּלאַץ". פונעם צענטראַלן געטאָ האָבן די דייטשן נישט באַוויזן אַרויסצושלעפּן קיין סך מענטשן. אַנדערש איז אין די שאָפּן. פון דאָרטן האָט מען צוגענומען טויזנטער. אָבער איך האָב נישט קיין פּרטים. אין משך פון טאָג באַהאַלטן זיי זיך אין די בונקערס.

פון דעם הייַנטיקן אָוונט אָן זענען מיר אַריבער צו אַ פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק. הייַנט בייַנאַכט גייען אַרויס אינעם געביט דריי קאַמפּס־אָפּטיילונגען, זיי האָבן צוויי אויפגאַבן: באַוואָפנטער אויסשפּיר און דעראָבערן געווער. געדענק, אַז קורץ געווער האָט נישט הייַנט פאַר אונדז קיין שום באַטייט. מיר באַנוצן עס זעלטן. עס זענען אונדז געוואַלטיק נויטיק גראַנאַטן, ביקסן, מאַשין־געווער, אויפרייס־מאַטעריאַל.

עס איז אוממעגלעך צו שילדערן די באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן איצט די יידן אין געטאָ, בלויז יחידים וועלן דאָס קענען איבערטראָגן. אַלע אַנדערע וועלן פריער אָדער שפּעטער אומקומען. דער דאָזיקער גורל איז אַ געחתמעטער. כמעט אין אַלע בונקערס, ווו עס באַהאַלטן זיך טויזנטער יידן, קאָן מען נישט אָנצינדן קיין ליכט, ווייל עס פעלט אויס לופט!

---

4 דער ממונה מצד דער יידישער פּאָליציי (אָרדענונגס־דינסט) איבערן אומשלאַגפּלאַץ. אַ פּאַרעטער און סאַדיסט. דער אַטענטאַט פון דער ייד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף אים איז נישט געלונגען.

5 מאַרעק ליכטענבוים, פאָרזיצער פון וואַרשעווער יודענראַט נאָך טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד דעם 24־טן יולי 1942.

די ידיעות, וואָס האָבן נאָך צו אונדז דערגרייכט געכטן, אַז די חברים פון פּ.פּ.ר. האָבן אַטאַקירט די דייטשן, און די שיינע אויזדיציע פון דער ראַדיאָסטאַציע „שוויט“ וועגן אונדזער קאַמף, וועלכע מיר האָבן געהערט דורך אונדזער אָפּנעם-סטאַציע — האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ געפיל פון סאַטיספאַקציע. דאָס, וואָס מען געדענקט וועגן אונדז אויף דער צווייטער זייט געטאָ-מויער, גיט אונדז צו דערמוטיקונג אינעם קאַמף.

זיי געזונט, מיין טייערער. אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען. דער עיקר: דער טרוים פון מיין לעבן איז מקוים געוואָרן. די יידישע זעלבשוץ אין וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן אַ פאַקט. דער יידישער באַוואָפנטער קאַמף און נקמה איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. איך בין געווען אַן עדות פון דער פּרעכטיקער העראָישער שלאַכט פון די יידישע קעמפער.

מ.[6]

צענטר. אַרכ. פון אונטערן-מיג.
דעלעגאַטור-אַרכ., טעקע נ' 458, ז' 319
(פּוילישער טעקסט).
אַרכיוו פון ייד. נאַצ. קאָם., אין באַזיץ פון
ד"ר א. בערמאַן, תל אביב
(העברעישער טעקסט).
איבערזעצונג פוןביידע טעקסטן.[7]

60. וואַרשע, דעם 23־טן אַפּריל 1943

## אויפרוף פון דער יידישער קאַמף-אָרגאַניזאַציע צו דער פּוילישער באַפעלקערונג [1]

פּאָליאַקן, בירגער, פרייהייטס-זעלנער!

ביים געהילך פון האַרמאַטן-שאָסן, מיט וועלכע די דייטשישע אַרמיי באָמבאַרדירט אונדזערע הייזער, די וווינונגען פון אונדזערע מוטערס פרויען און קינדער; ביים געקנאַל פון מאַשין-ביקסן, וועלכע מיר האָבן דעראָבערט ביי די זשאַנדאַרן און ס.ס.-לייט; ביים רויך פון שריפות און בלוט פון דעם געמאָרדעטן וואַרשעווער געטאָ;

---

6 מרדכי (אַניעלעוויטש).

7 די טעקסטן אונטערשיידן זיך אין געוויסע פּרטים. דער פּאַסוס וועגן פּ. פּ. ר. איז אינעם טעקסט פון דער דעלעגאַטור-אַרכיוו נישט פאַראַן. אַזוי אויך אין אַ דריטן טעקסט, וואָס איז פאַראַן אין דער קאָנספּיראַטיווער בראָשור פון די אַ. ק.-קרייזן פון 1943 „נאַ אַטשאַך שוויאַטאַ“ (פאַר די אויגן פון דער וועלט).

1 דעם אויפרוף האָט אָנגעשריבן אויף דער „אַרישער“ זייט דער טוער פון בונד יצחק סאַמסאָנאָוויטש.

וועגדן מיר זיך צו אייך — מיר, די געפאַנגענע פון געטאָ, און שיקן אייך איבער ברידערלעכע גרוסן.

מיר ווייסן, אַז מיט ווייטיק און טרערן, מיט באַוווּנדערונג און שרעק וועגן אויסגאַנג פון קאַמף, קוקט איר זיך צו צו דער מלחמה, וועלכע מיר פירן זינט עטלעכע טעג מיטן אָקופּאַנט.

אָבער איר האָט און וועט האָבן די מעגלעכקייט צו זען, אַז יעדע שוועל פון געטאָ איז ביז איצט און וועט ווייטער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פעסטונג. מיר קאָנען אַלע אומקומען אין דעם קאַמף, אָבער מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן. מיר ברויזן, אַזוי ווי איר, מיט לײַדנשאַפטלעכן באַגער פון נקמה פאַר אַלע פאַרברעכנס פונעם געמיינזאַמען פײַנט.

עס גייט אַ קאַמף פאַר אונדזער און אייער פרייהייט.

פאַר אונדזער און אייער מענטשלעכן, געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד!

מיר וועלן נקמה נעמען פאַר אָשוויענטשים, טרעבלינקע, בעלזשעץ און מאַידאַנעק.

זאָל לעבן די ברודערשאַפט פון געווער און בלוט פון קעמפנדיקן פּוילן!

זאָל לעבן די פרייהייט!

אַ טויט די מערדערישע און פאַרברעכערישע אָקופּאַנטן!

זאָל לעבן דער קאַמף אויף טויט און לעבן מיט דעם דײַטשישן אָקופּאַנט!

די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

איבערזעצט פון פּויליש.

61. מאָסקווע, דעם 24־טן אַפּריל 1943

## אויסצוג פון אַן אויִדיציע [1]
## פון דער קאָשטשושקאָ־ראַדיאָסטאַציע מיט אַ רוף צו פּאָליאַקן צו אַ גענעראַל־שטרייק און באַוואָפנטער הילף לטובת דעם קעמפנדיקן געטאָ

**הער אונדז, וואַרשע! הערט אונדז אין גאַנץ פּוילן!**

זינט עטלעכע טעג פירן די אײַנוווינער פון וואַרשעווער געטאָ — אונדזערע מיטבירגער — אַ העלדישן קאַמף קעגן די דײַטשישע אָקופּאַנטן אין שוץ פון זייער לעבן.

[1] די קאָשטשושקאָ ראַדיאָסטאַציע האָט זיך געפונען אין מאָסקווע און האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיטן פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן.

דעם 18־טן אַפּריל זענען די צוויי־פּיסיקע היטלעריסטי־שע חיות צוגעטרעטן צו אַ מערדערלעכער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. די היטלעריסטישע באַנדיטן זענען אַרויס קעגן זיינע אויסגעהונגערטע איינוווינער, קעגן פרויען, קינדער און זקנים מיט מאַשין־געווער, האַרמאַטן, טאַנקן און פּאַנ־צער־אויטאָס. מיט דער הילף פון ליטווישע און אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן שטורעמט די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע דאָס געטאָ און באַגיסט זיינע גאַסן מיט טייכן אומשולדיק מענטשלעך בלוט. די דייטשן האָבן זיך נישט באַגרענעצט מיט באַנוצן טאַנקן צו דערקוועטשן צום טויט פרויען און קינדער. פּונקט ווי אין 1939 האָבן די דייטשן אַריינגעפירט אין דער אַקציע אַעראָפּלאַנען. היטלעריסטישע באָמבאַרדי־רער קרייזן ווי רויב־פייגל איבערן געטאָ, וואַרפן צעשמעטער־באָמבעס, כדי אונטער די חורבות פון די הייזער באַגראָבן טויזנטער אומשולדיקע מענטשן.

די גרויליקע רציחות, וועלכע עס פירן אַדורך אין איצ־טיקן מאָמענט די היטלעריסטישע הענקער אין וואַרשע, אַנטפּלעקן אונדז נאָכאַמאָל דעם חיה'שן פּרצוף פון די היט־לעריסטישע תלינים.

[...] אָבער דאָס מאָל האָט זיך דער אָנפאַל פון די היטלעריסטישע באַנדיטן אָנגעטראָפן אויף אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד מצד דער באַפעלקערונג. אונדזערע יידישע מיטבירגער פאַרטיידיקן זיך העלדיש מיט מאַשין־געווער, גראַנאַטן, פּיסטויעטן, זיי פאַרטיידיקן זיך מיט וואָס נאָר זיי קאָנען. זיי פאַרטיידיקן יעדן שוועל, יעדן צימער. די מע־נער שיצן די פרויען, קינדער און זקנים. די היטלעריסטישע מערדער האָבן שוין טייער באַצאָלט פאַר זייער פאַרברעכן. עטלעכע הונדערט פאַשיסטישע רוצחים האָבן שוין באַצאָלט מיט זייער נבזה'דיק לעבן אָדער געזונט פאַרן מערדערלעכן אָנפאַל אויפן געטאָ, פאַרן פרווו אויסצומאָרדן זיינע לעצטע איינוווינער.

לאַנדסלייט!

פּוילישע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען זענען געקומען צו הילף אונדזערע יידישע מיטבירגער. אָפּטיילונגען פון אונ־טערערדישן פוילן האָבן אַטאַקירט פון הינטן די דייטשישע זשאַנדאַרמעריע און ס. ס.־אָפּטיילונגען. נישט קיין איין היט־לערישער מנוול איז שוין געפאַלן פון אַ פּוילישער קויל. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן ביז היינט געטאָן פאַר דער זאַך, איז נישט גענוג. די געטאָ־איינוווינער זאַמלען די לעצ־טע כוחות, פאַרטיידיקן זיך מיט וואָס נאָר זיי קאָנען. אָבער

אייגענע אַליין וועלן זיי נישט באַווייזן זיך צו פאַרטיידיקן ביזן סוף. מיר מוזן זיי העלפן, דאָס איז אונדזער מענטשלעכער פליכט, דאָס איז דער געבאָט פון דעם געוויסן, דאָס פאָדערט פון אונדז די ערע פון פוילישן פאָלק, דאָס פאָדערט דער אינטערעס פון פוילן. מען דאַרף זיין אַ שטיין און נישט קיין מענטש צו בלייבן פאַסיוו אין אָנגעזיכט פון דער דאָזיקער שרעקלעכער שחיטה. מען דאַרף זיין בלינד און טויב נישט צו פאַרשטיין, אַז אויב מיר וועלן לאָזן היינט אויסשעכטן די לעצטע עטלעכע צענדליק טויזנט געטאָ-מאַרטירער, וועלן מאָרגן די היטלערישע מערדער זיך אַ נעם טאָן צו אונדז. אויב מיר וועלן בלייבן פאַסיוו, וועלן די דייטשן קומען צום אויספיר, אַז זיי קאָנען מיט אונדז טאָן אַלץ, וואָס זיי וועלן נאָר וועלן. דעמאָלט וועלן די היטלער-באַנדיטן אָן שום קווענקל אונדז מאָביליזירן אין זייער אַרמיי, כדי צו שיקן אויפן פראָנט, ווי האַרמאַטן-פלייש, זיי וועלן נאָך שטאַרקער צושמידן אונדזערע שקלאַפעריי-קייטן און לסוף, אין הסכם מיט היטלערס אַרויסזאָגונג, אונדז אויסראָטן, פונקט ווי זיי טוען דאָס אין לובלינער, יאַראָסלאַווער און ריישער געגנט.

מיר ווענדן זיך צו אייך, אַרבעטער פון וואַרשע, צו אייך, לאַנדסלייט פון וואַרשע, און פון גאַנצן לאַנד!

גייט צו הילף די העלדישע געטאָ-קעמפער! וואַרשעווער אַרבעטער! שטיצט אונטער מיט אַ **באַלדיקן שטרייק** דעם מסירת-נפשדיקן באַוואָפנטן קאַמף פון אונדזערע מיטבירגער! די דייטשן באָמבאַרדירן וואַרשע, אַזוי ווי אין סעפטעמבער 1939. זאָלן זיי פונקט ווי דעמאָלט דערפילן טויט-שרעק און אַן אומבויגזאַמען מאַסן-ווידערשטאַנד פון גאַנץ וואַרשע. שאַפט תיכף ומיד זעלבשוץ-אָפּטיילונגען און אַטאַקירט מיט געווער אין דער האַנט די היטלעריסטישע רוצחים, לאָזט זיי נישט אויספירן דעם גרויליקן מאָרד איבער צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער. זאָל זיך נישט פאַרזוימען קיין איין איינוווינער אין וואַרשע, זאָל זיך נישט פאַרזוימען קיין איין פוילישע אָרגאַניזאַציע. לאָמיר אַטאַקירן דעם שונא באַלד, מיט געמיינזאַמע כוחות. לאָמיר שלאָגן די דייטשן אויף אַלע גאַסן פון וואַרשע, אויף יעדן שריט. לאָמיר באַזאָרגן די געטאָ-איינוווינער דורך אַלע מעגלעכע וועגן מיט געווער און באַשפּייזונג.

איינוווינער פון גאַנץ פוילן! שטייט נישט פאַסיוו אין אָנבליק פון דעם נייעם דייטשישן פאַרברעכן. די היטלעריסטישע רוצחים מאָרדן דאָך גלייכצייטיק אייערע ברידער אין

אָשוויענטשים, אין די געגנטן פון כרוביעשוו, זאַמאָשטש, יאַראָסלאַוו און ריישע. זיי דריקן און שטיקן אויף יעדן שריט און טריט. און נאָר אונדזער געמיינזאַמער מאַסנווידערשטאַנד איז בכוח צו האַמעווען די היטלערישע מערדער, איז ביכולת צו קרייצן זייערע פאַרברעכערישע פּלענער. נאָר אונדזער דעצידירטער מאַסן־קאַמף קאָן אונדז ברענגען אַ באַפרייונג!

צום קאַמף מיט די היטלערישע רוצחים! צו הילף אונדזערע מיטבירגער, וואָס פירן אַ העלדישע שלאַכט מיט די דייטשן! לאָמיר ראַטעווען די שוצלאָזע פרויען און קינדער!

נקמה און טויט, א צווייפאַכיקן טויט די היטלעריסטישע רוצחים!

ארכיוו פון פּאַרטיי־געשיכטע

אינסט., דריטע סעקציע 321, טעקע 14, ז׳ז: 323 — 326.

איבערזעצט פון פויליש.

62. מאָסקווע, דעם 18־טן מאַי 1943

## אוידיציע פון דער ראַדיאָסטאַציע „קאָשטשושקאָ" מיט אַ רוף צו העלפן דעם קעמפנדיקן געטאָ

שוין קרוב אַ חודש שטייט דאָס וואַרשעווער געטאָ אין דעם העלדישן קאַמף אויף לעבן און טויט. עס פעלן ווערטער אָפּצוגעבן כבוד דער העלדישקייט און מסירת נפש, מיט וועלכע די לעצטע 35 טויזנט יידישע איינוווינער פון וואַרשע שלאָגן אָפּ די אָנגריפן פון די איבערוויגנדיקע קרעפטן פון דעם שונא, פון די בעסטיאַלישע היטלעריסטישע רוצחים. די דייטשן האָבן געלאָזט אין גאַנג די סאַמע מאָדערנע מיטלען פון מאָרד — טאַנקן, אַעראָפּלאַנען, אַרטילעריע, כדי צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון אַ הייפל מענטשן, וואָס זענען דערשעפט פון הונגער, אויסגעמאַטערט, אומברחמנותדיק אויסגעראָטן דורך די היטלערישע תלינים.

אָבער דאָסמאָל האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד, אויף וועלכן זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מצד זייערע קרבנות. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס באָמבאַרדירן פון האַרמאַטן און שווערער אַרטילעריע. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס שליידערן אויפן אומגליקלעכן געטאָ הונדערטער צעשטער־ און טויזנטער אָנצינד־באָמבעס,

הונדערטער הייזער זענען חרוב געוואָרן אונטער די באָמבעס, באַגראָבנדיק אונטער די רואינען הונדערטער און טויזנטער מענטשן. אין געטאָ בושעווען ריזיקע שריפות — און אין אָט דעם ים פון פלאַמען, צווישן פאַלנדיקע הייזער, קעמפן מענער, פרויען, קינדער מיט פאַרביסענע ציין. די היטלער=רוצחים ווערן באַגעגנט מיט ביקסן= און מאַשין=געווער=זאַלפן, עס שיטן זיך אויף זייערע קעפ האָגלען שטיינער און ציגל. די מענטשן קעמפן מיט העק און שטעקנס, זיי וואַרפן זיך אויף די דייטשישע תליינים מיט די הוילע הענט, שיצנדיק זייערע משפחות, זייערע קינדער. די געטאָ=איינוווינער קעמפן ביזן לעצטן טראָפן בלוט, כדי טייער צו פאַרקויפן זייער לעבן. טויזנט היטלעריסטישע מערדער ליגן שוין טויט אויף די גאַסן פון געטאָ, נאָך מער דייטשישע מנוולים זענען געוואָרן פאַרוווּנדעט און דאָך האָבן די היטלערישע רוצחים, וועלכע האָבן אַ ריזיקן קראַפט=איבערגעוויכט, נישט באַוויזן ביז איצט איינצוברעכן דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון די געטאָ=איינוווינער. וויפיל פרעכטיקע ביישפילן פון העלדנמוט, דרייסטקייט און מסירת=נפש זיי האָבן געגעבן אין משך פון אָט די פאָר וואָכן.

די קעמפער פון אונטערערדישן פוילן, די זעלנער פון דער פאָלקס=גוואַרדיע זענען געקומען צוהילף די געטאָ=פאַרטיידיקער, באַשפריצנדיק מיט פייער די דייטשישע מערדער און זייערע יוצר=משרתים. אַ דאַנק דער דאָזיקער הילף האָבן זיך טויזנטער ייִדן מיט געווער אין האַנט אַרויסבאַקומען פון געטאָ און אַוועק אין וואַלד, פאַרשטאַרקנדיק די פוילישע קאַמפס=באַוועגונג מיט נייע זעלנערישע אָפטיילונגען.

אָבער די שטיצע מצד וואַרשע און דעם גאַנצן לאַנד לטובת דעם קעמפנדיקן געטאָ איז נאָך זייער שוואַך. די באַוואָפנטע סאָלידאַריטעט=אַקציע איז נאָך ווייטער אַלץ הינטערשטעליק לגבי דעם פאַרנעם פון דעם באַוואָפנטן קאַמף אינעם געטאָ גופא. [...] עס איז אַ געוואַלטיקע נויטווענדיקייט פאַנאַנדערצוּוויקלען תיכף ומיד דעם סאַמע ברייטסטן סאָלידאַרישן מאַסן=קאַמף און בפרט דעם באַוואָפנטן קאַמף צוזאַמען מיט די געטאָ=איינוווינער. דאָס איז די זאַך פון אונדזער פוילישער ערע און קודם=כל פון דער ערע פון פוילישן אַרבעטער=קלאַס. ווען די צאַרישע סאַטראַפן האָבן אין יאָר 1906 געפרווט אָרגאַניזירן אין וואַרשע פאָגראָמען אויף ייִדן, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דעצידירטן, אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד מצד די פוילישע אַרבעטער,

וועלכע האָבן דער שוואַרצער מאַה געגעבן אַ דעצידירטן אָפּשניט.

אין מאָמענט, ווען דער חודש פון דעם העלדישן קאַמף פון אונדזערע מיטבירגער, די וואַרשעווער יידן, דערנענטערט זיך צום סוף, ווענדן מיר זיך צו דער באַפעלקערונג פון וואַרשע, צו דער באַפעלקערונג פון גאַנצן לאַנד מיטן אַפּעל:

איילט צו הילף די העלדישע געטאָ-קעמפער! אָרגאַניזירט סאָלידאַרישע מאַסן-קאַמפן! אַטאַקירט מיט געווער אין האַנט די היטלעריסטישע באַנדיטן!

לאָזט זיי נישט אויסמאָרדן די פאַרטיידיקער פון געטאָ! העלפט די געטאָ-איינוווינער זיך אַרויסבאַקומען אויף דער פריי, שאַפט פאַר זיי באַהאַלט-ערטער, העלפט זיי זיך אַריינצובאַקומען אין די פוילישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען.

זאָל דער העלדישער קאַמף פון די וואַרשעווער געטאָ-אסירים נאָכאַמאָל דערמאָנען אונדז אַלעמען, אַז נאָר אַ דעצידירטער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד קאָן קרייצן די טייוולאָנישע פּלענער פון די היטלעריסטישע באַנדיטן, מאַכן אומעגלעך זייערע רציחות, אַז בלויז אַ דעצידירטער באַוואָפנטער קאַמף קאָן אונדז ברענגען די באַפרייונג.

אַ טויט די היטלעריסטישע מערדער!

זאָל לעבן דער געמיינזאַמער סאָלידאַרישער קאַמף פון די פּאָליאַקן און יידן קעגן די דייטשישע רוצחים!

אַרכ. פון פּאַרטיי-געשיכטע אינסט.,
דריטע סעקציע 321, טעקע 34 ז'ז: 641—643.
איבערזעצט פון פויליש.

63. וואַרשע, דעם 38־טן אַפּריל 1943

## פונק-דעפּעשע פון יידישע פּאָרשטייער קיין לאָנדאָן מיט דער פאָדערונג פון באַלדיקער הילף

פאַר זיגעלבוים און שוואַרצבאַרד.

דעם ניינטן טאָג שטייט דאָס וואַרשעווער געטאָ אין העלדישן קאַמף. קעגן די 40 טויזנט יידן באַנוצן [די דייטשן] אַרטילעריע, פייערוואַרפער, צינד-באָמבעס פון עראָפּלאַנען. מיט מינעס רייסן זיי אויף די ווידערשפּעניקע בלאָקן. דאָס געטאָ שטייט אין פלאַמען. רויך-וואָלקנס

הילן איין די שטאָט. עס קומען אום [אין די פלאַמען] לעבעדיקערהייט פרויען און קינדער. די קאַנאַל־אַרויסגענג האָט מען פאַרמאַכט און באַשטעלט מיט דייטשישע וואַכן. די קעמפער ראַנגלען זיך פאַרביסן. זיי דערלאַנגען דעם שונא שווערע קלעפ. זיי ציגדן אונטער די דייטשישע פאַבריקן און מאַגאַזינען פון דער קריגס־אינדוסטריע. די דייטשישע פאַרלוסטן — לערך טויזנט דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. די האַלטונג פון די קעמפער רופט אַרויס ביי דער באַפעלקערונג פון לאַנד באַוווּנדערונג און ביי די דייטשן — חרפּה און כעס. עס איז דערשינען אַן אויפרוף פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע צו דער באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט.[1] די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען גיבן אין אַן אויפרוף אָפּ כבוד די געטאָ־קעמפער.

אַ באַלדיקע, ווירקזאַמע הילף קאָן איצט געבן די קראַפט פון די אַליאַנטן. אין נאָמען פון מיליאָנען שוין דערמאָרדעטע יידן, אין נאָמען פון די איצט געברענטע און געשוחטענע, אין נאָמען פון די העראָיש קעמפנדיקע און אין נאָמען פון אונדז אַלעמען די צום טויט־פאַרמשפּטע — רופן מיר צו דער גאַנצער וועלט:

זאָל שוין איצט, און נישט אין דער טונקלקייט פון דער צוקונפט קומען דער מעכטיקער נקמה־אַקט פון די אַליאַנטן לגבי דעם בלוטדורשטיקן שונא, אַ נקמה־אַקט וואָס זאָל אומעטום ווערן פאַרשטאַנען ווי אַ רעוואַנזש.

זאָלן זיך אונדזערע נאָענטסטע פאַרבינדעטע אָפּגעבן סוף כל סוף אַ דין וחשבון פון דעם פאַרנעם פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם היטלערישן פאַרברעכן וואָס ווערט באַגאַנגען איבער אַ גאַנץ פאָלק און וואָס זיין טראַגישער עפּילאָג עס שפּילט זיך אָפּ אַצינד. זאָל דער העלדישער, אויסנאַמיקער אין דער געשיכטע קאַמף פון די צום טויט־פאַרמשפּטע געטאָ־אסירים סוף כל סוף אויפוועקן די וועלט צו מעשים אין דער מאָס פון דער גרויסקייט פון מאָמענט.

פאַרן צ. ק. פון דער באַוועגונג
פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן
— בערעזאָווסקי[2]

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע אינסט.,
פאַרן יידישן נאַצ. קאָמיטעט — באָראָווסקי
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן, דעפּעשע נ' 81.
איבערזעצט פון פּויליש.

---

[1] זע דעם דאָק. נ' 60.
[2] קריפּטאָנים פון אונטערערדישן בונד.

64. ווארשע, געטאָ, דעם 28־טן אַפּריל 1943

## בריוו פון מרדכי אַניעלעוויטש צו די חברים אויף דער „אַרישער" זייט

דעם אַכטן טאָג שטייען מיר שוין אין קאַמף פאַר אונדזער לעבן. דאָס וואַרשעווער געטאָ — איינס פון די לעצטע געטאָס — איז פּלוצים אין דער נאַכט אויפן 19 אַפּריל געוואָרן אַרומגערינגלט דורך רעגולערן דייטשישן מיליטער, וואָס איז צוגעטראָטן צו דער ליקווידירונג פון די לעצטע לעבן־געבליבענע ייִדן. די דייטשן האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן און זענען געצוווּנגען געווען אין משך פון די ערשטע טעג זיך צוריקציען פונעם געטאָ. דערנאָך, ברענגענדיק הילף, טאַנקן, פּאַנצער־אויטאָס, האַרמאַטן און אפילו אַעראָפּלאַנען, זענען זיי צוגעטראָטן צו אַ פאָרמעלער באַלאַגערונג און אָנגעהויבן רעגולער אונטערצינדן די וווין־הייזער. די צאָל אונדזערע קרבנות — וואָס זענען געפאַלן אין די מאַסן־צעשיסונגען אָדער פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט, מענער, פרויען און קינדער — איז אַ ריזיקע. עס דערנענטערן זיך אונדזערע לעצטע טעג. אָבער כל זמן מיר פאַרמאָגן קוילן, אַזוי לאַנג וועלן מיר קעמפן און זיך פאַרטיידיקן.

דעם דייטשישן אולטימאַטום, וואָס האָט אונדז אויפגעפאָדערט צו קאַפּיטולירן, האָבן מיר אָפּגעוואָרפן ווייל דער שונא קאָן נישט קיין רחמנות, און מיר האָבן נישט קיין אויסוועג.

אין די לעצטע טעג פאָדערן מיר פון אייך: געדענקט, ווי מען האָט אונדז פאַראַטן. עס וועט קומען דער טאָג פון באַצאָלונג פאַר אונדזער הייליק פאַרגאָסן בלוט. שיקט הילף פאַר די, וואָס וועלן זיך אין לעצטן מאָמענט אַרויסראַטעווען פון דעם שונאס האַנט, כדי ממשיך צו זיין דעם קאַמף.

אַרכיוו פון ייד. נאַצ. קאָמ.
אין באַזיץ פון ד"ר א. בערמאַן (תל אביב).
איבערזעצט פון העברעיש.

56. וואַרשע, דעם 24־טן אַפּריל 1943

## באַריכט פון דער דעלעגאַטור קיין לאָנדאָן וועגן די צוגרייטונגען און פאַרלויף פונעם געטאָ־אויפשטאַנד

אין וואַרשעווער געטאָ האָבן זינט אַ לענגערער צייט קורסירט אומרואיקע קלאַנגען. נאָכן דעפּאָרטירן אין האַרבסט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר איבער 300 טויזנט ייִדן איז האָרטן געבליבן בסך הכל אַ 40 טויזנט, דער עיקר מענער באַשעפטיקטע אין פאַרשיידענע דייטשישע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. אין וואַרשע איז געווען באַוווסט, אַז זינט עטלעכע חדשים קאָנצענטרירן זיך אַלץ גרעסערע צאָלן ייִדן אין די רייען פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז שטופנווייז אַריבערגעגאַנגען צו הרגענען פּראָוואָקאַטאָרן, שפּיאָנען און דייטשישע זשאַנדאַרן און צו אָרגאַניזירן קלענערע ווידערשטאַנד־אַקטן. דאָס האָט גענומען באַאומרואיקן די דייטשן. אין די דייטשישע קרייזן האָט מען באַשלאָסן דעם פאָלגנדיקן טעטיקייט־פּלאַן. אין וואַרשע האָבן זיי געוואָלט איבערלאָזן נאָר 8000 ייִדישע מעטאַל־אַרבעטער און 3000 ייִדישע אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, וואָס אַרבעטן פאַרן מיליטער. זיי האָבן געזאָלט ווערן קאַשאַרירט מחוץ דעם געטאָ. אַלע איבעריקע האָט מען געדאַרפט אַרויספירן אין משך פון 2—4 וואָכן אָדער ליקווידירן אויפן אָרט. אין דער צייט פון 6־טן ביזן 17־טן אַפּריל האָט די דייטשישע מאַכט, וועלכע האָט געווירקט דורך די לייטער פון די דייטשישע אונטערנעמונגען אין געטאָ, זיך באַמיט אַרויסצוציען דורך שווינדל די ייִדן פון געטאָ כלומרשט אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט אין פאַרשיידענע ערטער. דער שווינדל האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן. די אויפפאָדערונג האָבן אויסגעפירט קוים עטלעכע הונדערט ייִדן. אין רעזולטאַט איז געקומען צו די ווייטער־באַשריבענע געשעענישן.

### די ייִדיש־דייטשישע מלחמה

צוליב דעם דעצידירטן ייִדישן ווידערשטאַנד און דעם בפירושן אָפּזאָג אַרויסצופאָרן פון געטאָ האָט די דייטשישע מאַכט באַשלאָסן צוצוטרעטן צו דער ליקווידאַציע פון דער רעשט פונעם וואַרשעווער געטאָ מיט קראַפט. אויף זונטיק, דעם 18־טן אַפּריל האָט מען מאָביליזירט גרויסע און שטאַרק באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פון זשאַנדאַרמעריע און ס. ס. אויף 6 א. ז. ג. מ. האָט מען פאַראָרדנט אַ שאַרפע

אַליאַרם־גרייטקייט פון דער פוילישער פּאָליציי. 4 א. ז. ביינאַכט האָבן אַריינגעשפּאַנט אין געטאָ די דייטשישע אָפּטיילונגען. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ לחלוטין געענדערטער סיטואַציע ווי זומער־צייט פאַראַיאָרן. די יידן האָבן באַשלאָסן צו שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. צו אָט דעם ווידערשטאַנד האָבן זיי זיך געהעריק צוגעגרייט. זיי האָבן אָנגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל געווער און אַמוניציע, בתוכם אַ מאַסע האַנט־גראַנאַטן, האַנט־ביקסן און אפילו שווערע מאַשין־ביקסן, פייערוואַרפער און קעגנפּאַנצער־האַרמאַטלעך [1]. די אַריינדרינגנדיקע אין געטאָ דעם 19־טן אַפּריל פאַרטאָג דייטשישע אָפּטיילונגען זענען באַגריסט געוואָרן מיט אַ געוואַלטיקן און ווירקזאַמען פייער מצד די [געטאָ־]פאַרטיידיקער. עס איז געפאַלן אַ גרויסע צאָל דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע דייטשן. דער ווידערשטאַנד איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די דייטשן האָבן אַריינגעפירט אין שלאַכט אַלץ פרישע אָפּטיילונגען, צוו. אַנד. פעלד־אַרטילעריע, פייערוואַרפער און טאַנקען. די לאַגע [פאַר די דייטשן] האָבן קאָמפּליצירט די דרייסטע אַרויספאַלן פון די יידישע קעמפער מחוץ די מויערן פון די פאַרטיידיקטע גאַסן און די שאָסן, וואָס זענען געריכט געפאַלן אין דער ריכטונג פון די אָנגרייפנדיקע דייטשן — פון די נאָענטע צום געטאָ גאַסן פון דעם אַרישן ראַיאָן. די זשאַנדאַרמעריע און די ס. ס.־אָפּטיילונגען האָבן נישט געקאָנט באַהערשן די לאַגע, דעריבער האָט מען באַנוצט אין דער אַקציע קעגן דעם געטאָ ווערמאַכט־פאָרמאַציעס. אין משך פון מאָנטיק דעם 19־טן און דינסטיק, דעם 20־טן האָבן געדויערט אָן שום רעזולטאַט די אַטאַקעס פון דער זשאַנדאַרמעריע, ס.ס.־אָפּטיילונגען און ווערמאַכט־אָפּטיילונגען אויפן געטאָ, וואָס האָט זיך פאַרביסן פאַרטיידיקט. טאָג און נאַכט האָט אין זיינע מויערן געדויערט אַן אומאויפהערלעכע, געוואַלדיקע קאַנאָנאַדע. די דייטשישע טיראַליערע איז אַ סך מאָל געגאַנגען צום אַטאַק. אויף דער דייטשישער זייט זענען געפאַלן הונדערטער דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע, און דאָס געטאָ האָט ווייטער געקעמפט. דאָס האָט אַרויסגערופן ענדערונגען אין דער דייטשישער טאַקטיק. זיי האָבן אָפּגעשטעלט די דירעקטע אַטאַקעס און אָנגעהויבן אַ רעגולערע באַלאַגערונג פון געטאָ, אַרומגערינגלט די יידישע פעסטונג מיט אַ גרויסער קייט פון באַוואָפנטע דייטשישע אָפּטיילונגען, פאַרבלאָקירט די קאַנאַלן. די דייטשישע אַרטילעריע

---

[1] אַ גרויסע גוזמאָ

האָט גענומען באָמבאַרדירן דאָס געטאָ מיט אָנצינד=באָמ=
בעס. אַ ריי הייזער זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך פלאַ=
מען. בייגאַכט פלאקערט איבערן צפון=ראַיאָן פון דער
שטאָט אַ ריזיק פייער. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין משך
פון די זעקס טעג, וואָס זענען איצט אַדורך זינט דער דיי=
טשישער אַקציע קעגן דעם וואַרשעווער געטאָ, האָבן די יידן
זיך נישט אונטערגעגעבן און ווייזן אַרויס אַ דעצידירטן
ווילן פון ווייטערדיקער פאַרטיידיקונג און קאַמף, און עס
ווערט פאָרגעזען, אַז ער וועט דויערן אַ לענגערע צייט. —
די דאָזיקע יידיש=דייטשישע מלחמה האָט אַרויסגערופן
מיטלייד און באַוווּנדערונג מצד דעם אַרישן וואַרשע און
אַ קאָנסטערנאַציע אין די דייטשישע קרייזן, וועלכע האַלטן
— און מיט רעכט — די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין
וואַרשע, פאַר אַן אומגעווייגלעכער דייטשישער קאָמפּראָמי=
טאַציע. די כלומרשטע אַלצוויסנדיקע און אַלמעכטיקע גע=
סטאַפּאָ האָט נישט באַוויזן קעגנצווירקן אַזאַ אויסגעצייכנ=
טער ווידערשטאַנד= און קאַמף=צוגרייטונג פון דער יידישער
באַפעלקערונג אזוי ווייט, אַז די פאַראייניקטע כוחות פון
דער זשאַנדאַרמעריע, ס. ס. און ווערמאַכט זענען נישט גע=
ווען ביכולת, נישט געקוקט אויף די ביזאיצטיקע אַטאַקעס
במשך 6 טעג, גובר צו זיין דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד.

איינע פון די קאָנספּיראַטיווע טאָג=צייטונגען אין וואַר=
שע גיט איבער אינעם נומער פון 21=טן אַפּריל די פאָלגנ=
דיקע רעלאַציע פון אַן עד ראיה פון די יידיש=דייטשישע
קאַמפן:

„אין משך פון די צוויי מלחמות האָב איך אָנטייל גע=
נומען אין אַ סך שלאַכטן, אָבער קיין איינע פון זיי האָט
אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ אויפטרייסלענדיקן איינדרוק,
ווי די נעכטיקע. אונטער די פלאַמען פון צובושעוועטע שרי=
פות, ביים געקנאַל פון פעלד=האַרמאַטן און פון גראַנאַטן=
וואַרפער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דעכער, ביים
שטעפּעריי פון שווערע מאַשין=געווער האָבן זיך גערוקט פאָ=
רויס די דייטשישע סאַפּערן צום יידישן ווידערשטאַנד=נעסט,
כדי אונטערצולייגן אונטער אים אַ דינאַמיט=לאָדונג. מען
האָט אויך באַנוצט פייערוואַרפער. נאָך די דאָזיקע צוגריי=
טונגען איז אַרויס צום שטורעם די דייטשישע אינפאַנטעריע
און איז געוואָרן ביי יעדן פרוו צוריקגעשטויסן דורך די יידן.
בלויז אויף איין אָפּשניט האָב איך אָנגעציילט 15 דערהרגע=
טע און 138 פאַרוווּנדעטע דייטשן. די יידן פאַרמאָגן מאַ=
שין=ביקסן און אַ גרויסע צאָל גראַנאַטן. זיי פאַרטיידיקן
זיך פאַרביסן און דעצידירט. אויף די טאַנקן און [פאַנצער=]

אזויטאָס שיטן זיך פלעשער מיט בענזין. איך האָב געזען אַ ברענענדיקן דייטשישן טאַנק, פון וועלכן מען האָט אַרויסגעטראָגן די אָפּגעבריטע מאַנשאַפט“.

אויסנוצנדיק די בהלה, וואָס איז צוליב די קאַמפן אויסגעבראָכן אויף די געטאָ־פעריפעריעס, האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ אַ געוויסע צאָל ייִדן און זיך פאַרשטעקט אין די אַרישע ראַיאָנען. די דייטשן גרייטן אויף די נאָענטסטע טעג אַ ברייטע אַקציע פון זוכן און כאַפּן די דאָזיקע ייִדן. די דייטשישע מאַכט האָט פאַרעפנטלעכט אַ פאַראָרדענונג וועגן טויט־שטראָף אָדער קאָנצלאַגער נישט בלויז פאַר די אַריער, וואָס באַהאַלטן אויס ייִדן אָדער העלפן זיי דורך צושטעלן שפּייז, קאָמוניקאַציע־מיטלען וכדומה, נאָר אויך פאַר די, וואָס ווייסן וועגן די אויסבאַהאַלטענע ייִדן און גיבן נישט צו וויסן וועגן דעם די דייטשישע מאַכט־אָרגאַנען.

צ. א. פון אינערן־מינ., דעלעגאַטור־ארכ.
טעקע נ׳ 458, פראָ מעמאָריא פון „סאָבאָל“.[1]
איבערזעצט פון פויליש.

## 66. וואַרשע, דעם 26־טן אַפּריל 1943

## ידיעות פון דער פ.פ.ר.־אויסשפּירונג וועגן די קאַמפן אין געטאָ און די פאַרלוסטן פון די דייטשן[1]

1. דעם לעצטן דאָנערשטיק האָבן ייִדישע קאַמפס־דרוזשינעס געפּרוווט דעראָבערן דעם פּאַוויאַק. דער פּרוּוו איז נישט געלונגען. די קעמפער האָבן פאַרלוירן 20 מאַן.[2])

2. דעם לעצטן פרייטיק האָט די ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט“ אָנגעגעבן אַ קאָמוניקאַט וועגן די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ און אַן אַפּעל צו לאָנדאָן און מאָסקווע וועגן באָמבאַרדירן בערלין.[3])

---

1 קריפּטאָנים פון דעם רעגירונגס־דעלעגאַט יאַנקאָווסקי.
1 דאָס זענען ידיעות, וואָס דער אויסשפּיר־אָפּטייל פון פ.פ.ר. האָט זיך דערוווּסט פון דייטשישע קוועלן.
2 די דאָזיקע ידיעה, הגם זי האָט נישט קיין דעקונג פון ייִדישן צד, איז געווען עקשנותדיק קאָלפּאָרטירט אין דער פּויליש־ער אונטערערדישער פּרעסע, וועלכע האָט געשריבן אַזאַ גוזמא, אַז די ייִדן האָבן דעראָבערט די פּאַוויאַק־תּפיסה. דער ציטירטער דאָקומענט שטעלט פעסט, אַז עס זענען געווען פּרוּוון צו אַטאַקירן דעם פּאַוויאַק, אָבער זיי זענען דורכגעפאַלן.
3 זע דעם דאָק. נ׳ 58.

3. די דייטשישע פאַרלוסטן אין געטאָ אין משך פון די ערשטע צוויי טעג ווערן דורך די דייטשן אָפּגעשאַצט אויף 150 דערהרגעטע, ביז פרייטיק און חגא — 700 טויטע און פאַרוווּנדעטע. די ס. ס.־אָפּטיילונגען פון גראָכאָוו האָט געליטן אַ פאַרלוסט פון 70 מענטשן צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר.

4. אין דעם גרויסן דאָנערשטיק איז איבער וואַרשע געפלויגן אַ סאָוויעטישער אויסשפיר־אַעראָפּלאַן.

5. וואַסער איז אין געטאָ פאַראַן, טראָץ דער אויסשליסונג, אָבער מיט אַ שוואַכן דרוק (אין פּאַרטערס און אין קעלערס). דאָס געניטע אויסשליסן די וואַסער־לייטונג איז נישט מעגלעך געווען. דער עלעקטרישער שטראָם איז נישט אָפּגעשלאָסן. די דייטשן האָבן אויפגעריסן אַ ריי קאַנאַליזאַציע־אַרויסגענג, כדי נישט צו דערלאָזן צו דער קאָמוניקאַציע מיט דער אַרישער זייט. דאָס רופט אַרויס ריזיקע שאָדנס און קאַנאַליזאַציע־שוועריקייטן פאַר גאַנץ וואַרשע.

6. אין זשאָליבאָזש האָט מען קאָלפּאָרטירט אַ מאַשין־געשריבן פלוג־בלאַט: אַ באַגריסונג פאַר די פּאָליאַקן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט“.[4])

7. פרייטיק פאַרטאָג האָט מען אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה געבראַכט צופירן אַן אויטאָ מיט יידישע פרויען ס'רוב יונגע און איין מאַן. הינטער זיי איז געפאָרן אַן אויטאָ מיט ס.ס.־מענער. אין פּאָוואָנזעק[5] האָט מען טראַנספּאָרטירט יידישע פרויען מיט טראַמווייען. וווּהין, איז נישט באַוווּסט. היינט שטייט אויף דער ליניע אויף פּאָוואָנזעק אַ פראַכט־צוג. זיינע 16 וואַגאָנען זענען באַלאָדן מיט יידן. עס היטן זיי לעטישע ס. ס. די יידן בעטן זיך וואַסער. געוויסע פון זיי קויפן אונטער די וועכטער.

11. אין דער פירמע זאַמבראָווסקי האָבן ס. ס.־אָפּיצירן יענע וואָך באַשטעלט צוויי טויזנט קאָפּיעס פון דעם פּלאַן פונעם יידישן ראַיאָן.

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע אינסט.,
דריטע סעקציע, מאַטעריאַלן פון אויסשפיר
פון צ. ק. פּ. פּ. ר. נומ' 233, מעלדונג נומ' 41
איבערזעצט פון פויליש.

4 זע דעם דאָק. נ' 60.

5 אַ פאָרשטאָט אין דער צפון־זייט פון וואַרשע, נישט ווייט פונעם געטאָ.

67. וואַרשע, דעם 29־טן אַפּריל 1943

## שילדערונג פון די געטאָ־קאַמפן פון 19־טן ביזן 27־טן אַפּריל 1943 אין צענטראַלן אָרגאַן פון אַ. ק.

### וואַרשע

### די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ

מאָנטיק, דעם 19־טן ד. ח. האָט די דײַטשישע פּאָליצײַ, באַוואָפנט מיט האַנט־מאַשין־געווער, באַשטעלט ענג דאָס וואַרשעווער געטאָ. פּאַרטאָג זענען פון צוויי זײַטן, פון די נאַלעווקעס און סטאַווקעס אַרײַנגעפאָרן אויף אויטאָס עטלעכע הונדערט ס.ס.־מענער מיט דער אויפגאַבע צו ליקווידירן פולשטענדיק דאָס גרויסע געטאָ, וואָס ציילט אָפיציעל 40 טויזנט ייִדן און צוזאַמען מיט די נישטרעגיסטרירטע — קרוב 80 טויזנט.

ווען מען האָט אויף דער זײַטיקער ליניע אויף סטאַווקיגאַס אַוועקגעשטעלט דעם צוג, און די ס. ס.־מענער האָבן גענומען זאַמלען דעם ערשטן ייִדן־טראַנספּאָרט, זענען געפאַלן שאָסן און עס האָבן אויפגעריסן גראַנאַטן. די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן די פאַרטיידיקונג פונעם געטאָ. די לכתחילהדיקע אינדיווידועלע זעלבשוץ האָט זיך גענומען פאַרוואַנדלען אין אַן אָרגאַניזירטער זעלבשוץ.[1] עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ רעגולערער גאַסן־קאַמף, וואָס זײַן גרעסטע שפּאַנונג איז געווען אין דער נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק. עס זענען דערהרגעט געוואָרן אין קאַמף עטלעכע צענדליק דײַטשן, דערהויפּט ס. ס.־מענער, און אַ סך זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן, ביידע צדדים האָבן זיך באַנוצט מיט מאַשין־געווער, ביקסן, גראַנאַטן און פּיסטאָלעטן. די ייִדן האָבן דורכגעפירט עטלעכע אָנגריף־אַקציעס, און אין זייער רעזולטאַט זענען געווען דערהרגעטע מחוץ די געטאָמויערן. למשל אויפן ראָג פון די גאַסן באָניפראַטן און קאָנוויקטאָרסקע האָט מען אויסגעראָטן אַ פּאַטראָל פון דער דײַטשישער פּאָליצײַ אין באַשטאַנד פון 5 פּאָליצײַ־לײַט.[2]

---

[1] פאַקטיש איז געווען פאַרקערט: דער אָרגאַניזירטער קאָלעקטיווער ווידערשטאַנד האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון אינדיווידועלן ווידערשטאַנד.

[2] דאָס איז פאַקטיש געווען דער אָנגריף מצד דער אַ. ק.־גרופּע (זע דעם דאָק נ' 57). עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער

די קאַמפּן האָבן געדויערט במשך דינסטיק־מיטוואָך און דאָנערשטיק. די דייטשן, האַנדלענדיק [איצט] מער פאָרזיכטיק, האָבן אַריינגעפירט אינעם קאַמף אַ קליינע צאָל טאַנקן, פעלד־אַרטילעריע און קעגנפּאַנצער־האַרמאַטן און אפילו אָנגעווענדט אַ לופט־אָבסערוואַציע. דער ציל פון דער דייטשישער פּאָליציי איז געווען צו צעקלאַפּן די [יידישע] פאַרטיידיקער אויף לויזע גרופּן און לויזע ווידערשטאַנד־פּונקטן. די דייטשן האָבן אָנגעווענדט אין אַ גרויסער מאָס שריפות ווי אַ מיטל צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד. זיי האָבן אויסגעשלאָסן דעם וואַסער־צושטראָם צו די געטאָ־גאַסן. די יידן האָבן גענומען אונטערציגדן די רוישטאָף־ און סחורות־מאַגאַזינען, די פאַבריקן און גאַרבערייען און געלאָזט מיטן רויך דעם ריזיקן און פאַר די דייטשן ווערט־פולן אוצר, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט אין געטאָ. דאָס געטאָ איז איינגעהילט געוואָרן אין פלאַמען און רויך־כמאַרעס. די שריפות דויערן אָן איבעררייס ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער נאַכט פון 22־טן אויפן 23־טן פון דעם חודש האָט אַ גרופּע יידן געפּרוווט אַנטלויפן דורך דער גאַס וואָלנאָשטש.[3] דאָס פייער פון די דייטשישע האַנט־מאַשין־געווער האָט אוממעגלעך געמאַכט דאָס אַנטלויפן. בעת די קאַמפּן דעם 23־טן ד. ח. האָבן [די יידן] צעשטערט, לויט נישט־קאָנטראָלירטע ידיעות, עטלעכע דייטשישע טאַנקן. די צאָל דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע איז געשטיגן פילפאַכיק. אין אָוונט האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע אונטער אַ דייטשישן אויטאָ אויף פרעטאַ־גאַס.[4] עס זענען אומגעקומען עטלעכע ס. ס.־מענער און צוויי ציווילן.

שבת, דעם 24־טן ד. ח., האָט זיך די אָרגאַניזירטע קאָלעקטיווע זעלבשוץ איינגעבראָכן. עס פאַרטיידיקן זיך נאָך לויזע ווידערשטאַנד־גרופּן אין דער טיפעניש פונעם געטאָ.[5]

---

אָפיציעלער אָרגאַן פון אַ. ק. האָט נישט געוואָלט מודה זיין, אַז דאָס איז געווען אַן א. ק.־אַקציע, נאָר אַ יידישע. אַזוי ווייט איז געגאַנגען דאָס אָפיציעלע אָפּטרייסלען זיך פון אַ וועלכן נישט איז מגע ומשא מיט יידן! זע וועגן דעם — דעם דאָק. נ' 76 („מאָנטערס" בריוו).

3 ביי דער פעריפעריע פונעם געטאָ נישט ווייט פונעם בית עולם אויף אָקאָפּאָווע־געגנשע.

4 אויך דאָ וויל דער צענטראַלער אָרגאַן פון אַ. ק. נישט מודה זיין, אַז דאָס איז אַן אַקציע פון פּאָליאַקן און נאָך דערצו לינקע — די פאָלקס־גוואַרדיע (זע דעם דאָק. נ' 54).

5 נישט ריכטיק, וויל דעם 27־טן אַפּריל זענען פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכטן אין די צוויי גרענעץ־פּונקטן פון געטאָ: אויף לעשנאָ און מוראַנאָווער פּלאַץ.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צונויפצוזאַמלען די ייִדן אויפן אומשלאַג=פּלאַץ צו דערפּאָרטאַציעס.

דעם 25=טן, 26=טן, 27=טן ד. ח. זענען די קאַמף=ווידערקולן געווען שווערער. די שריפות בושעווען מיט אַ שטייגנדיקער קראַפט. די אַלץ=שווערערע געטאָ=פּאַרטיידיקונג דויערט נאָך אַלץ.

אַרכ. פון פּאַרטיי=געשיכטע אינסט.
דריטע סעקציע, „בולעטין אינפאָרמאַציני“
נ׳ 17 (172) פון 29=טן אַפּריל 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

68. וואַרשע, דעם 28־טן אַפּריל 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן די פאַרלוסטן פון די דייטשן

[...] אינעם גאַסן=קאַמף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם ייִדישן ווידערשטאַנד קאָן מען נישט ברעכן, אַז ער וועט אַלנפאַלס דויערן אין משך פון לאַנגע וואָכן. די פּאַרטיידיקער האָבן זיך באַריקאַדירט אין די הייזער און פאַרוואַנדלט זיי אין פעסטונגען פאַראייניקטע מיט אונטערערדישע קאַנאַלן. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט די קאַנאַלן אויך ווי מיט פאַרבינדונגס=וועגן. די דייטשן האָבן פאַרלאָרן אין משך פון צוויי טעג לערך 700 טויטע און פאַרוווּנדעטע, דעריבער האָבן זיי רעזיגנירט פון [אָפענעם] קאַמף און באַשלאָסן אויסצוראָטן די [געטאָ=] פּאַרטיידיקער מיט פייער. זיי האָבן אונטערגעצונדן דאָס געטאָ פון אַלע זייטן, באַוואָרפן מיט צינד=באָמבעס פון אַעראָפּלאַנען און זיך באַגרענעצט צו היטן די גרענעץ=מויערן.

„נאָווי דזשען“ נ׳ 551 פון 28=טן אַפּריל 1943
איבערזעצט פון פויליש.

69. וואַרשע, דעם 28-טן אַפּריל 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן פאַרניכטן דורך די ייִדן דייטשישע טאַנקען

פון געטאָ קומען אָן אַלץ נייע ידיעות וועגן דעם פאַרנעם פון דער בעסטיאַליטעט פון די היטלעריסטישע רוצחים. די ס. ס.=רוצחים צינדן אונטער גאַנצע הייזער=בלאָקן, כדי צו צווינגען די באַפעלקערונג, זי זאָל אַרויסגיין פון באַהעל=

מעניש. גלייך זונטיק איז אָפּגעשניטן געוואָרן דער צושטראָם פון וואַסער, גאַז און ליכט. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו לעשן. שרעקלעך איז דאָס אויסזען פון די מענטשן, וואָס קומען אַרויס פון די פלאַמען, אין אָפּגעברענטע מלבושים, מיט פאַרשוואַרצטע פּנימער. פרויען און קינדער, וואָס ווערן משוגע פון אויסמאַטערונג, הונגער, שרעק, ווערן געטריבן אויף די פּלעצער. דאָס זענען די טראָפּעען פון די היטלעריסטישע „זיגער“. דאָס זענען די, וואָס „גיבן זיך אונטער“. אונטערן פייער פון האַרמאַטן, אין אַ פרעסנדיקן רויך, אָן וואַסער און ברויט קעמפט די יידישע באַפעלקערונג ווייטער העלדיש. די יידישע קעמפער האָבן דערלאַנגט די דייטשן גרויסע קלעפּ. זיי האָבן פאַרברענט מיליטערישע און פאַבריק-מאַגאַזינען אין געטאָ. זיי האָבן אויך אונטערגעצונדן דעם היטלעריסטישן אוצר, דעם א. ג. „ווערטערפאַסונג“, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס האָב און גוטס, וואָס מען האָט צוגערויבט ביי די יידן. אויף די געטאָ-גאַסן האָבן [די יידישע קעמפער] פאַרניכטעט עטלעכע טאַנקען.

„גלאָס וואַרשאַווי“
נ' 21 (30) פון 28-טן אפּריל 943-.
איבערזעצט פון פויליש.

### 70. ווארשע„ געטאָ, און „ארישע“ זייט, 8—10 מאי 1943

## שילדערונג פון דעם אַרויסגיין דורך די קאַנאַלן פון דעם ברענענדיקן געטאָ [1]

### דער קאַנאַל

נאָכן פאַרלאָזן דעם בונקער אין זאַקלאַד[2], האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט ביי די מיסט-פירער, פראַנציסקאַנער 22. ווי אַ קרעט דאַרף מען זיך גראָבן דורך דער ערד צום בונקער. דער בונקער איז ערגער איינגעאָרדנט ווי אין זאַקלאַד. ס'איז שרעקלעך שמוציק און דושנע. אַ צונויפקלויב פון פאַרשידענע טיפּן מענטשן: שמוגלער, פורמאַנעס, אונטער-

---

[1] דעם 10-טן מאי איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך דער פאָלקס-גוואַרדיע די צווייטע גרופּע געטאָ-קעמפער (פון זשאָב) דורך די קאַנאַלן.

[2] נאָכן קאַמף מיט דייטשן דעם 1—3-טן מאי אינעם בונקער פון דער באַזאָרג-אַנשטאַלט (זאַקלאַד זאַאָפּאַטשעניאַ).

וועלט און מיטלשטאַנד. דער קאָמענדאַנט פון בונקער, גזשענדאַ, איז נישט קיין שלעכטער בחור. דער בונקער האָט אַ גרויסע מעלה — אַ פאַרבינדונג מיט די שטאָטישע קאַנאַליזאַציע=קאַנאַלן. דער בונקער פאַרמאָגט 5 צימערן. אין ערשטן צימער, ווו ס'געפינט זיך דער ברונעם, מיט דער אוביקאַציע און אין דעם צווייטן — איז איינקוואַטערירט די אַריסטאָקראַציע פון די מיסט=פירער. אין צוויי צימערן ביים קאַנאַל — די נידעריקערע טיילן פון די מיסט=פירער. מיר, ביז 50 חברים פון דער יידישער קאַמפס=אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין ערשטן און אין צווייטן צימער ביים איינגאַנג. הונגער, שמוץ, און דאָס פעלן לופט צום אָטעמען האָט קאָלאָסאַל געווירקט אויף אונדזער פיזישן צושטאַנד. הגם פיזיש אָפּגעשוואַכט, זענען מיר גייסטיק געווען געשטאָלט אין אונדזער גלויבן. נאַכט ביי נאַכט שפּאַנען „זשאָב"[3]=פּאַטראָלן צווישן חורבות און ברענענדיקע הייזער זוכנדיק וועגן אַרויסצובאַקומען זיך פון ברענענדיקן גיהנום. פון צייט צו צייט אַ צוזאַמענשטויס, אַ שיסעריי. מיר שפּאַנען ווייטער. אויף אונדזער דאָרנדיקן וועג, וואָס איז מיט מתים געפּלאַסטערט, טרעפן מיר מענטשן מיט אויסגעלאָשענע אויגן, ביים פייער פון די ברענענדיקע הייזער [קאָכן זיי] אַביסל עסן. העלפט, בעטן זיי מיט אַ צעבראָכענער שטימע — אַביסל פּראָדוקטן, אַ ליכט, אַ פּודעלקע זאַפּאַלקעס, אָרדנט אונדז איין אין אַ בונקער. — מיר קומען אַנטקעגן זייערע פאַרלאַנגען לויט אונדזערע מעגלעכקייטן.

אין אַ פינצטערן אָוונט פּאַטראָלירנדיק אונדזער געגנט דערהערן מיר אַ פאַרדעכטיק גערויש. בליץ שנעל פאַרנעמען מיר אַ פּאָזיציע האַלטנדיק די מאַשינען גרייט צום קאַמף. דער גערויש ווערט דייטלעכער און דערנענטערט זיך אין אונדזער ריכטונג. מיר זעען שוין שאָטנס, וואָס גייען אין אַ מיליטערישער אָרדנונג. מיר הויבן זיך אָן פאַרטראַכטן ווער קען דאָס זיין. יידן? גייען נישט ביינאַכט אין אַזאַ גרויסער צאָל. ס'איז העכסט וואַרשיינלעך דייטשן. כ'נעם אַ גראַנאַט אין דער רעכטער האַנט און פרעג, ווער גייט. שטיין בלייבן. — יעלען,[4] דאָס זענען מיר. ווייסט אוים אייגענע. פּאַראָל! די גרופּע ענטפערט דעם זשאָב=פּאַראָל. זאָלן צוויי קומען נעענטער. ס'דערנענטערן זיך צו אונדז צוויי חברים. וואָס האָט פּאַסירט? דער בונקער אויף מילע 18 איז פאַרגאַזעוועט געוואָרן דורך דייטשן. די גרעסטע טייל זענען

3 זשאָב — ייד. ק"אָרג.
4 העריש, בערלינסקי.

טויט. אַט דאָס ביסל איז געבליבן. פינצטער איז אונדז געוואָרן פאַר די אויגן, אָנקוקנדיק די חברים צעשעדיקטע און פאַרבלוטיקטע פון גראַנאַטן־שפּליטער, אויסגעקרימטע פּנימער פון גאז, צעריסענע מלבושים, לעבעדיקע מתים. מיר האָבן די חברים איינגעאָרדנט אין אונדזער בונקער, באַנדאַזשירט די וווּנדן און געגעבן עסן. באַלד דערנענטערט זיך אַ צווייטע גרופּע. צוויי פון פראָנט אַלס אויסשפּירער. זיי גייען גלייך אויף אונדזער וואַך־פּאָסטן. מיר לאָזן זיי צו אויף אַ מהלך פון 5 מעטער, און שפּרינגען אַרויס פון אונדזער פאַרמאַסקירונג. ע, חברה, איר זענט נישט פאָרזיכטיק. די צוויי חברים פאַרטיידיקן זיך. סאיז פינצטער, עס איז שווער צו באַמערקן. זיי מעלדן דאָס מערדעקס[5] גרופּע קומט אָן. די חברים דערציילן דאָס ביינאַכט דעם 7־טן האָט די גרופּע געדאַרפט אַרויס דורכן קאַנאַל מילע 69 צו לובעצקאַ און וואָלינסקאַ, איז זי אַ גאַנצע נאַכט באַשאָסן געוואָרן דורך דייטשן פון מאַשין־געווער און ס'איז געווען נישט מעגלעך זיך אַדורכצורייסן. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אין די חורבות, היינט אָוונט, ווען מיר זענען צוגעקומען צו מילע 69 צום בונקער, איז דער בונקער צעשטערט און דער אַריינגאַנג צום קאַנאַל פאַרשיט. יידן, וואָס מיר האָבן דאָרט אָנגעטראָפן, האָבן איבערגעגעבן דאָס אַ יידישער קאַפּוש האָט היינט אויסגעגעבן דעם בונקער. אויף צוריקוועגס האָבן מיר געטראָפן אויפן חורבן פון מילע 18, ביינאַכט גיבן מיר איבער איינצלהייטן פון מילע 18.

די זעלבע נאַכט, דעם 18־טן מאַי שיקן מיר אַ געמישטע גרופּע מיט פּאַוולען[6] אַלס קאָמענדאַנט דורכן קאַנאַל טלאָמאַצקע 5. יעדער פון דער גרופּע באַקומט צו צוויי טויזנט זל., אַדרעסן און טעלעפאָנען. מיט דער גרופּע גייען מיט צוויי חברים אָבסערוואַטאָרן, וואָס דאַרפן זיך צוריקקערן און אָפּגעבן אַ באַריכט פון דער אַקציע. מיט שפּאַנונג וואַרטן מיר אויף די רעזולטאַטן פון דער אַקציע. די אָבסערוואַטאָרן קומען צוריק און גיבן איבער: די גרופּע איז אַרויס אויף טלאָמאַצקע. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף פייערלעשער, מיר האָבן געהערט געשפּרעכן און דאַן איינצעלנע שאָסן, די גרופּע איז זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, די קלאַפּע איז געבליבן אָפן. דעם צווייטן אָוונט האָבן מיר געשיקט אַ צווייטע גרופּע דורך טלאָמאַצקע. די גרופּע איז צוריקגעקומען און איבערגעגעבן: מיר

[5] מרדכי גראָוואס, פון השומר הצעיר.
[6] אהרן בריסקין, פון פּ. פּ. ר.

האָבן געפּרוווט עפענען די קלאַפּע, האָבן מיר געהערט דייטשע שטימען און די קלאַפּע איז באַשאָסן געוואָרן דורך מאַשין־פּיסטאָלעטן.

מיר שטעלן צונויף אַ דריטע גרופּע און שיקן אין קאַנאַל זוכן אַ פרישן וועג, כדי זיך אַרויסצובאַקומען. קיין אַנדערער אויסוועג איז נישט דאָ. עס דויערט אַ געוויסע צייט און די גרופּע קומט צוריק מיט אַ פריילעכע בשורה אויף די ליפּן: „מיר האָבן געטראָפן אין די קאַנאַלן אונדזערע חברים פון דער אַרישער זייט מיט קאַנאַליזאַטאָרן, זיי וואַרטן אויף אונדז.[7] מיר מוזן שוין גיין ס׳איז דאָ אַ וועג זיך ארויסצובאקומען“. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער דראמאַטישער אַקט.

ביים אַריינשפּרינגען אין קאַנאַל האָט זיך איינגעבראָכן טאָסיע[8] זי איז פאַרווונדעט אין קאָפּ. זי בעט: לאָזט מיך איבער, איך קאָן נישט, כ׳וועל נישט אויסהאַלטן! — זי באַקומט פון מיר אַ שטרענגע אויפפאָדערונג, זי באַקומט צוריק די גלייכגעוויכט און האַלט זיך שפּעטער נישט שלעכט. ערגער איז געווען מיט מיכאַלן[9] און יהודהן.[10] פאַרסשאַדעט פון גאַז, דערשעפּט פיזיש לייגן זיי זיך אַלע מאָל אין שטינקנדיקן וואַסער. זיי בעטן: לאָזט אונדז איבער, מיר וועלן דאָ שטאַרבן, מיר ווילן אייך נישט שטערן דעם וועג. — אייערע ווערטער ווערן נישט גענומען אין באַטראַכט ווי לאַנג דאָס האַרץ קלאַפּט ביי אייך מוזט איר גיין. אַפּעלירט נישט צו אונדזער געוויסן. ס׳וועט אייך גאָרנישט העלפן. קיין אַנדערן אויסוועג האָבן מיר נישט. טראָגן אָדער פירן אייך קען מען נישט צוליב דעם געבוי פון די קאַנאַלן, איבערלאָזן אייך הייסט טויט, פאָרויס, חברים, מיט די לעצטע כוחות, פאָרויס, נישט פאַלן פון מוט און אויך איר וועט דעם ציל דערגרייכן. 6 קאָסטקעס צוקער, וואָס כ׳האָב גענומען צו מיר אין קעשענע, האָבן געראַטעוועט די 2 חברים. נאָר מענטשן מיט אייזערנע הערצער און שטאָלענעם ווילן האָבן געקענט ווירקן דאָס מ׳זאָל יענעם אונטערהאַלטן און אַליין

[7] דאָס איז געווען דער יידישער פאַרבינדלער „קאַזשיק“, ראָטהייזער מיט די צוויי פּוילישע קאַנאַל־פירער.

[8] אַלטמאַן, זי איז געווען פאַרגאַזט אויף מילע 18 און איז ניצול געוואָרן.

[9] רויזענפעלד, דער פּ. פּ. ר.־פאָרשטייער אין שטאַב פון דער ייד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איז אויך געווען פאַרגאַזט אויף מילע 18.

[10] ווענגראָווער, פון השומר הצעיר, אויך פאַרגאַזט אויף מילע 18.

זיך נישט איינגעבראָכן. ביז אַ פּופּציק באַיאָוועס זענען מיר געווען אין קאַנאַל, ביז איבער די קני אין שמוציקן וואַסער, מיט ליכט אין די הענט, איינגעבויגן אין דרייען, אויסגעשמירט זענען מיר געווען פון טינעף, זענען מיר געקראָכן פון גרויסע קאַנאַלן אין מיטעלע, פון מיטעלע אין קליינע, פון צייט צו צייט אָן אָפּרו, מיר זיצן ביזן ברוסטקאַסטן אין וואַסער, „אָפּגערוט, אויסגעבאָדן" אין שמוץ און טינעף, מיר קריכן ווייטער, און אַזוי האָט עס זיך געצויגן אָן אַ סוף און אָן אַן עק. יעדע מינוט — אַ שעה, יעדע שעה — אַ טאָג, יעדער טאָג — אַ יאָר, ביז מיר זענען דערקראָכן צום וולאַז.[11] מיר וואַרטן. ביינאַכט קומען די באַפרייער און ברענגען אַ קעסעלע זופּ. יעדער באַקומט עטלעכע לעפל עסן. פון 5 — 6 דאַרפט איר זיין גרייט, ווערט אונדז געמאָלדן. ס'וועט קומען אַן אויטאָ און איר פאָרט אין וואַלד. מיר וואַרטן אומגעדולדיק. דער זייגער ווייזט שוין מיט מזל 5, 5,30 און פּלוצים אין גאַס א שיסעריי. ס'איז 7, ס'איז שוין 8 אַזייגער, ניט דאָ קיין פויגל. די חברה בונטעווען זיך, אַרויס אין גאַס! — הערן זיך שטימען. 30 שעה קריכן מיר און שטייען אין טינויפעס. מיר ווילן אומקומען דאָ אין קאַנאַל. אַרויס אין גאַס און אָנהויבן דעם קאַמף! די אָנפירונג איז געווען איבערצייגט, דאָס אַרויס אין גאַס ביי טאָג אַליין הייסט 100% טויט פאַר אַלע. דער פיזישער צושטאַנד פון די חברים איז אַזוי שרעקלער, דאָס די גרעסטע טייל וועט נישט קאָנען קעמפן. די אָנפירונג האָט באַשלאָסן איבערצושיקן אַ טייל חברים אין אַ צווייטן וולאַז און איבערוואַרטן ביזן אָוונט. און אָוונט אַרויס פון קאַנאַל און אונטער די פליגל פון דער נאַכט דורכרייסן זיך דורך וואַרשע. נאָכן איבערשיקן אַ טייל חברים אין אַ צווייטן וולאַז, איז געקומען דאָס גליק און גלייכצייטיק דאָס אומגליק (דאָס גליק וואָס אַ טייל חברים זענען אַרויס פון קאַנאַל און ווייטער פאָרגעזעצט דעם קאַמף. דער אומגליק — דורכן אַרויס פון אַ טייל חברים איז דער וולאַז באַקאַנט געוואָרן דער זשאַנדאַרמעריע און די אַנדערע טייל האָט נישט געקענט אַרויס און איז אומגעקומען).

פּלוצים דערהערן מיר אַ קלאַפּ אין דער קלאַפּע. מיר רעכענען: דייטשן, מיר ציען זיך צוריק און גרייטן דאָס געווער. די קלאַפּע עפנט זיך און מיר הערן אַ געשריי: אַרויס! ס'איז דאָ אַן אויטאָ, מיר הייבן אָן אַרויסצוקריכן. די גאַס פון פּראָסטע איז באַשטעלט פון פּ. פּ. ר. און עט־

[11] אַרויסגאַנג.

לעבע חברים פון זשאָב, דער שאָפער ווערט געהאַלטן אונטער געווער. הונדערטער מענטשן קוקן מיט פאַרווונדערונג דורך די פענצטער און פאַרמאַכטע טויערן וועגן די געוואַגטקייט פון די יידישע קעמפער. מיר, עטלעכע דרייסיק חברים, זיצן אויף דעם אויטאָ. פון דער ווייטנס זעען מיר אויס ווי אַ קופּע מיסט. צוליב אָביעקטיווע סיבות מוז דער אויטאָ אָפּפאָרן און קען נישט וואַרטן אויף די איבעריקע חברים. נישט דאָ קיין אויסוועג, אָדער מיר וואַרטן און אַלע גייען פאַרלוירן, אָדער מ'רייסט אַרויס דעם טייל פון אונטער די נעגל פון טויט. קשאַק[12] גיט אַ באַפעל און דער אויטאָ רירט פון אָרט.

הערש בערלינסקי: זכרונות.
אַרכ. פון ייד. נאַצ. קאָמ.

71. וואַרשע, דעם 11־טן מאַי 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן נייע קאַמפן פון בונקער־גרופּן אין געטאָ

געטאָ. די ליקווידאַציע דויערט ווייטער. עס ווערן פאַרברענט די לעצטע הייזער. לעצטנס האָבן [די דייטשן] אָנגעטראָפן אויף עטלעכע קעלערס מיט אויסבאַהאַלטענע יידן, וועלכע האָבן גענומען שטעלן אַ ווידערשטאַנד. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ שלאַכט. די דייטשן האָבן באַנוצט קעגנפאַנצער־האַרמאַטלעך.

פון קראָקע איז געקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויסצופאָרשן, פון וואַנען די יידן האָבן באַקומען געווער.

אַרכ. פון פאַרטיי־געשיכטע אינסט.
דריטע סעקציע. דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן,
ראַפּאָרט פון אינערן־דעפּאַרטאַמענט נ' 156.
איבערזעצט פון פויליש.

12 קזשאַטשעק — וולאַדיסלאַוו גאַיק, אַן אָפיציר פון פאָלקס־גוואַרדיע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע פון אַרויספירן די געטאָ־קעמפער דורך די קאַנאַלן פון געטאָ.

72. וואַרשע, דעם 11־טן מאַי 1943

## נייער ס.אָ.ס.־רוף קיין אויסלאַנד וועגן הילף

פאַר זיגעלבוים און שוואַרצבאַרד.

דער העראָישער קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ האָט נאָך עטלעכע ווידערשטאַנד־פונקטן. די גרעסטע מסירת נפש און העלדישקייט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. עס איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט קלעפּיש, אַ מיטגליד פון בונד, איינער פון די זיילן פונעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, די אכזריות פון די דייטשן איז גרויליק. אַ סך יידן פאַרברענט לעבעדיקערהייט. טויזנטער דערשאָסן אָדער דעפּאָרטירט אין לאַגערן. דערשאָסן דאָס פּרעזידיום פון דער גמינע[1]: ליכטענבוים, וויעליקאָווסקי, שטאָלצמאַן, שערעשעווסקי סטאַניסלאַוו. עס זענען נאָך אין געטאָ געבליבן עטלעכע טויזנט אונטער דער ערד און אין די שאָפּן. די שאָפּן ווערן ליקווידירט ביי אַ פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד, און קודם כל די בונקערס.

די דייטשן צינדן אונטער לויט דער ריי די הייזערבלאָקן, רייסן אויף מיט מינעס, באָמבאַרדירן. מעכטיקע דעטאָנאַציעס און שריפות. דאָס געטאָ איז ווייטער אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמעריע, די קאַנאַל־אַרויסגענג אויך. די פליטים פון דעם געטאָ־גיהנום ווערן געכאַפּט און דערשאָסן אויפן אָרט. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז ווייטער פאַראַן אין געטאָ. די עפּאָפּעע פון זיין העלדישקייט דערנענטערט זיך צום סוף. די פאַרבליבענע יידישע צענטערס אין דער פּראָווינץ זענען אויך אין פולשטענדיקער ליקווידאַציע. און די וועלט פון פרייהייט און גערעכטיקייט שווייגט און טוט גאָרנישט! שטוינענדיק! די דאָזיקע דעפּעשע איז די דריטע אין די לעצטע צוויי וואָכן. דעפּעשירט תיכף, וואָס האָט איר אויפגעטאָן. מיר דערוואַרטן פינאַנסיעלע הילף פאַר די רעשטלעך, וואָס ראַטעווען זיך.

פאַר צ. ק. פון דער באַוועגונג
פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן —
בערעזאָווסקי
פאַר ייד. נאַצ. קאָמ. — באָראָווסקי

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע אינסט.
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן דעפּעשע נ׳ 90.
איבערזעצט פון פּויליש.

---

1 פונעם יודענראַט.

73. װאַרשע, דעם 13־טן מאַי 1943

## אינפֿאָרמאַציע װעגן 24 טעג קאַמף אין װאַרשעװער געטאָ און דײַטשישע גיפֿט־גאַזן

װ אַ ר ש ע. דער װידערשטאַנד פֿון די ײִדן אין װאַרשעװער געטאָ האָט זיך נאָך אינגאַנצן נישט אײַנגעלאָשן. אין דער װאָך, װעגן װעלכער מיר באַריכטן דאָ, האָבן די דײַטשן אונטערגעצונדן די צפֿון־זײַט פֿון לעשנאָ, דערבײַ איז באַשעדיקט געװאָרן די קירך פֿון דער הײליקער בתולה מאַריע. נאַכט בײַ נאַכט הערט מען שיסערײַען. לױט אַ זיכערער ידיעה האָבן דעם 9־טן מאַי די דײַטשן באַנוצט גיפֿט־גאַז בײַם ליקװידירן די ײִדישע קעמפֿער, װאָס האָבן זיך געפֿונען אין אַ באַפֿעסטיקטער אונטערערד פֿון אַ הױז. די מיטגלידער פֿונעם פּרעזידיום פֿון יודענראַט, װעלכע זענען געהאַלטן געװאָרן פֿון ערשטן טאָג פֿון דער געטאָ־ליקװידאַציע אינעם אַרעסט אױף זשעלאַזנע 103, זענען דערשאָסן געװאָרן.

ביזן מאָמענט, װען מיר שרײַבן די דאָזיקע װערטער, דױערט שױן דער געטאָ־װידערשטאַנד 24 טעג.

ארכ. פֿון פּאַרטײ־געשיכטע אינסט.
דריטע סעקציע. „בולעטין אינפֿאָרמאַציני“
נ׳ 19 (174) פֿון 13־טן מאַי 1943.
איבערזעצט פֿון פּויליש.

74. װאַרשע, דעם 14־טן מאַי 1943

## אַ פּױלישע אונטערערדישע דעמאָקראַטישע צײַטונג װעגן דעם אױפֿרוף פֿון גובערנאַטאָר פֿישער [1]

### דער צביעותדיקער אױפֿרוף פֿון גובערנאַטאָר פֿישער

הײַנט האָט זיך באַװיזן אױף די װאַרשעװער גאַסן אַן אױפֿרוף פֿונעם גובערנאַטאָר פֿישער, װעלכער באַמיט זיך מיט דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר די דײַטשישע מושלים

---

1 נאָכן אָנפֿאַל פֿון דער סאָװיעטישער אַװיאַציע, אין דער נאַכט פֿון 13־טן אױפֿן 14־טן מאַי, האָט דער היטלערישער גובערנאַטאָר פֿון װאַרשע, ד״ר לודװיג פֿישער (פֿאַרמשפּט און אױפֿגעהאָנגען אין װאַרשע נאָך דער באַפֿרײַונג) אַרױסגעלאָזט אַן אױפֿרוף צו דער פּױלישער באַפֿעלקערונג מיט אַ װאָרענונג קעגן העלפֿן די „ײִדיש־באָלשעװיסטישע באַנדיטן“ און מיט אַ רוף מיטצואַרבעטן מיט די דײַטשן בײַם כאַפּן און באַקעמפֿן ײִדן און קאָמוניסטן.

טעמפּקייט צו געווינען די פּוילישע באַפעלקערונג פאַר די דייטשישע צילן, אַריינגעמענגדיק דעם גאַנצן אַנטשלאָסענעם קאַמף פון דער פּוילישער אונטערערד אונטערן באַגריף פון אַן אַנטימלוכהש־קאָמוניסטישער אַקציע. אייגנציייטיק באַמיט ער זיך פאָרצושטעלן די פאַרניכטונג פון דעם יידישן ראַיאָן ווי אַן אַקט פון גערעכטיקייט לטובת... דער פּוילישער באַ־פעלקערונג און ווי אַ נקמה־אַקט פאַרן אויסמאָרדן די פּוי־לישע אָפיצירן אין קאַטין. וואָרעם לויט דער מיינונג פון גובערנאַטאָר פישער איז דאָס געטאָ געווען אַ נעסט פון קאָ־מוניזם. צום סוף רופט פישער די פּאָליאַקן צו אַ צוזאַמענ־אַרבעט אין קאַמף קעגן די קאָמוניסטן, ברענגענדיק אַלס אַרגומענט, וואָס דאַרף וועקן „צו מעשים“ — דעם לעצטן סאָוויעטישן לופט־אָנפאַל.

אַ שאָד צייט און פּאַפּיר, פּאַניע פישער!

„נאָווי דזשען“ נ׳ 564 פון 14־טן מאי 1943.
איבערזעצט פון פּויליש.

75. ווארשע, דעם 16־טן מאי 1943

## פונק־דעפּעשע פון פּאַוועל פינדער צו געאָרגי דימיטראָוו וועגן די קאמפן אין ווארשעווער געטאָ

פון פּוילן.

צ ו  ד י מ י ט ר אָ ו ו.

די קאַמפן אויפן שטח פון וואַרשעווער געטאָ זענען שוואַכער געוואָרן, אָבער זיי דויערן שוין די פערטע וואָך. נעכטן האָבן די דייטשן ווידער געוואָרפן אויפרייס־ און צינד־באָמבעס. עס בושעווען שטאַרקע שריפות. די צאָל דערהרגע־טע דייטשן באַטרעפט מער ווי טויזנט. 500 באַוואָפנטע יידן האָבן זיך דורכגעריסן מיט אונדזער הילף און זענען אַוועק אין די וועלדער.

פינדער

אַרכ. פון פאַרטיי־געשיכטע אינסט.
פּוילישע קאָמוניסטן־מאַטעריאַלן.
איבערזעצט פון רוסיש.

76. וואַרשע, דעם 25־טן מאי 1943

## פּאָליציייִשע מעלדונג וועגן אומקום פון יידישע קעמפער אויף דער גאַס פון 11־טן נאָוועמבער 10

מעלדונג פון ליטער פון 14־טן קאָמיסאַריאַט פון דער פּוילישער פּאָליציי.

אינעם הויז 10 אויף דער גאַס פון 11־טן נאָוועמבער איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. מען האָט דאָרטן געפונען צוויי טויטע קערפּערס פון יידן. איין טויטן קערפּער פון אַ יידישקע און איין שוועראָפּגעברייטן. זיי האָבן געוווינט אויף דער גאַס פון 11־טן נאָוועמבער. די נעמען האָט מען נישט פעסטגעשטעלט.[1] די מעלדונג האָט איבערגעגעבן דער פּלוטאָנאָווי סטריעווסקי פּעליקס נ. 3253.

ליטער פון קאָמיסאַריאַט, קאַפּיטאַן ז. גראַבאָווסקי

צ. א. פון אינערן־מיניסטעריום, אַמטלעכע קאָרעספּאָנדענץ פון דער פּוילישער פּאָליציי אין פּראַגע. ז׳ 18.

איבערזעצט פון פּויליש.

77. וואשינגטאָן, דער 25־טן יאַנואַר 1958

## בריוו פון געוועזענעם קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער א. ק. אין שייכות מיטן געטאָ־אויפשטאַנד

צום הער פּראָפעסאָר ב. מאַרק
וואַרשע.

זייער חשובער הער פּראָפעסאָר!

איך וועל זיך באַמיען צו ענטפערן אויפן בריוו פון 30 דעצעמבער 1957 (נ׳ 2009). איך האָב געשריבן וועגן געוויסע אָנגאַבן קיין לאָנדאָן, ווייל נישט אַלץ געדענקט זיך, אָבער היות דאָס פאַרציט זיך, שרייב איך איצט אַזוי, ווי דער

---

[1] דאָס זענען געווען די געטאָ־קעמפער טאָסיע אַלטמאַן און אירע חברים, וועלכע זענען פאַרבליבן פאַרגאַזעווען דעם בונקער אויף מילע 18, אַרויסגעפירט געוואָרן דורך דער פאָלקס־גוואַרדיע דורך די קאַנאַלן דעם 10־טן מאי (זע דאָק. 69). זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם הויז אויף דער גאַס פון 11־טן נאָוועמבער אין פּראַגע.

דאָזיקער עפּיזאָד טויכט אויף אין מיין זכרון רעטראָ=
ספּעקטיוו.

1. דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז געווען צוגעגרייט
דורך דער יידישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע מיט אונדזער באַ=
שיידענער מאַטעריעלער הילף און מיט דער פּולער — לויט
די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען — הילף אין זין פון טאַק=
טישן געדאַנק, אויסגוצנדיק די קאָנטאַקטן מיט „אַנטעקן".
מיט „אַנטעקן" פלעגט זיך טרעפן דער דיפּלאָמירטער מאַ=
יאָר „כירורג" (סטאַניסלאַוו וועבער), דער שעף פונעם
געגנט=שטאַב, וועלכער האָט געגעבן אייגענע לאָקאַלן, וועגן
וועלכע איך האָב אפילו נישט געוווסט. ער פלעגט טריי אי=
בערגעבן אַלע מיינע אינסטרוקציעס בנוגע די צוגרייטונגען
צום קאַמף. וועגן דעם מאָמענט גופא פון דעם קאַמף=אויס=
ברוך האָט מען אונדז נישט געגעבן צו וויסן.

2. נאָכדעם ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַמפן אין
געטאָ איז מיין גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ געגאַנגען דורך „וואַצ=
לאַוון". איך פלעג אונטערשרייבן די קורצע בריוו מיטן פּסיי=
דאָנים „קאָנאַר". דער לעצטער בריוו איז מודיע געווען, אַז
דעם 23=טן אַפּריל וועט מצד אונדז זיין דער טאָג פון גרעסטן
קאַמפּס=אָנשטרענג.

3. מיר האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אינעם קאַמף
פון דעם ערשטן טאָג אָן. דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען
אַ זיצונג (אויף מאַרשאַלקאָווסקע 12), וווּ „בור"[1], וועלכער
האָט פאַרטראָטן „גראָטן" אין דעם לעצטנס אָפּוועזנהייט,
האָט מיך נישט דרייסט אַ פרעג געטאָן, צי מיר וואָלטן נישט
געקאָנט געבן אַ וועלכע ס'איז הילף דער יידישער קאַמפּס=
אָרגאַניזאַציע. עס זענען אויך געווען אַנוועזנדיק: „גזשע=
גאָזש" (פּעלטשינסקי) און „ניל" (פילדאָרף). איך האָב גע=
ענטפערט, אַז איך בין גרייט אַרויסצוטרעטן אַקטיוו שוין
מאָרגן, ווייל אַלץ איז צוגעגרייט. עס וועלן ווערן באַנוצט
דיווערסיע=אָפּטיילונגען פון [וואַרשעווער] געביט אונטער דער
אָנפירונג פון „כוכראָ"[2] — אַ סאַפּערן=מאַיאָר. אויף דער
דאָזיקער אינסטרוקטיווער זיצונג מיט „בורן" האָב איך גע=
מאַכט באַקאַנט די אָנוועזנדיקע מיטן פלאַן פון קאַמפּס=
הילף (אַן אָפּציונגס=אַקציע לטובת דעם געטאָ), וואָס האָט
אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, ווייל זיי האָבן זיך

[1] גענעראַל טאַדעוש קאָמאַראָווסקי, אַ מענטש פון רעאַקציאָ=
נערן, אַנטיסעמיטישן לאַגער.

[2] יעזשי לעווינסקי, אָנפירער פונעם דיווערסיע=אָפּטייל פון
אַ. ק.=שטאַב.

גיכער געראכט אויף אַן אָפּזאָג, איידער אויף אונדזער אַנגאַזשירן זיך אינעם קאַמף.

4. דער פּלאַן איז געווען אַ פּשוטער: אויפרייסן די געטאָ-מויערן, כדי צו פאַרלייכטערן דאָס אַנטלויפן פון די, וואָס ווילן און זענען דערצו פעיק. צוליב דעם מאַכן עטלעכע דורכרייסן אין מויער פון דער זייט פון פאָוואָנזעק און די סטאַווקעס פאַר אַ באַוועגונג אין דער ריכטונג פון קאַמפּינאָסער פּושטשע. כדי אָפּצונאַרן די דייטשן — אַטאַקירן זיי פריער אויפן גאַנצן שטח פון די מויערן, וואָס רינגלען אַרום דאָס געטאָ. די, וואָס זענען נישט פעיק צו מאַרשירן און ווילן זיך ראַטעווען, אַרויספירן דורך די קאַנאַלן.[3]

5. די אַקציע האָט געדויערט במשך דער גאַנצער וואָך ערב פּסחא, דערפאַר האָבן די גרעסטע ענערגיע אַרויסגעוויזן די גרופּן (יעדע איינע אין דער צאָל פון אַ צוגעקליבענעם פּלוטאָן) פון דער זייט פון בית-עולם, פון דער פראַנציסקאַנער און סטאַווקי. איך בין יעדן טאָג געווען אויף איינעם פון די דאָזיקע אָפּשניטן און די אויספירער האָבן וועגן דעם געוווסט.

6. איך בין נישט ביכולת צו זאָגן, אין וועלכער מאָס אונדזער הילף האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך דורכצורייסן ראַקאָווערס גרופּע (300 מענטשן)[4].

7. איך רעד דאָ נישט וועגן אָרגאַניזירן די פאַרזיכערונג און וועגן איינאָרדענען די מענטשן נאָכן אַנטלויפן. די דאָזיקע אַרבעט האָט אונדז פאַרנומען די גרעסטע צייט. עס איז שוין נישט כדאי אויסצורעכענען די איינצלהייטן, זיי האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן.

8. די פאַמיליע-נעמען פון די גרופּן-קאָמאַנדירן און די אומגעקומענע זעלנער בין איך שוין היינט נישט בכח אָנצוגעבן.

9. די פּרעסע פון א.ק. האָט נישט דערמאָנט די דאָזיקע אַקציעס מחמת לגמרי פאַרשטענדלעכע טעמים. סיי די געזעלשאַפט, סיי די דייטשן האָבן געוווסט, ווער עס איז אין וואַרשע פעיק צו אַזעלכע אויפטוען[5] און ס'איז געווען אַן איבעריקע זאַך צו געבן צו וויסן וועגן דעם דער עפנטלעכקייט.

איבעריקנס זענען געווען געוויסע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, צום גליק נישט קיין צאָלרייכע, וועלכע האָבן זיך

---

3 פון דעם איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

4 אַ גרויסע גוזמא.

5 אַ לויבגעזאַנג פאַר זיך אַליין.

באַצויגן צו די אַקציעס לטובת די יידן אָן אַ גרויסן חשק, אָדער פשוט פיינטלעך [6].

10. געווער איז געוואָרן צוגעשטעלט לאַנג פאַרן אויפשטאַנד. דערנאָך האָט זיך די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אַליין באַמיט וועגן געווער און מיט גוטע רעזולטאַטן. די וואַרשעווער א.ק. האָט נישט געהאַט קיין אייגענע געווער-מאַגאַזינען אויפן שטח פון געטאָ. אַזוינס האָט געקאָנט האָבן נאָר די הויפּט-קאָמענדאַטור פון דער א.ק.

מיט דרך ארץ:

אַנטאָני כרושטשיעל
(„מאָנטער") גענעראַל

וואַשינגטאָן, דעם 25-טן יאַנואַר 1958.

איבערזעצט פון פּויליש

78. וואַרשע, דעם 27־טן מאַי 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן דער שלאַכט פון אַ יידישער קאַמפּס־גרופּע אויף מיאָדאָווע

### די קאַמפּס־אַקציע אויף מיאָדאָווע־גאַס, צוויי פּאָליציי־אָפיצירן דערשאָסן

היינט, 10 אַזייגער אינדערפרי, האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף מיאָדאָווע-גאַס, אַקעגן דעם בנין פון קרייז-געריכט, אַן ערנסטע קאַמפּס-אַקציע. אַ קאַמפּס-גרופּע [1] האָט אַטאַקירט און דערשאָסן צוויי פּוילישע פּאָליציי-אָפיצירן. ווען די קאַמפּס-גרופּע האָט זיך נאָכן אויספירן די אויפגאַבע, צוריקגעצויגן, איז געקומען צו אַ שלאַכט מיט דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. די קעמפער האָבן געשאָסן פון רעוואָלווערן און געוואָרפן אַ גראַנאַט, וועלנדיק אויסקעמפן אַ וועג צוריק. אינגיכן איז די מיאָדאָווע-גאַס געוואָרן אָפּגעשלאָסן דורך אַ קייט פון זשאַנדאַרן, וועלכע זענען אָנגעקומען אויף 4 אויטאָס. אַלע פאַרבייגייער האָט מען לעגיטימירט. עס איז אַרעסטירט געוואָרן אַ פּוילישער פּאָליציאַנט. די טראַמוויי-קאָמוניקאַציע אויף מיאָדאָווע איז געוואָרן אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע שעה.

---

6 ד. ה. אַז די א.ק.-פירער האָבן זיך אונטערגעגעבן דער אַנטיסעמיטישער שטימונג.

1 דאָס איז געווען די קאַמפּס-גרופּע פון אהרן בריסקין (פּאַוועל), וועלכער איז אַרויס אַלס אויספירער דעם 8-טן מאַי פון בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30 (זע דאָק. 69).

אין משך פון נעכטן האָט מען אויסגעפירט אַ רייע אַטענטאַטן אויף קאָנפידענטן און פוילישע פּאָליציאַנטן. אין טאַרגווועק איז דערשאָסן געוואָרן דער קאָמיסאַר פון 24־טן קאָמיסאַריאַט (און נישט פון 14־טן, ווי מיר האָבן געשריבן על פּי טעות), זיין נאָמען איז שאָבערט. נאָכמיטאָג האָט מען אויף דער גאַס זאָמבקאָווסקאַ דערשאָסן אַן עלטערן סערזשאַנט פון דעם דאָזיקן קאָמיסאַריאַט.

„נאָווי דזשען" (דער נייער טאָג)
נומ׳ 575 פון 27־טן מאי 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

79. וואַרשע, דעם 28־טן מאי 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן נייע קאַמפן אין דער געגנט פון דער גאַס נאָוואָליפּקי

דער קאַמף אין געטאָ דויערט. נישט געקוקט אויפן 6־וואָכיקן שטורעם מיטן באַנוץ פון אַלע מינים געווער, נישט געקוקט, וואָס עס איז פאַרברענט געוואָרן דער גאַנצער [יידישער] ראַיאָן, נישט געקוקט אויפן באַנוצן גאַז — איז [די דייטשן] נישט געלונגען איינצוברעכן דאָס הייפל [יידישע] קעמפער. אין געוויסע פונקטן, בתוכם אין דער געגנט פון נאָוואָליפּקי, האָט דער קאַמף אויפגעפלאַקערט אויפסניי. אין די לעצטע טעג האָט מען געהערט אַ קאַנאָנאַדע פון אַרטילעריע און פון מאַשין־ביקסן.

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.
דריטע סעקציע. „גלאָס וואַרשאַווי"
נ׳ 28(39) פון 28־טן מאי 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

80. וואַרשע, דעם 4־טן יוני 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן נייע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ דעם 31־טן מאַי און 1־טן יוני 1943

## דאָס געטאָ פאַרטיידיקט זיך נאָך אַלץ

די פאַרטיידיקונג פונעם געטאָ, וועלכע האָט שוין גע־גוססט, האָט ווידער אויפגעלעבט. פון אונטער די חורבות האָבן זיך באַוויזן די געשטאַלטן פון די קעמפער, וועלכע האָבן דעם 31־טן מאַי און דעם 1־טן יוני אַטאַקירט די [דייטשישע] פאָסטנס, וואָס האָבן זיך געפונען מהוץ די מויערן. [די דייטשן] האָבן ווידער געבראַכט נייע כוחות, דער עיקר אוקראַינישע אָפּטיילונגען, וואָרעם די דייטשן האָבן נישט ליב אומצוקומען.

אַרכ. פון פאַרטיי־געשיכטע־אינסט.
דריטע סעקציע. „גלאָס וואַרשאַווי“
נ׳ 30(39) פון 14־טן יוני 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

81. וואַרשע, דעם 10־טן יוני 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן המשך פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ אין יוני 1943

דאָס וואַרשעווער געטאָ איז זינט דעם 18־טן אַפּריל געוואָרן אַ פראָנט פון באַוואָפנטן קאַמף צווישן די יידישע קאַמפס־גרופּן און די דייטשן. צום קאַמף האָבן געשטויסן די דייטשישע רעפּרעסיע־פּרוּוון פאַר דעם, וואָס געוויסע וואַרשטאַטן האָבן נישט אויסגעפירט די פאַראָרדענונג וועגן איבעררייסן די אַרבעט און זיך שטעלן צום אַרויס־פאָר־פּלאַץ. די דייטשן האָבן געפּרוּווט צעברעכן דעם יידישן ווידערשטאַנד דורך אַרויסשיקן אויף די געטאָ־גאַסן אַן ס. ס.־אָפּטיילונג אויף מאָטאָציקלען, וועלכער האָט אָנ־געהויבן פאַטראָלירן דעם געביט און הרגענען אַלע אָנגע־טראָפענע מענטשן. אינגיכן זענען אָבער די ס. ס.־מענער געוואָרן באַשאָסן מיט קוילן און גראַנאַטן דורך די יידי־שע קאַמפס־אָפּטיילונגען, וועלכע זענען אַריינגעטראָטן אין קאַמף. די דייטשישע אָפּטיילונג האָט געהאַט פאַרלוסטי,

טויטע און פאַרוווּנדעטע, און געמוזט זיך צוריקציען פּו=
נעם יידישן ראַיאָן. בקרוב האָבן אַריינגעשפּאַנט אין יידישן
ראַיאָן שטאַרקע און גלענצנדיק באַוואָפנטע פּאָליציי=אָפּ=
טיילונגען אונטער דער דעקונג פון עטלעכע טאַנקען. עס איז
אויסגעבראָכן אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט עטלעכע
שעה און זיך פאַרענדיקט מיט אַ דייטשישער מפּלה, און
די צוריקציענדיקע זיך פון שלאַכט=פעלד דייטשישע אָפּ=
טיילונגען האָבן מיטגענומען זייערע דערהרגעטע און פאַר=
וווּנדעטע. פון דער צייט דויערט דער קאַמף אָן איבער=
רייס... די דייטשן האָבן גענומען אונטערצינדן גאַנצע
גאַסן. ביז איצט זענען פאַרברענט געוואָרן די היי=
זער פון די גאַסן שווינטאָיערסקע, קאַרמעליצקע, פראַנ=
ציסקאַנער, מילע, מוראַנאָווער, זאַמענהאָף. חוץ דעם
האָבן די דייטשן איבערגעריסן דעם צושטראָם פון וואַ=
סער, גאַז און עלעקטריע צום געטאָ, און גענומען באָמ=
באַרדירן פון אַעראָפּלאַנען דעם ראַיאָן מיט צינד= באָמ=
בעס און נישט גרויסע צעשטער=סנאַריאַדן. נישט געקוקט
אויפן אָנווענדן די אַלע מיטלען האָבן נישט די דייטשן
צו פאַרצייכענען וויכטיקערע דערגרייכונגען און דער
באַוואָפנטער קאַמף פון די יידן
דויערט ווייטער. די יידישע קאַמפס=אָפּטיילונגען
פאַרמאָגן אַן ערנסטע צאָל געווער (רעוואָלווערן, האַנט=
און מאַשין=ביקסן, גראַנאַטן) און גרויסע זאַפּאַסן פון אַמו=
ניציע און אויפרייס=מאַטעריאַלן. די לייטונג פון דער אַק=
ציע פון אָט די אָפּטיילונגען געפינט זיך אין די הענט פון
אַן אָנפירונג בראש מיט אַן אָפיציר פון פוילישן מילי=
טער.[1]

אַרכ. פון פאַרטיי=געשיכטע=אינסט.
דריטע סעקציע. „וסכוד“ (דער מזרח)
נ' 5(8) פון 10=טן יוני 1943.

איבערזעצט פון פויליש.

1 אפשר געמיינט דעם קאָמאַנדיר פון יידישן מיליטערישן
פאַרבאַנד דוד אַפּעלבוים, אַ געוו. פאָרוטשניק.

82. וואַרשע, דעם 21־טן יוני 1943

## מעלדונג קיין אויסלאַנד וועגן דעם קאַמפּס־המשך אין די וועלדער

אַ טייל פון די קעמפער האָט זיך דורכגעריסן אין די וועלדער, כדי ממשיך צו זיין דעם קאַמף. צווישן זיי איז פאַראַן אונדזערס אַן אָפּטיילונג בראש מיט בערלינסקין.[1] די פּראָווינץ־געמאָס ווילן און וועלן זיך פאַרטיידיקן.

אַהאַלף[2] און אַנטאָני[3]

אַרכ. פון פאַרטיי־געשיכטע־אינסט. דריטע סעקציע. דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן, דעפּעשע ג׳ 111 ב. איבערזעצט פון פויליש.

83. וואַרשע, יולי 1943

## ידיעה וועגן דער לעצטער פאַזע פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין אַ דייטשישן אויסצייכענונגס־פאַרשלאַג פון שופּאָ־מאַיאָר אָטאָ בונדקע

מאַיאָר בונדקע האָט אַלס קאָמאַנדיר פון 3־טן ס. ס. און פּאָליציי 123[1] אָנטיילגענומען אין דער ענדגילטיקער פּאַציפיקאַציע פון דעם געוועזענעם יידישן וווין־ראַיאָן און אַדאַנק זיינע פערזענלעכע מעשים און אויסנאַמס־אָנפיר־פעיקייטן געהאַט וועזנטלעכע פאַרדינסטן.

נאָכן צוריקציען די קרעפטן פון וואַפן־ס. ס.[2], האָט דער באַטאַליאָן אַליין געמוזט אויספירן די אויף אים

---

[1] דאָ גייט אין די צוויי גרופּן פון דער ייד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען אַרויס דורך די קאַנאַלן און אַוועק אין די וויִשקאָווער וועלדער, וווּ זיי האָבן געשאַפן אַ פּאַרטיזאַנישן אָט־ריאַד אונטער דער אָנפירונג פון אַדאַם שוואַרצפוקס, מרדכי גראָוואַס, איגנאַץ א. א. בערלינסקי איז אויך געווען דאָרטן און דערנאָך אַוועק קיין וואַרשע.

[2] בערמאַן.

[3] נתן בוקסבוים, טוער פון די לינקע פּועלי ציון, אומגעקומען אין אוישוויץ.

[1] באַטאַליאָן פון שוץ־פּאָליציי 23.

[2] נאָכן 16־טן מאַי, ווען סטראָאָפּ האָט דערקלערט די אַקציע פאַר געענדיקט.

אַרויפגעלייגטע אויפגאַבן. צוליב דעם, וואָס דער קעגנער [די יידישע קעמפער] האָט געוווסט וועגן דער פאַרקלענערונג פון [אונדזערע] קרעפטן, האָבן באַזונדערע באַנדעס ווידער גענומען אויספירן אָנפאַלן. אין די פאַרשטאַרקטע קאַמפן קעגן די גוט=באַוואָפנטע און אָנגעפירטע באַנדעס האָט מען געמוזט באַקעמפן די נאָך פאַרבליבענע באַזונדערע ווידערשטאַנד=נעסטן, וועלכע האָבן געשטעקט צווישן די חורבות, אין קעלערס, אין אונטערערדישע קאַנאַלן. דער פאַרדינסט פון מאַיאָר בונדקע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהעריק אויסגענוצט די געזאַמלטע אינפאָרמאַציעס וועגן די געשעענישן און דורך געשיקטן אָנווענדן זיינע כוחות אָנגעפירט מיט דער אַקציע פון פאַרניכטן די פאַרבליבענע באַנדעס. בעת פאַרשידענע אָנגריפן האָט בונדקע אַליין איבערגענומען די אָנפירונג, דינענדיק פאַר זיינע סאָלדאַטן ווי אַ מוסטער פון דרייסטקייט. ער האָט זיך שטענדיק געפונען אין סאַמע פייער פון די באַזונדערע שלאַכטן. נאָכן ענדגילטיקן ליקווידירן די פייער=נעסטן פון בונט האָט ער איבערגענומען די זיכערקייט פון דעם געוועזענעם יידישן וווין=ראַיאָן און איז געווען אויסגענוצט צו אַ ריי גרויסע אַקציעס אויפן שטח פון דער שטאָט וואַרשע. אַ וועזנטלעכן פאַרדינסט האָט מאַיאָר בונדקע געהאַט ביים דורכפירן במשך פון די לעצטע חדשים אויסנאַמס=אַקציעס (עקזעקוציעס) [....].

אַרכ. פון דער הויפט=קאָמיסיע
צו פאָרשן די היטלערישע פאַרברעכנס
אין פוילן, אויסצייכענונג=פאָרשלאַגן.

איבערזעצט פון דייטש.

84. וואַרשע, יולי 1943

## ידיעות וועגן דער קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ
## אין יוני און יולי 1943
## אין אַ דייטשישן אויסצייכענונגס-פאָרשלאַג
## פאַרן שופּאָ-קאַפּיטאַן עדערער

אין דער צייט פון דער אַקציע אין דעם געוועזענעם יידישן וווין=ראַיאָן אין וואַרשע אין יולי 1943 האָט ער פערזענלעך גענומען אָנטייל אין אַ באַוואָפנטער שלאַכט מיט 9 באַוואָפנטע [יידישע] באַנדיטן און ער האָט גורם

געווען, אַז די [יידן], וואָס האָבן געקעמפט מיט געווער אין האַנט, זענען געוואָרן אומשעדלעך.

אין יוני 1943, בעתן באַקעמפן און דעראָבערן אַ באַנדיטן־נעסט אין געוועזענעם יידישן וווין־ראַיאָן אין וואַרשע האָט זיך עדערער אויסגעצייכנט אין קאַמף מיט די יידיש־באָלשעוויסטישע באַנדיטן.

אַרכ. פון דער הויפּט־קאָמיסיע
צו פאָרשן די היטלעריש פאַרברעכנס
אין פוילן, אויסצייכענונג־פאָרשלאַגן.

איבערזעצט פון דייטש.

85. וואַרשע, 8 מאַי 1943

## באַריכטן פון דעם הויפּט־קאָמענדאַנט פון אַ. ק. גענעראַל ראָוועצקי קיין לאָנדאָן וועגן פאַרלויף פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

דעם 19־טן אַפּריל זענען אַריין אין וואַרשעווער געטאָ אָפּטיילונגען פון וואַפן־ס. ס. צוזאַמען מיט די קאַמפס־פאָרמאַציעס פון ליטווינער, לעטן און אוקראַינער מיטן ציל צו ליקווידירן ענדגילטיק דאָס געטאָ. זיי זענען געוואָרן אַטאַקירט דורך דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך איינגעהאַלטן אויף די פאָרויס צוגעגרייטע ווידערשטאַנד־פונקטן ביזן 23־טן אַפּריל. די דייטשן האָבן אויך באַנוצט אַעראָפּלאַנען און טאַנקען. איין טאַנק האָבן [די יידן] פאַרברענט. פון 23־טן ביזן 28־טן האָט דער ווידערשטאַנד געדויערט אין דער פאָרם פון אַ פאַרטיזאַנישן גאַסן־קאַמף, דערהויפּט ביינאַכט. פון 28־טן אַפּריל האָבן די [יידישע] קעמפער געשטעלט אין משך פון עטלעכע טעג אַ ווידערשטאַנד אין באַזונדערע באַפעסטיקטע הייזער — דער דאָזיקער ווידערשטאַנד איז שוין היינט געבראָכן. דאָס הויפּט־געווער פון די דייטשן איז דאָס סיסטעמאַטישע פאַרברענען דאָס געטאָ, וואָס ברענט נאָך היינט. ביזן 30־טן אַפּריל האָבן [די דייטשן] אַרויסגעפירט אויף אומקום 14 טויזנט יידן, 3 טויזנט זענען פאַרברענט געוואָרן און ביי אַ 2 טויזנט דערמאָרדעט אויפן אָרט. די דאָזיקע ציפערן וואַקסן צוזאַמען מיט דער ליקווידאַציע פון די באַהעלטענישן. וועגן אונדזער באַוואָפנטער הילף לטובת

די יידן וועט ווערן אָנגעגעבן אין אַ ספּעציעלער מעל=
דונג אויסשליסלעך פֿאַרן שטאַב פֿון „ה. ק.“[1].

די ליקווידאַציע פֿון וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט
זיך אָנגעהויבן דעם 19=טן אַפּריל ד. י., איז שוין ענד=
גילטיק פֿאַרענדיקט. דער ווידערשטאַנד פֿון די יידישע
קעמפֿער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקער און
האָט ביי די דייטשן אַרויסגערופֿן אַ בהלה. זיי זענען גע=
ווען געצוווּנגען אַריינצופֿירן אין דער אַקציע צאָלרייכע
אָפּטיילונגען פֿון זשאַנדאַרמעריע, ס. ס. און אוקראַינישע
און לעטישע געהילפֿס=פֿאָרמאַציעס און זיך באַנוצן מיט
טאַנקן, אַרטילעריע, פֿייערוואַרפֿער און אפילו צינד=באָמ=
בעס געשליידערטע פֿון אַעראָפּלאַנען. נאָך דער ערשטער
וואָך פֿון די קאַמפֿן האָבן די דייטשן, צוליב די גרויסע
פֿאַרלוסטן, געענדערט זייער טאַקטיק און גענומען אָנ=
ווענדן קודם כל די מעטאָדע פֿון אונטערצינדן גאַנצע היי=
זער=בלאָקן, אָפּשניידנדיק דעם צושטראָם פֿון עלעקטריע,
גאַז און וואַסער צום געטאָ און פֿאַרמויערנדיק אפילו די וואַ=
סערלייטונגס=קאַנאַלן, דורך וועלכע די [יידישע]קעמפֿער האָבן
איינגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט דער שטאָט. אין דער דאָזיקער
צייט איז גאַנץ וואַרשע געווען איינגעהילט אין וואָלקנס
בייסנדיקן רויך און בייננאַכט באַלויכטן דורך די שריפֿות=
פֿלאַמען און אויפֿגעטרייסלט דורך די דעטאָנאַציע=אָפּהילכן.
די קאָמוניקאַציע מיט זשאָליבאָזש און פּראַגע איז גע=
וואָרן פֿולשטענדיק אָפּגעשניטן און איז פֿאָרגעקומען דורך
אַן אַרום=וועג לענגס=אויס דעם וויסל=ברעג דורך פֿערד און
וואָגן.

אין די לעצטע טעג האָט זיך שוין דער ווידערשטאַנד
איינגנטלעך אָפּגעשטעלט, און דאָך האָבן [די דייטשן]
פֿאַרברענט לעבעדיקערהייט אַלעמען, וואָס האָבן זיך נישט
אונטערגעגעבן פֿרייוויליק און זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם
ברייט פֿאָנאַנדערגעבויטן בונקער=סיסטעם. [די דייטשן]
האָבן געשאָסן אין די, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען
און פֿאַרבאָטן די פֿייערלעשער צו לעשן די דאָזיקע לעבע=

[1] די דאָזיקע מעלדונג האָבן מיר נישט געפֿונען. דער פֿאַקט,
וואָס זי איז געווען באַשטימט אויסשליסלעך פֿאַרן שטאַב פֿון
הויפּט=קאָמאַנדיר אין לאָנדאָן, זאָגט ווידער עדות אויף דער טענ=
דענץ פֿון דער אַ.ק.=אָנפֿירונג צו פֿאַרשטעלן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט
די אַקציע פֿון „כוואַטסקים“ גרופּע אויף סאַפּיעזשינסקע.

דיקע שטורקאַצן. עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט דאַנטעישע סצענעס, וואָס שטייגן איבער אַלץ וואָס איז ביז איצט געווען אָנגעווענדט אין געטאָ.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די טאַקטיק פון די דייטשן פון פאַרברענען דאָס געטאָ האָט געבראַכט ריזיקע צעשטערונגען און פאַרלוסטן אויך אין דעם שכנותדיקן אַרישן טייל פון שטאָט. צוו. אַנד. איז פאַרברענט געוואָרן אַ באַדייטנדיקער טייל פון לעשנאָ-גאַס צוזאַמען מיט דער קירך פון דער הייליקער בתולה מאַריע און אַ ריי היסטאָרישע געביידעס און הייזער. דער עוואַנגעלישער שפּיטאָל, באַדראָט מיט דער שׂריפה, האָט זיך געמוזט עוואַקוירן אין משך פון 24 שעה, און די עוואַקואַציע איז פאָרגעקומען אין שווידערלעכע באַדינגונגען.

אין דעם טאָג, ווען איך שרייב דעם דאָזיקן באַריכט (דעם 7-טן מאַי ה. י.) איז שוין קיין ווידערשטאַנד-אַקציע אייגנטלעך נישטאָ, אַ חוץ ספּאָראַדישע פאַלן פון פאַרטיידיקונג מצד אַ פאַרשטעקטן אין די חורבות איינצעלנעם יידישן קעמפער אָדער פון אַן אויפרייס פון אַן אַמוניציע-מאַגאַזין אין רעזולטאַט פון דער נאָך צעפלאַקערטער שׂריפה.[2]

אַלע יידן, וואָס האָבן זיך פרייוויליק אונטערגעגעבן, פירט מען אַרויס אין דער ריכטונג פון לובלין. אַ סך פון זיי שפּרינגען פון די צוגן, ווערן קאַליקעס אָדער קומען אום אויפן אָרט, אָדער פאַלן פון די מאַשין-ביקסן-קוילן פון דער עסקאָרטע. נאָך די, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן, ווערן איינגעאָרדנט אָבלאַוועס. אַ באַשטימטע צאָל יידן איז בעת די קאַמפן אַריינגעדרונגען אויך מחוץ די געטאָ-מויערן און באַהאַלטן זיך אוים אין וואַרשע. [די דייטשן] אָרדענען איין צאָלרייכע אָבלאַוועס און רעוויזיעס, כדי צו כאַפּן אַט די פּליטים. דאָס רופט אַרויס אַ סך מיספאַרשטענדענישן און אָפּטע שאַנטאַזשן.

קאַלינאַ

צ. אַ. פון אינערן-מינ. אַרכיוו פון אַ. ק.
איבערזיכט פון די וויכטיקסטע געשעענישן
פון 24-טן אַפּריל ביזן 7-טן מאַי 1943.

די קאַמפן פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ דויערן שוין די צענטע וואָך. די

[2] עס זענען שפּעטער אויך געווען גרעסערע שלאַכטן אין געטאָ.

דייטשן באַנוצן אין דער אַקציע הויץ ס. ס. און זשאַנדאַר־מעריע אויך ליטווישע און טורקמענישע אָפּטיילונגען[3] און אַרטילעריע, טאַנקן, אַעראָפּלאַנען (צינד־באָמבעס) און פייערוואַרפער.

די [יידישע] קעמפער האָבן אָפּגעוואָרפן די אויפפאָ־דערונג צו קאַפּיטולאַציע און פאַרטיידיקן זיך ווייטער. אין משך פון די לעצטע וואָכן האָבן [די דייטשן] ענדגילטיק ליקווידירט דורך אויסמאָרדן אויפן אָרט אָדער דורך אַרויספירן קיין אָשוויענטשים — די געטאָס אין קראָקע און סטאַניסלאַוו.

קאַלינאַ

צ. אַ. פון אינערן־מינ., אַרכיוו פון אַ. ק., דעפּעשע נ׳ 733 פון 10־טן מאי 1943.

יידישע ענינים. אין געטאָ דויערט נאָך אַלץ דאָס „אויסרייניקן"" דעם געביט, וואָס באַשטייט אין אויפרייסן מיט מינעס אָדער אונטערצינדן די הייזער, מיטן תירוץ, אַז די פּליטים באַהאַלטן זיך אָדער האָבן אונטער־ערדישע פאַרבינדונגען. [די דייטשן] האָבן צעשטערט עט־לעכע הייזער אויף דער אַרישער זייט, געבנדיק די איינ־וווינער 2 שעה צייט אויף עוואַקואַציע.

ביים „אויסרייניקן" דעם געביט טרעפן זיך די דייטשן נאָך אַלץ אָן אויף יידישע קאַמפּס־גרופּן, וועלכע זענען פאַרשטעקט אין לעכער און ווינקלען אונטער דער ערד. זיי שטעלן אַן אינדיווידועלן ווידערשטאַנד אין פאַל, ווען דאָס באַהעלטעניש ווערט אויפגעדעקט.

דער פאַקט, וואָס דער ווידערשטאַנד מצד דעם געטאָ פאַרשלעפּט זיך אַזוי לאַנג, ווערט אין די דייטשישע קרייזן אָפּגעשאַצט ווי אַ קאָמפּראָמיטאַציע. פאַר דערלאָזן צו דעם, עס זאָל זיך שאַפן אַזאַ ווידערשטאַנד־נעסט, האָט דער ס. ס.־ און פּאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט, פאָן זאַממערן, באַקומען דימיסיע. אויף זיין אָרט איז נאָ־מינירט געוואָרן דער פּאָליציי־גענעראַל, סטראָאָפּ.

צ. א. פון אינערן־מינ., ארכ. פון אַ. ק., איבערזיכט פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין לאַנד פון 8־טן מאי 1943.

איבערזעצט פון פויליש.

---

3 די „נאַציאָנאַלע" אָפּטיילונגען, וואָס די דייטשן האָבן רעק־רוטירט פון צווישן אַ טייל געפאַנגענע מוזולמענישע סאָלדאַטן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

86. וואַרשע, 15 מאַי — 2 יוני 1943.

# די ראַפּאָרטן פון דער פּוילישער פּאָליציי אין וואַרשע וועגן די געטאָ־קאַמפן פאַר דער צייט פון 15־טן מאַי ביזן 2־טן יוני 1943 [1]

## ראַפּאָרט פון 5־טן און 6־טן מאַי 1943

דאָס געטאָ שמעלט מיט זיך פאַר איין גרויסן קבר. די [דייטשישע] פּאַטראָלן, באַוואָפנט מיט שנעלשיסנדיקע ביקסן און מאַשין־געווער, היטן אויף די גאַסן־ראָגעס די טליענדיקע חורבות־קופּעס פון די פאַרברענטע הייזער. די ס. ס.־מענער קוקן זיך אַרום שאַרף און מיט שרעק, ריכטנדיק זיך, אַז פון דעם פינצטערן חורבן־באַרג וועלן פאַלן שאָסן פון אַ זייט אָדער פון הינטן. פון די טליענדיקע הייזער און פון די אונטערערדישע בונקערס קומען אַרויס יידן און הרגענען אויס ביזן לעצטן די שוואַכערע דייטשישע פּאַטראָלן, אָדער גנבענען זיך אַדורך דורך די קופּעס פון די הרובע הייזער, שלייכנדיק זיך אין דער ריכטונג פון דעם אַרישן ראַיאָן. די באַוועגלעכע דייטשישע פּאַטראָלן אָדער די דייטשישע פּאָסטנס ביי די קרייצונגען פון די גאַסן, וואָס טיילן אָפּ דעם יידישן ראַיאָן פונעם אַרישן, לעגיטימירן און רעווידירן די דורכגייער און זיי טרעפן אָן אָפט אויף אַ באַוואָפנטן ייד. זיי באַצאָלן מיט זייער לעבן פאַרן מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן איבער דעם יידישן פאָלק.

דעם 6־טן מאַי, 4 אַזייגער נאָכמיטאָג איז אויף עק טלאָמאַצקע און ביעלאַנסקע דערהרגעט געוואָרן אַ דייטשישער פּאָליציאַנט.

דעם 6־טן מאַי פאַרמיטאָג איז אויף גראָכאָווסקע גאַס דערהרגעט געוואָרן אַ ס. ס.־מאַן, וועלכער האָט געוואָלט פאַרהאַלטן אַ ייד.

די יידן אַנטלויפן מאַסנווייז פון די בונקערס אין וואַלד און זיי קאָנצענטרירן זיך אין די הינטערשטאָטישע וואַלד־געגנטן.

---

1 עס איז נישט באַוווּסט, ווער עס האָט געשריבן די ראַפּאָרטן. די פּוילישע פּאָליציי האָט געשפּילט בדרך כלל אַ שענדלעכע ראָל לגבי דעם געטאָ. אין די ראַפּאָרטן וועבט זיך דורך דאָ און דאָרטן אַ טאָן פון מיטלייד לגבי די יידן.

אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דער דייטשישער מאַכט פֿון דער לעצטער מינוט: פֿאַרשטאַרקן די וואַר־פּאָסטנס אַרום גע־טאָ און פֿאַרשטאַרקן די מיליטערישע דיסציפּלין, ווייל די יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די בונקערס, מאַכן גרויסע פּאַרטיזאַנישע אַרויספֿאַלן, סיי אין געטאָ גופֿא, סיי מחוץ דעם געטאָ.

ראַפּאָרט פֿון 7־טן מאי 1943

דאָס געטאָ האָט ווי אויפֿגעלעבט. די יידישע לעבע־דיקע מתים זענען אַרויסגעקראָכן פֿון די בונקערס און קע־לערס און אָנגעהויבן פֿונדאָסניי אַ שיסעריי. ביי ביידע צדדים זענען פֿאַראַן גרויסע קרבנות. די אויפֿרייסן און די געקנאַלעריי האָבן געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. די גאַנצע צייט איז אויך פֿאָרגעקומען אַ שיסעריי פֿון האַנט־געווער.

ראַפּאָרט פֿון 8־טן און 9־טן מאי 1943.

אויפֿן שטח און ביי די מויערן פֿונעם געטאָ — אַ שטאַרקע שיסעריי און געקנאַלעריי. לייכטע קענגפֿאַנצער־האַרמאַטן ווערן [דורך די דייטשן] באַנוצט קעגן קעלערס, פֿאַרשידענע אונטערערדישע לעבער און בונקערס. אויף איין זייט און אויף דער צווייטער זייט זענען פֿאַראַן קר־בנות, אַזוי אינעם געטאָ גופֿא, ווי ביי זיינע גרענעצן. אַזוי האָט אַ יידישע פֿרוי דערשאָסן אויף דלוגע־גאַס צוויי דייטשן.

גלייך נאָכדעם איז זי אַריינגעפֿאַלן אין אַ ווילדער משוגעת און גענומען שיסן אין אַלע זייטן און מען האָט זי אַנטוואָפֿנט. ביים צונויפֿקום פֿון די גאַסן דלוגאַ און מיאָדאָוואַ האָט מען געצוונגען אַ פֿולשטענדיק דערשעפּטן ייד אַרויסצוגיין פֿון קאַנאַל — ער האָט זיך אונטערגע־געבן. ווי עס איז צו זען ברענגען דאָס פֿאַרשיטן די אַרויס־גענג פֿון די קאַנאַלן און דאָס פֿאַרפֿלייצן זיי מיט וואַסער רעזולטאַטן.

ראַפּאָרט פֿון 10־טן מאי 1943.

דעם 10־טן מאי איז אויפֿן שטח פֿון געטאָ און ביי זיינע גרענעצן פֿאָרגעקומען אַ שטאַרקע שיסעריי און אַן אויפֿרייס־קנאַלעריי. עס זענען נאָך פֿאַראַן נישט דער־ברענטע חורבות. ווו עס איז אין אַזעלכע חורבות פֿאַראַן

אַ חשד, אַז עס געפינען זיך דאָרטן יידן, ווערן די חורבות אונטערגעצונדן מיט דער הילף פון בענזין אָדער נאַפט. די יידן, וואָס געפינען זיך אין די קאַנאַלן אָדער אין אונטערערדישע בונקערס, קריכן פון זיי אַרויס און שיסן. אויף געוויסע קאַנאַל־אָפּשניטן, וווּ די יידן זענען דערשעפּט, גייען זיי אַרויס און גיבן זיך אונטער. אויף שווענטאָיער־סקע האָט זיך אונטערגעגעבן אַ יידישע אָפּטיילונג פון 59 מענטשן. דאַקעגן די יידן, וועלכע סאיז געלונגען אַדורכצודרינגען אויף דער אַרישער זייט, פאַרשטעקן זיך ביי באַקאַנטע אַריער, אָדער מאַכן דורך בלוטיקע עפּיזאָדן אויך אויף די גאַסן פון וואַרשע, ווי דאָס האָט געהאַט אַן אָרט ביים באַנק־פּלאַץ אויף דער גאַס, וואָס שניידט אַדורך דעם זאַקסישן גאָרטן. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט האָט דערקענט יידן, וואָס זענען געפאָרן מיט אַ דראָזשקע פון עלעקטאָראַלנע גאַס צום זאַקסישן גאָרטן און געוואָלט זיי אָפּפירן אין קאָמיסאַריאַט. אין שייכות דערמיט האָט זיך פאַרקניפּט אַ שיסעריי. דער פּאָליציאַנט האָט באַקומען אַ ווונד און דער ייד איז דערהרגעט געוואָרן. דעם צווייטן פאַרהאַלטענעם ייד האָט דער פּאָליציאַנט אָפּגעפירט און נישט ווייט פון דער אָראַנזשעריע האָט אַ פאַרבייגייענדיקער דייטשישער סאָלדאַט אים דערשאָסן.[2]

## ראַפּאָרט פון 11־טן מאַי 1943

ביי טאָג איז אין געטאָ פאָרגעקומען אַ שיסעריי. ביינאַכט איז זי געוואָרן שטאַרקער און עס זענען אויך געווען דעטאָנאַציעס. קיין באַזונדערע געשעענישן האָט מען אין געטאָ נישט פאַרנאָטירט. עס איז בלויז נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז די דייטשישע סאַפּערן גיבן זיך אַן עצה מיט די יידישע בונקערס, וועלכע זענען געבויט זייער טיף אונטער דער ערד. אַדאַנק אונטערגראָבונגען און אויפרייסן צווינגען די דייטשן די יידן צו קאַפּיטולאַציע.

## ראַפּאָרט פון 12־טן מאַי 1943

דאָס קליינע געטאָ ברענט, אונטערגעצונדן דורך די דייטשן. דער גאַנצער הייזער־קאָמפּלעקס שטייט אין פלאַמען. די פאַנסקע־גאַס אויף דער אַרישער זייט איז באַדראָט

[2] דאָס זענען געווען די צוויי יידישע קעמפער, די פאַרבינדלער יורעק זאַלאַטאַוו און רישעק מאָזעלמאַן, וועלכע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי אין מאָמענט, ווען זיי האָבן געזוכט אַ וועג איבערצווואַרפן געווער אין געטאָ אַריין.

און ברענט צום טייל, די סיבה פון פאַרניכטן די דאָזיקע גרופּע הייזער פון קליינעם געטאָ זאָל כלומרשט זיין דאָס דערמאָרדן אַ זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר, וועלכער איז מיט זיין פרוי געגאַנגען באַזוכן דאָס קליינע געטאָ. חוץ דעם — אַ שיסעריי און אַ געקנאַלעריי אַזוי אין קליינעם ווי אין גרויסן געטאָ.

## ראַפּאָרט פון 13־טן מאַי 1943

דעם 13־טן ד. ח. איז דאָס קליינע געטאָ געוואָרן פאַרברענט. אַ נאַכט־שיסעריי און הריגה פון די פאַרבליבענע יידן. אין גרויסן געטאָ אַ שטאַרקע שיסעריי און דעטאָנאַציעס ביינאַכט, וואָס נעמט זיך פון אויפרייסן די באַזונדערע בונקערס. אויף באַניפראַטן־גאַס האָבן [די יידן] פאַרוואונדעט צוויי דייטשן אַקעגן דעם הויז נ' 4. די דייטשן האָבן זיך באַמיט צו פאַרברענען דאָס דאָזיקע הויז. די בעטאָן־קאָנסטרוקציע האָט אָבער אוממעגלעך געמאַכט דאָס פאַרברענען דאָס הויז. עס זענען באַנוצט געוואָרן מאַשין־ביקסן און גראַנאַטן. חוץ דעם — אַ געוויינטלעכע פאַרטיידיקונגס־שיסעריי פון די [דייטשישע] פּאַטראָלן.

## ראַפּאָרט פון 14־טן מאַי 1943

דעם גאַנצן טאָג שיסערייען. די יידן לאָזן פון צייט צו צייט שוואַך צו וויסן, אַז זיי עקזיסטירן, און דאָס רופט אַרויס אַ ביקסן־פייער און אָפט אויך אַ גראַנאַטן־פייער. פאַרברענטע הייזער ווערן אויפגעריסן כלומרשט דערפאַר, ווייל זיי באַדראָען די זיכערקייט. די הייזער ווערן אומגעוואָרפן דורך אויפרייס־מאַטעריאַלן, דערפון נעמען זיך די אָפטע דעטאָנאַציעס. די אויפגעריסענע הייזער שאַפן ריזיקע קברים־גריבער, ווייל זייער טיף געפונען זיך אָפטמאָל יידישע בונקערס, וואָרעם דער איינציקער וועג איז געווען דער קעלער. אין דער צוקונפט וועט פונעם אויפדעקן אַזאַ מין מאַסן־קבר אַ טיפזיניקער רעפּאָרטער אָדער שרייבער האָבן אַ טעמע אַרויסצוברענגען בולט די מענטשלעכע טראַגעדיע פון דער היינטיקער צייט.

## ראַפּאָרט פון 15־טן און 17־טן מאַי 1943

דעם 15־טן און 16־טן אַ שטאַרקע שיסעריי אין געטאָ. בייטאָג — מעכטיקע דעטאָנאַציעס, ביינאַכט אַ געוואַלטיקע שיסעריי ביי די גרענעצן פון געטאָ. מען האָט

זיך באַנוצט מיט האַנט־געווער, שנעל־שיסנדיקע ביקסן און שווערן מאַשין־געווער. אַ שפּאַציר אינעווייניק, דורכן געטאָ גופא מאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן פון אַ נערוועיש־באַהערשטן מענטש. ביזן היינטיקן טאָג זעט מען אויף די באַלקאָנען פון די אויסגעברענטע הייזער נישט דערברענטע ביזן סוף טויטע קערפּערס. אין די קעלערן געפינט מען צו עטלעכע אָדער צו עטלעכע צענדליק בר־מיננס אין צושטאַנד פון צעפּוילונג. אויף גאַוואָליפּיע, אין איינעם פון די אויסגעברענטע הייזער אויפן הויף — אַ טויטער קערפּער פון אַ פרוי און אין אירע אָרעמס דער טויטער קערפּער פון איר קינד. אַ מאַן און אַ פרוי אין לעצטן צושטאַנד פון פאַנאַנדערפאַל, און נאָענט ביי דער זייט ליגן צוויי קינדער. די דאָזיקע טויטע קערפּערס זענען קאָנטיק אַ גאַנצע משפּחה. בעתן באַזוכן אַ דעראָבערטן דורך די דייטשן יידישן בונקער: ער איז געווען איינגעאָרדנט אין אַ קעלער אין אַ קוואַדראַט פון 6 מעטער, פאַרפעסטיקט מיט גראָבע אייזערנע שינעס, וועלכע זענען געוואָרן זייער גראָב פאַרבעטאָנירט אויפן סופּיט. אויך די ווענט זענען געווען פאַרפעסטיקט מיט אייזן און בעטאָן; אין בונקער זענען געווען שיס־פּונקטן מיט דורכגענג־טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו די שיס־פּונקטן. טרעפּלעך זענען געווען אויך אין די ווענט. זיי האָבן, ווייזט אויס, געפירט צו די זאַפּאַסן פון קאָנסערוון און פון אַמוניציע. אינעם עק פון בונקער ליגט אַ צעשטערטע מאַשין־ביקס און האַנט־גראַנאַטן. אין אַ צווייט אָרט פונעם בונקער — אַן אָפּגעריסענע און זיך צעפּאַלנדיקע האַנט. דער סופיט איז שרעקלעך צעשעדיקט פון קוילן און אויפרייס־מאַטעריאַלן. דאָס הויז איז פאַרניכטעט געוואָרן. דער בונקער צעקלאַפּט.

נעכטן איז אין די נאָכמיטאָג־שעהן אויפגעריסן געוואָרן דער 6־שטאָקיקער הייזער־בלאָק אַנטקעגן דעם גערעכט. עס איז אויך אויפגעריסן געוואָרן (לויט אַ נישט קאָנטראָלירטער ידיעה) די סינאַגאָגע.[3]

## ראַפּאָרט פון 18־טן מאי 1943

דעם 18־טן ד. ה. איז אין געטאָ אַ חוץ אַ שיטערער שיסעריי — אַ שטילקייט. פאַרשטאַרקטע אָפּטיילונגען פון ס. ס. דרינגען אַריין אין די באַזונדערע גאַסן און צווישן

3 די גרויסע סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע 5 איז טאַקע אויפגעריסן געוואָרן אויף סטראָאָפּס באַפעל דעם 16־טן מאי.

די חורבות פון געטאָ. יידישע אָפּטיילונגען פּויזן אַרוים פון אונטער דער ערד און אַטאַקירן פּלוצלונג די דייטשן. ביי־נאַכט ציען זיך די ס.ס.־לייט צוריק פון דעם געטאָ־געביט. ביינאַכט איז אויפן געטאָ־שטח נישט בנמצא קיין איין דייטש. די ס. ס.־לייט האַלטן, אַז צווישן די חורבות און אין די אונטערערדישע לעכער זענען פאַרשטעקט טויזנטער יידן און דעריבער וועגדן די דייטשן אָן פאַרזיכ־טיקייט. כאַראַקטעריסטיש: די דייטשן ווייזן אַרוים זייער [אמתע] פּסיכאָלאָגיע — מען קאָן עס אָנרופן די דעגע־נעראַציע פון דעם מין מענטש. ווייל די באַרבאַריי און דער סאַדיזם פון דער דייטשישער נשמה ברענגט [דער דייטש] צום אויסדרוק דורך זיין ווילדן, משוגענעם אופן פון באַהאַנדלען די מענטשן. אויף סטאַווקי־גאַס האָבן די דייטשן אין אַ גרויסן לאָך פון דער [דאָרטיקער] פּאָלקס־שול, אין אַ קוואַדראַט פון 10 מעטער, געשאַפן אַזאַ מין קרעמאַטאָריע. ווייל זיי באַגראָבן שוין נישט איצט די יידן, נאָר פאַרברענען מיט נאַפט, בענזין א. ד. גל. זיי זאַמלען אין דער קרעמאַטאָריע פון יענעם הויז אַ באַרג מיט טויטע קערפּערס פון פרויען,קינדער און מענער.

די טאַקטיק פון די גאַסן־קאַמפן, וועלכע עס ווענדן אָן די דייטשן, באַגרענעצט זיך אייגנטלעך צו פאַרברענען הייזער, וו עס האָבן געקעמפט די אויפשטענדלער אָדער פאַרטיזאַנער פון די גאַסן־קאַמפן.

אין דער געשיכטע און אין דער פּראַקטישער אָנווענ־דונג, פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט, גיט דאָס אַ גרויסן דערפאַרונגס־מאַטעריאַל.

### ראַפּאָרט פון 19־טן מאי 1943

די שיסעריי אין געטאָ איז שוואַכער געוואָרן פון ביי־דע זייטן. אין דער צייט זענען קיין שום געשעענישן נישט געווען, נישט ביי דער גרענעץ און נישט אין געטאָ גופא.

### ראַפּאָרט פון 20־טן מאי 1943

דעם 20־טן ד. ה. איז אין געטאָ אַ שיסעריי סיי ביי־נאַכט און סיי בייטאָג. אין געוויסע צייט־אָפּשניטן — שטאַרקע דעטאָנאַציעס פון די אויפרייסן פון באַזונדערע הייזער און אויך קעגנזייטיק באַוואַרפן זיך מיט גראַנאַטן. היות די יידן זענען נאָך אַלץ פאַרשטעקט אין אונטערערד, בויערן [די דייטשן] לעכער, סיי מיטן ציל אויפצורייסן די

אונטערערדישע בונקערס מיט אויפרייס־מאַטעריאַל, סיי כדי אַריינצולאָזן גאַז. אַ חוץ דעם איז אין געטאָ קיין שום באַזונדערס נישט פאָרגעקומען.

## ראַפּאָרט פון 22־טן און 23־טן מאַי 1943

אין משך פון 22־טן און 23־טן ד. ח. זענען אויפן געטאָ־שטח קיין שום ספּעציעלע און וויכטיקע געשעענישן נישט פאָרגעקומען.

אַ שיסעריי פון האַנט־ און מאַשין־געווער און דע־טאָנאַציעס. לויט נישט קאָנטראָלירטע אינפאָרמאַציעס, האָט הימלערס וויזיט דעצידירט וועגן דעם, וואָס מען האָט אַרומגערינגלט דעם געטאָ־שטח און געמאַכט העכער דעם מויער, וואָס רינגלט אַרום דעם געטאָ, וואָרעם די דייטשישע פּאָליצײ און די ס.ס.־מענער, וועלכע זענען אַנגאַזשירט אין דער זיכערקייט פון געטאָ, ברענגען בלוטיקע קרבנות און די צאָל [געפאַלענע] דייטשישע פּאָליצײ־פונקציאָנאַרן איז צו גרויס.

## ראַפּאָרט פון 24-טן און 25־טן מאַי 1943

דעם 24־טן און 25־טן מאַי האָט קיין שום וועזנטלעכס אין געטאָ און בײ די גרענעצן נישט פּאַסירט. מען האָט זיך בלויז באַגרענעצט צו אַ שיסעריי.

## ראַפּאָרט פאַר דער צייט פון 27-טן ביז דעם 31-טן מאַי 1943

אין די טעג פון 27־טן, 28־טן, 29־טן און 30־טן ד. ח. אין געטאָ סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט אַ שיסעריי. בפרט אין דער נאַכט אויף דעם 30־טן ד. ח. און אין דעם 30־טן ד. ח. פון דער זייט פון דער פּזשעיאַזד־גאַס און לעשנאָ אַ שטאַרקער קאַמף פון ביידע זייטן. די יידן האָבן זיך באַמיט אַדורכצוברייסן אויף דער אַרישער זייט. דאַקעגן בייטאָג שלעפּן דייטשן ווייטער אַרויס [די יידן] פון די בונקערס און פון אונטער די פאַרברענטע הייזער און דערשיסן זיי אויפן אָרט.

## ראַפּאָרט פון 1־טן און 2־טן יוני 1943

דעם 1־טן יוני און אין דער נאַכט פון 2־טן אויפן 3־טן יוני ד. ח. האָט זיך די סיטואַציע אין געטאָ פאַרערגערט. די עקזעקוציעס פון די מענטשן פון „פּאַוויאַק“

אויפן געטאָ=שטח; די טויטע קערפּערס ווערן דערנאָך פאַרברענט אויפן אָרט פון די הריגות. עס קורסירן כלערליי ווערסיעס, אַז די יידן זאָלן האָבן בעת די שיסערייען געשטערט און אפילו אַטאַקירט די אויספירער פון די עקזעקוציעס. הײנט האָט מען די געטאָ=גרענעצן באַשטעלט מיט שטאַרקע פאָרמאַציעס פון ס. ס.=מענער און ווידער אַרײנגעפירט אויפן געטאָ=שטח פּאַנצער=אויטאָס. מען דאַרף זיך רעכענען מיט ראַדיקאַלע מאָסמיטלען מצד די דײַטשן כלפּי די אויסבאַהאַלטענע יידן. לויט אַן אינפאָרמאַציע פון „ג“ [געסטאַפּאָ] זענען די קרבנות פון די דײַטשן אין שײַכות מיט דער ליקווידאַציע פון יידן צו גרויס אין פּראָפּאָרץ צו דער צאָל מענטשן, וואָס ליקווידירן די יידן.

צ. אַ. פון אינערן=מינ.,
זאַמלונג פון דער קרימינעלער פּאָליציי.
איבערזעצט פון פּויליש.

87. וואַרשע, דעם 28־טן אַפּריל 1943

## באַריכט פונעם אויספיר פון דער אַנטיקאָמוניסטישער אַגענטור וועגן פאַרלויף פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ[1]

געטאָ. ווי די סיבה פון די איצטיקע געשעענישן גיבן די דײַטשישע קרײַזן אָן, אַז דער דײַטשישער אויספיר האָט געהאַט אַ ידיעה, אַז דעם 20=טן אַפּריל 43 זאָל האָבן געדאַרפט אין דער גענעראַל=גובערניע אויסברעכן אַן אויפשטאַנד אָרגאַניזירט דורך דער קאָמונע. היות דער דיספּאָזיציע=צענטער פון דער קאָמונע איז דאָס געטאָ, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אומשעדלעך די דאָזיקע אַקציע דורך אָנהייבן אַ קאָנטראַקציע. צו דעם צוועק האָט מען דעם 16=טן אַפּריל אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די יידן, וואָס אַרבעטן מחוץ דעם געטאָ, זאָלן זיך שבת שטעלן צו

1 דער דאָזיקער דאָקומענט איז נאָר כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס ער ווײַזט די מיינונג פון די סאַמע רעאַקציאָנערסטע עלעמענטן פון דער פּוילישער אונטערערד, וועלכע האָבן געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער „קאָמוניסטישער געפאַר“ און אַז דער צענטער פון קאָמוניזם איז דאָס געטאָ — פונקט אַזוי ווי עס האָבן גערעדט אין זייער פּראָפּאַגאַנדע די היטלער=לײַט. דאָך פאַרמאָגט דער באַריכט אַ סך ידיעות וועגן די קאַמפן.

דער אַרבעט מיט זייער בעטגעוואַנד און אַנדערע זאַכן, ווייל זיי וועלן ווערן קאַשאַרירט אין ספּעציעלע באַראַקן ביי זייערע אַרבעטס־פּלעצער. געוויסע יידישע אָפּטיילונגען האָבן זיך שבת בכלל נישט געשטעלט צו דער אַרבעט און זיך פאַרבאַריקאַדירט אין געטאָ. דעם 19־טן אַפּריל האָט מען פאַראָרדנט שאַרפע אַליאַרם־גרייטקייט. אַלע [דייטשישע] באַן־אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון ראַנג, וועלכע פירן אויס די א. ג. „באַנשוצדינסט“, האָבן באַקומען אַ באַפעל אָנצוטאָן די בלויע מונדירן פון דער „באַנשוצפּאָליציי“ און 13 א. ז. האָבן זיי אַרויסמאַרשירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. זיי האָבן פאַרטראָטן די פּאָליציי־דינסט אויפן אָרט פון דער זשאַנדאַרמעריע און ס.ס., וועלכע זענען געוואָרן אַרויסגערופן צום געטאָ.

די דייטשישע אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19־טן אַפּריל 43 אין די פרימאָרגן־שעהן. בראש פון דער יידישער פאַרטיידיקונג שטייט אַ געוויסער ד״ר אַדאָלף קאָהן[2] און אַ דעזערטיר, אַ סערזשאַנט פון דער דייטשישער אַרמיי[3]. די צאָל קעמפנדיקע יידן איז אומבאַקאַנט. אויף דער זייט פון די יידן זאָל קעמפן אַ גאַנץ גרויסע אָפּטיילונג פון פּאָלאַקן־קאָמוניסטן[4]. אויף זייער שטח האָבן די יידן אויסגעהאָנגען אַ ריי ציוניסטישע און פּוילישע פענער און טראַנספאַרענטן מיט אויפשריפטן: „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט“, „מיר קעמפן פאַר פּוילן“ וכדומה. אין געוויסע געגנטן אויסערן געטאָ האָט מען קאָלפּאָרטירט פלוג־בלעטער מיט אַ רוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג וועגן הילף. עס טרעפן אָפּט פאַלן, ווען יידן אַנטלויפן אין דער פּוילישער געגנט...

דעם 19־טן אַפּריל האָט דער אינפאָרמאַטאָר געזען אַן אַקציע פון דייטשישע אָפּטיילונגען אויף דער קרייצונג פון די גאַסן זאַמענהאָף און גענשע, לובעצקע און ביי ניסקע. צום הויז איז צוגעפאָרן אַ פּאַנצער־אויטאָ, פון וועלכן עס איז געעפנט געוואָרן אַ פייער פון מאַשין־געווער און גראַנאַטן־וואַרפער. אַלס ענטפער זענען געפאַלן שאָסן פון די פענצטער און עס זענען געוואָרפן געוואָרן אָנגעצונדענע באַטשאַנעס, מאַטראַצן, שאַפעס, פענצטער־ראַמען. די דייטשן באַהאַלטן זיך, און עס הייבט זיך אָן אַ רעגולערע

---

[2] אַן אומבאַקאַנטער נאָמען.

[3] אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

[4] געמיינט מסתמא די אַקציע פון דער פאָלקס־גוואַרדיע אויף באָוויניאַרסקע.

באַלאַגערונג. ביי אַ גרעסערן ווידערשטאַנד ווערט אַריינגעפירט אין דער אַקציע אַ שטורעם=האַרמאַטל, וואָס צעשטערט דעם בנין. אין געטאָ זאָלן געוואָרן פאַרניכטעט 6 פאַנצער=אויטאָס און איין טאַנק. אויף פראַנציסקאַנער 26 אין טויער איז פאַרברענט געוואָרן אַ פאַנצער=אויטאָ, וואָס האָט זיך אַהער דערטראָגן יאָגנדיק [די יידן].

די ערשטע צוויי טעג האָבן געבראַכט די פאָלגנדיקע פאַרלוסטן: די דייטשישע אָפטיילונגען אַרום 60 טויטע און פאַרוווּנדעטע, די פוילישע פאָליציי — 12 פאַרוווּנדעטע. מצד די יידן זענען, לויט אַ דייטשישן באַריכט, געפאַלן איבער 1000 פערזאָן. די געפאַנגענע יידן ווערן איבערגעפירט אויפן ספאָרט=פלאַץ „סקראַ“[5], וווּ זיי ווערן דערשאָסן. אויף די גאַסן —אַ סך טויטע קערפערס פון פרויען און קינדער.

דעם 21=טן אַפריל אַרום 9 א.ז. זענען פון דער זייט פון זשעלאַזנע=גאַס געוואָרן אַריינגעפירט נייע ס.ס.=אָפטיילונגען און 2 טאַנקען. אויפן פאַריסאָווער פלאַץ זענען איינגעשטעלט געוואָרן 2 הויביצעס, וועלכע באַשיסן דאָס געטאָ. די אַרטילעריע שיסט אונטער דער לייטונג פון אַן אָבסערוואַטאָר פון אַן אַעראָפלאַן. דעם גרעסטן ווידערשטאַנד שטעלן די הייזער: שווינטאָיערסקע 28, 30, 32 און אויך דער הייזער=קאָמפלעקס אויף באָניפראַטן=גאַס. דער ווידערשטאַנד פון די יידן איז אַ פאַרביסענער. אין די אָוונט=שעהן זענען אויסגעבראָכן שריפות אין די געגנטן פון באָניפראַטן און שווינטאָיערסקע און די שכנותדיקע. אין די אָוונט=שעהן פון 21=טן אַפריל האָבן די דייטשן אויפגעפאָדערט זיך אונטערצוגעבן. די באַדינגונגען זענען אומבאַקאַנט. זיי זאָלן האָבן געדראָט מיט אויסשוחטן אַלע יידן אין דער גאַנצער גענעראַל=גובערניע... אויף דער דייטשישער זייט טרעטן אַרויס אָפטיילונגען פון ליטווינער, אוקראַאינער און ס.ס.=אָפטיילונגען, וועלכע באַשטייען פון פאָלקסדייטשן — סלאָוואַקן און קראָאַטן.

[...] ביזן 28=טן אַפריל האָבן די אָפטרעטנדיקע יידישע אָפטיילונגען פאַרניכטעט צום טייל די גאַרבערייען פון פייפער און וויגעל, די מאַגאַזינען פון מאַנופאַקטור און מאַטעריאַלן, וואָס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן אין גאַנץ וואַרשע און זענען מאַגאַזינירט געוואָרן אויף לעשנאָ, די גרויסע מיליטערישע קאָנסערוון=פאַבריקן מיט אַ גרויסן זאַפאַס פון מאַגאַזינירטער סחורה, די מונדירן=פאַבריק מיטן גאַנצן מאַטעריאַלן=זאַפאַס, די מיליטערישע מאַטראַצן=פאַבריק. עס

[5] אין שכנות מיטן יידישן בית עולם.

װערט פֿאַרניכטעט דער אינדוסטריעלער צענטער, װאָס אַרבעט בלויז פֿאַרן מיליטער און פֿאַרמאָגט גרויסע רויִשטאָף־זאַפּאַסן און אַ גרויסע צאָל מאַשינען פֿון נייסטן טיפּ. צוליב דעם זענען די [דײַטשישע] פֿאַרלוסטן ריזיק.

אין דער ערשטער װאָך פֿון די געטאָ־קאַמפֿן האָבן די קאָמוניסטישע קאַמפֿס־אָפּטיילונגען אויסערן געטאָ דורכגעפֿירט אַ ריי אַקציעס אויפֿן געביט פֿונעם געטאָ גופֿא און ביי דער גרענעץ פֿונעם געטאָ. חוץ דעם איז געװען אויפֿן געטאָ־געביט טעטיק אַ מיליטערישע קאַמפֿס־אָפּטיילונג[6] (קיין גענויערע פּרטים װעגן דער טעטיקייט פֿון אָט דער אָפּטיילונג זענען מיר נישט באַקאַנט).

אַלס דערגענצונג פֿונעם באַריכט װעגן די לעצטע קאַמפֿן אין געטאָ טייל איך מיט: די מיליטערישע קאָמאַנדירן זענען געװען פּולקאָװניק מיללע װעל מיללער, מאַיאָר מאַרקוס און עטלעכע אָפֿיצירן פֿון קלענערן ראַנג[7]. אין דער ערשטער ליניע זענען געװען גרייט צום קאַמף לערך 7 טויזנט יידן, קודם כל פֿון פּראָלעטאַרישן עלעמענט — שוסטער, קצבים און טרעגער. אין שפּיץ פֿון אָט דער גרופּע זענען געשטאַנען װײַנשטאָק, גאָלדשטיין, לאַמבערט[8]. די פֿאַרלוסטן פֿון די דײַטשן באַטרעפֿן לערך 400 טויטע.

צ. א. פֿון אינערן־מינ., אַרכ. פֿון „אַנטיק“,
באַריכטן נ׳ 306, 313 און 314.
איבערזעצט פֿון פּויליש.

---

6 דאָס איז די א.ק.־גרופּע, װאָס האָט דורכגעפֿירט די אַקציע אויף סאַפּיעזשינסקע גאַס.

7 די נעמען זענען אונדז אומבאַקאַנט.

8 װײַנשטאָק װערט אויסגערעכנט אין דער רשימה פֿון די קאָמאַנדירן פֿון דעם יידישן מיליטערישן פֿאַרבאַנד.

88. וואַרשע, דעם 28־טן יולי 1943

# בריוו פון אַ רייכס־דייטשקע פון וואַרשע צו דער אָנפירונג פון ס. ס. וועגן דעם אויפשטאַנד אין געטאָ און דער סיטואַציע אין וואַרשע

פערסאָנאַל־שטאַב פונעם רייכספירער פון ס.ס. 343.

## באַריכט וועגן וואַרשע

(איבערגעגעבן פון דעם ס.ס.־שטאַנדאַרטן־פירער פאָן קאַרזאַווסקי) דערפאַרונג און אויספירן פון אַ רייכס־דייטשישער פרוי, וואָס האָט פאַרבראַכט אין וואַרשע לערך 8 חדשים.

## די אַלגעמיינע סיטואַציע

נאָך די ערשטע קאָנטראָנגריפן אויפן מזרח־פראָנט, אָנגעהויבן פון דעצעמבער 1942[1], הערשט אין וואַרשע אַ צושטאַנד פון גרויסער אומזיכערקייט. יעדן טאָג אָנפאַלן אויף סאָלדאַטן פון ווערמאַכט (דערשיסונגען) און באַאַמטע פון ציווילע אַמטן. אין פאָסט־פעקלעך פאַר אַמטן — טייוול־מאַשינען. אַ סך דראָונגס־בריוו, אָנפאַל אויף אַ באַנק, אויף אַ מלוכה־דרוקעריי. דעם 3־טן מערץ דערשאָסן די איינציקע צוויי דייטשישע דירעקטאָרן פון דער דרוקעריי (נאָכן אַנטוואָפענען די וואַך). דריי מענער האָבן אַרויסגעלאָקט די פאַרוואַלטערס פון זייער דירה אין דער שכנות פון דעם הויז. איינער איז געווען אין אַן אוניפאָרם פון אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר, דער צווייטער אין אַ מונדיר פון דער זיכערהייטס־דינסט, דער דריטער — אין ציוויל. ער האָט זייער גוט גערעדט דייטש. נאָכן רעוואָלטאַטלאָזן זוכן די קאַסע־שליסלען האָבן זיי דערשאָסן [די דייטשישע פאַרוואַלטערס] אין דעם וואַך־שטיבל פון דער דרוקעריי מיט אַ שאָס אין נאַקן. אין די אַמטלעכע שעהן האָט מען אין ביוראָ דערשאָסן דעם לייטער פון דעם אַרבעטס־אַמט, זיין נאָכפאָלגער האָט מען דערשאָסן אין גאַס. דעם 16־טן מערץ האָט מען באַגראָבן דעם דריטן לייטער פון אַרבעטס־אַמט. אַן ס.א.־אָפּטיילונג איז געוואָרן באַוואָרפן מיט גראַנאַטן אויפן צוריקוועגס פון אַ טרויער־פייערונג מיט מוזיק. 15 פערזאָן זענען געוואָרן פאַרוואונדעט.

[1] געמיינט די סאָוויעטישע קאָנטראָפענסיווע אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט.

די אַקציע אין געטאָ, וועלכע די ס.ס. האָט דורכגעפירט און צוגעגרייט אין שטאַרקער געהיימניש מיט אַ טאָג פריער, איז געוואָרן אויסגעגעבן. ווען די ס.ס. איז מיט לאַסט־מאַשינען אַריין אין געטאָ, איז זי געוואָרן פון אַלע זייטן אַטאַקירט מיט פייער. דאָס אויסליידיקן דאָס געטאָ, וואָס האָט געזאָלט דויערן, ווי מען האָט זיך גערעכנט, 3—4 טעג, דויערט שוין 5 וואָכן. אונטער די געטאָ־הייזער האָט זיך געפונען אַ נישט־דורכדרינגלעכער לאַבירינט פון הויז צו הויז, מיט אונטערערדישע אַדורכגענג, מיט אויסערגעוויינלעך גוט פאַרמאַסקירטע בונקערס און מיט אַרויסגענג דורך קאַנאַליזאַציע־עפענונגען ביזן סאַמע ווייסל, אין דעם פוילישן ראַיאָן. צום סוף האָבן די פייער־אָפּטיילונגען, כדי צו דערגרייכן דעם ציל, אונטערגעצונדן הויז נאָך הויז. דערביי האָט מען צעשטערט אַ פאַרמעגן פון אַ ריזיקן ווערט. נאָך דער געטאָ־אַקציע — אָנפאַלן פון ייִדן און באַנדעס. געווען אַן אָנפאַל אויף אַ פאַרוויילונגס־לאָקאַל (אַדריאַ) און ווידער האַנט־גראַנאַטן אין קאַפע־קלוב און אין הויפּט־וואָקזאַל. לעצטנס צאָלרייכע אָנפאַלן אויף אַלע מילך־אונטערנעמונגען אין דער נאָענטסטער געגנט פון וואַרשע, שאַנטאַזש לגבי לאַנדווירטשאַפטן [...]

אַרכיוו פון הויפּט־קאָמיסיע צו פאָרשן די
היטלערישע פאַרברעכנס אין פוילן
אקטן פון בילערס פראָצעס, 11־טער באַנד
פון דאָק. צענטער 702.
איבערזעצט פון דייטש.

89. וואַרשע, דעם 22־טן דעצעמבער 1943

## ראַפּאָרט וועגן אַנטדעקן אַ באַוואָפנטע ייִדישע גרופּע

אין די קעלערס פון אַ הויז אויף קרולעווסקע־גאַס האָט די געסטאַפּאָ אויפגעדעקט אַ גרופּע פון 62 ייִדן.

זיי האָבן געהאַט גרויסע זאַפּאַסן פון שפּייז און געווער. אַלע זענען געוואָרן דערמאָרדעט.

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן,
אינערן־דעפּאַרטאַמענט, ראַפּאָרט נ' 238.
איבערזעצט פון פויליש.

90. וואַרשע, דעם 7־טן יולי 1944

## אינפאָרמאַציע וועגן אַ קאַמף פון אַ יידישער גרופּע צווישן די געטאָ־חורבות אין יוני 1944

וואַרשע. אויפן שטח פון געוועזענעם געטאָ זענען נאָך אַלץ פאַרשטעקט יידישע גרופּן, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס שוין העכער אַ יאָר אין בונקערס אונטער די קעלערס פון די פאַרברענטע הייזער. זיי ווערן דערהרגעט אויפן אָרט. אין מיטן יוני 1944 האָט מען ווידער אַנטדעקט אַ בונקער מיט דריי יידן, וועלכע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און געהרגעט דריי זשאַנדאַרן. אַלס נקמה האָבן די דייטשן דער־שאָסן 25 יידן. מען האָט זיי געהאַט איינגעגלידערט אין די גרופּן פון אויסלענדישע יידן. די אַרבעטער וואָס זענען באַ־שעפטיקט ביים פאַנאַנדערנעמען די [אויסגעברענטע] היי־זער געפינען אָפטמאָל געווער, געלט און טייערע חפצים.

„אינפאָרמאַציאַ נאַראָדאָוואַ אי וסכאָדניאַ“
(נאַציאָנאַלע און מזרחדיקע אינפאָרמאַציע)
פון 7־טן יולי 1944

איבערזעצט פון פויליש.

91. וואַרשע, דעם 13-טן מערץ 1944

## מעלדונג וועגן דעם אויפדעקן פון בונקער פון עמנואל רינגעלבלום

מען האָט אַנטדעקט אַ בונקער מיט יידן אויף גרויעצ־קע 81 ביי וואָלסקין [1].

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
דעלעגאַטור־אַרכ־מאַטעריאַלן,
אויסשפּיר־מאַטעריאַלן, ראַפּאָרט נ׳ 281.

איבערזעצט פון פויליש.

---

1 אויף גרויעצקע 81 איז געווען אַ בונקער, וווּ עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע און דרייסיק יידן, בתוכם רינגעלבלום מיט דער פרוי און איינציקן זון. מיעטשיסלאַוו וואָלסקי איז געווען איינער פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן איינגעאָרדנט און געהיט דעם בונקער. אַלע יידן און וואָלסקי זענען דערשאָסן געוואָרן.

## 92. וואַרשע, דעם 1-טן מאַי 1944

# די אָפּשאַצונג פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין דער צענטראַלער פּרעסע פון פּ.פּ.ר.

דעם 19־טן אַפּריל 1943 האָט אויפגעפלאַקערט אינעם צענטער פון וואַרשע אַ רעגולערע שלאַכט. די יידן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן הינטער די געטאָ־מויערן, האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן, נישט גיין פרייוויליק אין די נייע טויט־לאַגערן אין פּאָניאַטאָוו און טראַווניק. די ברוינע מערדער, וואָס האָבן געוואָלט מיט כח אַריינטרייבן די יידן אין די וואַגאָנען, האָט באַגעגנט אַ פייער פון מאַשין־געווער און פּיסטאָלעטן. דער ס.ס.־ און פּאָליציי־פירער האָט זיך גערעכנט, אַז מיט דער הילף פון פּאַנצער־געווער וועט ער אין משך פון עטלעכע שעה איינברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די יידן. אין די געטאָ־גאַסן זענען אַריינגעפאָרן טאַנקן, נאָך די טאַנקן האָט זיך גערוקט פאָרויס פוסגייער־מיליטער. אָנשטאָט אַנטי־פּאַנצער האַרמאַטן האָבן די יידן באַנוצט גראַנאַטן און פלעשער מיט בענזין. נישט געקוקט אויף אַזאַ מין פּרימיטיווער פאַרטיידיקונג, איז דער ערשטער דייטשישער פראָנטאַלער אָנגריף געוואָרן אָפּגעשטויסן.

אין משך פון די צוויי טעג האָבן די דייטשן אָפּטמאָל געפרוווט באַהערשן די הויפּט־פונקטן פונעם ווידערשטאַנד, אָבער יעדעס מאָל האָבן די [יידישע] קעמפער באַוויזן איינצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס. די דייטשישע פאַרלוסטן האָבן באַטראָפן קרוב 200 דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. אין דעם פראָנטאַלן אָנגריף איז דאָס געטאָ געווען אוממעגלעך. יעדעס הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג. דער סיסטעם פון די אונטערערדישע דורכגאַנג־וועגן האָט מעגלעך געמאַכט צו אַטאַקירן דעם שונא אומגעריכטערהייט פאַר אים.

דעמלט זענען די דייטשן צוגעטרעטן צו באַלאַגערן דאָס געטאָ. זיי האָבן געבראַכט אַרטילעריע און האָבן אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו באָמבאַרדירן הויז נאָך הויז. איינציייטיק האָבן אַעראָפּלאַנען באַוואָרפן דאָס קאַמפּס־געביט מיט צינדבאָמבעס. אין משך פון דריי וואָכן האָבן געבושעוועט בראַנד־שריפות. דאָס פייער האָט פאַרצוקט פולשטענדיק אַ פערטהלק פון דער שטאָט.

מיט דער געטאָ־פאַרטיידיקונג האָט אָנגעפירט אַ יונגער קעמפער אַניעלעוויטש. די מיליטערישע קונסט און דער־

פֿאַרונג האָט ער דערגרייכט ערשט אין סאַמע לויף פֿון קאַמף. ביי אַ מינימאַלער הילף פֿון אויסן, קאַרג באַזאָרגט מיט געווער און אַמוניציע, האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד דעם הונדערטפּאַכיקן איבערגעוויכט פֿון דעם שונא. די געטאָ־קעמפּער זענען באַזיגט געוואָרן מיט ברוטאַלער קראַפֿט. אָבער מיט זייער קאַמף האָבן זיי דאָקומענטירט פֿאַר דער וועלט, אַז אַפֿילו אין דער ערגסטער סיטואַציע קאָן מען שלאָגן די איבער די ציין באַוואָפֿנטע שונאים. אויב די יידן האָבן פֿאַרשפּילט די אַפּריל־קאַמפּאַניע פֿון 1943, איז דאָס געשען דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געקעמפֿט אויג אויף אויג מיט דער מאָדערנער קראַפֿט פֿון דער היטלעריסטישער קריגס־מאַשין און ענדלעך — ווייל זיי זענען מאָראַליש און פּאָליטיש נכשל געוואָרן אין זומער 1942, ווען מען האָט נאָך געקאָנט מיט אַ דעצידירטן אָנגריף צונישטמאַכן די פּלענער פֿון די נאַצישע רוצחים.

[...] דער באַוואָפֿנטער ארויסטריט פֿון די יידן איז נישט געווען קיין אַקט פֿון אימפּראָוויזאַציע אָדער פֿון טיפֿן יאוש. ער איז געוואָרן צוגעגרייט אין משך פֿון עטלעכע חדשים. נאָך אויגוסט און סעפּטעמבער 1942 האָבן שוין די יידן נישט געהאַט קיין אילוזיעס וועגן דעם גורל, וואָס עס גרייט פֿאַר זיי דער אָקופּאַנט. זיי האָבן באַוויזן צו מאַכן אויספֿירן פֿון די טראַגישע אויגוסט־ און סעפּטעמבער־טעג.

אין דער יידישער געזעלשאַפֿט איז געקומען צו אַן איינהייט פֿון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, עס איז אויפֿגעשטאַנען אַן איינהייטלעכער דעמאָקראַטישער פֿראָנט[1], מיטן אויסנאַם פֿון דער יידישער גמינע[2] און די יידישע פּאַשיסטן[3], וועלכע האָבן אָפֿן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשישע רוצחים. די יידישע אַרבעטער האָבן געשאַפֿן דעם קריסטאַליזיר־צענטער און דעם סאַמע אַקטיוון טייל פֿון אָט דעם ווידערשטאַנד־פֿראָנט, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. עס זענען געמאַכט געוואָרן מיליטערישע צוגרייטונגען, מען האָט געבויט בונקערס, געזאַמלט געווער און שפּייז־זאַפּאַסן.

---

1 געמיינט דעם אַנטיפֿאַשיסטישן בלאָק.
2 דעם יודענראַט.
3 די יידישע פּאָליציי, שאָפּ־דירעקטאָרן וכדומה.

אין דער ערשטער יאָרצייט פון די העלדישע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ גיבן מיר אָפּ כבוד די יידן, וואָס זענען געפאַלן אין די אָנדענקפולע אַפּריל־טעג אינעם קאַמף קעגן דעם הימלערישן שונא.

„טריבונאַ וואָלנאָשטשי" [4]
(פרייהייטס־טריבונע) פון 1־טן מאי 1944.
איבערזעצט פון פויליש.

93. וואַרשע אַפּריל — מאי 1943

## די אָפּשאַצונג פון געטאָ-אויפשטאַנד אין דער פוילישער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער פרעסע

### וואַרשע רופט אַרויס צום צווייטן מאָל אין דער וועלט באַוואונדערונג

[...] די זעלבשוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אינעם וואַרשעווער געטאָ דאַרף ווערן אַ ביישפיל פאַר אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ וועלן פאַלן אין אַן אומגלייכן קאַמף. אָבער זיי וועלן שטאַרבן ווי זעלנער, ראַטעווענדיק זייער כבוד און מענטשלעכע ווירדע.

„וואָלנאָשטש" [1] (פרייהייט)
פון 24־טן אַפּריל 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

### די העלדישקייט פון די געטאָ-פאַרטיידיקער

[...] די יידן, וואָס האָבן געמאַכט דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, זענען דערהויפּט אַרבעטער פון די שאָפּן און אַרבעטס־פּלעצער. זיי האָבן מיט זייער דרייסטער דעציזיע צו שטאַרבן ליבערשט מיט געווער אין האַנט, איידער אין אַ גאַז־קאַמער, אַריינגעשריבן מיט זייער בלוט אַ ספּעציעלן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר פוילנס פרייהייט, וועלכן מ'קאָן אָנרופן זייער אייגענע פאַרטיידיקונג פון וואַר־

[4] צענטראַלער אָרגאַן פון פ.פּ.ר.
[1] אָרגאַן פון דער פויליש־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „גוואַרדיאַ".

שע, וואָס איז נישט ווייניקער העלדיש, ווי אין יאָר 1939 אין אַ סך, זייער אַ סך פראַגמענטן.

די ידיעות פון די קאַמפן אינעם געטאָ קומען אָן שטופנווייז און זייער פול ביל̈ד וועט מען קאָנען אויפשטעלן נאָך אַ געוויסער צייט. היינט זענען שוין באַקאַנט אַ גאַנצע ריי פאַקטן, וואָס זאָגן וועגן דעם מסירת נפש און ווירדע־געפיל פון די העלדן פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע [...] נישט געקוקט אויף זייער העלדישער האַלטונג וועט קומען אַ מאָמענט, ווען די העלדישע פאַרטיידיקער וועלן אָדער אומקומען, אָדער זוכן אַן אַרויסגאַנג פון אַט דעם באַלאַגערטן טייל פון וואַרשע. פאַרן קאַמף און פאַר די קרבנות קומט די קעמפער הילף מצד דער פוילישער באַפעלקערונג פון וואַרשע און פון גאַנצן לאַנד! זיי האָבן געקעמפט פאַרן כבוד און פאַרן לעבן! זיי האָבן געראַטעוועט דעם כבוד, לאָמיר זיי ראַטעווען דאָס לעבן.

„זשאַלניעזש רעוואָלוציאָניסטאַ“ [2]<br>(דער זעלנער רעוואָלוציאָנער)<br>פון 2־טן יוני 1943.<br>איבערזעצט פון פויליש.

94. וואַרשע, דעם 14־טן מאַי, 1943

## די אָפּשאַצונג פון געטאָ-אויפשטאַנד אין אַ פוילישער אונטערערדישער דעמאָקראַטישער צייטונג

רום די באַזיגטע!

סאַראַגאָססאַ — אַלקאַזאַר — סטאַלינגראַד — נאַלעווקעס.

האָפנונגסלאָז קעמפן די לעצטע נעסטן פון ווידערשטאַנד. עס צאַנקען די נאַכטיקע פייערן, די זון, וואָס פאַרגייט אין קינסטלעכע וואָלקנס, גיט אומגעריכטע עפעקטן. שוין זשע האָט קיין שום מאָלער ניט פאַראייביקט דעם אויסדרוק פון אונדזערע טעג אין אַ בילדער־ציקל: רויבן איבער וואַרשע?

איך דערנעענטער זיך צום פראָנט. דאָס איז שוין גיכער אַ גרויסער בית־הקברות. אַזאַ ריזיקן קבר האָט נאָך נישט גורם געווען קיין שום נאַטור־קאַטאַסטראָפע.

---

[2] אָרגאַן פון ס.אַ.ב. (סאָציאַליסטישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע).

שטילקייט פון אַ מאַסן־קבר. מען הערט נישט קיין פרייהפולע באַקאַנטמאַכונגען פונעם מעגאַפאָן: „מיר האָבן פאַרנומען דעם מוראַנאָווער פּראָנט". עס פליט נישט צום דייטשישן שטאַב קיין קורצוואַליקע וואָרענונג: „מיר קאָנען זיך פאַרטיידיקן צוויי וואָכן!" עס איז מקוים געוואָרן אַ באַשטימטע צייט.

נעבן אַ פריש צעשטערט הויז מאַכן עטלעכע סאָלדאַטן איבונגען אין שיסן פון אַ פיסטאָלעט. נאָך אַלץ ווייניק דערפאַרונג? האָבן זיי דאָך געהאַט אַ פרעכטיק פעלד זיך אויסצוצייכענען! איבעריקנס, צו וואָס זענען די הענט, אויב נישט צו מאָרדן? וואָס שוצלאָזער עס איז דער קרבן, אַלץ גרעסער איז די סאַטיספאַקציע. אַריינגעדרונגען אין שפיטאָל ווי אַ מלאך המות, זיך איבערגעבויגן איבערן חולה און — איבערגעלאָזט אַ בר־מינן. צונעמען דאָס קינד ביי דער מוטער — דאָס איז זייער ספעציאַליטעט. אַ קעפל אָן אַ קעפל — דער מוח פלאַצט און באַשפריצט די ווענט...

די פאַרטיידיקונג פון די נאַלעווקעס וועט אַריינגיין אין דער געשיכטע צוגלייך מיט דער פאַרטיידיקונג פון סאַראַגאָסע, אַלקאַזאַר, וועסטערפלאַטע, סטאַלינגראַד, און פון יעדן אָרט, וואָס איז פאַרטיידיקט געוואָרן מיט בלוט. דאָס איז פון סאַמע אָנהייב געווען אַ פאַרלוירענער פּאָסטן, אַ פּאָסטן אַ פאַרמשפּטער אויף אומקום אין אַ סיטואַציע אַ פּאַראַדאָקסאַלער פון מיליטערישן שטאַנדפונקט. האָבן זיי זיך דעריבער געשלאָגן פאַרן כבוד פון דער פאָן?

מיר האָבן נאָכגעשפירט דעם דאָזיקן קאַמף מיט גרויל און מיטלייד, מיר האָבן אָבסערווירט די עטאַפּן מיט אויג און אויער דורך דעם פייער־אָפּשיין אויפן הימל, מיר האָבן געפאָרשט די אַנטוויקלונג פון דעם קאַמף.

שרייבנדיק וועגן דער באַגעגעניש מיטן דאָזיקן קאַמף, גיב איך אים דעם טיטל: „רום די באַזיגטע!" מיר הערן באַוווסטזיניק איבער די ווערטער, וואָס אָזשעשקאָוואַ האָט געזאָגט צו די אויפשטענדלער פון 1863, פּאַראַפראַזירנדיק דאָס רוימישע ווערטל: „וויי צו די באַזיגטע". די דאָזיקע ליבפולע באַצייכענונג קומט די באַזיגטע. וועגן דעם זאָגן עדות סיי די יאַנואַר־קאַמפן, סיי די סעפּטעמבער־קאַמפּאַניע פון 1939. איך האַלט, אַז איך באַליידיק נישט אונדזערע העלדן, ווען איך פאַרגלייך זיי מיט די וואַרשעווער מאַרטירער. וואָרעם די באַזיגטע האָבן שטענדיק רעכט צו רום נאָכן טויט, אויב זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט מוטיק און העלדיש. די געטאָ־פאַרטיידיקער זענען נישט בלויז באַזיגט געוואָרן דורך איבערוויגנדיקער, ברוטאַלער טעראָר־קראַפט פון די אָנפאַלער,

נאָר זיי האָבן דורכגעמאַכט דאָס גיהנום פון גרויזאַמקייטן, אין וועלכע די פייניקער האָבן אָנגעווענדט אַלע ענויים. וועלכע איין מענטש קאָן מאַכן דעם צווייטן. די לעגענדעס וועגן די סאַמע סאַדיסטישסטע שחיטות האָבן באַקומען אַ גוי, ביז איצט נישט באַשריבן בלאַט.

זיי גייען אַוועק אין בוכשטעבלעכן און אין סימבאָלישן זין ווי אַ קרבן־עולה, אָבער די ציוויליזירטע וועלט וועט איינהאַלטן זייער רומפולן אָנדענק.

„נאָווי דזשען"[1] (דער נייער טאָג)
נ' 564 פון 14־טן מאי 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

95. וואַרשע, דעם 12־טן מאי 1943

## די אָפּשאַצונג פונעם געטאָ־אויפשטאַנד אין אַ פוילישער אונטערערדישער צייטשריפט

### דאָס געטאָ קעמפט

דער באַוואָפנטער קאַמף, מיט וועלכן עס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן די דייטשן די איינוווינער פון וואַרשעווער געטאָ, האָט אויפגעטרייסלט נישט בלויז גאַנץ פוילן, נאָר וועט אויך אָן ספק האָבן אַ גרויסן אָפּקלאַנג ביי אַנדערע פעלקער, וואָס קעמפן איצט פאַר דער ווירדע און מענטשןרעכט. אויב עס גייט אין גורל פון די קעמפנדיקע יידן, איז דער דאָזיקער קאַמף פּראַקטיש אַ האָפנונגסלאָזער. בלויז אַ הייפל וועט זיך איינגעבן ניצול צו ווערן. דעריבער טרעט אויף נאָך מער בולט און נאָך מער איבערצייגנדיק אויפן באָדן פון דער יידישער טראַגעדיע דער העלדישער, דעצידירטער פּראָטעסט קעגן ענדגילטיקער דערנידערונג און פאַרשוועכונג פון מין מענטש, אויף וועלכן עס האָבן זיך דערוועגט די דייטשן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, מאַכנדיק חוזק פונעם געזעץ און פון די יסודות פון דער קולטור.

דער דאָזיקער העלדישער, פאַרביסענער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד קעגן אַן אומפאַרגלייכלעך שטאַרקערן קעג־

---

[1] דעם אַרטיקל האָט אָנגעשריבן די דעמאָקראַטישע זשורנאַליסטין אורעליאַ ווילעזשינסקאַ.

נער — אונטערדריקער, איז נישט לחלוטין קיין אינסטינקטיווע רעאַקציע פון אַ קרבן, וואָס פאַרטיידיקט זיך, נאָר איז אָן שום ספק אַ באַוווסטזיניקער אַקט פון ווילן, וואָס איז אויפגעקומען פון כבוד און מענטשלעכער ווירדע. דעריבער קומט די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ די פולע אַכטונג און סימפּאַטיע.

דער באַוואָפנטער פּראָטעסט פון וואַרשעווער געטאָ האָט פאַר אונדז, פּאָליאַקן, נאָך אַ באַזונדערן באַטייט. מיר שטייען אויפן באָדן פון דער פוילישער מלוכהשאַפט און מיר שטעמפּלען די דייטשישע רציחות איבער די ייִדן, נישט בלויז אויס הומאַניטאַרע און קולטורעלע סיבות, נאָר אויך דערפאַר, ווייל די ביישפּיללאָזע באַרבאַרישע רדיפות פון די דייטשישע אינוואַזאָרן לגבי די ייִדן, אַלס בירגער פון דער פוילישער מלוכה, איז אַ דירעקטער קלאַפּ אין דער פוילישער מלוכהשאַפט. די געטאָ־קעמפער האָבן זיך געשטעלט אויף דער הויך פון די אויפגאַבן פון פוילישע בירגער, פאַרטיידיקנדיק זייער אייגענעם כבוד און אויסברייטערנדיק דעם פראָנט פון קאַמף קעגן דעם אָקופּאַנט.

הגם עס איז אוממעגלעך אין איצטיקן מאָמענט צו געבן אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון די דירעקטע רעזולטאַטן און ווייטערדיקע פאָלגן פון דעם באַוואָפנטן אויפשטו פון וואַרשעווער געטאָ, מוזן מיר אָנערקענען די אָנטיילנעמער פון דעם דאָזיקן אויפשטו פאַר קעמפער קעגן דעם געמיינזאַמען שונא און זיי פאַרדינען שוין דערמיט אויף הילף מצד דער פוילישער געזעלשאַפט אומעטום, וו אַזאַ הילף וועט זיך אַרויסווייזן פאַר מעגלעך און צילמעסיק.

[...] די פאַררייסענע, אָנגעבלאָזענע „וועלט־דעראָבערער“, וועלכע עס איז אַזוי לייכט אָנגעקומען צו פייניקן שוצלאָזע מענטשן, פירן איצט אויף אַ שלימזלדיקן אופן אַ ווירקלעך לאַנגדויערנדיקן קאַמף מיט אַ הייפל פאַרמוטשעטע פּאַריאַסן, אַרויספירנדיק קעגן זיי האַרמאַטן און טאַנקן. די דאָזיקע מלחמה מיטן וואַרשעווער געטאָ, וועלכע פאַרשלעפּט זיך און ווערט שוין איראָניש אָנגערופן „דריטער פראָנט“, רופט אַרויס רעפלעקסיעס, וואָס הוזקן אויס און קאָמפּראָמיטירן די טאַלאַנטן, פאַראָרדענונגען און דעם אופן פון מלחמה האַלטן [פון די דייטשן].

דאָס געטאָ קעמפט. די פוילישע געזעלשאַפט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין קולט פאַר קאַמף פאַר ווירדע און פרייהייט, דערשאַצט בלי ספק די וויכטיקייט און שיינקייט פון

דעם באַוואָפנטן געראַנגל פון די וואַרשעווער ייִדן און באַגערט, ער זאָל ווערן אַ ווענד־פּונקט אין דער מאַרטיראָלאָגיע און דערנידעריקונג, וועלכע עס שטייט אויס צוליב די אָקופּאַנטן די ייִדישע באַפעלקערונג אויף דער פּוילישער ערד.

„פּיאָניער“[1] נ' 7(71) פון 12־טן מאי 1943.
איבערזעצט פון פּויליש.

96. וואַרשע, דעם 29־טן אַפּריל 1943

## דער צענטראַל־אָרגאַן פון אַ. ק. וועגן דעם געטאָ־אויפשטאַנד

### דער לעצטער אַקט פון דער גרויסער טראַגעדיע

[...]מיט אַ וואָך צוריק האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער אַקט פון פאַרניכטן די ייִדן אין פּוילן. די דייטשן האָבן גענומען אַרויספירן די פאַרבליבענע אין וואַרשע 40 טויזנט ייִדן. דאָס געטאָ האָט געענטפערט מיט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן אַן אומגלייכן קאַמף. מיט מאָגערע כוחות, שוואַך באַזאָרגט מיט געווער און אַמוניציע, אַרומגערינגלט מיט רויך און פייער, האָבן די ייִדישע קעמפער פאַרטיידיקט די גאַסן און הייזער, אָפּטרעטנדיק מיט פאַרביסענעם שווייגן טראָט נאָך טראָט, נישט אַזוי ווייט קעגן דעם באַוואָפנטן און מאָדערנע קאַמפס־מיטלען שונא, ווי מחמת דעם, וואָס זיי ווערן אַרויסגעשטויסן דורך די שריפות, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט די צונויפגעדרענגטע הייזער. עס וועט זיי פאַררעכנט ווערן פאַר אַ זיג, אויב זיי וועלן דערמעגלעכן דאָס אַנטלויפן פון אַ טייל פון די געטאָ־אסירים; עס וועט זיי פאַררעכנט ווערן פאַר אַ זיג, אויב זיי וועלן אָפּשוואַכן די כוחות פון די אָנפאַלער. און עס וועט זיי פאַררעכנט ווערן פאַר אַ זיג דער טויט מיט געווער אין האַנט.

דער ביזאיצטיקער פּאַסיווער טויט פון די ייִדישע מאַסן האָט נישט געשאַפן קיין נייע ווערטן — ער איז געווען אומנוצלעך. דער טויט מיט געווער אין דער האַנט איז מסוגל אַרייַנצוטראָגן נייע ווערטן אין לעבן פון ייִדישן פאָלק, אויפהעלנדיק איבער דער טראַגעדיע פון די ייִדן אין פּוילן די שיין פון באַוואָפנטן קאַמף פאַר רעכט אויף לעבן. אַזוי האָט

[1] צייטשריפט פון די אַ.ק.־קרייזן.

טאַקע פֿאַרשטאַנען דעם געטאָ-קאַמף די געזעלשאַפֿט פֿון וואַרשע, וועלכע האָט זיך מיט אָנערקענונג אײַנגעהערט אייגענעם געראַנגל פֿון די קעמפֿער און מיט אומרו נאָכגעפֿאָלגט די פֿלאַמען און רויכן פֿון די אַלץ מער צעבושעוועטע שריפֿות. די בירגער פֿון דער פּוילישער מלוכה, וואָס קעמפֿן צווישן די געטאָ-מויערן, זענען אונדז געוואָרן נאָענטער, מער פֿאַרשטענדלעך דער וואַרשעווער געזעלשאַפֿט, איידער די פּאַסיווע קרבנות, וואָס זענען אַוועק ווידערשטאַנדסלאָז צום טויט [1].

די פֿאַרטיידיקונג פֿון וואַרשעווער געטאָ איז אַ גרויסער קלאַפּ פֿאַר די רעשטלעך פֿון פּרעסטיזש פֿון היטלער-דײַטשלאַנד. עס איז אַ פּסק-דין פֿון דעם געשיכטע-גײַסט, אַז די דײַטשן, וואָס האָבן געוואָלט מיט פֿאַראַכטונג אויסמעקן דאָס יידישע פֿאָלק פֿון דער רשימה פֿון די לעבעדיקע פֿעלקער, האָבן אים געגעבן אַ מעגלעכקייט פֿון אַ רומפֿולן קאַמף, באַלאַסטנדיק אַליין די לאַנגע ליסטע פֿון זייערע אייגענע רציחות מיט אַ פּאָזיציע פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק. פֿאַרן טריבונאַל פֿון דער געשיכטע מוז ענטפֿערן פֿאַר אָט דער רציחה דאָס גאַנצע דײַטשישע פֿאָלק, וואָס פֿירט אויס באַוווסטזיניק און מיט פּרעמעדיטאַציע פֿאַרברעכנס, וועלכע זענען פֿאַרטראַכט געוואָרן דורך פֿירער; מיטן אינסטינקט פֿון אַ נאַרישער סטאַדע קאָן מען דאָס נישט אויסטײַטשן.

דער גײַסט פֿון די אָנקומענדיקע צײַטן פֿאַרלאַנגט, אַז די מענטשהייט זאָל ווערן אויף אייביק באַפֿרײַט פֿונעם סיסטעם פֿון קאָלעקטיווע מאַסן-מאָרדן, אַלץ איינס, ווער עס זאָל זיי אָנווענדן. אין קעגנפֿאַל וועט די צווייטע וועלט-מלחמה זײַן פֿאַרשפּילט און די וועלט וועט נישט אַרויסגיין פֿון דעם משוגענעם בלוטיקן קרײַז.

הילף פֿאַר די אַנטלאָפֿענע פֿונעם ברענענדיקן געטאָ איז פֿאַר אונדז אַ שטרענגע קריסטלעכע פֿליכט, אַזש ביז דער צײַט, ווען די צוריקאויפֿגעלעבטע רעפּובליק וועט צוריקשטעלן אין אָט דעם טייל אייראָפּע די פֿולע זיכערקייט, די אמתע פֿרייהייט און אונדזער אַלטע אייראָפּעישע קולטור.

„בּיולעטין אינפֿאָרמאַציני“
(אינפֿאָרמאַציע-בּיולעטין) 29 אַפּריל 1943.

איבערזעצט פֿון פּויליש.

---

[1] דער צענטראַל-אָרגאַן פֿון אַ.ק. פֿאַרגעסט נאָר צוצוגעבן, ווער עס טראָגט אַ טייל פֿון דער שולד פֿאַר דעם, וואָס אין 1942 האָבן די יידן נישט געשטעלט קיין אַקטיוון מאַסן-ווידערשטאַנד.

## אַן אומלעגאַלע דייטשע אַנטיפאַשיסטישע צייטשריפט וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און זעלבסטשוץ אין ביאַליסטאָקער און לוואָווער געטאָ

די געהיימע פּוילישע ראַדיאָסטאַציע „קאָשטשושקאָ“ האָט דעם 23־טן אַפּריל 1943 אָנגעגעבן אָט וואָס: דעם 18־טן אַפּריל איז אויף די גאַסן פון וואַרשע ווידער געפלאָסן בלוט פון פרידלעכע פּוילישע בירגער. פונקט ווי אין 1939, ווען די פאַשיסטישע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען זענען געפלויגן איבער וואַרשע, אַזוי האָבן זיי אויך איצט געוואָרפן אויפן געטאָ צעשטער־באָמבעס, כדי ענדגילטיק צו פאַרניכטן די וווינונגען פון די נאָך פאַרבליבענע אין וואַרשע יידן. אין געטאָ זענען אַריינגעדרונגען אָפּטיילונגען פון געסטאַפּאָ־לייט און זשאַנדאַרן, צוזאַמען מיט אַנדערע באַוואָפנטע פאַשיסטישע באַנדעס. זיי האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די פּוילישע בירגער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט מיט האַנט־גראַנאַטן, פּיסטאָלעטן און מאַשין־געווער. עטלעכע הונדערט פאַשיסטן האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דעם אָנפאַל. באַוואָפנטע פּוילישע אָפּטיילונגען זענען געקומען צו הילף זייערע יידישע מיטבירגער. די זעלנער פון דער פּוילישער אונטערערד האָבן אַטאַקירט די דייטשישע זשאַנדאַרמען און ס.א.־אָפּטיילונגען פון הינטן, געבנדיק זיי ערנסטע קלעפּ.

אין די ווייטערדיקע טעג האָט מען איבערגעגעבן, אַז דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ דויערט. אויף דעם העכסטן בנין האָט מען אויפגעהאָנגען די נאַציאָנאַלע פענער פון גרויס־בריטאַניע, פּוילן און ראַטנפאַרבאַנד. די [יידישע] קעמפער זאָלן האָבן גענומען מיט שטורעם די טרויעריק באַרימטע תפיסה „פּאַוויאַק“ און באַפרייט אַלע אַרעסטאַנטן [1]. עס זענען אויך אָנגעקומען נאָך נישט באַשטעטיקטע ידיעות, אַז עס איז דערגאַנגען צו קאַמפן אין לוואָוו [2] און ביאַליסטאָק [3].

אַרכ. פון אינסט. פאַר מאַרקסיזם־לעניניזם בערלין.

„די וועלט“ נ' 18 פון 7־טן מאי 1943 ז' 55

איבערזעצט פון דייטש.

---

1 אַ גוזמא (זע דאָק. נ' 65).

2 אין לעמבערג איז בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע געווען אַ ווידערשטאַנד. מען ווייס אָבער וועגן אים ווייניק.

3 געמיינט מסתמא די באַוואָפנטע זעלבשוץ פון פעברואַר 1943.

98. וואַרשע, דעם 29־טן יולי 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן דעם ראַט צו העלפן יידן

## ענטפער אויף דער דעפּעשע נ' 247

1. דער פּאָליטישער צוזאַמענשטעל פון דעם ראַט צו העלפן יידן: וו. ר. נ.[1], פּויערים־פּאַרטיי, פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי; „ספּראַווא"[2], פּוילישע סאָציאַליסטן[3], ייד. נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, בונד.

2. פּערסאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון דעם ראַט צו העלפן יידן:

א) פאָרשטייער פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור — ווענצקי[4]

ב) ה' טראָיאַן[5] וו. ר. נ. — פּאָרזיצער

ג) ה' רוזשיצקי[6] (פּויערים־פּאַטיי) — וויצעפּאָר־זיצער

ד) מיקאָלאַי[7] (בונד) — וויצע־פּאָרזיצער.

ה) ה' מאַרעק[8] (פּוילישע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) פינאַנס־לייטער

ו) ה' באָראָווסקי[9] (ייד. נאַציאָנאַלער קאָמיטעט) — סעקרעטאַר

ז) ה' סטעפאַן[10] (פּוילישע סאָציאַליסטן) — מיט־גליד פון ראַט

ח) פרוי באַרבאַראַ[11] („ספּראַווא") — מיטגליד פון ראַט.

סאָבאָל

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
דריטע סעקציע דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן,
דעפּעשע נ' 212.
איבערזעצט פון פּויליש.

---

1 רעכטע פּ.פּ.ס.
2 אַ צווייטע פּויליש־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.
3 לינקע פּ.פּ.ס. (ר.פּ.פּ.ס.).
4 וויטאָלד ביענקאָווסקי, פון די קאַטוילישע קרייזן, לעבט.
5 יוליאַן גראָבעלני, אומגעקומען אין אַ קאָנצלאַגער.
6 טאַדעוש רעק, לעבט.
7 ד"ר לעאָן פיינער.
8 פערדינאַנד אָרטשינסקי, לעבט.
9 ד"ר אַדאָלף בערמאַן.
10 פּיאָטר גאַיעווסקי, לעבט.
11 היזשאָוואַ, לעבט.

99. לאָנדאָן.

## דעפּעשע פון אויסלאַנד
## וועגן די שוועריקייטן ביי דער רעטונגס-אַקציע

צו דער רעגירונגס־דעלעגאַטור פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט.

אין משך פון דער גאַנצער מלחמה־צייט זוכן מיר וועגן און מיטלען זיך צו פאַרשטענדיקן און צוצושטעלן אייך הילף.

ליידער טרעפן מיר אָן אויף אַן אומבאַזיגבאַרן ווידער־שטאַנד און גלייכגילטיקייט מצד די, אין וועמענס הענט עס ליגט די מעגלעכקייט אייך צו ראַטעווען.

קאָמיטעט צו ראַטעווען די יידן
אין דער אָקופּירטער אייראָפּע [1].

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
דריטע סעקציע; דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן,
דעפּעשע פון אויסלאַנד XVI [1]
איבערזעצט פון פּויליש.

100. וואַרשע, דעם 24־טן אָקטאָבער 1943

## מעלדונג וועגן יידישן בונט אין סאָביבאָר

ד ע ר ב ו נ ט א י ן ס אָ ב י ב אָ ר. אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער האָט געהאַט אַן אָרט אַ געלונ־גענער בונט פון די יידן אין דעם טויט־לאַגער אין סאָבי־באָר. די לאַגער־אַסירים, אין דער צאָל פון עטלעכע הונדערט, האָבן דערהרגעט זייערע הענקער — עטלעכע צענדליק ס.ס.־מענער און אוקראַינער. נאָכן אונטערצינדן דעם לאַגער זענען אַלע אסירים אַנטלאָפן [1].

אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע־אינסט.,
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן „פּראָ מעמאָריא“
וועגן דער לאַגע אין לאַנד.
איבערזעצט פון פּויליש.

---

[1] ועד ההצלה. די דעפּעשע האָט געשיקט דער פאָרזיצער פון ועד ההצלה יצחק גרינבוים פון ארץ־ישראל.

[1] דער בונט איז אויסגעבראָכן דעם 14־טן אָקטאָבער 1943.

101. וואַרשע, דעם 25־טן אָקטאָבער 1943

# דעפּעשע וועגן די קאַמפן אין ביאַליסטאָקער געטאָ, טרעבלינקע און סאָביבאָר אין אויגוסט און אָקטאָבער פון 1943

פאַר שוואַרצבאַרדן.

אייער דעפּעשע פון 2-טן סעפּטעמבער און 1-טן אָקטאָבער האָבן מיר באַקומען, די פּיין פון דער שארית-הפּליטה פון דעם פּוילישן ייִדנטום דויערט ווייטער. נאָך דער מערדערישער ליקווידאַציע פון די געטאָס אין בענדין, ווילנע, ביאַליסטאָק און טאָרנע, זענען פאָרגעקומען שחיטות אין אַ ריי קלענערע לאַגערן. דער העלדישער קאַמף פון די ייִדן אין ביאַליסטאָק[1] איז געוואָרן אַ ביישפּיל פאַר אַ ריי לאַגערן, וועלכע גרייטן זיך צום אַקטיוון ווידערשטאַנד. די לעצטע האָבן פאַרניכטעט און פאַרברענט נאָך אַ העראָישן קאַמף צוויי אומקום-ערטער: טרעבלינקע[2] און סאָביבאָר. די הילף- און רעטונגס-אַקציע ברייטערן מיר אויס מיט יעדער וואָך. די ביזאיצטיקע פינאַנסיעלע הילף איז צו קליין. אין משך פון די לעצטע 4 חדשים האָבן מיר באַקומען בלויז צוויי מאָל צו 10 טויזנט דאָלאַר און די סומע 10 טויזנט פונטן, וואָס איר האָט געשיקט פאַר אונדז מיט 4 חדשים צוריק. נישט די 9 טויזנט פונט, נישט די 15 טויזנט פונט, וועגן וועלכע איר האָט געמאָלדן אין אייער לעצטער דעפּעשע פון 4-טן אָקטאָבער, זענען קיין וואַרשע נישט אָנגעקומען און זענען אָפיציעל נישט געוואָרן אויפגעקלערט.

דערליידיקט, אַז מען זאָל תיכף ומיד שיקן די סומעס. דאָס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר טויזנטער מענטשן. אין עטלעכע טעג אַרום קאָן זיין צו שפּעט. אין אָנבליק פון זייער מפּלה גרייטן די דייטשן אַן אַלגעמיינע שחיטה פון די לעצטע ייִדן. צי דער אַמעריקאַנער דזשוינט עקזיסטירט נישט? פאַרוואָס שיקט ער נישט קיין געלט? ליגט אַכט אויף דעם לאַגער פון וויטעל און אין בערגען[3]

---

[1] דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז אויסגעבראָכן דעם 16-טן אויגוסט 1943.

[2] דער אויפשטאַנד אין טרעבלינקע איז פאָרגעקומען דעם 2-טן אויגוסט 1943.

[3] אין די לאַגערן אין וויטעל (פראַנקרייך) און בערגען-בעלזען (דייטשלאַנד) האָבן זיך געפונען גרופּעס ייִדן פון וואַרשע און אַנדערע פּוילישע שטעט.

בײַ האַנאָווער. אין בערגען הערשט הונגער און אַ פֿאַרבאָט פֿון קאָנטאַקט מיט דער וועלט. דערלײַדיקט באַלד די אינ־טערווענץ פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרײַץ און פֿון דער שווײַצאַרישער געזאַנדשאַפֿט אין דײַטשלאַנד. וואָס פֿאַר אַ ציל און שאַנסן האָט אײַער אַקציע אין שטאָקהאָלם אין דער קינדער־פֿראַגע? צי גײט אין אַן אויסטויש? ראַטעוועט די קינדער! הײסע גרוסן פֿאַר אַלעמען.

ייד. נאַצ. קאָמיטעט,
באָראָווסקי, יצחק, צביה.
כפתור[4]

אַרכ. פֿון פּאַרטײ־געשיכטע אינסט.,
דײַטשישע סעקציע. דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן,
איבערזעצט פֿון פּויליש.

102. וואַרשע, דעם 26־טן אָקטאָבער 1943

## אינפֿאָרמאַציע וועגן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד אין טאַרנאָווער געטאָ אין סעפּטעמבער 1943

דעם 1־טן און 2־טן סעפּטעמבער [1943] איז ליקווי־דירט געוואָרן דאָס געטאָ אין טאַרנאָוו. בעת דער ליקווידאַ־ציע האָבן די ייִדן גענומען זיך פֿאַרטײדיקן. די דײַטשן האָבן באַנוצט גראַנאַטן און אײַנגעבראָכן דעם ווידערשטאַנד פֿון די קעמפֿנדיקע ייִדן. די געפֿאַנגענע ייִדן האָט מען פֿאַרלאָדן צו 150 מענטשן אין פֿראַכט־וואַגאָנען, פֿאַרשאָטענע מיט קאַרביד און אויסגעשאָטן מיט קאַלך. דערנאָך האָט מען פּלאָמבירט די וואַגאָנען, באַגאָסן מיט וואַסער און אַוועקגע־שיקט צום אומקום.

„גלאָס וואַרשאַווי" נ' 67(76)
פֿון 26־טן אָקטאָבער 1943.
איבערזעצט פֿון פּויליש.

4 יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין, דוד גוזשיק.

103. וואַרשע דעם 16־טן נאָוועמבער 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן דעם בונט פון די יידן אין סאָביבאָר

די ליקווידאַציע פון די לאַגערן ווערט דורכגעפירט אין
שנעלן טעמפּ. די אסירים ווערן דערשאָסן פון מאַשין=געווער.
אויפן ערשטן פייער זענען געגאַנגען די לאַגערן, אין וועלכע
עס האָבן זיך געפונען יידן. דעם 3=טן נאָוועמבער האָט מען
ליקווידירט דעם לאַגער אין טראַווניק, וו עס האָבן זיך גע=
פונען לערך הריי טויזנט יידן. ריכטנדיק זיך אויף דעם
ערגסטן, האָבן די יידן געגרייט אַ זעלבשוץ. כדי איינצו=
שלעפערן זייער אויפמערקזאַמקייט האָט די לאַגער=מאַכט
עטלעכע טעג פריער [פאַר דער אַקציע] געמילדערט די באַ=
דינגונגען, פאַרבעסערט דאָס עסן, גענומען פאַנאַנדערבויען
די וואַרשטאַטן, געבראַכט אַ גרויסע צאָל רוישטאָף. אָפּ=
נאַרנדיק אַזוי אַרום די אסירים האָבן [די דייטשן] געהייסן
גראָבן לופט=שוץ=גריבער. אין מיטן פון דער אַרבעט האָט
מען [די יידן] אויסגעשאָסן פון מאַשין=געווער. דערנאָך
האָט מען דאָס זעלבע געטאָן מיט די פרויען. איינצייטיק
האָט מען אויסגעמאָרדעט דעם יידישן לאַגער אין פּאָניאַ=
טאָוו, וו עס זענען געווען לערך 15 טויזנט מענטשן.

די יידן אינעם סאָביבאָר=לאַגער האָבן זיך באַצייטנס
דערוווסט וועגן די פּלענער פון די רוצחים. האָבן זיי אַנט=
וואָפנט און ליקווידירט די מאַנשאַפט: די ס.ס.=מענער און
די אוקראַאינער. דערנאָך האָבן זיי אונטערגעצונדן די באַראַקן
און אַוועק אין די וועלדער. די צאָל ניצול געוואָרענע באַ=
טרעפט לערך 500.

„גלאָס וואַרשאַווי"
נ' 73 (82) פון 16=טן נאָוועמבער 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

104. וואַרשע, דעם 10־טן דעצעמבער 1943

## אינפאָרמאַציע וועגן בונט פון די יידן אין טרעבלינקע אין אויגוסט 1943

י ד י ע ו ת פ ו ן ט ר ע ב ל י נ ק ע. אין משך
פון דער פאַרגאַנגענער וואָך זענען אָנגעפלאָסן אין וואַרשע
ידיעות וועגן די געשעענישן אין דער באַרימטער טויט=פאַב=
ריק, דעם לאַגער אין טרעבלינקע. לויט פראַגמענטאַרישע

באַריכטן שטעלט זיך פאָר דער פאַרלויף פון די געשעענישן אַזוי:

אין טרעבלינקע האָבן זיך נאָך געפונען אַרום 3.000 יידן, וועלכע מען האָט באַנוצט צו באַגראָבן די קערפּערס פון די אויסגעמאָרדעטע אין די טויזנטער קרבנות און צו באַדינען אונטער דעם צוואַנג פון די געסטאַפּאָ-רעוואָלווערן די גאַז-קאַמערן א.ד.גל. די דאָזיקע אומגליקלעכע קרבנות, וועלכע מען האָט אויך פון צייט צו צייט, נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך „אויסגענוצט" אומגעבראַכט, האָבן זיך סוף כל סוף צעבונטעוועט. געפירט דורך יאוש און פאַרצווייפלונג, האָבן די יידן דערהרגעט עטלעכע צענדליק געסטאַפּאָלייט, באַהערשט דעם דאָרטיקן אַרסענאַל, זיך באַוואָפנט און דערנאָך פאַרברענט אַ טייל פונעם לאַגער און אַוועק אין די אַרומיקע וועלדער. אין די וועלדער זענען אַוועק לערך 2.800, ס'רוב באַוואָפנטע מענטשן. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף און דערלאַנגט קלעפּ דער ספּעציעל-אַרויסגעשיקטער עקספּעדיציע.

„גלאָס וואַרשאַווי"
נ' 49 (58) פון 10-טן דעצעמבער 1943.
איבערזעצט פון פויליש.

105. וואַרשע, אָקטאָבער — דעצעמבער 1943

## מעלדונגען פאַרן לאַנד וועגן יידישן ווידערשטאַנד אין לוואָווער געטאָ און פּאָניאַטאָווער לאַגער

יידן. אין לוואָוו האָט מען אויסגעמאָרדעט דאָס לעצטע ביסל יידן. עס איז געווען אַן אַקטיווער ווידערשטאַנד. 10 טויזנט יידן אין דעם לאַגער טראַווניק. ביים אויסשעכטן דעם לאַגער אין פּאָניאַטאָוו (15 טויזנט) האָט איין באַראַק געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. ער איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די מענטשן. דעם 5-טן נאָוועמבער אַ שחיטה פון די יידן אין מאַידאַנעק. געבליבן בלויז 5.000 אין שלאָס. צוזאַמען האָט מען אין דער ערשטער דעקאַדע פון נאָוועמבער אויסגעמאָרדעט אין לובלינער געגנט לערך 40 טויזנט יידן.

פון דעם שטראָף-לאַגער אין סאָביבאָר זענען דעם 14-טן אָקטאָבער אַנטלאָפן 600 יידן נאָכן ליקווידירן די דייטשישע וואַך.

מען האָט אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציע צו 500 טעגלעך אין לאָדזשער געטאָ. סוף נאָוועמבער איז אין די „לעגאַלע" ישובים אין גאַנץ פּוילן [געבליבן] שוין בלויז 150 טויזנט יידן, בתוכם אַ העלפט אויסלענדער.

אַרכ. פון אינערן־מינ., אַ.ק.־אַרכיוו,
ביולעטין פון די באַזעס.
איבערזעצט פון פּויליש.

106. וואַרשע, דעם 23־טן נאָוועמבער 1943

## פונק־דעפּעשע צום צ. ק. פון „בונד" אין ניו־יאָרק

ידיעות פון אונדז און וועגן אונדז באַקומט איר געוויס דורך לאָנדאָן. איצט ווערט דורכגעפירט דער לעצטער אַקט פון ליקווידירן די רעשטלעך פון [פּוילישן] יידנטום. די סיטואַציע איז טראַגיש. זייט וועגן דעם מודיע די וועלט. די היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שטראָפלאָזיקייט [פון דעם מאָרד] באַלאַסטעט אויך די וועלט פון דעמאָקראַטיע. פאַרוואָס זענט איר נישט מיט אונדז אין קאָנטאַקט?

פאַרן צ. ק. פון „בונד"
בערעזאָווסקי
אַרכ. פון פּאַרטיי־געשיכטע אינסט.,
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן דעפּעשע נ' 201
איבערזעצט פון פּויליש.

107. דעצעמבער 1944

## איבערבליק פון דער טעטיקייט פונעם רעפעראַט פאַר יידישע ענינים ביי דער הויפּט־אָנפירונג פון אַ. ק. *

1. דער רעפעראַט איז געשאַפן געוואָרן דעם 11־טן פעברואַר 1942. זיין אויפגאַבע אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין עקזיסטענץ האָט זיך באַשרענקט צו אינפאָרמאַציע־דינסט. די דאָזיקע דינסט האָט באַזירט אויף אַ ריי פּריוואַטע קאָנטאַקטן אינעם וואַרשעווער געטאָ. ידיעות פון אַנדערע צענטערס האָט דער רעפעראַט געשעפּט פון פּריוואַטע פּערזאָנען, וואָס פלעגן קומען פון דער פּראָווינץ, מיט וועל־

* דאָס איז אַ סך־הכל־ראַפּאָרט, פון וועלכן עס דרינגט אַרויס די גרויסע שוועריקייטן, וועלכע די א.ק.־פירער האָבן געמאַכט אין דער אַקציע צו העלפן די יידן.

בער דער רעפערענט האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שמועסן כמעט יעדן טאָג, אַדאַנק די פּריוואַטע קאָנטאַקטן פון די שטחים פון דער סאָוויעטישער אוקראַינע. אַ קוואַל פון בפרטיותדיקע און זיכערע ידיעות וועגן דעם גורל פון די פּראָווינץ־יידן איז אויך געווען דאָס וואַרשעווער געטאָ. די אייגענע נעץ האָט אין דעם פּעריאָד צוגעשטעלט אַ מיניִמאַלע צאָל [ידיעות] וועגן די יידן, אָפטמאָל נישט קאָנטראָלירטע. די כאַראַקטעריסטיק פון די קאָנטאַקטן: פּוילישע אינטעליגענטן פון יידישן אָפּשטאַם, איינגעאָרדנטע אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס פונעם געטאָ (גמינע, שפּיטאָל־וועזן) און בונדיסטן. מיט די יידישע נאַציאָנאַליסטישע סביבות האָט דער רעפעראַט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד געהאַט בלויז אומדירעקטע קאָנטאַקטן. אחוץ דער לויפנדיקער אינפאָרמאַציע־דינסט, וועלכע האָט אַרומגענומען די צייט פון דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ (יולי—סעפּטעמבער 1942) איז באַאַרבעט געוואָרן אַ קאָלעקטיווער ראַפּאָרט וועגן דער לאַגע פון די יידן אויף די שטחים פון פּוילן און דאָס „ערשטע שוואַרץ־בוך", וואָס איז אָנגעקומען אין דער צענטראַלע[1] אין די ערשטע טעג דעצעמבער 1942 און איז תיכף געוואָרן פאַרעפנטלעכט מיט אומבאַדייטנדיקע קיצורים און דערגענצונגען (אַן עקזעמפּליאַר פון אָט דער אויסגאַבע איז אונדז געוואָרן צוגעשיקט).

2. די איניציאַטיוו צו שאַפן דעם ראַט צו העלפן יידן איז געקומען סוף אויגוסט (1942) פון אונדזער קעמערל און איז געוואָרן איבערגעוואָרפן אויף די געביטן פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור און צו די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע גרופּירונגען. אַדאַנק דער איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן דער רעפעראַט „זשעגאָטאַ"[2] ביי דער דעלעגאַטור (תחילת האַרבסט 1942). די ערשטע אונטערשטיצונגען פון דעם דעלעגאַטור־פאָנד זענען געוואָרן אויסגעצאָלט אין דעצעמבער 1942.

3. ביים סוף פון דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן אָנגעבונדן דער אָפיציעלער קאָנטאַקט צווישן דעם געטאָ און דעם מיליטער[3] (סוף אויגוסט 1942). דער פאָרשטייער פון „בונד" מיקאָליי האָט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן רעפעראַט און געבעטן אַרויסשיקן אַ דעפּעשע צום מיטגליד פונעם נאַציאָנאַלן ראַט אין דער צענט־

1 קיין לאָנדאָן.
2 רעפעראַט פאַר יידישע ענינים.
3 אַ. ק.

ראַלע — זיגעלבוים. די דעפּעשע, וואָס שטעלט פֿאָר אין עטלעכע ווערטער די סיטואַציע און פֿאַרלאַנגט פֿינאַנסיעלע הילף, איז געוואָרן אַרויסגעשיקט. אין אָקטאָבער (1942) זע= נען אָנגעקומען 5.000 דאָלאַר פֿאַר מיקאָליי.

3. אין דעצעמבער 1942 האָבן אַדאַנק דער פֿאַרמיט= לונג פֿון אונדזער האַרצעזש=לייטער[4] דערגרייכט צום רעפּע= ראַט פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער החלוץ=יוגנט. דער קאָנ= טאַקט איז געוואָרן אָנגעבונדן מיט יורעקן[5] אַלס פֿאָר= שטייער פֿונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וועלכער פֿאַר= אייניקט אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען פֿון דער יידישער גע= זעלשאַפֿט אחוץ דעם „בונד“. דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן „בונד“, וועלכער איז אָבער נישט אַריין אינעם קאָמיטעט, ווייל ער האָט גע= וואָלט איינהאַלטן זיין פּאָליטישע באַזונדערקייט. דער קאָ= אָרדיניר=אָרגאַן פֿון ייד. נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דעם „בונד“ איז געווען די יידישע קאָאָרדיניר=קאָמיסיע, וועלכע האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פֿון דער יידישער קאַמפֿס=אָרגאַניזאַציע.

בעתן ערשטן שמועס האָט יורעק דערקלערט, אַז דאָס איז זייער צווייטער פּרוּוו אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיטן פּוי= לישן מיליטער אין לאַנד. דער ערשטער — אין אויגוסט (1942) אין דער צייט פֿון דער אינטענסיווער ליקווידאַציע פֿון וואַרשעווער געטאָ, מיטן ציל צו באַקומען הילף ביים אָרגאַניזירן אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד קעגן דער דייטשי= שער אַקציע, האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ נעגאַטיוון שטאַנד= פּונקט מצד די מיליטערישע מאַכט=אָרגאַנען. די הויפּט=אָנ= פֿירונג [פֿון דער א. ק.] האָט פֿאַראָרדנט אַז אויספֿאָר= שונג — אויפֿן סמך פֿון מיין מעלדונג — פֿון דעם דאָזיקן ענין און זי האָט באַשטעטיקט די אמתדיקייט פֿון יורעקס דערקלערונג, און איינצייטיק דעם פּריוואַטן כאַראַקטער פֿון דעם אָפּזאָג.

יורעק האָט געבעטן אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט צווישן דער פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט און די מי= ליטערישע און ציווילע אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען אין לאַנד, כדי אונטערצואָרדענען און קאָאָרדינירן די טעטיקייט און כדי צו באַקומען הילף פֿון דעם מיליטער פֿאַר דער יידישער קאַמפֿס=אָרגאַניזאַציע. דער קאָנטאַקט איז געוואָרן אָנגע=

---

4 פּראָפֿ' אַלעקסאַנדער קאַמינסקי, וועלכער איז איינצייטיק געווען רעדאַקטאָר פֿון „ביולעטין אינפֿאָרמאַציני“.

5 אריה ווילנער.

בוגדן אויפֿן סמך פֿון די צוויי ענלעכע דעקלאַראַציעס פֿון
דער ייִדישער קאָאָרדינירקאָמיסיע אונטערגעחתמעט דורך
יורעק און מיקאָליי, אַדרעסירט צום הויפּט=קאָמענדאַנט
[פֿון א. ק.] און צו דער רעגירונגס=דעלעגאַטור. דער הויפּט=
קאָמענדאַנט האָט געגעבן אויף דער דעקלאַראַציע פֿון דער
ייִדישער פֿאָרשטייערשאַפֿט אַן ענטפֿער אינעם באַפֿעל פֿון
11=טן נאָוועמבער 1942. די דעקלאַראַציע איז גענומען גע=
וואָרן צו קענטעניש. עס האָט באַקומען אַ לויב=וואָרט די
גרייטקייט צום קאַמף, און די ייִדישע קאַמפֿס=אָרגאַניזאַציע
איז אינסטרואירט געוואָרן זיך צו אָרגאַניזירן אין קאַמפֿס=
פֿינפֿטלעך. די רעגירונגס=דעלעגאַטור האָט געענטפֿערט אויף
דער דערמאָנטער דעקלאַראַציע מינדלעך. וועגן נעמען די
דעקלאַראַציע צו קענטעניש האָב איך מודיע געווען יורעקן
און מיקאָלייען פֿערזענלעך אויפֿן סמך פֿון אַ באַפֿולמעכטי=
קונג, וואָס איך האָב באַקומען אַדאַנק מיין אינטערווענץ
ביים טאָמאַשעם[6] באַפֿעל ביי גראָבאָוויעצקין[7] — סוף נאָ=
וועמבער 1942. אַזוי אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפֿיציע=
לע קאָנטאַקטן אין דער צוזאַמענאַרבעט צווישן דער הויפּט=
קאָמענדאַטור פֿון מיליטער [א. ק.] און דער רעגירונגס=דע=
לעגאַטור מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער באַ=
פֿעלקערונג.

4. אין מאָמענט פֿון אָנקניפּן דעם דאָזיקן קאָנטאַקט
האָט זיך דער רעפֿעראַט אחוץ דער אינפֿאָרמיר=דינסט פֿאַר=
נומען אויך מיט פֿאַרבינדונג און צוזאַמענאַרבעט מיט די
ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אין מיליטערישן געביט האָבן די
ייִדישע פּאָסטולאַטן געשטרעבט צו באַקומען געווער און
פֿאַד=הילף ביים צוגרייטן דעם ענדגילטיקן קאַמף פֿון וואַר=
שעווער געטאָ. די ייִדישע קאַמפֿס=אָרגאַניזאַציע איז דעצי=
דירט געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז דער גורל פֿון וואַר=
שעווער געטאָ, פּונקט ווי פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע ישובֿים,
איז אַ געחתמעטער, אַז פֿריער, צי שפּעטער דערוואַרט זיי
א פֿולשטענדיקער אומקום און צוליב דעם ווילן זיי שטאַרבן
מיט כּבֿוד, ד. ה. — מיט געווער אין דער האַנט. אין דע=
צעמבער (1942) איז אויף [זייערע] שטאַרקע ביטעס אַרויס=
געגעבן געוואָרן אויפֿן באַפֿעל פֿון דער הויפּט=קאָמענדאַנטור
[פֿון א. ק.] דער ייִדישער קאַמפֿס=אָרגאַניזאַציע 10 פּיסטאָ=
לעטן מיט אַ קליינער צאָל אַמוניציע. דאָס געווער האָט זיך
געפֿונען אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד און האָט געטויגט

[6] מאַקאָוויעצקי (אַ ייִד). פֿון פּראָפּאַגאַנדע ביוראָ פֿון אַ.ק.
[7] פֿאָרשטייער פֿון דער דעלעגאַטור.

נאָר טייל וויין. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעשאַצט די דאָזיקע מתּנה ווי אַ באַפרידיקונג פון אַ נישטיקן טייל פון דער באַדערפעניש און האָט געפאָדערט אָז אַן ערך אַ גרעסערע הילף, אויסדריקנדיק די גרייטקייט צוצושטעלן אַן ערנסטן טייל פון די פאָנדן, וואָס זענען אוויזירט געוואָרן אין דער צענטראַלע אויף אייַנצוקויפן געווער. די דאָזיקע פאָדערונגען האָט מען געקאָנט נעמען אין אַכט נאָר אין זייער אַ קליינער מאָס. פאַרן 17־טן יאַנואַר 1943 (די דאַטע פון דער צווייטער ליקווידאַציע פון דעם דעמאָלט פופציק טויזנט־קעפּיקן וואַרשעווער געטאָ) האָט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע באַקומען אַלס צולייג נאָך 10 פּיסטאָלעטן, אינסטרוקציעס פון דיווערסיע־אַקטן, אַ רעצעפּט אויסצואַרבעטן אָנצינד־פלעשער און אַן אָנווייזונג אין גייסט פון מיליטערישער טעטיקייט. פאַר דער צייט ביזן 17־טן יאַנואַר 1943 זענען כאַראַקטעריסטיש פיבערדיקע צוגרייטונגען פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צום קאַמף, כּסדרדיקע און צודרינגלעכע הילפס־פאָדערונגען ביים מיליטער, וואָס האָט זיך צו די דאָזיקע פאָדערונגען באַצויגן מיט אַ ווייטגייענדיקן אומגלויבן און רעזערוו. די געטאָ־ליקווידאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 17־טן יאַנואַר 1943, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דעצידירטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, וועלכער האָט בלי שום ספק אַרויסגערופן אַ קאָנסטערנאַציע ביי די דייטשישע רוצחים און גורם געווען דאָס איבעררייסן די אַקציע נאָך 4 טעג. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעשאַצט איר דערפאָלג, אַז דאָס איז נישט מער ווי אָפּגערוקט אויף אַ געוויסער צייט דעם ענדגילטיקן אומקום, און האָט מיט אומבויגזאַמער ענערגיע ממשיך געווען די צוגרייטונגען צו אַ נייעם קאַמף, פאָדערנדיק אַלץ שטאַרקער הילף מצד דעם מיליטער. לויטן באַפעל פון הויפּט־קאָמענדאַנט [פון א. ק.] האָב איך אויף דער טעמע אָפּגעהאַלטן צוויי קאָנפערענצן מיטן קאָמענדאַנט פון „דראַפּאַטש" ה' קאָנאַר [9]. קאָנאַר איז מסכּים געווען צו געבן דעם וואַרשעווער געטאָ מאַטעריעלע און אינסטרוקטיווע הילף און האָט אָנגעדייט וועגן דער מעגלעכקייט פון הילף מצד אונדזערע אָפּטיילונגען פון אויסן. מען איז תּיכף צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אונטער דער לייטונג פון „בירורג" [10].

---

8 וואַרשעווער קרייז פון אַ.ק.

9 אַנטאָני ברושטשעל („מאָנטער"), דער קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער קרייז פון אַ.ק.

10 וועבער (אַ פּאָליאַק) שעף פון וואַרשעווער אַ.ק.־שטאַב.

עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנטאַקט צווישן יורעקן פון דער ייִד. קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע און אונדזערע אָפּיצירן. מען האָט אַרויסגעגעבן דער יידישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע לערך 50 פּיסטאָלעטן, אַ גרעסערער צאָל לאָדונגען, לערך 80 קילאָגראַם מאַטעריאַל צו פּראָדוצירן „פלעשער“ און אַ געוויסע צאָל שוץ=גראַנאַטן. אין געטאָ האָט מען געשאַפן אַ פלעשער=פּראָדוקציע. אחוץ דעם האָט מען געהאָלפן ביים איינקויפן געווער, וואָס די יידישע קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע האָט געפירט אויף דער אייגענער האַנט. עס איז בשותפותדיק באַאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פון קאַמף אין געטאָ און עס איז אין אים פאָרויסגעזען געוואָרן די הילף פון אונדזערע אָפּטיילונגען. דעם 6=טן מערץ 1943 איז געוואָרן אַרעסטירט יורעק (אין דער דירה אויף ווספּולנע=גאַס) דער האָזיקער פאַקט האָט געהאַמעוועט די לויפנדיקע אַרבעטן אויפן געביט פון צוזאַמענאַרבעט צווישן דער יידישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע און „דראַפּאַטש“. אין אַ קורצער צייט נאָכן אַרעסט פון יורעקן האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט קאָנאַרן וועגן באַשטימען דעם ציל פון צוזאַמענאַרבעט פון אונדזערע אָפּטיילונגען און דעם קעמפנדיקן געטאָ. דער ציל האָט געזאָלט זיין דאָס אַרויספירן מעגלעך גרויסע צאָלן יידן פון וואַרשע און דאָס באַזעצן זיי אין ערטער, וועלכע איך האָב געקענט אָנווייזן צו יעדער מינוט. דער האָזיקער פּראָיעקט איז נישט רעאַליזירט געוואָרן, קיין איין אָפּטיילונג איז נישט אַרויס אין באַשטימטן ראַיאָן. די ייד. קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך דאָס אַרויסרייסן זיך פון אירע מענטשן אויף אַ שטח פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער און דעם געשאַפענעם לויטן באַפעל פון עדוואַרד און „לען“ [11] צו „הרעטשקאָ“ [12] באַזאָרגונג=און איבערוואַרף=פּונקט — פאַר אַ נישט גענוגנדיקע הילף. דאָס אַריינגעמען יידן אין אונדזערע מיליטערישע אָפּטיילונגען אויפן שטח פון „דראַפּאַטש“ און „צעגיעלניע [13] איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אוממעגלעך, דאַקעגן האָט קאָנאַר געגעבן זיין הסכם צו שאַפן פון צווישן די יידן פּאַסיווע אויפשטאַנד=אָפּטיילונגען. אַזאַ אָפּטיילונג איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע. אונדזערס אַן אָפּיציר איז באַשטימט געוואָרן אויסצופירן די אויסשולונג. ער איז געקומען אויפן שולונגס=פּונקט, באַשטימט אַ טרעפונג, אָבער זיך מער נישט גע=

---

[11] לובלינער געגנט פון אַ.ק.

[12] וואָלינער געגנט פון אַ.ק.

[13] די אַ.ק. הינטער וואַרשע.

שמעלט. נאָך פּילמאָליקע אינטערווענצן איז דער דאָזיקער אָפּיציר געקומען אויפֿן פּונקט נאָכאַמאָל, אָבער לוט־שיכור. די ווייטערדיקע אינטערווענצן האָבן נישט געהאַט קיין פּעולה. די יידישע אויפֿשטאַנד־אָפּטיילונג האָט נישט באַקו־מען קיין אויסשולונג און האָט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן.

5. די צוזאַמענאַרבעט פֿונעם מיליטער מיט די יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך נישט באַגרענעצט צו וואַרשע, נאָר האָט געדאַרפֿט אַרומנעמען די גאַנצע טעריטאָריע פֿון פּוילן. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער דאָזיקער טענדענץ איז געווען דער באַפֿעל פֿון הויפּט־קאָמענדאַנט [פֿון א. ק.] פֿון פֿעב־רואַר 1943 וועגן הילף פֿאַר די פֿאַרמאַכטע געטאָס, וואָס ווילן קעמפֿן מיט געווער אין האַנט.[14] אין זין פֿון דאָזיקן באַפֿעל זענען די פּוילישע מיליטערישע קאָמאַנדעס [פֿון א. ק.] מחויב געווען צו געבן אַ מעגלעכע פֿאַר זיי הילף לטובֿת די יידישע ישובֿים. וואָס זענען געווען אונטערגע־אָרדנט דער יידישער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע און דער יידי־שער קאָאָרדינירקאָמיסיע. דאָס אויספֿירן דעם דאָזיקן באַ־פֿעל, אויף וועלכן עס האָבן זיך פֿילמאָליק פֿאַררופֿן די יידי־שע אָרגאַניזאַציעס און די מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט העלפֿן די יידן צו פֿירן אַ קאַמף אין געטאָ, האָט זיך אָנ־געטראָפֿן אויף אַ קעגנערשאַפֿט מצד די אָרטיקע מיליטע־רישע פֿאַקטאָרן. אין תּוך גענומען איז דער דאָזיקער באַפֿעל געוואָרן אויסגעפֿירט בלויז אין באַצוג צום ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס האָט (לויט דער אינפֿאָרמאַציע פֿון כירורג), נאָך אַ וווירקזאַמער אינטערווענץ אין דער הויפּט־קאָמענ־דאַנטור באַקומען אַ גרעסערע מאַטעריעלע הילף (אַן אוי־טאָ, געווער, א.ד.גל.).[15]

אין די ראַמען פֿון באַפֿעל פֿון פֿעברואַר 1943 האָט מען אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט די יידישע אַרבעטס־פּלע־צער אין טשענסטאָכאָווו און אונטערגענומען נישט קיין גע־לונגענע צוגרייטונגען צו אַ זעלבשוץ אין די לאַגערן אין פּאָניאַטאָווו און טראַווניק. זייער אומאַנגענעם און אין קעגנ־זאַץ צום גייסט פֿון דעם דאָזיקן באַפֿעל איז געווען די טע־טיקייט פֿון אונדזערע אָפּטיילונגען לגבי דער אָפּטיילונג פֿון דער יידישער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָווו, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אינעם ראַיאָן פֿון קאָניעצפּאָל און האָט זיך באַמיט מען זאָל זי אַריינעמען צו אונדז. די דאָ־

---

14 דער דאָזיקער באַפֿעל איז סאַבאָטירט געוואָרן דורך דער מערהייט אַ.ק־אָנפֿירער אין דער פּראָווינץ.

15 אין די יידישע קוועלן פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ־אונטער־ערד ווערט דאָס נישט באַשטעטיקט.

זיקע אָפּטיילונג איז געוואָרן צוויי מאָל אויסגעשוחטן דורך דער גרופּע פון „אָזשעל“ (אַפּנים פון נ.ס.ז.) [16], טראָץ דעם, וואָס מען האָט מודיע געווען די אָרטיקע קאָמענדע, אַז דער אָפּטיילונג דאַרף מען העלפן.

6. אחוץ די אויבן אָנגעוויזענע פּרינציפּיעלע צוזאַמענאַרבעט־ריכטונגען און הילף, האָט דאָס מיליטער אַ סך מאָל געגעבן דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע הילף אויפן געביט פון פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד, שיקנדיק אַ ריי דעפּעשן צו די פאָרשטייער פון די יידן אין דעם נאַציאָנאַלן ראַט און אויך צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד, אַמעריקע און פּאַלעסטינע. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אויך גענאָסן פון אונדזער לעגאַליזאַציע־הילף, באַקומענדיק דאָקומענטן־בלאַנקעטן, שטעמפּלען און אינסטרוקציעס זיי אויסצופילן. אין זיכערקייט־געביט האָבן געוויסע פאָרשטייער (אַנטעק, באָראָווסקי) גענאָסן פון שוץ אַדאַנק דעם, וואָס מיר האָבן גערודפט און געהרגעט דייטשישע אַגענטן, וואָס האָבן נאָכגעשפּירט די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און באַדראָט די זיכערקייט פון אָט דער אָרגאַניזאַציע (דאָס רודפן, שאַנטאַזשירן, געריכטן פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור).

7. דער רעפעראַט האָט באַדינט די צענטראַלע אין זין פון אינפאָרמאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. חוץ דעם שוין דערמאָנטן ערשטן „שוואַרץ־בוך“, זענען געוואָרן אַריבערגעשיקט קיין לאָנדאָן צוו. אַנד. צוויי גרויסע זאַמלונגען פון אינפאָרמאַציעס און דאָקומענטן אין שייכות מיטן ליקווידירן די יידן אין וואַרשע און אויפן גאַנצן שטח פון פּוילן. זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ענגליש ווי דאָס צווייטע „שוואַרץ־בוך“. חוץ דעם האָט דער רעפעראַט נאָרמאַל באַדינט מיט אינפאָרמאַציע דעם הויפּט־קאָמאַנדיר (פּעריאָדישע און ספּעציעלע דעפּעשעס) און די לאַנד־באַזעס.

8. במשך דער גאַנצער צייט פון דער רעפעראַט־עקזיסטענץ (ביזן 1־טן אויגוסט 1944) האָט די באַציונג צו די יידישע אָרגאַניזאַציעס כאַראַקטעריזירט אַ שכלדיקע אָנערקענונג פאַר דער נויטווענדיקייט פון צוזאַמענאַרבעט מיט די יידן, סיי צוליב פּאָליטישע סיבות, סיי מחמת דעם אומווילן און אומצוטרוי פון זיי. דעם אומווילן און דעם אומצוטרוי האָבן די יידישע פאָרשטייער, מיט וועלכע איך האָב אָנגעהאַלטן דעם אַמטלעכן קאָנטאַקט, אויסגעצייכנט אַרויסגעפילט. מען האָט מיר נישט איינמאָל דערציילט, אַז קאָנאַרס

16 עקסטרעם־רעאַקציאָנערע און אָפן אַנטיסעמיטישע מיליטערישע פאָרמאַציע אין דער פּוילישער אונטערערד.

אָפּיצירן האָבן בעת זייער צוזאַמענאַרבעט מיט יורעקן, וועלכן זיי האָבן ליב געהאַט און געשעצט, דערקלערט אין זיין אָנוועזנהייט, אומנייטיק, זייער אומווילן און אומצוטרוי צו די ייִדן, וואָס יורעק האָט פֿיינלעך אָפּגעפּילט. למשל בעת זייער עפֿעקטפֿולן, פֿון פּראָפּאַגאַנדיסטישן שטאַנדפּונקט, געווער־קאָנוואָי אין געטאָ אַריין, אויסגעפֿירט דורך אונדזערע מענטשן און געפֿירט דורך יורעקן, האָבן די אָפּיצירן, וואָס האָבן אויסגעפּילט דעם באַפֿעל, אַרויסגעזאָגט נעגאַטיווע אָנשווינגען לגבי די ייִדן, הגם דעם טראַנספּאָרט האָבן זיי דורכגעפֿירט פּרעציז און דרייסט און אים געבראַכט אין געטאָ אַריין. אַן אויסדרוק פֿון דעם אומווילן איז געווען דער פֿאַקט, וואָס אַן אַנדער אינסטרוקטאָר האָט פֿאַרלאָזט זיין דינסט אין דער אויפֿשטאַנד־אָפּטיילונג פֿון דער ייִד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע; פֿאַר אַן אויסדרוק פֿון אַן אומגינסטיקער באַציונג לגבי די ייִדן האַלט מען אויך דעם פֿאַקט, וואָס מען האָט נישט אָנגענומען די ייִדישע אָפּטיילונג בעת דעם וואַרשעווער אויפֿשטאַנד. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט אין משך פֿון 24 שעה געוואַרט בחינם צו ווערן אויפֿגענומען פֿון אַן אָפּיציר פֿון א. ק. לסוף האָט מען אַנטעקן [17] (דעם קאָמענדאַנט פֿון דער ייִד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע) געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איינשליסן די ייִדישע אָפּטיילונג אין א. ק. איז אוממעגלעך (די ידיעה שטאַמט פֿון ייִדישע קוועלן און איז דורך מיר נישט קאָנפֿראָנטירט געוואָרן מיט פּוילישע קוועלן).

9. אין איצטיקן מאָמענט רופֿן אַרויס די ייִדישע ענינים אויפֿן מיליטער־געביט די פֿאָלגנדיקע רעפֿלעקסן: די אָפּגעטוענע אַרבעט אויפֿן באַהאַנדלטן אָפּשניט פֿאַרמאָגט אַן ערנסטן פּאָליטישן באַטייט. בפֿרט וועט דאָס זיין וויכטיק אין דער צייט פֿון דער שלום־קאָנפֿערענץ. פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז כּדאַי די אַרבעט ממשיך צו זיין. נאָך די דערפֿאַרונגען פֿון אויפֿשטאַנד ווייזן די ייִדן נישט אַרויס קיין איניציאַטיוו אין פּרט פֿון דעקלאַרירן די נויטיקייט צוזאַמענצואַרבעטן מיט א. ק. ביים אָרגאַניזירן די קאַמפֿן מיט די דייטשן. עס איז דאָ מסתמא גורם דער מאַנגל אין גלויבן אין דער ווירקזאַמקייט פֿון די אונטערגענומענע אין דער דאָזיקער ריכטונג באַמיונגען. אויף וויפֿל עס איז מיר אין איצטיקן מאָמענט באַוווּסט, עקזיסטירט אין אָקופּירטן פּוילן איין ייִדישער ישוב אין טשענסטאָכאָוו (אין לאַגער [18]),

17 יצחק צוקערמאַן.
18 האַסאַג.

וואָס ציילט לערך 10 טויזנט נפשות. די מעגלעכקייטן פון צוזאַמענאַרבעט זענען אַזוי אַרום באַגרענעצט.

עס וואָלט אָבער געווען ווערטפול פאַר דער קאָנטינואַי־טעט פון אונדזער אַרבעט צו אַקצענטירן און דאָקומענטירן אונדזער פאַראינטערעסירונג פאַרן גורל פון די יידישע ביר־גער אין דעם לעצטן מלחמה־פעריאָד, דורך שאַפן אַ קאָנ־טאַקט מיטן ישוב אין טשענסטאָכאָוו; די דאָזיקע צוזאַמענ־אַרבעט וואָלט געווען פאַרלייכטערט מחמת דעם, וואָס די קאָנטאַקטן מיטן דאָזיקן ישוב זענען געוואָרן אָנגעקניפּט אויפן באַפעל פון דעם הויפּט־קאָמענדאַנט קורץ פאַרן אויפ־שטאַנדס־אויסברוך (דאָס האָט געטאָן „ראָזמאַרין" פון „ראָלניק") [19]. דאָס אויספאָרשן דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם דערמאָנטן קאָנטאַקט, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דעם ישוב, הילף פאַר די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנשטרענגונגען אין דעם לאַגער גופא, וואָלט אפשר געווען דער לעצטער וויכטיקער דאָקומענט, וואָס וואָלט עדות זאָגן וועגן אונדזער צוזאַמענאַרבעט מיט דער יידישער געזעלשאַפט אויפן מילי־טערישן אָפשניט.

זאַקשעווסקי [20]

צ. אַ. פון אינערן־מין.,
דעלעגאַטור־מאַטעריאַלן, טעקע נומ' 458.
איבערזעצט פון פויליש.

108. וואַרשע, 19 אַפּריל 1944.

## פונק-דעפּעשע פון יידישן אַרבעטער-פאַרבאַנד [1] קיין מאָסקווע, צום פאַרבאַנד פון פוילישע פאַטריאָטן און יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט

דער פאַרבאַנד פון די יידישע אַרבעטער האָט איבער־געגעבן מיטן ציל צו פאַרעפנטלעכן אין דער פרעסע פון ראַטנפאַרבאַנד די פאָלגנדיקע דעפּעשע:

„צום פאַרבאַנד פון די פוילישע פאַטריאָטן און יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע.

---

19 פאַרבינדלערינס פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע מיט דער יידישער אונטערערד אין „האסאג" זענען געווען: מאַריאַ וואַניעוויטש און פייגע פעלטעל.

20 העניריק וואָלינסקי (וואַצלאַוו).

1 אַזוי האָט זיך אָנגערופן די גרופּע יידישע טוער פון לינקע פועלי ציון און קאָמוניסטן, וואָס זענען צוגעטראָטן צום נאַציאָ־נאַלן לאַנד־ראַט (קראַיאָווא ראַדאַ נאַראָדאָוואַ).

אין צוזאַמענהאַנג מיטן יאָרטאָג פון דעם העלדישן קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ, שיקן מיר איבער אַ קאַמפּס־באַגריסונג דער זיגרייכער רויטער אַרמיי, דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל בערלינג און די יידישע אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע שטייען אין קאַמף פאַר עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג. דאָס שוין קליינע הייפעלע פון פּוילישע יידן פון די פיין־לאַגערן, פון די באַהעלטענישן אין די שטעט און וועלדער, די בעסטיאַליש פאַרטיליקטע דורך די היטלעריסטישע רוצחים און זייערע מיטהעלפער, פאַרבינדן אַלע זייערע האָפענונגען מיט די זיגרייכע שלאַכט־אָפּעראַציעס פון דער רויטער אַרמיי. די יידישע אַרבעטער קעמפן אונטער די לאָזונגען פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט — פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע, פאַר אַ פאָלקס־פּוילן.

פאַרבאַנד פון די יידישע אַרבעטער
אין פּוילן

אַרכיוו פון צ. ק. פון פ.פ.ר.
דאָקומענטן־זאַמלונג
פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט; אַפּטייל 2, נ׳ 27
איבערזעצט פון רוסיש

דריטער טייל

# פאָטאָגראַפיעס און פאָטאָקאָפּיעס פון דאָקומענטן



פייערלעכער אָוונט אין אַ יידישער וואָגנט-היים ערב דער מלחמה, אין צענטער די באַקאַנטע פּעדאַגאָגין מרים ראָט-בלאַט. די דאָזיקע יוגנט האָט דערנאָך געקעמפט אין געטאָ-אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון מרימס זון, לוטעק ראָטבלאַט. מרים ראָטבלאַט איז אומגעקומען אויף מילע 18



צוויי שמוגלער, אַ ייד און אַ פּאָליאַק, ביי די געטאָ-דראָטן אויף קראָכמאַלנע גאַס



ד״ר עמנואל רינגעלבלום, דער שעפער פון
אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו



אַ זייטל פון פּראָטאָקאָל, געמאַכט דורך יצחק
צוקערמאַן, פון דער קאָנפערענץ פון מערץ
1942, וועגן שאַפן אַ געאייניקטע קאַמפס־
אָרגאַניזאַציע. געפינט זיך אינעם רינגעל־
בלום־אַרכיוו (ייד. היסט. אינסט.)



יוסף לעוואַרטאָווסקי אַלס
יונגער שילער אין זיין היים־
שטאָט ביאַלע־פּאָדלאַסק.



פּיניע קאַרטין (אַנדזשעי
שמיט) אַלס גימנאַזיע־שילער
אין זיין היים־שטאָט לוצק



אפרים פאָנדאַמינסקי און זיין אייגנהאַנטיקע אויטאָביאָגראַ־ פיע געשריבן פאַר דער וואַר־ שעווער פאָליטעכניק



Życiorys.

[illegible]



אפרים פאָנדאַמינסקי און זיינע קלאַס־חברים פון דער גימנאַזיע „השכלה“ אין וואַרשע מיטן פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן



מרדכי אַניעלעוויטש, דער קאָמאַנדיר פונעם אויפשטאַנד, אַלס שילער פון גימנאַזיע „לאור“ אין וואַרשע



דאָס הויז אויף סאָלעץ־גאַס נ׳ 111 אין וואַרשע, וווּ אַניעלעוויטש איז געבוירן געוואָרן



דוד כאָוואַדוואָרסקי, אָפּטייל=
לונג=קאָמאַנדיר, אַלס שומר
פאַר דער מלחמה



מיכאַל רויזענפעלד, מיטגליד
פונעם אויפשטאַנד = שטאַב,
אַלס סטודענט פאַר דער
מלחמה



אהרן בריסקין (פּאַוועל),
אָפּטיילונג=קאָמאַנדיר, אַ קאָמ
יוגיסט, מיט זיין שוועסטער
פאַר דער מלחמה



זכריה אָרטשטיין, אָפּטיילונג=
קאָמאַנדיר, אַלס חלוץ פאַר
דער מלחמה



רעגינע פודען (לילית),
געטאָ=קעמפערין



שרה בלום, באַקאַנטע לערע=
רין און געטאָ=קעמפערין



ריווע (ניוטע) טײַטעלבוים,
געטאָ=קעמפערין און פאַר=
בינדלערין מיט דער „אַרי=
שער" זײַט



עליזה (רישא) גריגרוז,
פאַרבינדלערין פון דער ייד.
קאַמף=אָרגאַניזאַציע



לעאָן ראָדאַל, זשורנאַליסט,
קאָמאַנדיר פון יידישן מי=
ליטערישן פאַרבאַנד



פראַנציזשעק לענטשיצקי, וועַ=
טעראַן פון דער פוילישער
אַרבעטער=באַוועגונג, באַפול=
מעכטיקטער פון צ. ק. פפר
צו העלפן די געטאָ=קעמפער



וולאַדיסלאַוו גאיק (קשאַ=
טשעק), אָפיציר פון פאָלקס=
גוואַרדיע, פירער פון דער
אַקציע פון אַרויספירן צוויי
גרופן געטאָ=קעמפער דורך
די קאַנאַלן



יוליאַן גראָבעלני (טראָיאַן),
פוילישער סאָציאַליסטישער
טוער, פאָרזיצער פונעם ראַט
צו העלפן די יידן



אויפרוף פון דער ייד. קאמפס-ארגאניזאציע אין יאנואר 1943
צום ווידערשטאנד און קאמף

W celu zorganizowania obrony ludności żydowskiej [illegible] przed akcją [illegible] ze strony okupanta [illegible] w celu [illegible] ludności żydowskiej [illegible] przed [illegible] i [illegible], z [illegible] została utworzona komisja [illegible] Żydowski Komitet Narodowy, w skład [illegible] Poalej-Sjon-Prawica, Poalej-Sjon-Lewica, Partia Rewizjonistyczna, Hanoar, Haszomer-Hacair, Dror.

[illegible] komisji koordynacyjnej oparta jest na następującym statucie.

Komisja Koordynacyjna.

1/ Na podstawie porozumienia zawartego pomiędzy Żydowskim Komitetem Narodowym i Bundem, zostaje utworzona komisja koordynacyjna w Warszawie.

2/ Celem komisji koordynacyjnej jest:
a/ zorganizowanie obrony getta w wypadku dalszej akcji wysiedleńczej.
b/ obrona [illegible] getta przed najeźdźcami i [illegible] okupanta.

3/ Komisja Koordynacyjna powołuje do życia Organizację Bojową, ustala wytyczne jej działalności i kontroluje ją.

4/ W skład komisji koordynacyjnej wchodzi 1 delegat z każdego stronnictwa politycznego.

Organizacja Bojowa.

I. Budowa.

1/ Jednostką podstawową jest "piątka" bojowa z dowódcą "piątki" na czele.

2/ "Piątki" zorganizowane są według terenów, na czele których stoi komendantura, składająca się z komendanta i dwóch zastępców.

3/ Na czele organizacji bojowej stoi komendant główny i [illegible] komendantura główna.

4/ "Piątki" tworzone są po linii organizacyjnej t.zn. według przynależności do organizacji. Tam, gdzie to jest niemożliwe, tworzy się "piątki" mieszane, a [illegible] by komisja akcji [illegible] z pośród niezorganizowanych.

5/ Przy budowaniu dowództwa kierować się należy wyłącznie kwalifikacjami kandydatów.

II. Uzbrojenie.

1/ Do broni zalicza się: broń palną, siekiery, noże, kastety, środki żrące, środki palne i inne.

2/ Każdy członek "piątki" jest uzbrojony.

3/ Każdy teren zaopatrzony jest w broń i środki ale-

סטאַטוט פֿון דער ייִדישער קאַמפּף־אָרגאַניזאַציע · 1־טע זייט
(דעלעגאַטור־אַרכיוו)

86

[illegible] do akcji ogólnej.

III. Ogólne wytyczne akcji bojowej.

1/ Opór w wypadku dalszej akcji wysiedleńczej prowadzony pod hasłem: "Nie damy ani jednego Żyda."

2/ Akcja terrorystyczna w stosunku do policji żydowskiej, gminy żyd. i Werkschutzu.

3/ Walka czynna z kierownikami szopów, grupowymi, rejonowymi, jawnymi i tajnymi w imię obrony mas żydowskich.

IV. Mobilizacja [illegible].

1/ Uzbrojenie "piątek" i członków.

2/ Kwaterunek "piątek" i szopów.

3/ Zdobycie środków finansowych.

4/ Komendantury szopów przygotowują:
a/ dokładny plan terenu /magazyny, kasa, Werkschutz, ekspedycja/
b/ spis elementów szkodliwych,
c/ dokładny plan akcji na terenie danego szopu.

5/ Komendantura główna przygotowuje plan akcji centralnej: sabotażowej i terrorystycznej.

6/ Propaganda oporu walki w społeczeństwie.

Uwagi

1/ Organizacja Bojowa przyjmuje nazwę Żydowskiej Organizacji Bojowej.

2/ W celu utrzymania dalszego kontaktu pomiędzy obiema instancjami, t.zn. pomiędzy Org. Bojową a Komisją Koordynacyjną, komendant Org. Bojowej uczestniczy w posiedzeniach Komisji Koordynacyjnej.

Dotąd strona wojskowa Komisja Koordynacyjna reprezentowana jest przez przedstawiciela Żyd. Komitetu Narodowego, występującego pod pseudonimem Jurek oraz przez przedstawiciela Bundu, występującego pod pseudonimem Mikołaj.

Warszawa, dn. 2.XII.42 r.

סטאַטוט פון דער ייִדישער קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע. 2=טע זייט.



Przedkładam odezwę Ż.O.B.
14.III.43

O D E Z W A

Zbrojny i czynny opór mas żydowskich w pamiętnych dniach 18–22 stycznia 1943 roku zaskoczył bandytów hitlerowskich i przekonał ich, że Żydzi nie pójdą więcej, jak barany na rzeź. Z akcji wysiedleńczej zaniechano, narzucona zbrojnie niemiecka, przerwa. Przekonał się krwawy okupant, że [illegible] dotychczasowemi środkami nie zniszczy reszty żydostwa warszawskiego.

Z sukursem przyszli mu, niestety, najpodlejsze wyrzutki społeczeństwa żydowskiego!

Przy ich pomocy pragnie okupant wykryć i zniszczyć ośrodki zbrojnego oporu, oni dostarczają informacji o schronach, ich zwyrodniałe usługi każą podejrzewać [illegible] plan likwidowania Żydów warszawskich systemem podobnym, jak Lublin.

Przy zastrzelonym dnia 21 lutego, gestapowcu [illegible] znaleziono dokument, stwierdzający, że on i jego "wspólnicy" podsunęli Niemcom plan "dobrowolnego" i "pokojowego" wysiedlenia Żydów do Poniatowa.

Zastrzelony dnia 22 lutego gestapowiec [illegible] dostarczał Niemcom informacje o "bunkrach" żydowskich na strychach i w piwnicach.

Zastrzelony dnia 26 lutego oberleadowacz Zwischenagenta u.B.... [illegible], zachowywał się prowokacyjnie wobec Sądu Organizacji Bojowej i wyprowadził na przedstawicieli szpiclów.

Zastrzelony dnia 26 lutego znany gestapowiec [illegible], trudnił się śledzeniem ośrodków żydowskiego życia politycznego.

Zastrzelony dnia 28 lutego [illegible], redaktor żajdackiego pisma gestapowców "Żagiew", trudnił się donosicielstwem i demoralizowaniem żydowskiego życia politycznego.

W posiadaniu Organizacji Bojowej, znajduje się wyczerpująca lista w s z y s t k i c h t y c h, którzy pozostając na służbie Niemców, z a p o m n i e l i, ż e s ą Ż y d a m i i l u d ź m i !

ORGANIZACJA BOJOWA OSTRZEGA TYCH WSZYSTKICH ŁAJDAKÓW, ŻE JEŚLI NIE ZAPRZESTANĄ NATYCHMIAST SWOJEJ NIKCZEMNEJ DZIAŁALNOŚCI, ZOSTANĄ BEZ LITOŚCI ROZSTRZELANI !

Ostrzega się wszystkich oficerów i funkcjonarjuszy Służby Porządkowej przed przeszkadzaniem komórkom Organizacji Bojowej w ich działalności. Niechaj i oni pamiętają, że przed kulą bojowców nie uchroni ich ani oberbandyta Brand, ani schron, ani też ucieczka na tak zwaną aryjską "stronę".

Ostrzega się wszystkich dyrektorów szopów, w ghetcie i poza ghettem, przed agitowaniem i namawianiem robotników do dobrowolnego wyjazdu.

ŻYDZI!

Bandyci niemieccy nie dadzą nam długo spokoju. Wzywamy was zatem do skupienia się wokół sztandarów walki i oporu. Ukryjcie wasze żony i dzieci, a sami, czym kto może, niech stanie do walki ze zbirem hitlerowskim. Żydowska Organizacja Bojowa liczy na wasze pełne moralne i materialne poparcie.

KOMENDA ORGANIZACJI BOJOWEJ

Warszawa-Ghetto, 3 marca 1943 r.

אויפרוף פון דער ייד. קאמפס־אָרגאַניזאַציע פון 13טן מערץ 1943
וועגן טויט־שטראָף פאַר פאַרעטער און מוסרים



באַפֿעל פֿון אַ.ק.־פֿירער „גראַט" וועגן באַוואָפֿענען געוויסע ייִד. געטאָ־גרופּן (צעשעדיקטער דאָקומענט, אין אַרכ. ייִד. היסט. אינסט), פֿון וואָס עס איז גאָרנישט געוואָרן



אַניעלעוויטשעס (קאַלאַצקי) בריוו פֿון 13־טן מערץ קעגן דער נעגאַטיווער באַציִונג פֿון אַ.ק. צו דער פֿראַגע פֿון געווער פֿאַרן געטאָ (צעשעדיקטער דאָקומענט, אין אַרכ. ייִד.היסט. אינסט).



Raport

dnia 21 lutego 1943, godz. 20.45

Dnia 21.II. b.r. o godz. 16.45 przeprowadziłem zamach przeciwko konfidentom na służbie gestapo.

a) Akcja była skierowana w szczególności przeciwko [illegible] szpiclów politycznych, w osobach:

1) Leon /Lolek/ Skosowski
2) Paweł Włodawski
3) Arek Wajntraub
4) H. Mangiel
5) Lidia Radziejewska /Ania/

b/ W akcji brali udział:

1) Zygmunt, jako kierownik akcji
2) Czesław "
3) Michał "
4) Monte obsada wewnętrzna
5) Janek "
6) Szymon "
7) Zenon "
8) Artur "
9) Felix "
10, 11, 12.) Krzysztof, Gustaw, Alfa jako obsada zewnętrzna
13, 14, 15.) Józef, Zbigniew, Wiktor jako wywiad

[illegible]

Dokładne wyniki akcji zostaną stwierdzone w [illegible] wywiadzie i najpóźniej podane w następnym raporcie.

Komendant

Zygmunt

מעלדונג פון ייד. מיליטערישן פאַרבאַנד וועגן ליקווידירן
געסטאַפּאָ־אַגענטן אין געטאָ. דער אונטערגעשריבענער זיגמונט
איז פּאַוועל פרענקעל

Report.

Z rozkazu Władz Wojskowych [illegible] pod dowództwem p. Kpt. Jakuba [illegible] dnia 6 marca 1943 r. zostały podpalone magazyny SS [illegible] przy ul. Wałowej 3.

Magazyny te połączone z warsztatami [illegible] wyposażenie dla żołnierzy w postaci materacy, łóżek i koców. Akcja była [illegible] specjalnie przez [illegible] wojskowe [illegible] Zapalniki w sile 5 ludzi oraz obstawa w sile 9 ludzi. Kierownictwo akcji spoczywało w rękach p. Kpt. Jakuba i kom. Zygmunta.

Przy użyciu butelek zapalających, [illegible], benzyny i nafty wywołano pożar, który ogarnął cały objekt.

Wykonanie akcji, jak i odwrót odbył się w zupełnym porządku, bez strat [illegible] Umundurowani Niemcy [illegible] strzały [illegible] na [illegible]

Po upływie 4 minut przybyła straż [illegible]

Straży pożarnej [illegible] kilka aut [illegible] Policji. [illegible] ulica [illegible] że są one [illegible]

Skład osobowy: Podchorąży [illegible], Kom. Zygmunt, Czesław, Janek, [illegible], [illegible], Roman, Janek i [illegible]

Komendant
Zygmunt

[illegible], 6 marca 1943 r. godz. 21.50

מעלדונג פון ייד. מיליטערישן פאַרבאַנד וועגן
אונטערצינדן ס.ס.-מאַגאַזינען אין געטאָ



ראַפּאָרטן פון קעמפענדיקן געטאָ, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגע-
שיקט אויף דער „אַרישער" זייט

[illegible]


NOWY DZIEŃ

די פּוילישע דעמאָקראַטישע אונטערערדישע צייטונג „נאָווי דזשען“
(נייער טאָג) וועגן אויסברוך פונעם געטאָ־אויפשטאַנד



פונק־דעפעשע פון „מיקאַלײ“ (ד״ר לעאָן פײנער) און „באָראָווסקי“ (ד״ר אַדאָלף בערמאַן) פון 21־טן אַפּריל 1943 קײן לאָנדאָן װעגן געטאָ־אױפשטאַנד



ס.אָ.ס.־דעפעשע פון די ײדישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס קײן אױסלאַנד װעגן הילף און רעטונג



כתב־יד פונעם אָריגינאַל פון דער אַליאַרם־דעפּעשע פון די יידישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, פון 20־טן אַפּריל 1943, קיין אויסלאַנד



כתב־יד פונעם אָריגינאַל פון יידישן ס.אָ.ס. קיין אויסלאַנד, פון 3־טן מאי 1943



פּאָזיציע פון אַ דייטשישן שווערן
מאַשין=געווער באַשיסט די אויפ=
שטענדלער=פּאָזיציעס אין געטאָ



אַ גרופּע געכאַפּטע יידן אונטער אַ דייטשישער וואַך



Do
Pana Pełnomocnika Rządu w Kraju

בתב-יד פון דער ווענדונג פון ד"ר פײַנער און ד"ר בערמאַן
צום דעלעגאַט פון דער פוילישער עמיגראַנטישער רעגירונג,
פון 19-טן אַפּריל 1943, מיט דער פאָדערונג פון הילף

Ale przemoc się [illegible] wroga.

W tej pełnej grozy i rozpaczy chwili zwracamy się przeto do Pana Pełnomocnika R.P. w Kraju z żądaniami:

1. Bezzwłocznego porozumienia się z czynnikami [illegible] w kierunku natychmiastowego udzielenia [illegible] skutecznego ratunku Żydom warszawskim;

2. Bezzwłocznego przekazania do Londynu żądania, by depeszą powiadomiono nas o tej sprawie;

3. Wydania do ludności odezwy, piętnującej masowy mord okupanta i wzywającej społeczeństwo do udzielenia wszelkiej pomocy ofiarom szalejącego wroga.

Wprowadzenie w życie powyższych dezyderatów odpowiadałoby [illegible] na Ziemi Kraju. Dzisiaj i teraz, kiedy około 25 tysięcy z [illegible] i przed miesiącem [illegible] o [illegible] w [illegible] kiedy zawisła groźba o [illegible] mordowanych tysięcy getta.

Akt taki uważamy obecnie i zawsze, gdyby nawet było za późno, nie mówiąc już o tem, że byłby wyrazem należnej od Państwa naszego pomocy udzielonej obywatelom-Żydom zamkniętym dzielnicy.

W-wa, 15.IV.1943

Za C.K.K.Ż.M.P. w Kraju

[illegible]

Za [illegible]

[illegible]



פּלאַן פון וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעשיקט דורך דער ייד. קאַמפּס־
אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער“ זייט



WOJSKO POLSKIE
NACZELNE DOWÓDZTWO

№ 0333

Do
Przewodniczącego Związku partyzantów-Żydów
[illegible]

Witam z uznaniem fakt powstania Związku partyzantów Żydów.
Wszystkie Narody Europy ucierpiały od barbarzyńskiego hitleryzmu ale bodaj żaden z nich nie ucierpiał tyle co Naród Żydowski.
[illegible]
[illegible] i przeciwko wspólnemu wrogowi.
[illegible]
Bohaterscy obrońcy ghetta warszawskiego białostockiego i innych, partyzanci z oddziału kpt. Bila Grynszpana, których dzielność i oddanie sprawie wolności miałem sam możność stwierdzić [illegible]
[illegible] partyzanckich w lasach Parczewskich liczni Żydzi-partyzanci w polskich oddziałach Armii Ludowej, bojownicy tej miary co [illegible]
/Polak/, mjr. Tenczyn /Znachor/, mjr. Margulies /Polak/, [illegible]
[illegible] Tajtelbaum /Wanda/ Hanki Szapiro, mjr. Skotnicki
/Zemsta/ który zginął [illegible] wszystko to świadczy o tym, że Naród żydowski może być dumny ze swoich Żydów-partyzantów.
Naród polski nie zapomni o Żydach-bohaterach walki o Wolność Polski.
[illegible] Żydów w oddziałach partyzanckich Armii Ludowej [illegible]
i oddanie sprawie Polski Demokratycznej, Wolnej i Niepodległej.
[illegible]
W Odrodzonej Demokratycznej Polsce nie [illegible]
hitlerowskie [illegible] Manifest Polskiego Komitetu Wyzwolenia Narodowego [illegible] równouprawnienie wszystkim obywatelom [illegible] wyznania.
Na straży wykonania tego Manifestu stoi Odrodzone Wojsko Polskie

Rola-Żymierski

בריוו פון גען. הויפט־קאָמאַנדיר פון נייעם פּוילישן מיליטער
גענעראַל ראָלאַ־זשימיערסקי וועגן העלדישע יידישע פּאַרטיזאַנער

די אויסצייכענונגס-לעגיטימאַציעס פון:


KRAJOWA RADA NARODOWA

LEGITYMACJA

Nr 42871

Warszawa-Belweder

dnia 18.IV.1945

PREZYDIUM
KRAJOWEJ RADY NARODOWEJ
uchwałą z dnia 18.IV.1945 r.
postanowiło za zasługi położone w
walce z okupantem
hitlerowskim odznaczyć
Ob. LEWARTOWSKIEGO
Józefa
pośmiertnie
ORDEREM KRZYŻA GRUNWALDU III KL.

PREZYDENT
KRAJOWEJ RADY NARODOWEJ

יוסף לעוואַרטאָווסקי


RADA NARODOWA

LEGITYMACJA

Nr 42964

Warszawa-Belweder

dnia 18.IV.1945

PREZYDIUM
KRAJOWEJ RADY NARODOWEJ
uchwałą z dnia 18.IV.1945 r.
postanowiło za zasługi położone w
walce z okupantem
hitlerowskim odznaczyć
Ob. ANIELEWICZA
Mordchaja
pośmiertnie
ORDEREM KRZYŻA GRUNWALDU II KL.

PREZYDENT
KRAJOWEJ RADY NARODOWEJ

מרדכי אַניעלעוויטש



KRAJOWA RADA NARODOWA

LEGITYMACJA

Nr 42967

Warszawa-Belweder

dnia 18.IV.194 5 r.

PREZYDIUM
KRAJOWEJ RADY NARODOWEJ

uchwałą z dnia 18.IV. 194 5 r.
postanowiło za zasługi położone w
walce z okupantem
hitlerowskim odznaczyć
Ob. KAPŁANA
Józefa
pośmiertnie
ORDEREM KRZYŻA GRUNWALDU III KL.

PREZYDENT
KRAJOWEJ RADY NARODOWEJ

יוסף קאפלאן



RZECZPOSPOLITA POLSKA

LEGITYMACJA

Nr. 7106

WARSZAWA

dn. 29.IV. 194 7 r.

UCHWAŁĄ RADY PAŃSTWA
został(a) odznaczony(a)
Obywatel IGŁA
Zygmunt
pośmiertnie
KRZYŻEM WALCZĄCYCH

PREZYDENT
RZECZYPOSPOLITEJ POLSKIEJ

זיגמונט איגלא



אומבאַקאַנטע פּאַטאַ=אויפנאַמע פון אומשלאַג=פּלאַץ, געמאַכט דורך
אַ פּאָליאַק פון אַ הויכן פענצטער פון אַ שכנותדיקער געביידע



אַ גרופע געטאָ=קעמפער אויפן וועג צום פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד
פון דער ייד. קאַמפּס=אָרגאַניזאַציע אין די ווישקעווער וועלדער.
אינמיטן: דער יידישער פאַרבינדלער און קעמפער צעלעמענסקי.
זיין חבר טרייבט שפּאַס און „דראַט“ אים מיט אַ רעוואָלווער



דער שעפער פון
יידישן פאַרטיזאַנער=
הימן, הירש גליק



שמעון ראָזענפעלד,
אַ סאָוויעטישער ייד,
אַ קריגסגעפאַנגענער,
אַנטלויפער איינעם
אויפשטאַנד אין סאָ=
ביבאָר



דער שטיין אויפן בונקער פונעם אויפשטאַנד־שטאַב אויף מילע 18,
וווּ עס זענען אומגעקומען אַניעלעוויטש, פּאָנדאַמינסקי, ווילנער,
גרוזאַלץ, ראַטבלאַט און נאָך קרוב 100 קעמפער




די קאָלעקטיווע מצבה אויפן יידישן בית עולם אין וואַרשע
אויפן קבר פון די עקסהומירטע פּאַרטיזאַנער פונעם אָטריאַד
א. נ. פון אַניעלעוויטש



די אינדיווידועלע מצבות פון די יידישע געטאָ־קעמפער און פאַר־
טיזאַנער אויפן יידישן בית עולם אין וואַרשע

# אינדעקס פון נעמען

## אַ.


אַדאַמאָוויטש אירענאַ — 17
אַוערסוואַלד — 198
אולריך — 30
אורבאַך רודאָלף — 233
אָזשער מאַוריצי — 174 — 179, 211
אָזשעשקאָוואַ עליזאַ — 319
איגלאַ זיגמונט — 142
איוואַנסקאַ וויקטאָריאַ — 161
איוואַנסקי הענריק — 23, 57, 58, 98, 161
איוואַנסקי וואַצלאַוו — 99
אייגער אברהם — 112
אָלאַר פעליקס — 68, 161
אַלבערט יהושע — 163
אלטמאַן טאָסיע — 118, 120, 140, 282, 288
אלטער אהרן — 93
אַלעף גרשון („באָלעק“) — 17, 161
אַלעקס — 177
„אַלעקסאַנדער“, זע פאָנדראַמינסקי אפרים — 118, 195
אַנאָנים שלמה — 161
„אַנטאָני“, זע בוקסבוים נתן — 295
„אַנטעק“, זע צוקערמאַן יצחק — 161, 289, 338, 339
אַניעלעוויטש מרדכי — 17, 18, 33, 35, 36, 45, 54, 80, 88, 91, 118, 120, 121, 157, 160, 192, 196, 206, 208, 216, 218, 228, 240, 260, 262, 270, 315.
אַנקערמאַן חיים — 118.
אַפּעלבוים דוד — („יאַבלאָנסקי“, קאָוואַל, „מיעטעק“) — 24, 34, 49, 59, 100, 294.
אַרטור — 211.
„אַרטור“, זע זיגעלבוים, זילבערבוים — 183
אַרטשטיין זכריה — 32, 41, 87, 127, 145, 147, 148, 206.
אַרטשינסקי פערדינאַנד, זע מאַרעק — 325.
אָרף אָדער אָרט — 233.


## ב.


באָבאָוסקי זיגמונט — 71
באָזשיקאָווסקי טביה — 64, 111, 142, 163
באָטווין נפתלי — 8
באַיערלסאָן — 30
באַראַן, דבורה — 112, 113.
„באַרבאַראַ“, זע היזשאָוואַ — 325
באָרג בערנאַרד — 94, 108, 109, 162.
באַרטאָשעווסקי וולאַדיסלאַוו — 163
באַרטאָשעק פראַנציִשעק — 71
באַרטשינסקי שלמה — 104
בונדקע אָטטאָ — 29, 136, 295, 296.
בוקסבוים נתן („אַנטאָני“) — 295
„בור“ זע קאָמאָראָווסקי — 71, 289
בזשעזשינסקאַ זאָבע — 93
בזשעזשינסקי יוזעף — 161
בזשעזשינסקי — 215.
ביאַלאָגראָד דוד — 153
בייגעלמאַן מנחם — 118, 120
בילער — 233, 313
בינשטאָק — 34, 98
ביר יאַנינאַ — 143
בלאָך — 179
בלאָנעס יורעק — 32, 62, 111, 125

בלאַנעם לושעק — 63, 112
בלווישטיין יצחק — 32, 127, 145
בלום אַבראַשע — 174, 175, 177, 178
בלומשטיין — 194
בליט לוציאַן — 178
בליימאַן, ברידער — 26
בלימבערג — 48
בעאַטום פראַניע — 33
בעללוויד — 29
בעלעשע יאָזעף — 30
בערלאַנד מ. 26, 79, 163
בערלינג גענעראַל — 341
בערלינסקי הערש („יעליען“) — 16, 32, 33, 40, 111, 123, 142, 161, 172, 174, 176, 178, 183, 191, 192, 199, 196, 205, 280, 284, 295.
בערמאַן אברהם, אַדאָלף („באָראָווסקי“) — 21, 143, 160, 162, 174, 182, 242, 262, 269, 270, 285, 295, 325, 328, 338
בערמאַן טאָסיע — 118
בערמאַן פראַנקע — 118
בערעזאָווסקי, זע פיינער לעאָן ד"ר — 183, 211, 242, 269, 285
בערעק — 127 ,
בעשטימט פיניע, זע „פּאַוועל רודי“ — 34, 98, 134
בראַנדט קאַרל געאָרג — 22, 37, 85, 215, 233
בראַנדער חנה — 93
ברוידע בערל — 32, 42, 118
ברויער הערמאַן — 41, 245, 246
ברילאַנטענשטיין סטאַשעק — 112
בריסקין אהרן („פּאַוועל“) („מערדקעס“) — 42, 87, 123, 144, 145, 281, 291

ג.

גאַווראָש — 80
גאָטליב — זיגאַ — 195
גאָטעסמאַן — 143
גאַיעווסקי פּיאָטר, זע „סטעפאַן“ — 325 ,
גאַיק וולאַדיסלאַוו, („קזשאַטשעק“) — 102, 103, 123, 125, 284.
גאָלדמאַן — 201
גאָלדמאַן — אינזש. 128, 129, 161.
גאָלדקאָרן דאָרקע — 69, 120, 163
גאָלדשטיין מ. — 94, 105, 311
גאָנטאַרסקאַ יאַנקע — 150
גאַנצוויך אברהם — 25
גוזשיק דוד, זע כפתור — 328
גוטמאַן העניאָך — 32, 111, 113
גוטמאַן ישראל — 161
„גוסטאַוו“, זע שטענהעל — 84
גזשעגאָזש, זע פעלטשינסקי — 289
גזשענדאָ — 280
גיטלער-באַרסקי יוסף — 162
גיטלער יצחק — 76, 161
גיטערמאַן יצחק — 177, 180
גייבלער — 30
גלאָבאָצניק אָדילאָ — 30, 65, 245
גליק הירש — 157
געללער אליעזר — 32, 69, 83, 140, 164
געפנער אברהם — 20, 26
גערלאַך ג. — 245, 246
גראַבאָווסקי ז. — 288
גראָוואַס מרדכי („מערדעק“) 32, 42, 189, 295
„גראָט“, זע ראָוועצקי סטעפאַן, גענ. — 19, 20, 71, 159, 185, 289
גראַיעק שלום, („סטעפאַן“) — 103
גראָבאָוויעצקי — 334
גראָסמאַן חיהקע — 17
גרוזאַלץ לוי — 32, 42, 118, 122
גרינבוים יצחק — 326
גרינשפּאַן יורעק — 32, 63, 111, 113

ד.

דאַשעווסקי פּנחס — 8
דוראַטש יעזשי — 71, 162
דיאַמאַנט אברהם — 63, 112
דילע ליטענאַנט — 29, 99

דימיטראָוו געאָרגי — 133, 144, 181, 206, 242, 287
דעמקע אָטטאָ — 57, 231

## ה.

האַהן לודוויג — 30, 232
האָכבערג דוד — 32, 125
האלדזבאַנד — 118
האַללמאַן בערנאַרד — 224, 225, 245, 246
האַנס ד"ר — 57
האָפּמאַן וו. 245
האַקמאַן הענאָך — 93
הוזעלמאַן — 30
הונדט — 233
היזשאָוואַ, זע „באַרבאַראַ“ — 325
היטלער — 171, 172
הימלער — 27, 28, 30, 40, 82, 135, 181, 307
הירשפעלד יאַקוב — 224
העלער שמעון — 83, 90
הערמאַן — 118
הערץ פאָן — 135

## וו.

וואָיטשעכאָווסקי טשעסלאַוו — 121
וואַלד בנימין — 32, 83, 104
וואָלינסקי הענריק, וואַצלאַוו — 21, 190, 191, 289, 340
וואַלסדאָרף — 88
וואָלסקי מיעטשיסלאַוו — 314
וואַלעווסקי זע לעווי רישאַרד — 150
וואָלף פרידריך — 163
וואָנסאָוויטש־לעשטשינסקאַ אווע־געניאַ — 141
וואַסער הערש — 192, 194
וואַרטענבערג ראָלל — 233
וואַרינסקי לודוויק — 71, 256
וואַרם בער — 161
ווראָווינסקי דוד — 24, 163
וולף יוסף — 163
וולף שיע — 34
וויטאָסעק — 57, 231, 232
ווייגעל — 86
ווייטרויב אַרעק — 214
ווינשטאָק ראָמאַן — 34, 98, 105, 311
ווילנער אַריה, זע יורעק — 21, 33, 118, 120, 122, 191, 333
ווילעזשינסקאַ אווירעליאַ — 320
ווינאָגראָן יהושע — 32
ווינטער שמואל — 111
וויעליקאָווסקי גאַמזע — 89, 285
וויקטאָר — 211
ווירט אנדזשעי — 161
וועבער סטאַניסלאַוו זע „בוי־רורג“ — 289, 334
וועלק ע. — 245, 246
ווענגראָווער יהודה — 118, 120, 125, 282
ווענצקי, ביענקאָווסקי וויטאָלד— 325

## ז.

זאטאָרסקאַ זאָשע — 17
זאָלאָטאָוו יורעק — 122, 126, 303
זאַמערן־פראַנקענעג, פערדינאַנד פאָן — 28, 30, 38, 39, 42, 45, 46, 198, 230, 300
זאַנדמאַן פנינה — 125
זאַקשעווסקי, זע וואָלינסקי הענ־ריק, וואַצלאַוו — 340
זיגמונט, זע פּאַוועל פרענקעל — 212
זיידלער וולאַדיסלאַוו — 99, 162
זילבערבוים, זיגעלבוים שמואל, („אַרטור“) — 183, 241, 268, 285, 333
זילבערבערג הענריק — 32, 41, 47
זימאַק לילקע — 117
זלאָטאָגוראַ — 34
זענאָן — 211
זשאַגעל שרה — 118

## ט.

„טאַדעק“ — 95
טאוב פנחס („ווילק“) — 34
טאָמאַש, מאַקאָוויעצקי — 334
טאַרטשינסקי וולאַדיסלאַוו —124, 125
טייטעלבוים ניוטע — 17, 71, 221

טעבענס וואַלטער צ. — 28, 67, 68, 219, 221, 245, 247, 261
טענענבוים מרדכי („טאַמאַראָף") — 17, 178
טענענבוים שיע — 34
טראַיאַן, יוליאַן גראַבעלני — 325
טרונק ישיה — 163
טריפאַן ריטשאַרד — 103, 141
טשאַמפעל משה — 117, 120
טשערניאַקאָווער לייב — 93

י.

יאַוואָרסקי מיכאַל — 162
„יאַנאָווסקי" זע קאַסמאַן לעאָן — 133
יאַנטשין, זע אָזשעך מאַוריצי — 211
יאַנעק — 211
יאַנקאָווסקי, זע סאַבאַל — 222, 274
יאַקוב — 76
יורעק, זע ווילנער אַריה — 190, 197, 333, 334
יחיאל — 45, 260
יעזואיטער — 30, 237
יעלען, זע בערלינסקי הערש — 280
יצחק, זע צוקערמאַן („אַנטעק") — 192, 260, 328

כ.

כאַלאָדענקאָ — 210
כוואַצקי, זע (פשעניני וועזעף) — 72, 258
„כובראָ", זע לעווינסקי יעזשי — 289
„כירורג", זע וועבער סטאַניסלאַוו — 289, 334, 337
כמיעלניצקי, זע כרמי אהרן — 104, 163
כרושטשעל אַנטאָני, זע „מאָנטער", קאָנאַר — 72, 73, 162, 291, 334

כּ.

כּפתור, זע גוזשיק דוד — 328
כּרמי אהרן, זע כמיעלניצקי — 104, 163

ל.

לאַוואַל — 187
לאָוט העללער — 30
לאָוץ, לאַוס — 62, 249
לאַזיאַ חיים — 162
לאָלעק — 77
לאַמבערט — 105, 311
לאַמערס מיניסטער ד"ר — 52, 233
לאַנדאָ — 177
לאַנדוי אַלעקסאַנדער — 245
לאַנדוי לודוויג — 100, 105, 144, 163, 206
לאַפּאַטאַ חיים — 26, 34, 127
לובעטקין צביה — 119, 120, 121, 142, 163, 328
לייבגאַט בנימין — 206
לייקין יאַקוב — 20, 188, 203
ליכטענבוים מאַרעק — 89, 261, 285
לילית, זע פודען רעגינע — 102, 104
ליפשיץ — 34
ליפשיץ אינזש. — 220
לעגעץ וולאַדיסלאַוו — 123, 163
לעגעץ סטאַניסלאַוואַ — 123, 163
לעהמאַן יוסף — 131, 162
לעוואַרטאָווסקי יוסף — 17, 172, 179, 182, 183
לעווי ריטשאַרד, זע וואַלעווסקי — 150, 151, 162
לעוויט מאַריוש — 97
לעווינסקי יעזשי, זע „כובראָ" — 289
לעווין לייזער — 174
לעוויצקי יוזעף, לענצקי — 225, 226
לעווענטאַל שמעון — 19
לענט הערש — 17, 194
לענט שאַנן — 63, 113
לענטשיצקי פראַנציזשעק — 102, 123
לעקערט הירש — 8
לערסקי (לערנער) — 84
לערער צפורה — 113
לעשטשינסקי וו. — 245

## מ.


מאָזעלמאַן רישעק — 122, 126, 303

מאָטיוויעצקי מנשה, (נאָסטעק) — 143

מאַלאָוואַנטשיק דוד — 117, 120

מאַלעצקי יוזעף, „סענק“ — 123, 162

מאָנטע — 211

מאָנטער, זע ברושטשעל אַנטאָני — 72, 73, 162

מאַן — 188

מאַקאָוויעצקי, זע טאָמאַש — 334

מאָראַטשעוסקי — 241

מאַרגאָלים וויקטאָר — 17, 162, 206

מאָרגנשטערן — 174

מאַרמעלשטיין — 210

מאַרישע — 51, 160, 228, 243

מאַרעק, אָרטשינסקי פערדינאַנד — 325

מאַרק בער — 6, 160, 164, 288

מאַרקאָני לעאָנאַרדאָ — 135

מאַרקוס, מאיאָר — 311

מאָשקאָוויטש אינזש. — 150

מאָשקאָוויטש דניאל — 178

מייעראָוויטש מאיר — 32

מיללע וועל מילער — 311

מיכאַל — 211

מיכאלסען געאָרג — 31

מיכאַלעק — 80—82

מיכנאָ אנדזשעי — 59

מיקאָליי, זע ד"ר פיינער לעאָן — 190, 191, 197, 325, 332, 334

מירסקי בראָניסלאַוו — 162

מלינאַרסקי יוזעף, („קרעט“) — 259

מלך, זע עסדעק, פיינקינד — 175

מעלאָן שמעון — 34, 127, 138, 150

מענדעלסאָן קלמן — 73, 98, 99, 162

„מערדעקס“, זע בריסקין אהרן — 182

מערעטיק שמואל — 17, 195

„משה באָלשעוויק“ — 34, 128, 150


## נ.


נאָוואָדוואָרסקי דוד — 32, 75, 83

נאָוואָטקאָ מאַרצעלי — 178, 181, 182, 206

נאָסיג אַלפרעד ד"ר — 20, 215

ניבערג אריה („לעאָן“) — 132, 150, 151, 161

נײשטאַט מ. — 161

„ניל“, זע פילדאָרף — 289

ניעמיעצקאַ רעניע — 63

ניעפאָקולטשיצקי פולק. — 187

נעבעל באָבי — 215

נעראָן קייסער — 78


## ס.


סאָבאָל, זע יאַנקאָווסקי — 222, 274

סאַגאַן שכנאָ — 17, 172, 177, 169, 180

סאַמסאָנאָוויטש יצחק — 83, 141, 262

סוקעניק יצחק, זע „קאָזע“ — 109, 117, 206

סטאַניעוויטש לייזער — 34, 99

סטיפען וויז — 201

סטעפאַן, זע גאַיעווסקי פיאָטר — 325

סטעפאן, זע גראיעק שלום — 103

סטראָאָפ יורגען — 28, 30, 40, 45—50, 52, 54, 57, 60, 61, 62, 55, 67, 69, 74, 79, 80, 82, 83, 86, 87, 90, 98, 99, 110, 113—115, 119, 121, 129—132, 135, 137, 159, 160, 230, 234, 237, 245, 255, 295, 300

סטריעווסקי פעליקס — 288

סטריקאָווסקי מיכאַל — 24

„סענק“, מאַלעצקי יוזעף — 123, 162

סרול=איסר — 117


## ע.


עדעלמאַן מאַרעק — 18, 32, 33, 61, 109, 111, 125, 142, 196, 250

עדערער — 29, 149, 296
עלסטער פּאָלע — 142, 183, 191
„עסדעק“, זע פֿיינקינד מלך — 174
ערליך — 142

## פּ.

פּאָדקאַנסקי יוזעף — 254
פּאַוועל, זע פֿרענקעל פּאַוועל — 211
פּאַוועל רודי, זע בעשטימט פּי-ניע — 22, 98—100, 127, 134
פּאָלישוק ד"ר — 133, 134
פּאָלע, זע עלסטער פּאָלע — 192
פּאַסמאַניק רבקה — 118
פּאַפּיער זישע — 119
פּאָקראָפּעק סטעפאַן — 141
פּוטערמילך יעקב — 81, 82, 162
פּוטערמילך מאַטיע — 162
פּיקאַ יאָסל (יאַנעק) — 22, 34, 98, 100, 126, 148
פּרילעצקים — 30
פּלאָטניצקאַ חנה — 17, 81, 82
פּלאָטניצקאַ פּרומע — 17
פּליעק — 29
פּעטראָקאָווסקי אַנדזשעי („טאַרנאַ-וואַ“) — 23
פּעלטעל-מיענדזיזשעצקאַ פייגע — 17, 164
פּעלטשינסקי, זע „גזשעגאָזש“ — 289
פּערלבער יהושע — 162
פּערלמאַן — 118
פּראַשקער יעקב — 32
פּשעבני יוזעף, זע „בוואַצקי“ — 72, 258

## פֿ.

פֿאָנדאַמינסקאַ ליבע, אַלאַ — 118, 120
פֿאָנדאַמינסקי אפרים („אַלעקסאַנ-דער“) — 118, 120, 122, 195
פֿאַרבער יוסף — 32, 127
פֿודען רעגינע (לילית) — 102, 103, 104
פֿייגענבלאַט יעקב („יאַצעק“) — 32, 77, 142
פֿיינגאָלד שבנאַ — 108
פֿיינער לעאָן ד"ר — 21, 143, 144, 325
פֿיינקינד מלך, זע „עסדעק“ — 174, 194
פֿייפער — 86
פֿילדאָרף, זע „ניל“ — 289
פֿינדער פּאַוועל — 144, 206, 207, 242, 287
פֿינקעלשטיין — 179, 180
פֿירער מירע — 118, 120
פֿירסט ישראל — 20
פֿישגרונד סאַלאָ — 143
פֿישער לודוויג ד"ר — 31, 232, 286, 287
פֿלאַמענבוים משה — 150
פֿליישמאַן — 44
פֿעדערבוש חיים — 34, 98, 99
פֿעליקס — 211
פֿעלס — 44
פֿעקער רבקה — 69
פֿראַנק גענ. גוב. — 50, 51, 146, 233
פֿרידמאַן זישע — 177
פֿרידמאַן פּ. — 161
פֿרידריך זלמן — 122
פֿרומער חיים — 64, 117, 120, 121, 124, 164
פֿרענקעל פּאַוועל — 24, 27, 34, 49, 59, 139, 186, 211, 212

## צ.

צביה, זע לובעטקין — 328
צוקער נעכע — 118
צוקערמאַן יצחק, זע „אנטעק“ — 17, 18, 21, 33, 54, 122, 142, 143, 161, 174, 178, 192, 196, 206, 260
ציזעניס אָסקאַר — 29, 60
צעבוליאַזש טאָסיע — 93
צעלמייסטער יוסף — 162
צעלעמענסקי — 142

## ק.

קאָה ד"ר — 233
קאָהן אַדאָלף ד"ר — 309

קאָוואַלסקי מאַריאַן — 37
קאַווע הערש — 32, 75, 83, 93, 102
קאַוועןאַקי גוטע — 142
„קאָזע“, זע סוקעניק יצחק — 109
„קאַזשיק“, זע ראָטהייזער שמחה — 121
קאַלאַצקי, מאַלאַצקי, „מלאכי“ זע אַניעלעוויטש — 218
קאָלישקאָ סטעפאַן, „קאָלעיאזש“ — 122
„קאַלינאַ“, זע „גראָט“ גען. ראַוועצקי סטעפאַן — 159, 185, 186, 189, 200, 222, 223, 299, 300
קאַלעצקי קאַרל — 230, 233
קאָמאָראָווסקי טאַדעוש, זע „בור“ — 71, 289
קאַמינסקי אַלעקסאַנדער פּראָפּ. — 333
קאַמינסקי העניק — 21
קאַן מאַריאַ — 161
קאַנאַל ישראל — 13, 33, 120, 121
„קאָנאַר“, זע ברושטשעל אַנטאָני, „מאַנטער“ — 289, 334
קאָנסקי יצחק — 19
קאָנראַד פראַנץ — 30, 159
קאַסמאַן לעאָן, זע יאַנאָווסקי — 133
„קאַפּיטאַן לעוויצקי“ — 25
קאַפּלאַן יוסף — 17, 178, 183
קאַץ שמעון — 60
קאַצענעלסאָן יצחק — 21, 166
קאַרזאַווסקי פּאָן — 312
קאַרטין פּיניע, זע „שמידט אַנדזשעי“ — 17, 239
קאָרן לאה — 102
קאָרנגאָלד שמחה — 52, 95, 162
קאָשניץ אויגעניוש — 254
קודאַשעוויטש יוליאַן — 245, 246
קויפמאַן משה — 128
קויפמאַן שמעון — 34
קירשענבוים — 177, 169
קלאָנסקי — 150
קלאַסען — 30
קליינהויס העניק — 80, 82
קליינמאַן שרה — 93
קלין דוד — 162
קלעפּפּיש מיכאַל — 63, 250, 260, 285
קנוט דוד — 160
קעטלינג צעזאַרי — 24, 162, 187
קערמיש י. — 161
קריגער פרידריך־ווילהעלם — 27, 31, 40, 82, 114, 146, 230
„קריוואָנאָס“ — 22, 134
„קרעט“, זע מלינאַרסקי זביגניעוו — 259
„קשאַטשעק“, זע „קשאַק“, גאַיק וולאַדיסלאַוו — 102, 123, 184

## ר.

ראָבאַק — 126
ראָדאַל אברהם — 34
ראָדאַל לייב — 34, 49, 58
ראַוועצקי סטעפאַן גען., זע „גראָט“, „קאַלינאַ“ — 19, 20, 71, 159, 185, 186, 200, 223, 297
ראָזאָווסקי וואָלף — 32, 141
ראָזענבוים שרה — 131
ראָזענפעלד אַדעק — 93
ראָזענפעלד רוזשע — 94, 115
ראָטבלאַט לייב (לוטעק) — 32, 41, 87, 118, 120, 122
ראָטהייזער שמחה, זע „קאַזשיק“ — 121, 122
ראָטענבערג גוטע — 162
ראָכמאַן — 48
ראָכמאַן האַלינקע — 94
ראָלקמאַן — 30
ראָמאַנאָוויטש — 62, 125
ראָסום גען. — 31, 232
ראַקאָווער יאַנקל — 72, 73
רודניצקי לעוו — 77, 93
רוזשיצקי, רעק טאַדעוש — 325
רוטקאָווסקי אליהו — 27
רויזענפעלד מיכאַל („מעכל“) — 18, 33, 118, 120, 195, 196, 282
רון דוד — 164
ריבאַ — 93

רינגעלבלום עמנואל — 35, 100, 101, 106, 121, 177, 179, 314
רישאַרד — 211
רעריך קורט — 245, 246

## ש.

שאַבערט — 292
שוואַרץ מאיר — 140
שוואַרצבאַרד יצחק ד״ר — 241, 268, 285
שוואַרצבאַרד שלום — 8
שוואַרצפּוס אָדם („בואַלי יאַ-ניעק — 32, 295
שוויענטאָכאָווסקי וולאַדיסלאַוו — 116
שולמאַן ברוך — 8
שולמאַן דוד — 24, 34
שולץ — 26, 28, 66, 68, 74, 219, 224, 244, 246, 261
שולץ קאַרל-געאָרג — 244, 246
שולץ נתן — 34
שוסטער שלאַמעק — 63, 125
שושנה, (רוזשע מאַסטבוים) — 63
שטאַלצמאַן אַלפרעד — 89, 285
שטיינהעל הענריק („גוסטאַוו“) — 84
שטערלינג העלענע — 93
שטערנהאַגעל — 29, 236
שטראַבל — 29
שיין אַדאַש — 215
שיינגוט טוביה — 80, 103, 122, 142
שילינג אָסקאַר — 245, 246
שינמעל שמעון — 93
שיפּער יצחק ד״ר — 177, 179
שיקאָרסקי גען. — 107, 180, 181, 185, 186
שיקאָרסקי ראָמאַן — 162
שלאַקמאַן שלמה — 122
שלעדזשעווסקי וואַצלאַוו — 121
שלענגעל וולאַדיסלאַוו — 21, 24, 226
שמוטקע רבקה — 69
שמידט אַנדזשעי, זע קאַרטין פּיניע — 239
שמערלינג — 261
שניידמיל בערעק — 63
שנעבעל גען. — 28
שנערצער קאַרל — 29
שעוויסקי פּאַלע — 162
שענע וו. פאָן — 245, 246
שעפּע — 29
שערינסקי יוזעף (שענקמאַן) — 13
שערעשעווסקי סטאַניסלאַוו — 89, 285
שערשען לייזער — 128
שפּאַנצער שיע — 118

## ת.

תמר — 42, 47

# אינדעקס פון ערטער


## א.

אָטוואָצק — 57, 59
אַלקאַזאַר — 319
ארץ ישראל — 178, 326
אָשוויענטשים — 172, 242, 266, 295, 300

## ב.

באָברויסק — 202
באַראַנאָוויטש — 172
בוענאָס=איירעס — 163
ביאַליסטאָק — 17, 157, 178, 199, 213, 324, 327
בעלזשעץ — 51, 242, 263
בענדין — 81, 157, 327
בערגען=בעלזען — 327, 328
בערלין — 51, 135, 161, 274
בערלין מזרח — 163
בערלין מערב — 163
בריסק — 199

## ד.

דייטשלאַנד — 327

## ה.

האָלאַנד — 172
האַנאָווער — 328

## וו.

וואַשינגטאָן — 288, 291
וויטעל — 327
ווילנע — 16
וויִשקאָוו — 157
וועסטערפלאַטע — 319

## ז.

זאַמאָשטש — 266

## ט.

טאַרנאָוו — 328
טראַווניק — 28, 45, 51, 118, 220, 221, 234, 254, 315, 329, 330, 337
טרעבלינקע — 13, 15, 118, 128, 157, 198, 199, 200, 204, 242, 243, 263, 327, 329, 330
טשענסטאָכאָוו — 157, 337, 339, 340

## י.

יאַראָסלאַוו — 265, 266
יוגאָסלאַוויע — 171
יוזעפאָוו — 58
ירושלים — 161, 163
ישראל — 160

## כ.

כעלמנאָ — 172
כרוביעשוב — 266

## ל.

לאָדזש — 163, 331
לאָמזשאַנקע — 103, 124

לאָנדאָן — 19, 40, 71, 159, 184, 186, 189, 200, 222, 241, 260, 268, 270, 274, 287, 288, 298, 332
לובלין — 30, 65, 143, 127, 180, 199, 213, 214, 231, 245, 265, 299, 330.
לוואָוו—לעמבערג — 172, 213, 324

מ.

מאַידאַנעק — 51, 228, 242, 263, 303
מאָסקווע — 17, 133, 144, 239, 263, 274
מיכאַלין — 58
מינסק — 199
מינסק־מאַזאָוויעצק — 213
מרחביה — 164

נ.

נאָרוועגיע — 172
ניו־יאָרק — 164, 201

ס.

סאָביבאָר — 157, 242, 236, 327, 329, 330
סאַראַגאָסע — 319
סטאַלינגראַד — 319
סטאַניסלאַוו — 300
סלאָנים — 172

ע.

עין חרוד — 163
ענגלאַנד — גרויס בריטאַניע — 207, 324, 338

פּ.

פּאַלעסטינע — 338
פּאָמערן — 28, 74, 118, 213, 219, 220, 221, 329, 330, 337
פּאַריז — 160
פּויזן — 172
פּוילן — 159, 160
פּינסק — 202

פֿ.

פֿאַראייניקטע שטאַטן — 207
פֿראַנקרייך — 30, 157, 172, 222, 327

צ.

צויזמיר — 213

ק.

קאָוונע — 17
קאַטין — 287
קאָניעצפּאָל — 337
קראָקע — 27, 31, 46, 146, 284, 234, 300
קרינעק — 213

ר.

ראַטנפֿאַרבאַנד — 30, 161, 180, 207, 324
רווישע — 265, 266

ש.

שאַוול — 17
שטאָקהאָלם — 328

ת.

תל־אביב — 161, 163, 164, 262, 270

# אינהאַלט

הקדמה . . . . . . . . . . . 5

ערשטער טייל.

דער אויפשטאַנד און וואַרשעווער געטאָ 11

קאַפּיטל איינס — ערב דעם אויפשטאַנד . . . 13

קאַפּיטל צוויי — דער אויסברוך פונעם אויפשטאַנד דעם 19 אַפּריל 1943 . . . . 36

קאַפּיטל דריי — דער צווייטער טאָג פונעם אויפשטאַנד דער 20־טער אַפּריל 1943 . . . 53

קאַפּיטל פיר — די קאַמפן צווישן ברענענדיקע ווענט פון 21־טן ביזן 26־טן אַפּריל . . 74

קאַפּיטל פינף — די גרויסע שלאַכטן פון 27־טן אַפּריל און דער ערשטער „עקזאָדוס“ פון ברע־נענדיקן געטאָ (30־טער מאַי) . . 92

קאַפּיטל זעקס — די טעג פון איבערברוך פון 1־טן ביזן 10 מאַי . . . . . . . 108

קאַפּיטל זיבן — די קאַמפן צווישן די געטאָ־חורבות פון 10־טן מאַי ביז מיטן יולי 1943 127

נאָכוואָרט . . . . . . . . . . . . 155

קוואַלן . . . . . . . . . . . . 159

ליטעראַטור . . . . . . . . . . . . 163

צווייטער טייל.

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן . . . 165

דריטער טייל.

פאַטאָגראַפיעס און פאַטאָקאָפּיעס פון דאָקומענטן . . . . . . 343

אינדעקס פון נעמען און ערטער . . . . . . 377